STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00908

YIDN IN YOHANESBURG

Leybl Feldman

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. & Mrs. Saul B. Klaman
in memory of
Burton Halpern

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייבל פעלדמאַן

יידן אין יאָהאַנעסבורג

(ביז יוניאָן — 31־טן מיי, 1910)

ארויסגעגעבן דורך דער

דרום־אַפריקאַנער יידישער קולטור־פעדעראַציע.

פון זעלבן מחבר:

יידן אין דאָרעם־אַפריקע, ווילנע 1937.

אוידטסהאָרן — „ירושלים ד׳אַפריקע״, יאָהאַנעסבורג 1941.

THE JEWS OF JOHANNESBURG

BY LEIBL FELDMAN

PUBLISHED BY THE SOUTH AFRICAN
YIDDISH CULTURAL FEDERATION

JOHANNESBURG, S. AFRICA

1956.

ארײַנפֿיר־באַמערקונג

„ייִדן אין יאָהאַנעסבורג״ איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ לענגערער אַרבעט צו געבן אַ היסטאָריש בילד פֿון די ייִדישע פּיאָנערן אין יאָהאַנעסבורג — פֿון זייער עקאָנאָמיש, סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן.

טראָץ דעם, וואָס דער ייִדישער ישוב דאָ איז נאָך יונג — די שטאָט פּייערט אין 1956 איר 70־יאָריקן געבוירנטאָג — פֿעלן אַ סך מאַטעריאַלן פֿאַר היסטאָרישער פֿאָרשונג.

צוליב די מאָגערע מאַטעריאַלן פֿאַר היסטאָרישער פֿאָרשונג פֿון דעם לעבן פֿון יונגן ייִדישן יאָהאַנעסבורגער ישוב, ווערט דאָ צוגעגעבן דער 10־טער טייל, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אַ שפּעטער־דיקן פּעריאָד, ווי די צייט, וואָס ווערט אין בוך באַהאַנדלט.

דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער כּוונה צו באַלייכטן בעסער דאָס ייִדישע לעבן אין יאָהאַנעסבורג ביז 1910.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט מערער אויף די מזרח־אייראָפּע־אישע ייִדן, ווייל דאָס רוב פֿון זיי און זייערע קינדער זיינען די הויפּט־פּאָטענציעלע פֿאָרזעצערס פֿון ייִדישן לעבן אין דרום־אַפֿריקע, ווי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע.

עס זיינען דאָ פֿאַראַן געוויסע איבערחזרונגען. דאָס איז געווען ניט צו פֿאַרמיידן צוליב דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענשטעל פֿון בוך.

מיין אַנערקענונג און דאַנק:

מיין פֿריינד יודל שרירא, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זייער אַ סך צייט צו קאָרעגירן דעם מאַנוסקריפּט; מיין פֿריינד, דעם היסטאָריקער, ש. א. ראָכלין, פֿאַר ווערטפֿולע מאַטעריאַלן און פֿריינדלעכע עצות; מיין פֿריינד י. ש. יודעלאָוויץ, פֿאַר היסטאָרישע מאַטעריאַלן; דער סאָציאָלאָגישער און היסטאָרישער געזעלשאַפֿט ביים „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס״ פֿאַר מאַטעריאַלן; מיין ברודער רחמיאל און מיין פֿריינד מ. שור פֿארן איבערקוקן דעם מאַנוסקריפּט און פֿאַר ווערטפֿולע רעקאָמענדאַציעס.

לייבל פֿעלדמאַן.

דעצעמבער, 1955.

* * *

געשיכטלעכע פֿאָרשונג איז אַ קאָמפּליצירטער און לאַנגזאַמער פּראָצעס. אַ פּערזאָן, וואָס גיט זיך אָפּ דערמיט, דאַרף באַזיצן געדולד, אויסדויער, איניציאַטיוו, כּוח הדמיון און באַזונדערס — אַ גרויסע פֿאַראינטערעסירטקייט.

די וויכטיקייט צו קאָנען דעם עבר, כּדי צו פֿאַרשטיין דעם היינט און פֿאָרויסזען די אַנטוויקלונג פֿון דעם מאָרגן — איז אין לשער. דעריבער איז יעדער געשיכטלעכער איבערבליק, וואָס איז אָביעקטיוו, וואָס וויל ניט צופּאַסן די פֿאַקטן צו דער אָדער יענער טעאָריע, נאָר שטרעבט אויסצוגעפֿינען די גרונטיקע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען געשעענישן און פֿאַרפֿעסטיקט געוויסע פֿאָרמען פֿון לעבן — א גרויסער צושטייער אויפֿן געביט פֿון זעלבסטקענטעניש, וואָס איז אַ תּנאַי פֿאַרן ווייטערדיקן קיום און אַנטוויקלונג.

זייער שווער איז צו פֿאָרשן די געשיכטע פֿון אַזאַ ישוב, ווי אונדזערער, וואָס האָט נאָך ניט קיין פֿעסטע טראַדיציעס. דרום־אַפֿריקע איז נאָך גאָר ניט לאַנג געווען פֿאַר די קאָמפּאַקטע יידישע קיבוצים פֿון אייראָפּע אַ לאַנד עפּעס „הינטער די הרי חושך“, „אויף יענער זייט סמבטיון“. אימיגרירט אַהער האָבן אָפּט מענטשן מיט גרויסער פּערזענלעכער געוואַגטקייט און מוט, אָבער אָן אַ ברייטערן געזעלשאַפֿטלעכן אויסקוק. געקומען קיין דרום־אַפֿריקע זיינען דאָס רוב יידן, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן דורך אָרעמקייט און נויט — פֿאַר זיי איז עס געווען „לית ברירה“. געקומען זיינען זיי ניט מיטן באַשלוס זיך איינצוואָרצלען אינעם נייעם לאַנד, נאָר פֿאַרקערט — זיי האָבן געקוקט אויף דרום־אַפֿריקע, ווי אויף אַ צייטווייליקן פּלאַץ, וואָס זיי ווילן פֿאַרלאָזן, ווי נאָר זייער עקאָנאָמישע לאַגע וועט זיך פֿאַרבעסערן, כּדי זיך אומצוקערן צו די אַלטע ישובים זייערע. און אַז „מען לעבט מיטן קורצן היינט“, אַז מען פֿילט — מען איז דאָ בלויז צייטווייליק, פֿעלט נאַטירלעך דער חוש און די פֿאַרשטענדעניש אויפֿצוהיטן און צו פֿאַרפֿיקסירן אַלץ, וואָס די מענטשלעכע טאָט און דער מענטשלעכער געדאַנק האָבן ארויסגעבראַכט. דעריבער פֿעלט נאָך עד היום אין דער יידישער דרום־אַפֿריקע אַ צענטראַלער אַרכיוו, וואָס זאָל האָבן אויפֿגעזאַמלט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אונדזער קיבוץ. עס גייען פֿאַרלאָרן אַלטע היגע צייטשריפֿטן, דאָקומענטן, פּנקסים. מיט איין וואָרט — דער „רוי־מאַטעריאַל“, פֿון וואָס עס קען אויפֿגעבויט ווערן אונדזער געשיכטע, ווערט אַלץ אָרעמער, און מען דאַרף אים זוכן איבערן גאַנצן לאַנד.

אַ דערפֿרייענדיקע דערשיינונג איז דער פֿאַקט, וואָס די לעצטע יאָרן ווערט אַלץ בולטער דער אינטערעס צו געשיכטלעכער פֿאָרשונג. די היסטאָריש־סאָציאָלאָגישע געזעלשאַפֿט פֿירט דורך אַ זאַמל־אַרבעט און גיט ארויס אַ וויכטיק היסטאָריש בוך. יחידים, ווי ש. א. ר אָ כ ל י ן א״א, נישטערן און זוכן און פֿאַרעפֿנטלעכן באַדייטנדיקע היסטאָרישע אַרטיקלען. דער ד״א יידישער ישוב, וואָס עקסיסטירט שוין איבער 100 יאָר, האָט נאָך ניט זוכה געווען צו האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט זיין פֿולשטענדיקע געשיכטע, אָבער די וויכטיקע פּרוון, וואָס

עס ווערן געמאַכט לעצטנס, זיינען אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז עס איז אפשר שוין ניט ווייט די צייט, ווען אַזאַ פּראָיעקט וועט פאַרווירקלעכט ווערן.

מאָנאָגראַפּיעס וועגן באַזונדערע שטעט זיינען אַ וויכטיקער טייל פון היס־טאָריאָגראַפּיע. דער מחבר פון דעם בוך האָט מיט אַ יאָר 15 צוריק ארויסגע־געבן אַ בוך אוידטסהאָרן — „ירושלים ד׳אַפריקע״. דאָס איצטיקע בוך, וואָס גיט אונדז מאַטעריאַלן וועגן יידן אין יאָהאַנעסבורג איז באַזונדערס וויכטיק, ווייל יאָהאַנעסבורג איז בהדרגה געוואָרן דער צענטער פון דרום־אַפריקאַנער יידישן קיבוץ, ווי בכלל די וויכטיקסטע שטאָט פון אונדזער לאַנד.

דער מחבר איז דורכגעדרונגען מיט דעם באַוווסטזיין, אַז דאָס יידישע לעבן איז קיינמאָל ניט געווען איזאָלירט, נאָר תמיד געווען פאַרבונדן דורך פעסטע בענדער מיטן לעבן פון די לענדער און פעלקער, ווו די יידן האָבן זיך געפונען. די יידן זיינען באַווירקט געוואָרן דורכן ארומיקן לעבן און האָבן אין אַ קלענע־רער אָדער גרעסערער מאָס משפיע געווען אויף זייערע שכנים. דעריבער שילדערט ער אין בוך די אַלגעמיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג. ער גיט אונדז מאַטעריאַלן וועגן דער ראָל, וואָס די יידן האָבן געשפּילט אויף פאַרשיידענע געביטן. מיר געפינען דאָ אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן ווו̇קס פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועגן דער דיפערענציאַציע פון די פאַרשיי־דענע טיילן, וועגן זייערע גייסטיקע שטרעבונגען, אינסטיטוציעס, אויסגאַבעס און ביכער, וועגן די בייטראָגן פון די מערבדיקע און מזרחדיקע יידן א.א.וו. ווען מען פאַרענדיקט לייענען דאָס בוך, באַקומט מען אַ גענויע פאַרשטעלונג און אַ בולט בילד, ווי עס האָט זיך אַנטוויקלט און איינגעשטעלט דאָס יידישע לעבן אין יאָהאַנעסבורג ביז 1910 און טיילווייז אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

די דרום־אַפריקאַנער יידישע קולטור־פעדעראַציע איז זיכער, אַז דאָס בוך „יידן אין יאָהאַנעסבורג״ איז אינטערעסאַנט און וויכטיק הן פאַרן לייענער והן פאַר דעם היסטאָריקער.

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

יאָהאַנעסבורג

די טראַנסוואַלער רעפּובליק. — קלאַנגען וועגן רייכטימער. — וויטוואַטערסראַנד. — ראַנדיעס־לאַכטע. — אויסלאַנד אינוועסטירט אין גאָלד. — יאָהאַנעסבורג. פּאַעמע משה קריין. — די שטאָט פון גאָלד. — אַ הפקר־לעבן. — פּרעזידענט פּאָול קרוגער. — קאָנפליקטן. — דאָס פּראָבלעם ארויס־צוקריגן דאָס גאָלד. — דזשיימעסאָנס איבערפאַל. — כינעזישע מינען־אַרבעטער. — עס בויט זיך אַ מעטראָפּאָליע. — די שטאָט־פאַרוואַלטונג. — די בערזע. — די שטאָט וואַקסט. — אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג. — יאָהאַנעסבורג — דער צענטער פון דרום־אַפריקע.

די טראַנסוואַלער רעפּובליק

די געשיכטע פון דעם גרעסטן צענטער פון גאָלד־פּראָדוקציע אין דער וועלט איז אויך די געשיכטע פון יאָהאַנעסבורג.

אין יאָר 1852 האָט מען אין דער דרום־אַפריקאַנער רעפּובליק געפונען אַרץ־אָדערן פון בליי, קופּער און זילבער.

אָט די געהיימנישפולע אַנטפּלעקונג פון ווערטפולע און קאָסטבאַרע מעטאַלן אין פּוסטע אומעטיקע שטחים פון טראַנסוואַל האָט אויפגעטרייסלט די לעטאַרגישע דרום־אַפריקע.

די רעפּובליק איז נאָך געווען קליינשטעטלדיק, פּרימיטיוו און גוואַלדיק אָרעם, אַזוי פאַראָרעמט, אַז אין דעם זעלבן יאָר האָט די רעגירונג ניט געקענט באַצאָלן אַ חוב פון £5, און האָט געדעקט דעם חוב מיט אַ פאַרם פון 6000 אַקער ערד. אַ געוויסע צייט פלעגט מען בכלל ניט וועלן נעמען דאָס פּאַפּיר־געלט פון דער רעגירונג. די מלוכה האָט דעמאָלט געווענדט זיך צום פּאָלק בזה הלשון: „דער פאָלק־ראַאד (פּאַרלאַמענט) געפינט איין פאַר יושרדיק צו אַפּעלירן צום פאָלק, אַז יעדער איינער זאָל האָבן אין זינען צו געבן הילף, זיך צו באַשטייערן אין די נוצן פון אונדזער מלוכה און פאַר איר עקסיסטענץ".

יעדער בירגער פון דער רעפּובליק פון 20 יאָר און עלטער האָט געדאַרפט

צאָלן אַ רעגירונג־אָפּצאָל פון $4\frac{1}{2}$ שילינג אַ יאָר. אָבער אַ סך האָבן אפילו דאָס אויך ניט געצאָלט. זיי האָבן דאָס ניט באַטראַכט פאַר אַ מוז־זאַך. חוץ דעם האָבן די ריזיקע שטחים ערד, וואָס טיילן אָפּ איין פאַרמער פון צווייטן, ניט דערמיגלעכט איינצומאָנען די שטייערן.

דער מסחר איז געווען אין דער פאָרעם פון בייטן סחורות („באַרטער"). די הכנסה איז דאַן געווען פון העלפאַנט־ביין, פעלן פון נאָז־האָרנס, היפּאָפּאָטאַמען און פון אנדערע חיות. מען פלעגט בייטן וואָל, פעלן, בהמות און שעפּסן אויף אַנדערע סחורות, וואָס מען פלעגט ברענגען פון ווייטע מקומות — פון דער קאַפּ־פּראָווינץ, אָדער פון נאַטאַל. די רעגירונג האָט פון אָט דעם האַנדל כמעט ווי גאָרניט געהאַט.

אין 1866 האָט די דרום־אַפריקאַנער רעפּובליק ארויסגעגעבן פּאַפּיר־געלט פון 2/6, -/5 און -/20 אויף דער סומע פון צוועלף טויזנט פונט, כדי צו באַצאָלן פאַר דעם ביז איצט ארויסגעגעבענעם פּאַפּיר־געלט. דאָס דאָזיקע פּאַפּיר־געלט איז געווען גילטיק אויף צען יאָר; און די רעגירונג האָט גאַראַנטירט פאַר דעם ווערט מיט 245 פאַרמס. אפילו אין 1877 האָט דער פּרעזידענט בורגהער געזאָגט: „מען בעט מיך אונטערחתמענען אַ וועקסל אויף עלף הונדערט פונט. אָבער איך וועל זיך בעסער לאָזן אָפּהאַקן מיין רעכטע האַנט, איידער אונטערצושרייבן אים, ווייל כ׳האָב ניט די קלענסטע האָפענונג, אז בעת מען וועט דאַרפן צאָלן דעם וועקסל, וועט זיין אַ פּרוטה אין דער רעגירונג־קאַסע"[1].

דעריבער איז די דערפינדונג פון אַרץ־אָדערן באַגריסט געוואָרן פון דער רעגירונג, ווי אַ גליק, ווייל דאָס וועט אָן צווייפל אריינברענגען געלט אין דער פוסטער מלוכה־קאַסע.

מען קען גענוי ניט וויסן, ווי גרויס איז דאַן געווען די באַפעלקערונג פון דער דרום־אַפריקאַנער רעפּובליק, אָדער, ווי מען האָט עס גערופן, די טראַנסוואַלער רעפּובליק. ביזן יאָר 1904, ווען די דרום־אַפריקאַנער רעפּובליק איז שוין געווען איינגעשלונגען דורך ענגלאַנד, איז איבערהויפּט קיין פאָלקסציילונג ניט געווען.

אין דעם יאָרבוך, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורך פרעד דזשעפּי "Transvaal Almanac and Directory" ווערט אָנגעגעבן, אז אין יאָר 1877 איז די ווייסע באַפעלקערונג פון טראַנסוואַל געווען אומגעפער 25—30 טויזנט, און די ניט־ווייסע 250—300טויזנט.

אין 1881 האָט די בורישע דאַטש־רעפאָרמירטע קירך דורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע פון אירע קירך־באַזוכערס. די צאָל, וואָס זיי גיבן אָן, איז 37,386 פערזאָנען. אין דער צאָל ווערן אריינגערעכנט 3000 ענגלענדער, וועלכע האָבן אויך באַזוכט די דאַטש־רעפאָרמירטע קירך. אָט די דאָזיקע גלחים־גרופּע האָט אויך אָנגעגעבן, אז עס זיינען דאַן געווען 154,986 דערוואַקסענע אַפריקער[2].

---

[1]) J. P. Fitzpatrick "Transvaal From Within" (Page 16).

[2]) מיט „אַפריקער" ווערן באַצייכנט אַלע באַנטו־שבטים — אין געוויינלעכער אומגאַנג־שפּראַך באַקאַנט אונטערן נאָמען שוואַרצע.

אין 1893 האָט די רעגירונג ארויסגעגעבן אַ שטאַט־אַלמאַנאַך וועגן דער גרויס פון דער באַפעלקערונג אין 1891. עס ווערן אָנגעגעבן די פאָלגנדיקע ציפערן: 119,128 אייראָפּעער (מענער — 66,498, פרויען 52,630) און 649,560 אַפריקער (מענער — 139,295, פרויען — 175,610 און קינדער — 334,655).

די דעמאָלטיקע הויפּט־שטאָט פון דער ד.א. רעפּובליק — פּאָטשעפסטראָם — איז געווען, אין 1859 נאָר אַ היפּשער דאָרף מיט ווייניק הייזער; און פּרע־טאָריע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דעם 16־טן נאָוועמבער 1855, האָט דאַן געהאַט נאָר 7 הייזער. אפילו אין יאָר 1866 האָט פּאָטשעפסטראָם געהאַט 275 הייזער מיט אַ באַפעלקערונג פון 1200 אייראָפּעאישע איינוווינערס, און פּרעטאָ־ריע האָט דאַן געהאַט 80 הייזער מיט 300 אייראָפּעער.



אַ גאַס אין פּאָטשעפסטראָם — די דאַמאָלסדיקע הויפּט־שטאָט פון דער בורישער רעפּובליק.

די טראַנסוואַלער רעפּובליק[3] איז אין יענע יאָרן געווען כמעט ווי איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט. די רעגירונג האָט זיך געפונען טיף אין לאַנד און ניט געהאַט קיין אייזנבאַן־פאַרבינדונג מיט דער קאַפּ־פּראָווינץ, אָדער מיט נאַטאַל, און אויך ניט מיטן פּאָרטוגעזישן פּאָרט פון דעלגאָאַ־ביי (לאָרענסאָ מאַרקס), וואָס איז עד היום דער נאָענטסטער פּאָרט צו טראַנסוואַל.

אַ גוואַלדיק גרויסן שטח ערד האָט פאַרנומען די קליין־באַפעלקערטע רע־פּובליק. די פאַרמס זיינען געווען גרויסע און גאָר ווייניק באַאַרבעט. די פאַר־מערס פלעגן זיך באַשעפטיקן, הויפּטזאַכלעך, מיט פלאַנצן מיליס (מאַיס), אויפהיטן זייערע בהמות און שאָף. פון צייט צו צייט פלעגן די פאַרמערס ארויסרייטן אויף זייערע פערד מיט געלאַדענע ביקסן אויף די פלייצעס צו זען, אויב עס געפינען זיך ניט אויף זייערע נחלות פרעמדע אַפריקער.

---

[3]) אויך באַקאַנט אונטערן נאָמען „דרום־אַפריקאַנער רעפּובליק".

די קאַמפן מיט די באַנטו־שבטים, וואָס פלעגן פאַרקומען פון צייט צו צייט, זיינען געווען דער איינציקער אויפברויז און סענסאַציע אין זייער לעטאַרגישן לעבן. מען האָט די אַפריקער באַזיגט, צוגענומען אַ סך בהמות און צעשטערט זייערע היימען. געווער און גוטע רייט־פערד האָבן די פאַרמערס געהאַט, און אויך גוטע שיסערס זיינען זיי געווען.

די פינאַנצן פון דער רעפובליק האָבן אָבער פון די דאָזיקע קאַמפן מיט די אַפריקער זייער פיל געליטן צוליב דעם, וואָס מ׳האָט אויסגעגעבן אַ סך געלט אויף געווער און קוילן.

די פאַרמערס האָבן געהאַסט די אַפריקער, וועמען זיי האָבן באַטראַכט פאַר מינדערוואַרטיקע און ווילדע מענטשן. די אַפריקער פון זייערע אייגענע פאַרמס זיינען געווען זייערע קנעכט, אמתע „עבדים״, ווי אין דעם הייליקן אַלטן טעסטאַמענט. זיי, די אַפריקער, האָבן באַאַרבעט די פעלדער, אויפגעפּאַסט די ווירטשאַפט, און זייערע פרויען און קינדער האָבן געהאָלפן די פרויען פון די פאַרמערס אין דער הויז־אַרבעט און אין האָדעווען די פאַרמערשע קינדער.

זייער גייסטיק־קולטורעלע יניקה האָבן די פאַרמערס געצויגן פון אלטן און נייעם טעסטאַמענט. כמעט יעדער בור האָט געוווּסט די ביבל, אויב ניט אינגאַנצן, איז כאָטש אַ טייל. דער גאַר גרעסטער טייל פון זיי האָט ניט געקענט לייענען און שרייבן. עס זיינען אויך ניט געווען קיין קינדער־שולן, אַ חוץ אַ מין מלמד. פלעגן די פאַרמערס לערנען זייערע קינדער די ביבל אויף אויסווייניק. דער אַלטער טעסטאַמענט איז געווען דער באַזיס און אויסדרוק פון זייער וועלט־אַנשויאונג. אָבער זיי האָבן געלערנט די קינדער קענען גוט שיסן.

בטבע זיינען די בורן געווען אינדיווידואַליסטן. ס׳איז אלעמען גוט באַוווּסט, אז אַ פאַרמער איז געווען שטאַרק ניט צופרידן, אויב ער האָט געקענט זען דעם רויך פון זיין שכנס קוימען. דורכשניטלעך האָבן זיי געהאַט פאַרמס פון זעקס ביז צוועלף טויזנט אַקער ערד. זייערע געסט, חוץ שכנים, זיינען געווען יעגערס, עקספּלאָרערס און סתם אַוואַנטוריסטן.

קלאַנגען וועגן רייכטימער

נאָכן יאָר 1852 האָבן זיך אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט קלאַנגען, אז מען געפינט דאָ און דאָרט אין דער טראַנסוואַלער רעפובליק ווערטיקע מעטאַלן און אויך גאָלד. שפּעטער־צו האָט מען געפונט מעטאַלן־מינען, אָבער גאָר ווייניק פון זיי האָבן זיך באַצאָלט. די גוזמהדיקע האָפענונגען וועגן קאָסט־באַרע מעטאַל־דערפינדונגען האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט, ווען מען איז געקומען פנים אל פנים מיט דערווירקלעכקייט. אגב, האָבן געפעלט פאַסיקע מאַשינעס און טעכניקערס, כדי ארויסצוקריגן די מעטאַלן פון דער פאַרגליווערטער ערד, ווו עס זיינען געווען די אַרץ־אָדערן.

אין יוני 1866 איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „טראַנסוואַל אַרגוס״ פון פּאָטשעפסטראָם, אז „די מינעראַל־רייכקייטן פון אונדזער מדינה זיינען גוואַלדיק גרויס. עס גלויבט זיך קוים, אויב ס׳איז נאָך דאָ אזא לאַנד אויף דער

וועלט, וואָס פאַרמעגט אזוינע רייכע ניט־אויסשעפּבאַרע מינעראַל־אוצרות. מען זאָגט, אז לעצטנס האָט מען געפונען בליי, גאָלד און זילבער אין קליינע סכומים. אָבער קיין ריכטיקע אויספאָרשונג האָט מען נאָך ניט געמאַכט״.

סוף 1874 איז אָנגעקומען אַ באַריכט אין פּרעטאָריע (די שוין דעמאָלטיקע הויפּט־שטאָט פון דער רעפּובליק), אז מען האָט געפונען „אַלוווישע״ — אויבנ־אויפיקע גאָלד ביי אַ טייך, 43 מייל פון דעם איצטיקן יאָהאַנעסבורג. דער דאָזי־קער ערד־שטח איז מיט 12 יאָר שפּעטער פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר א גאָלד מינען־קעמפּ. אָט דער וויכטיקער באַריכט איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רעגירונג.

אַ נייע עפּאָכע האָט זיך געעפנט מיט אָט דער גאָלד־אַנטפּלעקונג. חוץ אָט דער „אַלוווישער״־גאָלד־דערפינדונג האָבן זיך גענומען באַשטעטיקן קלאַנ־גען וועגן גאָלד־אַרץ.

ווי שווימלעך נאָך אַ רעגן, האָבן זיך באַוויזן קוואַליפיצירטע און גאָר אַ סך ניט קיין קוואַליפיצירטע געאָלאָגן און סתם גאָלד־זוכערס, וועמען די פאַרמערס פלעגן רופן די „גאָלד־טייוולאָנים״, פון קימבערלי, קאַפּ, נאַטאַל און מעבר לים — אויסטראַליע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד און פון אַנדערע לענדער.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די צעשטערונג פון דער רואיקייט אין דער קליינשטעטלדיקער פּאַטריאַרכאַלישער רעפּובליק.

די רעגירונג האָט געזען אין דער ניי־געשאַפענער לאַגע אַ גרויסן קוואַל פון הכנסה. זי האָט באַפרייט פון מיליטער־דינסט איטלעכן, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט ביי דער גאָלד־זוכעניש.

יעדער גאָלד־זוכער האָט געמוזט האָבן אַ פּאַטענט, פאַר וועלכן ער האָט געצאָלט חודשלעך. ווען א פעלד פלעגט פּראָקלאַמירט ווערן פאַר אַ גאָלד־גרעבעריי, האָט יעדער זוכער געצאָלט -/10 אַ חודש ; אַ העלפט האָט געהערט דער רעגירונג, און דאָס איבעריקע — דעם אייגנטימער פון דעם פעלד. דאָס געפונענע גאָלד האָט מען געמוזט רעגיסטרירן ביי דער רעגירונג, וועלכע האָט ארויפגעלייגט אַן אָפּצאָל פון פינף פּראָצענט (פאַר זילבער $2\frac{1}{2}$ פּראָצענט). די רעגירונג האָט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן מלוכה־אַפּאַראַט, וועלכער האָט זיך באַשעפטיקט מיט אָט דער גאָלד־בהלה. מען האָט אויך באַשטימט מינען־קאָמיסאַרן.

ווי ביי אַ גיך־וואַקסנדיקן קינד ווערן די קליידער נאָכאַנאַנד קורץ, אזוי פלעגט דער רעגירונג־אַפּאַראַט ווערן כסדר ווייניקער קאָמפּעטענט צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון דער גאָלד־בהלה, וואָס איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער. אַ סך גאָלד־דערפינדונגען, וועגן וועלכע מ׳האָט אזוי שטאַרק צעטרומייטערט, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. אָפט איז עס געווען בלויז אַ שווינדל.

די פּראָספּעקטאָרס[3]) האָבן געשיקט, אָדער אליין געבראַכט צו דער רעגי־רונג די שטיין־ערד־מוסטערן, וועלכע זיי האָבן גערעכנט, אז זיי אַנטהאַלטן

[3]) גאָלד, מעטאַל־ און מינעראַלן־זוכערס.

גאָלד, אָדער מען פלעגט די מוסטערן שיקן צו ספּעציעלע פּריוואַטע פירמעס, מען זאָל זיי „פּענען" — ד.ה. פריער צעמאָלן און דערנאָך צעלאָזן אין ספּעציעלע „פּענס" — פאַנען מיט וואַסער, גראַוויטירן דאָס, און דאָס גאָלד פלעגט אָפּשטיין אויפן דעק. היות עס האָבן געפעלט די נויטיקע מאָדערנע מאַשינעס אויף אַרויסצובאַקומען דעם מאַקסימום פון דער שטיין־ערד, האָבן אייניקע געשיקט זייערע מוסטערן אין קייפּטאַון, אָדער קיין ענגלאַנד, און פלעגן וואַרטן אויף רעזולטאַטן. עס איז מערקווערדיק, אַז אַ סך פּראָספּעקטאָרס האָבן געשריבן, אָדער פּערזענלעך זיך געזען מיטן פּרעזידענט גופא וועגן זייערע גאָלד־פּראָספּעקטן. איבערהויפּט פלעגן קומען זען דעם פּרעזידענט אַזעלכע פאַרמערס, אויף וועמענס ערד מען האָט פּראָספּעקטירט, אָדער מ'האָט שוין געפונען גאָלד. זיי האָבן באַטראַכט דעם פּרעזידענט סטעפאַנוס יאָהאַנעס פּאַולוס קרוגער, ווי אַן אייגענעם היימישן קלוגן מענטשן, וועלכער דאַרף וויסן אַלץ, און צו וועמען מען דאַרף ניט האָבן קיין ספּעציעלע פאָרמאַליטעטן צוצוקומען. ער איז אַלעמען געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „אוּם־פּאַול" — „אָנקל־פּאַול".

האָפענונגען און פאַנטאַזיעס וועגן גאָלד־אוצרות האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט. די ידיעות וועגן גאָלד־דערפינדונגען האָבן גערוישט און געהילכט אין די אויערן. אַ רעגירונג־קאָמיסיע פאַר די גאָלד־גרובן האָט געשריבן אין „רעגירונג־גאַזעט" (22.10.1880) דאָס פאָלגנדיקע: „יעדע פּערזאָן אין טראַנסוואַל, וואָס פאַרמעגט אַ פאַרם, מיינט, אַז ער איז אויך דער באַזיצער פון גרויסע מינעראַל־רייכטימער; און אויב ער געפינט אַ געוויסן מינעראַל־אָדער ביי אים אויפן פאַרם, מיינט ער, אַז ער באַזיצט אויך גאָלד־אוצרות..." דעריבער פלעגן פאַרמערס פּשוט רייסן פאַר די פּאָלעס די פּראָספּעקטאָרס: „קומט און פּראָספּעקטעט אויף מיין פאַרם". וואָס ווייטער זיינען די גאָלד־זוכענישן און די האָפענונגען צו געפינען גאָלד־רייכע ערד־שטחים געוואָרן אַלץ קאָנקרעטער און שטאַרקער.

עס איז געווען ענלעך צו אַ פישער, וואָס פאַרשמעלערט אַלץ מערער זיין ברייטן נעץ, כדי צו קריגן דעם פאַנג. אַזוי האָבן די פּראָספּעקטאָרס, גאַנץ אומבאַוווסטזיניק, זיך דערנענטערט און אַרומגערינגלט די געגנט, וואָס איז איצט באַקאַנט אונטערן נאָמען „וויטוואַטערסראַנד" (ווייס־וואַסער־ראַנד), פאַרקירצט „ראַנד".

וויטוואַטערסראַנד

דזשאָרדזש האַריסאָן, דער אויסטראַלישער אָרעמער נע־ונדניק און גאָלד־פּראָספּעקטאָר, איז געווען דער־יעניקער, וועלכער האָט דעם 12־טן אַפּריל, 1886 אַנטדעקט דעם הויפּט גאָלד־אָדער אויפן פאַרם לאַנגלאַכטע. ניט נאָר דרום־אפריקע, נאָר אויך די גאַנצע וועלט האָט אויפגעבראַזט מיט אָט־דער אַנטפּלעקונג פון רייכסטן גאָלד־אָדער אין דער וועלט. דזשיי בי ראָבינסאָן, וועלכער האָט שפּעטער אָפּגעקויפט לאַנגלאַכטע, האָט אינוועסטירט

26.000£. אין עטלעכע יאָר אַרום איז דער פֿאַרם געשטיגן צו דעם ווערט פֿון 18 מיליאָן פֿונט.

אָט דער פֿאַרם לאַנגלאַכטע, ווו מ׳האָט געפֿונען דעם הויפּט־גאָלד־אָדער האָט אימעצער, מיט 20 יאָר פֿריער, געוואָלט קויפֿן. איז מען דאַן ניט דורכ־געקומען מיטן פּרייז. דער באַלעבאָס האָט געוואָלט פֿאַרן פֿאַרם צוועלף אָקסן, און מ׳האָט אים אָנגעבאָטן נאָר 8. אָט דער דאָזיקער פֿאַרם האָט אין משך פֿון 40 יאָר ארויסגעגעבן גאָלד אין ווערט פֿון 75 מיליאָן פֿונט.

בשכנות מיט די פֿאַרמס טערפֿאָנטיין, דאָרנפֿאָנטיין, בראַמפֿאָנטיין און ראַנדיעסלאַכטע, וואָס פֿאָרמירן היינט די שטאָט יאָהאַנעסבורג, האָט זיך געפֿו־נען דער דערמאָנטער פֿאַרם לאַנגלאַכטע.

פֿעלדקארנעט (אַ מין ערנמיליטער־אַמט און ערן־פֿאָלקס־ריכטער), יאַן מייער, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין דער קאַאַפּ אין 1842, שרייבט אין זיין ביאָגראַפֿיע, אז זיין פֿאָטער האָט געלעבט אין אילאַנדספֿאָנטיין, ניט וויט פֿון „ראַנד״. ער באַשרייבט די געגנט און דערציילט, אז דאָרט זיינען געווען זייער א סך חיות: העלפֿאַנדן, לייבן, בופֿלאָקסן, לעמפּערטן און אנדערע. עס זיינען געווען טעג, ווען ער האָט מיט זיין פֿאָטער און אנדערע יעגערס געשאָסן ביז 8 לייבן.

אזוי איז עס געווען; מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק האָבן לייבן, העל־פֿאַנדן און אַנדערע ווילדע חיות ארומגעשפּאַצירט גאַנץ געמיטלעך איבער דעם איצטיקן צענטער פֿון יאָהאַנעסבורג.

בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן די פֿריידיקע בשורה וועגן דער אַנטדעקונג פֿון דעם הויפּט־גאָלד־אָדער אין לאַנגלאַכטע, האָט מען אין אייניקע קרייזן דערפֿילט אימה און טרויער.

ראַנדיעסלאַכטע

ראַנדיעסלאַכטע, וואָס האָט געהערט צו דער רעגירונג, איז דער היינטיקער הויפּט־צענטער פֿון יאָהאַנעסבורג. וועגן אָט דעם צענטער פֿון שטאָט האָט איינער מיטן נאָמען יאָהאַנעס קריסטיאַן קריגלער געשריבן צו דער רעגירונג, דעם 12־טן אָקטאָבער 1885, דעם פֿאָלגנדיקן אָנבאָט:

„איך האָב דעם כבוד צו בעטן אייך פֿאַרדינגען מיר דעם שטח רעגירונג־גרונט, וואָס ליגט צווישן די פֿאַרמס טערפֿאָנטיין, דאָרנפֿאָנטיין, בראַמפֿאָנטיין און לאַנגלאַכטע, און זיין שטח איז אַן ערך 160 מאָרג־ערד, פֿאַר וועלכן דער פּרייז איז 5/- אַ חודש ביז איך גרייט צו צאָלן 10/- אַ חודש״. קריגלערס אָנבאָט איז ניט אָקצעפּטירט געוואָרן דורך דער רעגירונג, מיטן אויסרייד, אז דער שטח איז נאָך ניט געווען אויסגעמאָסטן.

אין אויגוסט 1886, האָט דער מלוכה־סעקרעטאַר, באָק, געגעבן אַ דער־לויבעניש אויסצומעסטן דעם שטח פֿון ראַנדיעסלאַכטע. מיט א חודש שפּעטער האָט די רעגירונג באַשטימט אַ מינען־קאָמיסאַר, וועלכער זאָל זיין פֿאַראַנט־

וואָרטלעך פאַר די ניי־געשאַפענע גאָלד־צענטרען, און זיין ווין־פּלאַץ זאָל זיך געפינען אויף ראַנדיעסלאַכטע. מ׳האָט דאָרט פאָרן מינען־קאָמיסאַר אויפגע־בויט אַ הויז און אַ ביוראָ. דעם 4־טן אָקטאָבער 1886 האָט די רעגירונג אָפּי־ציעל פּראָקלאַמירט די פאַרמס לאַנגלאַכטע און ראַנדיעסלאַכטע פאַר גאָלד־פעלדער. דאָרנפאָנטיין און טערפאָנטיין זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן מיט אַ וואָך פריער.

די גאָלד־גרעבערס זיינען ניט געווען צופרידן מיטן רעגירונג־באַשלוס בנוגע דעם אויסקלייב פון ראַנדיעסלאַכטע פאַר דעם הויפּט־צענטער, מאָטי־ווירנדיק, אַז „פּערעירעס־קעמפּ״ (איצטער — „פּערעירע״) אויף דעם טערפאָנ־טיין־פאַרם איז שוין אַ פּלאַץ, ווו „דיגערס״ (גאָלד־גרעבערס) וווינען, און דער־צו איז אויף ראַנדיעסלאַכטע זייער ווינטיק.

די רעגירונג האָט אויסגעקליבן ראַנדיעסלאַכטע — ערשטנס, ווייל דער גרונט געהערט צו איר, און אַזוי אַרום וועט די גאַנצע הכנסה פון די -/10 אַ חודש פאַר יעדן פּלאַץ אַריינפליסן אין דער רעגירונג־קאַסע; און צווייטנס איז ראַנדיעסלאַכטע דער צענטראַלסטער פּונקט.

עטלעכע טעג נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון ראַנדיעסלאַכטע אַלס אַ מינען־לאַגער, נאָך איידער מ׳האָט עס געגעבן אויסגעמאָסטן, האָט מען ראַנדיעסלאַכטע אַ נאָמען געגעבן יאָהאַנעסבורג. עד היום האָט מען נאָך ניט פעסטגע־שטעלט נאָך וועמען עס איז דער נאָמען יאָהאַנעסבורג[4].

אין יאָהאַנעסבורג גופא האָט מען ניט דערלויבט גראָבן צו זוכן גאָלד, ווייל די רעגירונג האָט דאָ געמאַכט איר הויפּט־קוואַרטיר אויפן וויטוואַטערסראַנד. דער מינען־קאָמיסאַר, פאָן בראַנדיס, האָט דעם 7־טן דעצעמבער 1886, קלאָר און בולט געזאָגט, אַז יאָהאַנעסבורג פאַרנעמט דעם שטח, וואָס עס איז פריער געווען באַקאַנט א.נ. ראַנדיעסלאַכטע.

ראַנדיעסלאַכטע, אָדער די ניי־געבוירענע שטאָט יאָהאַנעסבורג, האָט דאַן פאַרנומען, בערך, דעם פאָלגנדיקן שטח: פון ענד־גאַס און באַנקעט־גאַס אין מזרח ביז דיאַגאָנאַל־גאַס אין מערב, פון דעם איצטיקן הילבראָו אין צפון ביז קאָמיסיאָנער־גאַס אין דרום.

דעם 8־טן דעצעמבער 1886 האָט די רעגירונג גענומען פאַרקויפן פּלעצער אין יאָהאַנעסבורג. זיי זיינען גלייך אויספאַרקויפט געוואָרן. די פּלעצער האָט מען פאַרקויפט פאַר דעם פּרייז פון -/3 ביז 280£ אַ פּלאַץ. אינדיער האָבן גע־קאָנט קויפן נאָר פּלעצער, וואָס זיינען געווען פאַר זיי ספּעציעל אויסגעטיילט.

אַזוי גיך, ווי מ׳האָט אָנאָנסירט וועגן דעם געבורט פון יאָהאַנעסבורג, האָבן גענומען שטראָמען גאָלד־זוכערס און געלט־זוכערס פון אומעטום. צוערשט האָבן זיך באַוויזן די דימענט־מאַגנאַטן פון קימבערלי. עס האָבן זיך גענומען שיטן פּראָספּעקטאָרס און מינען־אַרבעטער פון קימבערלי, באַרבערטאָן, און, הויפּטזאַכלעך פון ענגלאַנד (קאָרנישמען), אויסטראַליע און פון אַנדערע לענדער.

---

[4]) די גרעיס גיבן אָן, אַז דער נאָמען איז נאָך פעלדקאָרנעט יאָהאַנעס פעטרוס מייער.

אַ דיאַגראַם פון יאָהאַנעסבורג אין דעצעמבער, 1886



קאָפּירט מיט דער דערלויבעניש פון עטהעל ל. גרעי.

אויסלאַנד אינוועסטירט אין גאָלד־גרובן

קאַפּיטאַליסטן פון דער גאָרער וועלט האָבן גענומען אינוועסטירן געלט אין די גאָלד־גרובן. אין גאָר אַ קורצער צייט האָט דאָס געיעג נאָך גאָלד אין יאָהאַנעסבורג פאַרשאָטנט די דימענטן־אינדוסטריע אין קימבערלי.

מיטן אָנקומען פון גרויס־קאַפּיטאַל, מאַשינעס צו זינקען שאַכטעס, מינען־אינזשינערן, און אַ באַגרענעצטע צאָל היגע אַרבעטער און מינען־אַרבעטער פון ענגלאַנד, — האָט די גאָלד־אינדוסטריע זיך גענומען אַנטוויקלען און פאַרברייטערן. די ניי־געשאַפענע גרויסע גאָלד־אינדוסטריע האָט געפאָדערט צענדליקער און הונדערטער טויזנטער שוואַרצע אַרבעטער. מ׳האָט גענומען רעקרוטירן אַפריקער צו אַרבעטן אין די גאָלד־מינען. די פּרימיטיווע שוואַרצע האָבן זיך געשראָקן פאַר די ווייסע, פאַר דער אויפגעקומענער שטאָט און פאַר דער אַרבעט גופא. דאָס אַרבעטן טיף אין דער ערד האָט אויף זיי ארויפגעוואָרפן אַן אימה. אָבער די פּאַרוואַלטערס פון די גאָלד־מינען האָבן פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּגעשטעלט. מען פלעגט צאָלן די רעקרוטיר־אַגענטן גרויסע סומעס געלט פאַר יעדן „קאָפּ״, זיי זאָלן פאַרקאָנטראַקטירן די אַפריקער אויף 18 חדשים צו אַרבעטן אין די מינען. די געלט־גייציקע און כיטרע רעקרוטיר־אַגענטן האָבן אויסגענוצט די פּרימיטיווקייט פון די אַפריקער. די אַגענטן פלעגן צוזאָגן די קינדיש־נאַאיווע שוואַרצע אַלדאָס גוטס, וואָס איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. מ׳האָט זיי צוגעזאָגט אַ גאָלדענע מיגלעכקייט צו קריגן גענוג געלט אויף „לאַבאָלאַ״ (נדן, וואָס איז באַשטאַנען פון געבן אַ צאָל אָקסן צו דער כלה׳ס עלטערן אַלס קאָמפּענסאַציע פאַרן אָנווערן אַן אַרבעט־האַנט), און— ווען זיי וועלן צוריקקומען, נאָכן פאַרענדיקן דעם אַרבעט־קאָנטראַקט,

יאָהאַנעסבורג, 1887

וועלן זיי קענען חתונה האָבן. די רעקרוטיר־אַגענטן האָבן צוגעשטעלט פאַר די מינען צענדליקער טויזנטער אַפריקער. אָבער ס׳איז ניט געווען גענוג. דאַן האָט מען אָנגעווענדט אַנדערע מיטלען, וואָס האָבן געצוווּנגען די אַפריקער צו גיין אַרבעטן אין די מינען. מ׳האָט צ.ב. ארויפגעלייגט „האַט־טעקס" (יעדע אַפּ־ריקער־הייזקע האָט געמוזט צאָלן אַ רעגירונג־צינז) און אַנדערע שטייערן. די אויפזעערס אין די מינען זיינען געווען, מערסטנטייל, אומוויסנדיקע פּויערים, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַט אַ האַס צו דער שוואַרצער באַפעלקערונג. פאַר יעדן חטא, אָדער ניט געשיקטקייט פלעגט מען זיי שלאָגן. דערצו איז געווען אַפריקער־פּאָליציי, וועלכע האָבן געהאָלפן די אויפזעערס שלאָגן די שוואַרצע.

משה קריין

יאָהאַנעסבורג[5])

דו בינסט אַ שפּין אַ גיפּטיקע
וואָס האָט אין שטויב
שפּינוועבס ברייט פאַרשפּינט —
פון ראַנדפאָנטיין ביז ספּרינגס,
אַ שפּינוועבס אַ געצאַצקעטן
פון פעדים גאָלדיק־זיידענע
פון שטויבעלעך, ווי שטערנדלעך,
וואָס פינקלען און וואָס שפּילן זיך
און שטראַלן אין דער זון.

טויזנטער און טויזנטער
פלעגן מענטשן עלנטע
פאַרלאָזענע, פאַרגעסענע
פון גאָט אליין און לייט
ציען זיך אין מחנותווייז
פאַרבלענדט פון די גאָלדענע
שטויבעלעך און פליטערלעך,
מיט וועלכע פאַלשע, גיפּטיקע
דו האָסט דיין נעץ באַפּוצט.
קומט דער כמורנער ענגלענדער
דער קנאָכנדיקער שאָטלענדער ;
קומט דער בלאָנדער האָלענדער,
דער שווייגנדיקער שווייד ;
קומען זין פון וואַנדער־פאָלק,
זין פון אַלטן גריכנלאַנד,
זין פון ווייטן כינע־לאַנד
און גאַווהדיקע „יענקס".

קומט דער קריגערישער זולו
פון זיין הייסן זולו־לאַנד ;
קומט דער כיטרינקער אומסיוטו
פון דעם ווילדן בערגיק לאַנד ;
קומט דער שאַנגאַן פון זיין פלאַכלאַנד
און דער בושמאַן פון זיין וויסט ;
קומט דער קולי פון קאַלקוטא
און דער הינדו פון מאַדראַס —
אלע מיט דיין גאָלד פאַרבלענדט
פאַלן בלינד צו דיר אין נעץ.

מיט טויזנט פיס, ווי פייכטע אָרעמס—
קאַלט און גליטשיק
האַלדזסטו, גלעטסטו זיי,
מיט טויזנט מיילער.
נאָדל־שפּיציק
קושסטו, זויגסטו זיי —
טראָפּ פאַר טראָפּן — ניט געאיילט זיך
טוסט דיין אַרבעט שטיל, געלאַסן...
לויפן וועט דאָך קיינער ניט...

ליגט אַ קרבן אַ פאַרגאַפטער
וויגט זיך שטיל אין שפּין־געוועב ;
טראַכט פון אוצרות פאַבלהאַפטע,
חלומט וועלטן גרויסע, שיינע
נאָר געמאַכט פאַר אים אליין...
און ער זעט ניט
ווי זיין בליק ווערט אויסגעלאָשן
ווי זיין ברוסט ווערט איינגעפאַלן,
ווי זיין מאַרך ווערט אויסגעטריקנט ;
און ער פילט ניט
ווען ער שטאַרבט.

[5]) „אונזער וועג, יאַנואַר 1921.

די שטאָט פון גאָלד

צוליב דעם, וואָס אין די אינגעווײדן פון דער ערד האָט מען געפונען גאָלד, האָט מאַמאָן און מידאַס זיך „משדך" געווען. אויף אַ הויכלאַנד פון 6000 פוס איבערן ים־פלאַך איז אַנטשטאַנען די שטאָט פון גאָלד.

יאָהאַנעסבורג איז ניט באַשאָנקען מיט קיין נאַטירלעכער שיינקייט. אָן ליבשאַפט, אָן סענטימענטן און אָן טראַדיציע האָט זיך יאָהאַנעסבורג צעוואַקסן. אַן ערך פופציק מיליאָן טאָן גאָלד־ערץ ווערט יערלעך אויפגעריסן מיט דינאַמיט אין די טיפסטע טיפענישן פון דער ערד און ארויפגעבראַכט אויף דער אויבער־פלאַך. עס ווערט פאַרנוצט אומגעפער 200 טאָן דינאַמיט טעגלעך[1]. דורך ריזיקע מילן ווערן אָט־די ערד־שטיינער צעריבן און ווערן דורכגעלאָזן דורך גיפטיקע, שטאַרקע זויער־שטאָפן (Cyanide) ביז מען קריגט דאָס גאָלד ארויס. דעם ווערטלאָזן פאַרמיאוסטן זאַמד הויקערט מען אין אומגעלומפערטע העלגעלע בערג. איצט ציען זיך אָט די פון מענטשן געמאַכטע בערג אויף אַ שטח פון איבער 60 מייל אויף מזרח און מערב פון יאָהאַנעסבורג.

אָט די בערג — „מיין דאַמפּס" — זיינען אַ דענקמאָל נאָך אַנצאָליקער מענטשלעכער פּראַצע און לעבנס. טיף, טיף אין דער ערד, ביז אַן ערך צען טויזנט פוס, וווהין די מאָדערנע עלעוואַטאָרס שליידערן ארונטער מיט דער שנעלקייט פון צוויי טויזנט פוס אַ מינוט, איז אַ פינצטערניש, וואָס ווערט קוים באַלויכטן דורך קאַרביד־אַש־לעמפּלעך, וואָס די מינען־אַרבעטער טראָגן אויף

---

[1] "Star", 27-11-1954.

יאָהאַנעסבורג, 1894

זייערע שטערנס, און וואָס גיבן ארויס אַ ריח פון פארפוילטע אייער, — ארבעטן די מינען־אַרבעטער. באַגאָסן מיט אַ שווייסיקער היץ און ארומגערינגלט מיט פייכטקייט, וואָס טריפט כסדר, זיינען זיי אויסגעשטעלט אויף דער שטענדיקער סכנה פארשאָטן צו ווערן פון העגנענדיקע פעלדזן, אָדער פון אַן איינפאַלנ־דיקער שאַכטע. אונטער דער שטענדיקער געפאַר פון מינען־טובערקולאָז (Miners Phthisis) אַרבעטן הונדערטער טויזנטער מענטשן — שוואַרץ און ווייס. ניט געקוקט אויף די שוידערלעכע אַרבעט־באַדינגונגען און כסדרדיקער לעבן־געפאַר, קריגט דער גרעסטער טייל פון די ארבעטער — די אַפריקער — אַ נישטיקן קליינגעלט־לוין.

און — אויבן, אויף דער זוניקער אויבערפלאַך, גייט אָן אַ פארכשופטער געיעג אין דער ספעקולאַציע אויף דער בערזע מיט די אַקציעס פון עגל הזהב. אוצרות ווערן געמאַכט אין איין מעת־לעת, און די לעבנס פון די הונדערטער טויזנטער, וואָס פּראָדוצירן דאָס גאָלד ביי אזעלכע גרויזאַמע באַדינגונגען, ווערן גאָרניט געגומען אין באַטראַכט. די פּאַפּירענע גאָלד־אַקציעס שפּילן די ראָל אויף דער בערזע, און ניט ווי אזוי און ווער עס באַאַרבעט דאָס גאָלד.

אַ הפקר־לעבן

דער גאָלד־צויבער האָט געבראַכט מענטשן פון דער גאָרער וועלט, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו יאָהאַנעסבורג, פּונקט ווי עס ציען זיך אינזעקטן ביינאַכט צו ליכט. געקומען זיינען, הויפּטזאַכלעך, ענגלענדער, דייטשן, יידן פון מערב־ און מזרח־אייראָפּע, האָלענדער א.א.

ווייניק פון די אָנגעקומענע האָבן געהאַט געגוג געלט צו האַנדלען מיט גאָלד־אַקציעס. דעריבער האָבן זיי געאַרבעט אין און ארום די מינען. עס זיינען געקומען אינזשינערן, בויערס, טעכניקערס און הענדלערס. אלע האָבן גע־אַרבעט ביי שווערע און פּרימיטיווע באַדינגונגען און גרויסע שטויב־ווינטן.

נאָך דער אַרבעט האָט מען געזוכט פאַרווייליונג. מען פלעגט טרינקען אַ סך, און שפּילן אין קאָרטן, אָדער מ׳האָט סתם געשמועסט מיט לאַנדסלייט, טיילנדיק זיך, קעגנזייטיק, מיט דערינערונגען פון דער אַלטער היים. גאָר אַ סך האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון די טראַדיציעס און רגילותן פון די לענדער און משפחות, פון וועלכע זיי שטאַמען. זיי האָבן געלעבט אַ זאָרגלאָז הפקר־לעבן, אזוי, אז זיי אליין איז געוואָרן שווער צו אונטערשיידן, וואָס איז ריכטיק און עטיש, און וואָס — ניט.

אין 1887־טן יאָר האָט דער מינען־קאָמיסאַר ארויסגעגעבן 79 האַנדל־פּאַטענטן. פון דער צאָל זיינען געווען 33 פּאַטענטן פאַר שענק־הייזער — „באַרס". מיט אַ יאָר שפּעטער איז די צאָל פּאַטענטן אויף שענק־הייזער גע־שטיגן ביז 77. עס זיינען אויך געעפנט געוואָרן 12 האָטעלן.

דער „דאַימענט פילד אדווערטייזער" האָט אין די ערשטע יאָרן געשריבן:
„פּאָר אַ באַפעלקערונג פון 2 אָדער 3 הונדערט מענטשן, וועלכע לעבן אין ליי־

וועגטענע ביידלעך („טענטס“), זיינען פאַראַן אין „פערעירעס־קעמפּ“ 14 אזוי־גערופענע האָטעלן“.

שיכרות איז אָנגעגאַנגען סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. די ערשטע צייט זיינען אין יאָהאַנעסבורג געווען זייער ווייניק פרויען. האָט מען „אימפּאָרטירט“ פּראָסטיטוטקעס. אנדערע פּראָסטיטוטקעס האָבן זיך אליין אימפּאָרטירט. אַוליבן מאַנגל אין פרויען איז געווען אַ „געדעטעניש“ ניט נאָר אויפן ווייסן, נאָר אויך אויפן שוואַרצן מאַרק... אגב, האָבן אַ סך האָטעלן און פורלייט („קעב־דרייווערס“) גוט פאַרדינט פון דעם פּראָסטיטוציע־מסחר.

פּרעזידענט פּאָול קרוגער

פּרעזידענט קרוגער האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל אינעם לעבן פון דער רעפּובליק בכלל און אין דער אַנטוויקלונג פון יאָהאַנעסבורג, בפרט אין די ערשטע יאָרן. עד היום האָט ער נאָך אַן אָפּקלאַנג אין דער פּאָליטיק פון לאַנד.

אין עלטער פון 7 יאָר האָט „אום פּאָול“ ארויסגעוואַנדערט מיט זיינע על־טערן פון דער קאַאַפּ, און זיך אָנגעשלאָסן אין הענריק פּאָטכיטערס היסטאָריש־באַקאַנטן „טרעק“ — (אַ וואַנדער־צוג פון פּיאָנערן) — אין 1835. צו 13—14 יאָר איז שוין פּאָול קרוגער געווען אַ העלד און אַ גוטער שי־סער. מען פלעגט אים מיטנעמען אויף געיעג. ער האָט דערשאָסן אַ גרויסן לייב, וואָס איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ סך מלחמות מיט אַפריקער. אזוי ארום איז ער דורכגעגאַנגען אלעליידן און גרויסע שוועריקייטן פון די „פאָרטרעקערס“. זיין גאַנצער קולטור־באַגאַזש איז געווען די ביבל. ער איז געווען זייער פרום און פלעגט זאָגן קאַפּיטלעך פון טעסטאַמענט איטלעך אָוונט פאַרן שלאָפן.

פּאָול קרוגער האָט געהאַט גרויסע שטרייטן מיטן פריערדיקן פּרע־זידענט, בורגהער, ווייל בורגהער איז דורך אים באַטראַכט געוואָרן פאַר ניט פרום און צו פאָרגעשריטן.

אָט וואָס פּרעזידענט בורגהער האָט אין אַ רעדע צום „פאָלק־ראַאַד“, געהאַלטן דעם 3־טן מערץ, 1877, (אַ חודש מיט ניין טעג איידער ענגלאַנד האָט אַנעקסירט די טראַנסוואַלער רעפּובליק, וואָס די בורן האָבן זי צוריקגעקראָגן ערשט אין 1881־טן יאָר), געזאָגט: „איך וואָלט בעסער זיין אַ פּאָליציאַנט אונ־טער אַ שטאַרקער רעגירונג איידער אַ פּרעזידענט פון אזאַ מלוכה. דאָס האָט איר — מיטגלידער פון „פאָלק־ראַאַד“, און די בורן, וועלכע פאַרלירן דאָס לאַנד — פאַרקויפט אייער אומאָפּהענגיקייט פאַר אַ זופּ בראַנפן. איר האָט שלעכט באַהאַנדלט די אַפריקער, איר האָט אַ סך פון זיי געשאָסן, זיי פאַרקויפט אין שקלאַפעריי און איצט מוזט איר דערפאַר באַצאָלן“[6].

אויף דער בוריש־רעפּובליקאַנער פאָן איז דאָ דער מאָטאָ „Eendragt

(6 J. P. Fitzpatdick "Transvaal From Within". (1900)

ד.ה. „אין אייניקייט איז די קראַפט״. פאַקטיש איז אָבער דאָס "Maakt Mag" דאָזיקע געבאָט דורך די בורן קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

פּ אָ ו ל ק ר ו ג ע ר, וועלכער איז געוואָרן פּרעזידענט אין 1883, איז אַ פולבלוטיק קינד פון דעם דעמאָלטיקן בורישן פאָלק. די בורן האָבן אים רעס־פּעקטירט און אָפּגעשאַצט זיין שטאַרקן חוש פאַרן פאָלקסטימלעכן הומאָר און פאַר זיינע משלים, וואָס זיינען געווען באַזירט אויף חיות און אויפן אַלטן טעס־טאַמענט. מ׳האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיטן פּרעזידענטס עצות, ווייל מ׳האָט אים באַטראַכט פאַר א פאָלקס־חכם. ער פלעגט זיך זיצן אויף זיין גרויסער און אָפענער ווערענדע, האַלטנדיק שטענדיק זיין געדרייטע פּיפקע, און געטרונקען אַ סך קאַווע. אַלע האָבן געהאַט צוטריט צו אים. ביים אריינגאַנג אין פּרעזי־דענטס הויז זיינען שטענדיק געשטאַנען צוויי אוניפאָרמירטע סאָלדאַטן אויף דער וואַך. ווען עס פלעגט אָנהייבן רעגענען, פלעגט די פרוי פון פּרעזידענט זיי אריינעמען אין הויז און זיי געבן טרינקען קאַווע.

פּרעזידענט ק ר ו ג ע ר איז געווען באַוווּסט ווי אַ כיטרער פּאָליטיקער. אָבער אין הלכות עקאָנאָמישע פראַגעס איז ער, קענטיק, געווען זייער ניט באַ־האַוונט. ווען אַ פּאַרמער האָט זיך באַקלאָגט, אז די פּאַרמערס האָבן ניט קיין אָפּזאַץ־מאַרק פאַר זייערע פּראָדוקטן צוליב דעם, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין אייזנ־באַן א.א.וו., האָט „אום פּאָול״ געפרעגט: „וויפל מיליס פּראָדוצירסטו?״ האָט אים דער פּאַרמער געענטפערט: „300 זעק״. — „וויפל פאַרברויכסטו?״ — האָט אים דער פּרעזידענט ווידער געפרעגט. — „הונדערט און פופציק זעק״ — איז געווען דער ענטפער. — „דיין פראַגע פרעגן מיר אַ סך אנדערע פּאַרמערס״ — האָט דער פּרעזידענט פאַרגעזעצט — „אָט איז אַ פּאַרמער, וואָס פאַרברויכט 150 זעק מיליס און נעמט זיך די מי צו פּראָדוצירן 300 זעק. איך האָב ניט קיין געדולד פאַר אַזעלכע מענטשן״.

קאָנפליקטן

וואָס מער די גאָלד־אינדוסטריע האָט זיך אַנטוויקלט, אלץ מער האָט זיך יאָהאַנעסבורג אַנטוויקלט. אָבער אויף יעדן טראָט האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויפן שטאַרקן ווידערווילן מצד דער רעגירונג. א סך בייז־בלוט האָט זיך גע־נומען שאַפן צווישן פּרעזידענט און דער רעפּובליק פון לאַנד־באַזיצערס מיט דער ניי־געשאַפענער שטאָט יאָהאַנעסבורג — די שטאָט פון גאָלד־גייציקע מאַגנאַטן — און מיט די „אויסלענדער״, הויפּטזאַכלעך, ענגלענדער.

עס איז ניט געווען נאָר אַ קאָנפליקט פון „ראַאַד״ („פאָלק־ראַאַד״) און „ראַנד״ („וויטוואַטערסראַנד״), נאָר עס איז געווען אַ שאַרפער קאָנפליקט פון אינטערעסן און וועלט־אַנשויאונג: פּרעטאָריע און יאָהאַנעסבורג... עס זיינען אַנטשטאַנען צוויי פאַרשיידענע וועלטן: אַ ביבליש־פּאַטריאַרכאַל־פעאָדאַלע און אַ מאָדערנע, מאַטעריאַליסטישע, מיט מענטשן, וועלכע זיינען געקומען אין לאַנד רייך צו ווערן און האָבן ניט געדולדט קיינע שטערונגען ביים דעראָבערן



אַ בערכדיק בילד, וואָס ווייזט די גאָלד־אָדערן אין דער באָדן־פאָרמאַציע אונטער יאָהאַנעסבורג.

די גאָלד־אוצרות. דער ריטם פון אָקסן־וואָגן פון 17־טן י״ה איז געקומען אין אַ קאָנפליקט מיטן ריטם פון רווישיק־שנעלער אייזנבאַן און מיטן ריטם פון 19־טן י״ה.

דאָס אָנקומען פון פיל טויזנטער ענגלענדער און פון די גרויסע קאַפּיטאַלן, וועלכע זיינען אינוועסטירט געוואָרן אין דער גאָלד־אינדוסטריע, און דער ווילן צו באַלעבאַטעווען איבער יאָהאַנעסבורג, האָט שטאַרק דערצאָרנט „אום פּאָולן״. ער האָט דערשפּירט די לאַפּע פון ס ע ס י ל ר ה א ו ד ס און דעם מעכטיקן ענגלישן אימפּעריאַליזם, וואָס וועט, פריער אָדער שפּעטער, וועלן פאַרכאַפּן די זעלבשטענדיקע בורישע רעפּובליק. דעם האָס צום ענגלישן אימפּעריאַליזם האָט ער שוין געהאַט אין זיין מוטערס מילך. ער האָט באַשלאָסן ניט לאָזן זיך פירן פאַר דער נאָז דורך די ענגלענדער און ניט צו פאַרלירן זיין אָנפירער־שאַפט איבער די בורן. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם אָנקומענדיקן שטראָם פון דער ענגלישער אינוואַזיע אין יאָהאַנעסבורג. ער איז שוין פון לאַנג ביז געווען פאַרוואָס די ענגלענדער, פון וועמען זיינע עלטערן זיינען אַנטלאָפן פון דער קאַאַפּ־פּראָווינץ, פאָלגן נאָך די בורן.

„אום פּאָול״ האָט שטאַרק פיינט געהאַט יאָהאַנעסבורג. ער האָט די ענג־לענדער, אָדער די אויסלענדער, ניט געגעבן קיין שטימרעכט צום „פאָלק־ראַאַד״. ער האָט ארויפגעלייגט אויף זיי גרויסע שטייערן און ניט דערלויבט זיי צו האָבן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. מ׳האָט ניט אנערקענט דעם ענגלישן לשון אַלס שפּראַך פון דער רעפּובליק. ווען מ׳האָט אין דעצעמבער 1888 גע־בעטן „אום פּאָולן״, אז ער זאָל געבן א דערלויבעניש צו פאַרוואַנדלען יאָהאַ־נעסבורג אין אַ מוניציפּאַליטעט, וואָס זאָל קענען פאַרוואַלטן מיט אירע קאָמו־נאַלע אָנגעלעגנהייטן און נויטווענדיקייטן, ווי סאַניטאַרישע א.א., — האָט ער געענטפערט, אז דער באַלעבאָס איבער יאָהאַנעסבורג דאַרף זיין די רעגירונג, צוגעבנדיק, אז מען דאַרף פאַרגרעסערן פּרעטאָריע און ניט יאָהאַנעסבורג[7].

* * *

אין 1890 האָט פּרעזידענט קרוגער אָנגעפאַנגען זיינע א רעדע אין יאָהאַ־נעסבורג בזה הלשון: „בירגער, אַפריקאַנער און אויסלענדער״. האָט מען געמאַכט אַ צווישנרוף: „מיר זיינען אזעלכע גוטע דרום־אפריקאַנער ווי דו, און דו באַהאַנדלסט אונדז מיט פאַראַכטונג״. — „בלייב שטיל״ האָט „אום פּאָול״ געדונערט. דער אינצידענט האָט ווידער ארויסגערופן בייז־בלוט.

אויף די פייערונגען אין פּאַאַרדעקראַל (קרוגערסדאָרפּ) אין 1890 האָט ער אָנגעפאַנגען זיין דרשה מיט די ווערטער: „איר, גאָטס קינדער, איר, בירגער פון לאַנד, איר, אויסלענדער, אריינגעקומענע, אפילו איר, גנבים און מערדער...״ זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז די רייד האָבן נאָך מער אויפגערעגט דאָס געמיט און פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן דער רעגירונג מיט די אויסלענדער.

[7]) ערשט דעם 29/9/1897 האָט מען דערלויבט, אז יאָהאַנעסבורג זאָל האָבן מוניציפּאַ־לע רעכט.

עס איז געוואָרן אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַר יאָהאַנעסבורג און פאַר די כסדרדיקע נייע גאָלד־מינען צו פאַרבייטן די אָקסן־וועגענער אויף בעסערע טראַנספּאָרט־פאַרבינדונגען מיט דער קאַפּ־ און נאַטאַל־פּראָווינצן און מיט אויסלאַנד, כדי צו קריגן די נויטיקע מאַשינעס און אויך עסנוואַרג. פּרעזידענט קרוגער, אָבער, איז געווען קעגן בויען אייזנבאַן־פאַרבינדונגען מיט קאַפּ־ און נאַטאַל־פּראָווינצן, וועלכע זיינען געווען אונטער דער הערשאַפט פון די ענגלענדער. ער האָט געפילט, אַז דאָס וועט דערנענטערן דעם סוף פון דער בורן־הערשאַפט איבער טראַנסוואַל.

אָבער שפּעטער־צו האָט אַ האָלענדישע פינאַנץ־געזעלשאַפט מיט דער שטיצע פון דער רעגירונג אויסגעבויט אַן אייזנבאַן ביז דעלגאָאַ־בעי (לאָרענסאָ מאַרקס). אָבער די נויטווענדיקייט פאַר בעסערע קאָמוניקאַציעס מיט די אַנדערע פּראָווינצן פון דרום־אַפריקע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז פּרעזידענט קרוגער האָט, סוף כל סוף, געגעבן אַ דערלויבעניש אויך אַן ענגלישער געזעלשאַפט צו בויען אייזנבאַן־פאַרבינדונגען מיט דער קאַפּ־ און נאַטאַל־פּראָווינצן.

דאָס פּראָבלעם ארויסצוקריגן דאָס גאָלד

וואָס טיפער מ׳האָט זיך גענומען אראָפּלאָזן אין דער ערד נאָכצופאָלגן דעם גאָלד־אָדער, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף מער פעלזיקע ערד־פאָרמאַציעס, פון וועלכע ס׳איז געווען זייער שווער ארויסצובאַקומען דאָס גאָלד. צוליב די דעמאָלטיקע פּרימיטיווע מעטאָדן אויף ארויסצובאַקומען גאָלד האָט מען ארויסגעקראָגן נאָר 60 פּראָצענט פון דעם גאָלד. אַזוי ארום האָט זיך אין 1889 (און אויך פריער) גענומען שאַפן אַן ערנסטער קריזיס, אויף אַזוי וויט, אַז פיל האָבן פשוט גענומען פאָרן צוריק קיין קימבערלי. אָט דער דאָזיקער קריזיס האָט אָנגעהאַלטן ביז 1891, ווען אַ שאָטלענדישער כעמיקער האָט אויסגעפונען Cyanide. אָט די כעמישע דערפינדונג האָט פשוט געראַטעוועט די גאָלד־אינדוסטריע, דערמיגלעכנדיק ארויסצובאַקומען 90 פּראָצענט גאָלד פון דעם גאָלד־אָדער.

אין יענער צייט האָט די גאָלד־אינדוסטריע שטאַרק געליטן צוליב דעם, וואָס מען פלעגט גנבענען גאָלד בשעתן שמעלצן און ראַפינירן. די גנבות האָבן באַטראָפן אַן ערך 10 פּראָצענט פון דער גאָלד־פּראָדוקציע. די גאָלד־מאַגנאַטן האָבן געפאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל אינטערווענירן. די רעגירונג האָט אָנגענומען שטאַרקע מיטלען און איינגעפירט אַ סיסטעם פון „טראַפּן" — כאַפּן מענטשן פאַרן אומלעגאַלן האַנדל מיט גאָלד. אָט די סיסטעם פון „טראַפּן" האַלט נאָך אַן ביז היינט. די שטראָף פאַר קויפן אומלעגאַלן גאָלד איז דאָ איינע פון די סאַמע שטרענגסטע.

„דזשיימעסאָנס איבערפאַל"

די גאָלד־פּראָדוקציע אין לאַנד איז געוואָרן אַלץ גרעסער. דאָס האָט אָנגעלאָקט דעם ענגליש־פאַרכאַפּערישן אימפּעריאַליזם צו אַנעקסירן דאָס לאַנד.

די איינוווינער פון יאָהאַנעסבורג, אונטער דער אַגיטאַציע פון די מינען־מאַגנאַטן און די ענגלישע אימפּעריאַליסטן, האָבן אָנגעהויבן צו רעוואָלטירן קעגן דער בורישער רעפּובליק. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט באַקאַנט מ.נ. „רעפאָרם־קאָמיטי״, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צוצוגרייטן אַן אויפשטאַנד קעגן דער בורישער מאַכט. צוליב דעם צוועק איז, אין געהיים, אימפּאָרטירט געוואָרן געווער, און מען האָט גענומען אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד.

אין 1896 איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרווו פון אַ רעוואָלט באַוווסט א.נ. „דזשיימעסאָנס רעיד״ — דער היסטאָרישער „דזשיימעסאָנס־איבערפאַל״. ד ר. ד ז ש י י מ ע ס אָ ן, אַן אינטימער פריינד פון ס ע ס ל ר ה אָ ו ד ס, האָט דעם 29־טן דעצעמבער 1895, אָרגאַניזירט אַ מאַרש פון 356 אויפשטאַנדלער, וועלכע זיינען געגאַנגען פון פּיטסאַני (אין בעטשואַנאַ־לאַנד — ניט ווייט פון טראַנסוואַלער גרענעץ) קיין יאָהאַנעסבורג — אַ מהלך פון 185 מייל. דאָס איז געווען אַ פּריוואַטע אַרמיי, וועלכע איז באַשטאַנען פון דערפאַרענע, גוטטרענירטע און גוט־באַוואָפנטע אָפיצערן און זעלנער. ד ר. ד ז ש י י מ ע ס אָ ן האָט געמיינט, אז זיין ארמיי וועט זיך פאַרגרעסערן ביז 800 פּערזאָן, דערוואַרטנדיק, אז אַן דעם דאָזיקן מאַרש וועלן זיך אָנשליסן אויך אַנדערע גרופּעס, מיליטעריש־טרענירטע ענגלענדער — און אז די „רעפאָרם־קאָמיטי״, מיט אירע טויזנטער געהיים־באַוואָפנטע יאָהאַנעסבורגער איינוווינער, וועט העלפן צו פאַרכאַפּן יאָהאַנעסבורג, ווען מען וועט זיך דערנענטערן צו דער שטאָט.

ערב ד ר. ד ז ש י י מ ע ס אָ נ ס ארויסמאַרש פון פּיטסאַני האָט ער געזאָגט פּאָלגנדיקעס: „מיר מאַרשירן לויט דער שריפטלעכער ווענדונג פון די יאָהאַנעסבורגער איינוווינער, אז מען זאָל זיי באַפרייען פון די אומגעהויער־גרויסע לאַסטן״.

דעם 1־טן יאַנואר 1896, איז ער אָנגעקומען אויפן „ראַנד״. צוליב דעם, וואָס ד ז ש י י מ ע ס אָ ן האָט שלעכט אָרגאַניזירט די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד און ניט פאַרקאָנספּירירט זיינע באַוואָפנטע פּלענער, איז דער רעוואָלט דורכגעפאַלן. לעבן קרוגערסדאָרפ זיינען דורך דער בורישער אַרמיי צעשמעטערט געוואָרן זיינע באַוואָפנטע כוחות.

נאָך דעם דורכפאַל פון ד ז ש י י מ ע ס אָ נ ס אויפשטאַנד האָט די בורישע רעגירונג, וועלכע איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דער אַנטי־בורישער אָריענטאַציע פון יאָהאַנעסבורג, זיך גענומען צו אונטערדריקן אירע קעגנערס. אלע 60 מיטגלידער פון „רעפאָרם־קאָמיטי״ זיינען ארעסטירט געוואָרן, און 4 הויפּט־אָנפירערס זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר הויכפאַרראַט. אונטער דעם דרוק פון ענגלאַנד איז זיי די טויט־שטראָף פאַרביטן געוואָרן אויף אַ געלט־שטראָף: יעדערער פון זיי האָט געדאַרפט צאָלן צו 25 טויזנט פונט.

אָבער דאָס וועלן באַזיגן די בורישע רעפּובליק האָט אלץ געטליעט ביז עס האָט אויפגעפלאַקערט די ענגליש־בורישע מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 11־טן אָקטאָבער 1899, און געדויערט ביז דעם 31־טן מיי 1902.

די „אָראַנדזש־פריישטאַט״ רעפּובליק, וועלכע האָט זיך אין דרום געגרע־נעצט מיט דער טראַנסוואַלער, האָט געהאַט געשלאָסן אַ בונד מיט דער טראַנס־וואַלער רעפּובליק, און ביים אויסברוך פון קריג איז זי געקומען העלפן די טראַנסוואַלער בורן.

דעם 31־טן מיי 1900, האָט די ענגלישע ארמיי באזיגט די בורן און אריינ־געמאַרשירט אין יאָהאַנעסבורג. בעת די ענגלישע ארמיי האָט זיך דערנעענ־טערט צו פּרעטאָריע, האָט דער „אַלטער לייב״ — פּרעזידענט קרוגער — פאַרלאָזן זיין פאָטערלאַנד און איז אוועקגעפאָרן קיין איראָפּע. אין עטלעכע יאָר ארום איז ער געשטאָרבן אין דער שווייץ.

כינעזישע מינען־אַרבעטער

אין דער צייט פון קריג האָבן דאָס רוב גאָלד־גרובן אין יאָהאַנעסבורג כמעט אויפגעהערט צו פּראָדוצירן[8]. דאָס רוב פון די 112 טויזנט אַפריקער־מינען־ארבעטער זיינען זיך צעלאָפן צו זייערע היימען.

די בוי־אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַ ברויזנדיקע שטורעם־שטאָט איז פאַרשטומט געוואָרן.

נאָכן שליסן דעם שלום האָט די פאַראָרעמטע און צעמזיקטע טראַנסוואַל אָנגעהייבן קומען צו זיך. די גאָלד־מינען האָבן אָנגעפאַנגען אויפסניי צו ארבעטן. יאָהאַנעסבורג האָט אויפגעלעבט. ס'איז ווידער פּראָדוצירט געוואָרן גאָלד אויף א גרויסן מאַסשטאַב. די שטאָט האָט אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצו־וואַקסן. די גאָלד־מאַגנאַטן זיינען דאָך געווען די גרויסע זיגערס.

אַלע גאָלד־מינען־געזעלשאַפטן האָבן געוואָלט אַרבעטן מיט אַ גרעסערן פאַרמעסט, כדי ארויסצוקריגן וואָס מער גאָלד. אָבער ס'האָבן געפעלט אר־בעט־הענט. די אַפריקער האָבן ניט געוואָלט גיין ארבעטן אין די מינען. די מאַגנאַטן האָבן אָנגעווענדט אַלע כיטרע מיטלען אויף צו ווערבירן אַפריקער צו דער אַרבעט. אָבער זיי האָבן געקראָגן צו דער אַרבעט אין די מינען ניט מער, ווי 55,500 אפריקער.

די מינען־מאַגנאַטן האָבן דאַן געפּועלט ביי דער רעגירונג, אז מען זאָל אימפּאָרטירן כינעזישע אַרבעטער. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם באַשלוס פון דער רעגירונג. אָבער ס'האָט גאָרניט געהאָלפן, ווייל די גאָלד־מאַגנאַטן האָבן דאַן געהאַט אַ דעצידירנדיק וואָרט אין דער רעגירונג.

אויף ווי ווייט די גאָלד־מאַגנאַטן זיינען געווען די באַלעבאַטים פון יאָהאַ־נעסבורג, קען אילוסטרירן דאָס פאָלגנדיקע: ווען די גאָלד־מאַגנאַטן האָבן געמאָלדן אין 1903, אז זיי האָבן בדעה צו אימפּאָרטירן כינעזישע אַרבעטער

---

[8]) דאָך פלעגט די בורישע רעגירונג ארויסקריגן פון די מינען אין מלחמה־צייט גאָלד אין ווערט פון איבער 200 טויזנט פונט אַ חודש. דאָס האָט געהאָלפן דער בורישער רעפּוב־ליק אָנצופירן מיטן קריג.

פאַר די גאָלד־גרובן, האָט זיך אויפגעהייבן א שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן דעם, הויפּטזאַכלעך, פון די בורן. אויף דעם האָבן די גאָלד־מאַגנאַטן געענטפערט אין לאָנדאָנער „דיילי מייל" פון 8־טן יוני 1903: „מען דאַרף לערנען די באַפעלקערונג פון יאָהאַנעסבורג צו פאָלגן, וואָס די מינען־מאַגנאַטן ווילן. אויב די באַפעלקערונג וויל ניט מיטן גוטן ווילן אַקצעפּטירן דאָס אַנגאַזשירן כינעזישע אַרבעטער, דאַרף מען פאַרמאַכן די מינען, און דער דרוק, וואָס עס וועט מאַכן אויפן „ראַנד", וואָלט זיי גוט אָנלערנען".

אין יוני 1904 איז געקומען דער ערשטער טראַנספּאָרט פון 1055 כינעזישע אַרבעטער. דערנאָך זיינען זיי געקומען אין גרעסערע צאָלן, ביז עס האָט דערגרייכט איבער 50 טויזנט כינעזער[2]. די גאָלד־מאַגנאַטן זיינען געווען זייער צופרידן פון די כינעזישע אַרבעטער, ווייל די גאָלד־פּראָדוקציע איז אומגעהויער געשטיגן. אָבער די אָנוועזנהייט פון אזא גרויסער אומוויסנדיקער און ניט־קולטורעלער מאַסע כינעזער, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון יונגע שלאַנקע מענער, אָן פרויען, און דערצו מיט אַן עקזאָטישן אויסזען — זיי האָבן געטראָגן לאַנגע צעפּ און שטאַרק־בונטע קליידער — האָט ארויפגעוואָרפן אַ גרויסע מורא אויף יאָהאַנעסבורג. דאָס רוב פון די אריבערגעבראַכטע כינעזער זיינען געווען גרויסע „געמבלערס". דערפון זיינען אָפט ארויסגעקומען מערדערייען. זיי האָבן אָפט פאַרגוואַלדיקט פרויען, ספּעציעל אַפריקער פרויען. א סך פון די כינעזער האָבן געערויכערט אָפּיום און האָבן אויך אָרגאַניזירט באַנדיטן־גרופּעס.

עס האָט זיך אין לאַנד אָנגעהויבן אַ גרויסע פּראָטעסט־כוואַליע קעגן דעם, וואָס די רעגירונג האָט אימפּאָרטירט די כינעזישע אַרבעטער. אין דעם פּראָטעסט האָבן זיך באַטייליקט ניט נאָר ווייסע אַרבעטער־פירערס, נאָר אויך די אַלגעמיינע באַפעלקערונג. די רעגירונג — מורא האָבנדיק, אז דאָס וועט ארויסרופן אַ בירגער־קריג, — האָט באַשלאָסן צוריקצושיקן די אימפּאָרטירטע כינעזער צו זייערע היימען. אין 1907 האָט מען אָנגעהויבן ארויסצושיקן די כינעזער, און אין 1910 האָבן די לעצטע כינעזישע אַרבעטער פאַרלאָזן דרום־אַפריקע.

עס בויט זיך אַ מעטראָפּאָליע

צוגלייך מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער גאָלד־פּראָדוקציע איז אויך געוואַקסן די באַפעלקערונג. די שטאָט יאָהאַנעסבורג האָט, חוץ אין די יאָרן פון ענגליש־בורישן קריג, כסדר זיך געבויט און פאַרגרעסערט אָן אַן איבעררייס.

אין דעם אַנטשטייאונג־פּעריאָד פון יאָהאַנעסבורג האָט מען אויפגעשטעלט פּשוטע לייוונטענע געצעלטן („טענטס"), הייזקעס פון בלעך און האָלץ, פון ציגל און ליים. אָבער מיט דער פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג, מיטן וווקס פון די גאָלד־רייכקייטן האָט זיך נאָכאַנאַנד געביטן דער אויסזען פון דער שטאָט.

---

[2]) א סך פון זיי זיינען געווען אַ קרימינעלער עלעמענט, רעקרוטירט פון די תפיסות.

מ׳האָט אָנגעפאַנגען צו בויען גרויסע מאָדערנע געביידעס און צום סוף 1895 זיינען שוין געווען איניקע 7—8 גאָרנדיקע מויערן. אפילו אין 1910, און אויך שפּעטער, האָט געמאַכט א קאָמיש־משונהדיקן איינדרוק דער קאָנטראַסט פון הויכע מאָדערנע בנינים לעבן איינשטאָקיקע בלעכענע פאַרזשאַווערטע הייזקעס אין סאַמע צענטער פון שטאָט. און אזוי איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקער פּראָצעס פון בויען גרויסע מאָדערנע געביידעס אויפן אָרט פון די אַלטע כאַלופּעס. דער דאָזיקער פּראָצעס קומט פאָר אויך ביזן היינטיקן טאָג.

יאָהאַנעסבורג איז אויסגעוואַקסן אין א גרויסער שטאָט מיט גרויסע מאָדערנע מויערן, מיט זויבערע גאַסן און פיינע טראָטואַרן.

די גרעסטע געביידע איז, דערווייל, דאָס „עסקאָם־הויז" — אַן 21 שטאָקיקער שיינער בנין.

ווען מען שטייט אויף בארגיקע הייכן אין שטאָט, אנטפּלעקט זיך אַ פּאַנאָראַמע פון וואָלקנקראַצערס. אַן אימפּאָזאַנט בילד — מיט צענדליקער טויזנטער קאָלירטע ליכט — דערזעט מען ביינאַכט, בעת מען פליט איבער יאָהאַנעסבורג.

יאָהאַנעסבורג האָט אַ סך רייכע, שיינע פאָרשטעט מיט ווילעס. יעטוועדע ווילע פאַרנעמט ניט ווייניקער ווי אַן אַקער־ערד. גלייכצייטיק לעבן אין א סך אַנדערע פאָרשטעט פיל מענטשן אין זייער שלעכטע היגיעניש־סאַניטאַרע באַ־

יאָהאַנעסבורג און די גאָלד־מינען אין הינטערגרונט.

דינגונגען. אָפט לעבן גאַנצע משפחות אין איין צימער. באַזונדערס שאַטנדיק זעט אויס דאָס לעבן אין די שטחים, וואָס זיינען באַשטימט פאַר די אַפריקער און קאָלירטע. אין די „לאָקיישנס" — די געטאָס פאַר די שוואַרצע — לעבן הונדערטער טויזנטער אַפריקער מיט זייערע פאַמיליעס און קינדער. זיי לעבן אין בלעכענע און ליימענע הייזקעס, ענג און שמוציק. א סך וווינען אין די מוניציפּאַליטעט־הייזקעס. די מוניציפּאַליטעט פאַרמעגט אין די פאַרשטעט פאַר אַפריקער 17,765 קליינע הייזקעס, 72 כאַלופּקעס און 4,142 צימערן, וועלכע זי פאַרדינגט צו אַפריקער פאַר צוגענגלעכע פרייזן. צוליב דעם גרויסן מאַנגל אין הייזער לעבן דאָרטן עטלעכע פאַמיליעס אין איין הייזקע. בכלל זיינען דאָרט די סאַניטאַר־היגיענישע באַדינגונגען זייער שלעכטע. די טויזנטער קינדער, וועמענס עלטערן אַרבעטן אין שטאָט, ווערן איבערגעלאָזט אויף הפקר. נאָר א קליינע צאָל קינדער האָבן די מיגלעכקייט צו באַזוכן די שולן. זייער שול און היים זיינען די גאַסן פון די „לאָקיישנס". זיי זיינען קאַנדידאַטן פאַר קראַנקייטן, אומוויסנקייט און פאַרברעכנס.

לויט דער שטאָטישער סטאַטיסטיק איז ביזן ערשטן יולי 1949 געווען די באַפעלקערונג אין יאָהאַנעסבורג 839,154 נפשות, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אפריקער — 452,310, ווייסע — 343,192, קאָלירטע — 26,850, אינדיער, כינעזער און אַנדערע — 16,802. חוץ די אויבנדערמאָנטע ציפערן קען מען צורעכענען נאָך 111,082 אַפריקער, וועלכע לעבן אין די ווייטערע פאַרשטעט. אין אַלעקסאַנדראַ צ.ב. לעבן 75 טויזנט אַפריקער. דאָס הייסט, אז אריינרעכענענדיק די אפריקער־באַפעלקערונג פון די ווייטערע פאַרשטעט, וועלכע אַרבעטן אין יאָהאַנעסבורג (אָבער ווערן אין שטח פון יאָהאַנעסבורגער מוניציפּאַליטעט ניט אריינגערעכנט), וועט די צאָל פון דער אַפריקער באַפעלקערונג פאַרגרעסערט ווערן ביז 563,392.

די גרעסטע צאָל אַפריקער וווינען אין די פאָלגנדיקע פאַרשטעט: אין אָרלאַנדאָ וווינען 97 טויזנט אפריקער, אין מאָראַקאָ — 65 טויזנט, אין פּימוויל — 21,310, אין סאָפאַיעטאַון־מאַרטינדייל — 66,500, ניוקלער — 16 טויזנט, אין מוניציפּאַלע „קאָמפּאַונדס" (קאַזאַרמעס פאַר די מוניציפּאַלע אַפריקער־אַרבעטער) — 11,500, אין אינדוסטריעלע „קאָמפּאַונדס" — 9,600, אַפריקער־מינען־אַרבעטער — 44,600. דאָס זיינען נאָר די יעניקע, וועלכע קומען אריין אין די מוניציפּאַלע גרענעצן פון יאָהאַנעסבורג.

לויט דער סטאַטיסטיק פאַרן יאָר 1952/3 ציילט די באַפעלקערונג פון יאָהאַנעסבורג 1,070,380 נפשות. דערפון זיינען 612,480 אַפריקער (אריינרעכענענדיק די ווייטערע פאַרשטעט; די סטאַטיסטיקער פון דער יאָהאַנעסבורגער מוניציפּאַליטעט מיינען, אז די צאָל אַפריקער איז גרעסער מיט איבער הונדערט טויזנט מענטשן), 350,500 זיינען ווייסע, 32,100 קאָלירטע און 21,600 — אזיער.

די סטאַטיסטיק פאַרן זעלבן יאָר (1952/3) גיט אָן, אז אין יאָהאַנעסבורג זיינען דאָ אַפריקער באַדינערס (מענער און פרויען) 98 טויזנט. צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון זייערע באַלעבאַטים וווינען דאָס רוב פון זיי אין הינטער־צימערלעך לעבן די ווייסע. אגב, איז כדאי אונטערצושטרייכן, אז דער גאָר

גרעסטער טייל פון די ווייסע קינדער אין יאָהאַנעסבורג ווערן ביזן שול־עלטער (און אפילו אויך שפּעטער) אויפגעפּאַסט פון די שוואַרצע דינסטן.

צוליב די שלעכטע וווין־באַדינגונגען איז די שטערבלעכקייט פון די אַפרי־קער און קאָלירטע אַ גרויסע. פאַר דעם יאָר 1948—1949 זיינען געווען די געבורטן און שטערבלעכקייט־פאַלן פאָלגנדיקע: געבורטן פון אפריקער און קאָלירטע 9894, און פון ווייסע — 8556; שטערבלעכקייט־פאַלן — 6396 אפרי־קער און קאָלירטע, און 2809 ווייסע.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג

די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון יאָהאַנעסבורג באַשטייט אויסשליסלעך פון ווייסע. די אַפריקער און אנדערע ניט־ווייסע איינוווינערס האָבן ניט קיין פאַרטרעטערשאַפט אין איר.

די מוניציפּאַליטעט פון יאָהאַנעסבורג האָט אין יאָר 1952 באַשעפטיקט 21,721 אַנגעשטעלטע (14,148 אַפריקער און 7,513 ווייסע).

די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אַ פאַרצווייגטן דעפּאַרטאַמענט צו העלפן די אַפריקער־איינוווינערס.

פאַר דעם יאָר 1952/3 זיינען פאַרקויפט געוואָרן אויפן מוניציפּאַלן מאַרק פּראָדוקטן — פּרוכטן, גרינסן און היענער אויף דער סומע פון איבער זעקס מיליאָן פונט.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אויך אַ דעפּאַרטאַמענט צו פאַרשענערן די אפריקער־פאָרשטעט "Beautification of Townships". דערויף זיינען געווען באַשעפטיקט נאָר איין ווייסער און פיר אַפריקער אין יאָר 1949. זי האָט אויך אַ דעפּאַרטאַמענט פאַר פאַרווײַלונגען און רעקרעאַציע. דאָס איז גאָר א ברייט פעלד פאַר אַרבעט. עס נעמט אריין א סך צווייגן, ווי ספּאָרט פאַר מענער, פרויען און קינדער, דאָס באַווייזן קינאָמאַטאָגראַפישע בילדער א.א.וו. ביי אָט דעם דעפּאַרטאַמענט זיינען באַשעפטיקט נאָר 8 ווייסע און 12 אַפריקער (1949).

אַ גרויסער טייל פון די אויסגאַבן פאַר דער הילף־אַרבעט, וואָס די מוני־ציפּאַליטעט טוט לטובת די אַפריקער אין די „לאָקיישנס" און אין די אַפריקער־פאָרשטעט, ווערט געדעקט פון די גרויסע פּראָפיטן, וואָס עס ברענגט אריין דער מוניציפּאַלער מאָנאָפּאָל פון ברויזן און פון פאַרקויפן ספּעציעלע ביר פאַר אַפריקער. דער ריווח פון דעם ביר־מאָנאָפּאָל פאַר דעם יאָר פון יולי 1952 ביזן סוף יוני 1953 איז געווען £239,835.

יאָהאַנעסבורג האָט 12 שווים־באַסיינען, 190 שטאָט־גערטנער און עפנט־לעכע פּלעצער, וואָס פאַרנעמען אַ שטח פון איבער זעקס טויזנט אַקער־ערד. פון די 12 עפנטלעכע שווים־באַסיינען און די שטאָט־גערטנער געפינט זיך ניט איינער אין די פאָרשטעט פאַר די אַפריקער און קאָלירטע איינוווינערס. עפנט־לעכע פּלעצער פאַר ספּאָרט האָבן זיי יאָ אין די „לאָקיישנס" און אין די אַפרי־קער־פאָרשטעט.

אין און אַרום יאָהאַנעסבורג — אויפֿן וויטוואַטערסראַנד — אַרבעטן אַן ערך 300 טויזנט אַפֿריקער אין די גאָלד־מינען. דער גרעסטער טייל פֿון זיי קומט פֿון די שכנישע לענדער: בעלגישע קאָנגאָ, פּאָרטוגעזישע מזרח־אַפֿריקע, סוואַזילאַנד און אַנדערע. זיי לעבן אַלע אין „קאָמפּאַונדס“, פֿון וועלכע זיי טאָרן ניט אַרויסגיין אָן אַ דערלויבעניש. די „קאָמפּאַונדס“ ווערן באַוואַכט פֿון אַפֿריקער־פּאָליציי. די „קאָמפּאַונדס“ באַשטייען פֿון גרויסע לאַנגע קאַזאַר־מע־צימערן, אין וועלכע עס זיינען איינגעבויט ווי פּאָליצעס אַ סך צוויי און דריי־גאָרנדיקע אייזערנע, אָדער בעטאָנענע בעטלעך אָן מאַטראַצן און אָן קאָלדרעס. זיי קריגן מעדיצינישע הילף און זעטיקע שפּייז מיטן ציל אויפֿ־צוהאַלטן זייער אַרבעט־פֿעאיקייט. זייערע שכירות זיינען נישטיקע. חוץ אַרבעט, עסן, פֿוטבאָל און אַנדערע ספּאָרטן, — און דאָס איינאָרדענען פֿון צייט צו צייט זייערע נאַציאָנאַלע קריגס־טענץ, ווי אַ רעקרעאַציע — ווערט פֿאַר זיי כמעט ווי גאָרניט געזאָרגט.

אָט די 300־טויזנטיקע מאַסע לעבט אין ענגע אָפּגעגרענעצטע שטחים, ווייט פֿון זייערע פֿאַמיליעס און פֿרויען. דאָס זיינען געזונטע יונגע מענער, וואָס זיינען אָפּגעריסן פֿון זייער נאַטירלעכן סעקסועלן לעבן. אָט די אויפֿגע־צוווּנגענע לעבנס־באַדינגונגען האָבן געבראַכט זיי צו האָמאָסעקסואַליזם און אָנאַניזם. ווענערישע קראַנקייטן ווערן צווישן זיי פֿאַרשפּרייט דורך די שוואַרצע גאַסן־פֿרויען, וועלכע דרייען זיך אַרום ביי די „קאָמפּאַונדס“. צוליב דער פֿאַר־שפּרייטונג פֿון האָמאָסעקסואַליזם ליידן פֿיל פֿון זיי פֿון אַנאַלע ווענערישע קראַנקייטן. זיי ברענגען אָט די דאָזיקע קרענק אַהיים און פֿאַרשפּרייטן עס אויך דאָרטן.

צוליב די ניט־נאַטירלעכע לעבנס־באַדינגונגען און שיכרות אין די „קאָמ־פּאַונדס“ קומען פֿאָר אָפֿט געשלעגן צווישן די אַפֿריקער פֿון פֿאַרשיידענע שבטים. עס טרעפֿט אויך, אַז פֿון די דאָזיקע געשלעגן זיינען דאָ טויט־פֿאַלן.

די בערזע

דעם 16־טן יאַנואַר 1888, האָט זיך מיט פּאַראַד געעפֿנט די יאָהאַנעסבור־גער בערזע (Stock Exchange). פֿריער פֿלעגט מען האַנדלען מיט גאָלד־אַקציעס אין אַ ניט קיין אָרגאַניזירטער פֿאָרעם. אַ געוויסער פּעריאָד איז געווען, ווען מען פֿלעגט קויפֿן און פֿאַרקויפֿן גאָלד־אַקציעס — אין לאָקאַל פֿון דער בערזע און אין דרויסן — פֿון 7 אינדערפֿרי ביז 12 ביינאַכט.

מענטשן פֿלעגן דאָן פֿאַרדינען און פֿאַרלירן מיליאָנען. עס זיינען פֿאָרגע־קומען זעלבסטמאָרדן פֿון ניט־געלונגענע „גאַמבלערס“. עס זיינען אויך דער בערזע פֿאָרגעקומען גרויסע שווינדלערייען. מען פֿלעגט פֿאַלסיפֿיצירן מוס־טערן פֿון גאָלד־פּראָבעס. די געלט־גייציקייט האָט באַהערשט און פֿאַרכשופֿט די מענטשן, ווי עס וואָלט אין זיי אַריין דער דבוק פֿון מידאַס. אָט דער גייסט הערשט נאָך אויך היינט אין אַ געוויסער מאָס, נאָר אין אַ מער געצוימטער און געזעצלעכער פֿאָרעם.

די שטאָט וואַקסט

דאַן האָבן זיך אויך געגומען שאַפן ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס. „באָקסינג" איז געווען אַ גרויסע און פּאָפּולערע פאַרווײַלונג. מען פלעגט אויך שפּילן פוטבאָל, טעניס און ביליאַרד. שוין דעם 30־טן דעצעמבער 1886, איז פאָרגעקומען דער ערשטער פערד־געיעג. עד היום איז פערד־געיעג אָנגענומען פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן ספּאָרט. פאַר דער גאָר גרעסטער מערהייט „שפּילערס" איז דאָס אָבער אַן אַזאַרט־שפּיל.

מיט פאַראַכטונג האָבן אנדערע טיילן פון לאַנד זיך באַצויגן צו יאָהאַנעסבורג, וואָס איז געווען אַנדערש לויטן גייסט און ריטם, ווי דאָס גאַנצע לאַנד. מען האָט יאָהאַנעסבורג טיטולירט מיט פאָלגנדיקע נעמען: „די שטאָט פון גאָלד און הולטייסטווע", „די שטאָט, וואָס האָט ניט קיין טראַדיציע און קיין גאָט", „די שטאָט פון זינד און פאַרברעכן" א.א.

אָבער דאָך האָט דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן אין יאָהאַנעסבורג אָנגעהייבן צו פולסירן. עס האָבן זיך אָנגעהייבן שאַפן בילדונג־אַנשטאַלטן, געזעלשאַפטלעכע קולטור־פאַראיינען, לאַנדסמאַנשאַפטן און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. יעדע נאַציאָנאַליטעט איז געווען פאַרבונדן מיט איר געבוירן־לאַנד, פון וואַנעט מ'האָט באַקומען בריוו, צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער.

די ערשטע קינדער־שול פאַר די אייראָפּעער — מיט 14 שילערס — איז געגרינדעט געוואָרן דעם 3־טן דעצעמבער 1886. אין 1888 זײַנען שוין געווען 7 שולן (4 פון זיי האָבן געהערט צו פאַרשיידענע קירכעס) מיט 355 שילערס. מ'האָט דאָרט געלערנט ענגליש און האָלענדיש. אין לויף פון דער צייט איז געוואַקסן די שול־נעץ.

אין 1904 האָט מען געגרינדעט דעם „טעכנישן קאָלעדזש" — דעם אוניווערסיטעט, ווו מען האָט שטודירט די מינען־אינזשינעריע און אנדערע טעכנישע פאַכן. מיטן וווקס פון דער באַפעלקערונג איז אויך געוואַקסן די צאָל בילדונג־אַנשטאַלטן. יאָהאַנעסבורג האָט היינט־צו־טאָג אַ מאָדערנעם גרויסן אוניווערסיטעט מיט כמעט אלע פאַקולטעטן. די יוגנט דאַרף שוין ניט פאָרן שטודירן עבר לים.

פון ענגלאַנד און אויסטראַליע זײַנען געקומען טעאַטער־טרופּעס, אויך יידישע בתוכם. ס'איז געווען אַ פעריאָד, ווען אין אַ משך פון אַ לאַנגער צייט האָט מען געשפּילט אין 2 טעאַטערס („היס מעדזשעסטיס" און „סטענדערד") ביי פולגעפּאַקטע זאַלן.

אין אָקטאָבער 1886, איז אין יאָהאַנעסבורג אריבערגעקומען אַ קליינע איטאַליענישע אָפּערע. אָפט זײַנען פאָרגעקומען אַמאַטאָרישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן. אויך היינט קומען פאָר, אין אַ פאַרגרעסערטן מאָסשטאַב, אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען. עס ווערן אויך אויפגעפירט אָפּערעס פון צייט צו צייט מיט אַמאַטאָרן און עטלעכע פּראָפעסיאָנעלע זינגערס. עס קומען אָפט וועלט־באַרימטע קינסטלערס, וועלכע גיבן קאָנצערטן. יאָהאַנעסבורג פאַרמעגט זייער שיינע מאָדערנע קינאָס.

אויך אויף דעם פּרעסע־געביט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע שטייגערונג. די טעגלעכע צייטונגען זיינען דאַן ארויסגעגעבן געוואָרן דורך די גאָלד־מאַג־נאַטן. שפּעטער־צו האָבן געגומען ד'ערשיינען אויך וואָכנטלעכע און חודש־זשורנאַלן.

אין די גאָר ערשטע יאָרן פון דער אַנטשטייאונג פון יאָהאַנעסבורג האָט זיך געגרינדעט אַ ביבליאָטעק, וואָס איז אזוי אויסגעוואַקסן, אז צום היינטיקן טאָג ציילט זי איבער אַ האַלבן מיליאָן ביכער מיט קרוב צו 93 טויזנט לייענערס.

אין מערץ 1888, איז געגרינדעט געוואָרן דער יאָהאַנעסבורגער שפּיטאָל, וואָס האָט זיך איינגעקוואַרטירט אין לייוונטענע ביידלעך. היינט איז ער אויס־געוואַקסן אין אַ גראַנדיעזער הייל־אינסטיטוציע פאַר ווייסע און שוואַרצע. דער שפּיטאָל באַשעפטיקט 4463 מענטשן, אריינרעכנענדיק 270 פּערמאַנענטע דאָקטוירים, 1490 קראַנקנשוועסטערס (ווייסע און שוואַרצע — קוואַליפיצירטע און נאָך ניט קיין קוואַליפיצירטע), און האָט טאָג־טעגלעך אן ערך 2500 פּאַ־ציענטן (לויט דער סטאַטיסטיק פון 1949).

אַ רעוואָלוציאָנערע ארבעטער־באַוועגונג

יאָהאַנעסבורג האָט שוין אין די ערשטע יאָרן געהאַט פּראָגרעסיווע און אַרבעטער־געזעלשאַפטן. די אַקטיוויטעט פון די געזעלשאַפטן האָט זיך אויס־געדריקט אין און ארום די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, זיינען געקומען אין די ערשטע יאָרן א סך ענגלישע מינען־אַרבעטער. זיי האָבן געהאַט אַ טראַדיציע פון געהערן צו אַן אָרגאַניזירטער פּראָפעסיאָנע־לער באַוועגונג, וואָס האָט געקעמפט פאַר בעסערע אַרבעט־לוינען און באַדינ־גונגען. זיי, די דאָזיקע אַרבעטער, האָבן געגרינדעט די היגע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין יאָהאַנעסבורג האָבן זיך באַשעפ־טיקט נאָר מיט פּראָפעסיאָנעלע ענינים צום גונסטן פון די ווייסע ארבעטער. (ערשט שפּעטער־צו האָבן זיך אויך גענומען אָרגאַניזירן, אין אַ באַגרענעצטער צאָל, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די אַפריקער און קאָלירטע ארבעטער, וועלכע זיינען אָנגעפירט געוואָרן דאָס רוב דורך די ווייסע).

עס זיינען אין יאָהאַנעסבורג פאָרגעקומען שטרייקן פון ווייסע ארבעטער. דער ערשטער שטרייק איז געווען אין דעצעמבער 1887, פון די טעלעגראַפיסטן. זיי האָבן געשטרייקט הלמאי זיי דאַרפן ארבעטן 12—14 שעה אַ טאָג אין בלע־כענע געביידעס, וואָס ווערן אזוי אָנגעגליט פון דער זון, און אויך צוליב דעם, וואָס זיי קריגן ניט זייער לוין אין דער צייט. די רעפּובליקאַנישע רעגירונג האָט אַלע שטרייקערס אָפּגעזאָגט פון זייערע פּאָסטנס.

אין 1907 איז פאָרגעקומען אַ שטרייק פון 6400 ווייסע מינען־אַרבעטער. אַ גרויסער אַלגעמיינער שטרייק איז אויסגעבראָכן אין 1913. די ארבעטער זיינען געווען אזוי אויפגעבראַכט, אז זיי האָבן אראָפּגעשלעפּט די לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסטן פון די באַנען. מ'האָט אונטערגעצונדן דעם וואָקזאַל און די גע־ביידע פון דער גרעסטער טעגלעכער צייטונג, וואָס איז געווען די שטים פון די

באַלעבאַטים. די רעגירונג האָט דערקלערט קריג־צושטאַנד און ארויסגערופן די אַרמיי. געזיגט האָבן דאַן די שטרייקערס.

אַ שטרייק פון באַן־אַרבעטער איז פאָרגעקומען אָנפאַנג 1914. די רעגירונג האָט ווידער דערקלערט קריג־צושטאַנד און מאָביליזירט די בורישע פויערים. אין די טויזנטער זיינען זיי געקומען אין יאָהאַנעסבורג, רייטנדיק אויף פערד און מיט געלאָדענע ביקסן אויף די פלייצעס. מען האָט אָנגעשטעלט אַ האַרמאַט אויף דעם בנין פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין און געפאָדערט, אז די שטרייק־אָנפירערס זאָלן זיך אונטערגעבן. ווען די דאָזיקע שטרייק־פירערס האָבן זיך אונטערגעגעבן, האָט מען זיי אַלעמען אַרעסטירט. 9 פון זיי האָט מען דעפּאָר־טירט קיין ענגלאַנד (8 פון זיי זיינען געווען ענגלענדער, און איינער — אַ האָ־לענדער). דעם שטרייק האָבן דאַן די אַרבעטער פאַרלוירן.

אָנפאַנג יאַנואַר 1922, האָט זיך אָנגעהייבן דער גרעסטער רעוואָלוציאָנע־רער אַרבעטער־שטרייק פון די ווייסע מינען־אַרבעטער, אין וועלכן עס זיינען אריינגעצויגן געוואָרן כמעט אַלע אנדערע ווייסע ארבעטער. אָט דער אלגע־מיינער שטרייק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויפשטאַנד. מ'האָט אויפגע־שטעלט באַריקאַדן און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם אָנגרייפנדיקן מיליטער. דער שטרייק האָט אָנגעהאַלטן ביזן 19־טן מערץ 1922, און די רעגירונג האָט ענדלעך דערשטיקט אים אין בלוט. עס זיינען געהרגעט געוואָרן 153 פּערזאָנען און 534 זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. זינט דאַן האָבן די בורן אָנגעהייבן אריינ־צוטרעטן אין אַ גרעסערער צאָל פאַר מינען־אַרבעטער, און ביסלעכווייז האָבן זיי איבערגענומען די אָנפירונג איבער די ווייסע מינען־אַרבעטער.

נאָך פאַר דעם שטרייק פון די ווייסע מינען־אַרבעטער איז אין פעברואַר 1920, דורכגעגאַנגען אַ ציטער איבער יאָהאַנעסבורג און אויך איבערן גאַנצן לאַנד. 71 טויזנט אַפריקער פון 22 גאָלד־מינען זיינען געבליבן ליגן אין די בעטן און ניט געגאַנגען אַרבעטן אין די מינען. זיי האָבן געפאָדערט העכערע שכירות, בעסערע באַדינגונגען און פּראָטעסטירט קעגן טראָגן פעסער. די רעגירונג און די גאָלד־מאַגנאַטן האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. מ'האָט זיי פאַראומצירט און אָנגענומען שטרענגע מאָסמיטלען, ווי זיי צו צווינגען צוריק־קערן זיך צו דער אַרבעט. דער שטרייק האָט געדויערט אַ וואָך. די שטריי־קערס האָבן געהאַט אַ סך פאַרוואונדעטע און אויך אַ פאַרלוסט פון מענטשן. מיט די נאַגייקעס האָט מען זיי געצוווּנגען גיין צו דער אַרבעט. די ווייסע מינען־אַרבעטער האָבן די שטרייקנדיקע אַפריקער אַרבעטער ניט געהאָלפן, פאַר־קערט — פיל פון די ווייסע ארבעטער האָבן איבערגענומען די פונקציעס פון שטרייקברעכערס.

אין 1930 זיינען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַטיווע פּראָטעסטן פון אפריקער קעגן דעם, וואָס זיי דאַרפן טראָגן פעסער. מען פלעגט זיך צונויפקומען אויף עפנטלעכע פלעצער און דעמאָנסטראַטיוו פאַרברענען די פעסער.

אין אויגוסט 1943, האָבן די באַלעבאַטים פון די אויטאָבוסן, וואָס קורסירן צווישן אַלעקסאַנדרא און שטאָט, געהעכערט דאָס פאָר־געלט אויף 25 פּראָצענט. גלייך, גאַנץ ספּאָנטאַן, האָבן די אַפריקער סאָלידאַר באָיקאָטירט די אויטאָבוסן.

און געפּאָדערט צוריקצושטעלן דעם פֿריערדיקן פּרייז. 15 טויזנט אַפֿריקער פֿלעגן יעדן פֿרימאָרגן גיין צו דער אַרבעט — אַ מהלך פֿון 9 און אַ האַלב מייל ביזן צענטער פֿון שטאָט — צופֿוס, אָדער געפֿאָרן אויף וועלאָסיפּעדן. אָט דער באָיקאָט האָט געדויערט ניין טעג. מ'האָט צוריקגעצויגן די העכערונג.

דער צווייטער אויטאָבוס־באָיקאָט אין אַלעקסאַנדראַ, אויך צוליב דער העכערונג פֿון פֿאָר־געלט, איז אויסגעבראָכן דעם 14־טן נאָוועמבער 1944. דער דאָזיקער באָיקאָט איז געווען אָרגאַניזירט. ער האָט געדויערט גאַנצע 7 וואָכן. געענדיקט האָט זיך מיט דעם, וואָס אנשטאָט העכערן דעם פּרייז, האָבן די באַלעבאַטים געפּועלט, אַז די אַפֿריקער זאָלן קויפֿן פֿאָר־בילעטן אין קופּאָן־ביכלעך און ניט דאַרפֿן צאָלן יעדן מאָל באַזונדער.

זייער טראַגיש איז דורכגעגאַנגען דער דאָזיקער 7 וואָכיקער באָיקאָט פֿון דער אַפֿריקער־באַפֿעלקערונג אין אַלעקסאַנדראַ. אין די באַגינען־שעהן האָט די אַפֿריקער־באַפֿעלקערונג פֿון אַלעקסאַנדראַ גענומען מאַרשירן צו דער אַר־בעט. נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט האָבן די פֿיל טויזנטער מענער און פֿרויען — יונג און אַלט — זיך געשלעפּט צופֿוס צו זייערע היימען. מען איז געפֿאָרן אויף וועלאָסיפּעדן, אויף אייזלען און פֿערד, איינגעשפּאַנטע אין וועגענער, אָדער אין לאַסט־אויטאָס. די גאַס „לואי באָטהא עוועניו", וואָס פֿירט פֿון אַלעקסאַנ־דראַ צו יאָהאַנעסבורג איז געווען באַגינען און פֿאַרנאַכט איבערפֿולט מיט גייענ־דיקע אַפֿריקער, וועלכע האָבן זיך אַנטשלאָסן דורכצופֿירן מיט דערפֿאָלג דעם באָיקאָט. אַ סך ווייסע האָבן דאַן אַרויסגעוויזן פֿאַרשטענדעניש און פֿריינד־שאַפֿטלעכקייט צו די אַפֿריקער, פֿירנדיק אַ סך פֿון זיי צו דער אַרבעט און צוריק.

אין אויגוסט 1946, האָבן איבער 50 טויזנט אַפֿריקער מינען־אַרבעטער פֿאַרשטרייקט, פֿאָדערנדיק אַ העכערן געהאַלט, מיטן מאָטיוו, אַז די פּרייזן פֿון לעבנסמיטלען און אַלערליי אַנדערע אַרטיקלען זיינען אין די מלחמה־יאָרן גע־שטיגן. דער דאָזיקער שטרייק איז דערשטיקט געוואָרן. עס זיינען געפֿאַלן 10 טויטע און אַ סך פֿאַרוווּנדעטע.

יאָהאַנעסבורג — דער צענטער פֿון דרום־אַפֿריקע

ביז מיט אַן ערך 30 יאָר צוריק האָט מען אין יאָהאַנעסבורג שטאַרק גע־פֿילט, אַז מען לעבט אין אַ גאָלד־מינען־צענטער. די אָפֿטע גרויסע ערד־אויפֿטרייסלונגען פֿון די דינאַמיט־אויפֿרייסן פֿלעגן אַ טרייסל טאָן יאָהאַנעסבורג. הייזקעס, אָדער בלעכענע צימערלעך, ניט ווייט פֿון די מינען־שאַכטן, פֿלעגן איינפֿאַלן. די ערד־ציטערנישן האָבן יעדערן דערמאָנט, אַז אונטער אַ טייל פֿון שטאָט, טיף אין דער ערד, אַרבעטן אַ סך מענטשן, וועלכע עגבערן די ערד אַלץ טיפֿער און טיפֿער. די גרויסע גרויע שטויב־ווינטן פֿון די מינען־בערג, איבערהויפּט אין די אויגוסט־טעג, פֿלעגן אויסשפּרייטן אַ פֿינצטערניש אויף די וועגן אַרום די גאָלד־גרובן. די אויטאָס האָבן פּשוט ניט געקענט פֿאָרן, אויב זיי האָבן אין מיטן העלן טאָג ניט אָנגעצונדן די אויטאָ־ליכט.

היינט איז דאָס שוין אַלץ פֿאַרשוווּנדן. די זאַמד־בערג, וואָס די מינען „שפּייען“ ארויס, ווערן מיט כעמישע שטאָפֿן באַשפּריצט, אז זיי זאָלן ניט שטויבן. מען ארבעט אין די מינען אַ סך טיפֿער. דעריבער זיינען די ערד־אויפֿטרייסלונגען ניט אזוי אָפֿט, און מען פֿילט זיי ניט אזוי שטאַרק. ווייניק יאָהאַנעסבורגער בירגער גיבן זיך היינט אָפּ אַ חשבון, אז זיי גייען אויף ערד, וווּ טיף אונטער איר אַרבעטן טויזנטער מענטשן.

בכלל געוווּנען האָט יאָהאַנעסבורג זייער אַ מילדן און גוטן קלימאַט. זומער־צייט — אין די הייסע טעג — פֿאַרעט ניט, עס שוויציקט ניט, און די אָוונטן זיינען אויסגעשטערנטע און קילע. אין ווינטער רעגנט ניט און די זון שיינט. אַן ערך 350 טעג אין יאָר איז יאָהאַנעסבורג באַשיינט פֿון דער זון.

אַלע שטעט אין דרום־אפֿריקע צוזאַמען האָבן ניט געשפּילט די ראָל, וואָס יאָהאַנעסבורג האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דרום־אפֿריקע. ווען ניט יאָהאַנעסבורג, וואָלט אפֿשר דרום־אפֿריקע נאָך געווען אַ פֿאַרוואָרפֿענער פּרימיטיווער ווינקל, וועגן וועלכן עס וואָלטן געוווּסט נאָר די יעניקע, וואָס לערנען געאָגראַפֿיע. די געשיכטע פֿון יאָהאַנעסבורג איז די געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג און פּאָליטיק פֿון דרום־אפֿריקע.

אויפֿן שטח פֿון הויפּט־גאָלד־אָדער, מיט יאָהאַנעסבורג אַלס צענטער, האָבן די גאָלד־מינען ביזן סוף יאָר 1952 פּראָדוצירט 513,973,054 אַנצעס גאָלד (16,062 טאָן) אין ווערט פֿון £3,277,205,978.

פֿאַר די דערפֿינדערס פֿון דעם דאָזיקן גרויסן הויפּט־גאָלד־אָדער איז ביז איצט נאָך ניט געשטעלט געוואָרן קיין דירעקטער דענקמאָל, פּונקט ווי עס זיי־



גאָלד „גייט“ צום וועלט־מאַרק.

נעץ ניטאָ אין לאַנד קיין דענקמעלער פאַר די אַנטפּלעקערס פון דעם דרומדיקן טייל פון אַפריקע — באַרטהאָלאָמי דיעז און וואַסקאָ דע גאַמאַ.

בכלל פאַרמאָגט יאָהאַנעסבורג גאָר ווייניק דענקמעלער. אויף אירע מאָדערנע געביידעס פעלט די קינסטלערישע האַנט פון סקולפּטאָרן.

טראָץ דעם, וואָס יאָהאַנעסבורג ציילט ניט מער ווי אַ באַפעלקערונג פון איבער אַ מיליאָן, פאַרנעמט זי אַ שטח פון 94 קוואַדראַט־מיילן. יאָהאַנעסבורגער גאַסן ציען זיך אויף אַ מהלך פון 1059 מיילן.

די שטאָט — אַ חוץ א סך פאַרשטעט, וואָס נוצן וואַסער פון אייגענע אַרטיזאַנישע ברינעמער — פאַרניצט 30 מיליאָן גאַלן וואַסער טעגלעך.

אין און ארום יאָהאַנעסבורג ווערט געשאַפן אן ערך 45 פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע אין לאַנד.

יאָ, אָט־די דאָזיקע מאָדערנע גרויסע שטאָט מיט אלע מאָדערנע און סאַניטאַרע איינריכטונגען און זיבערע גאַסן, איבער וועלכע עס לויפן איצט צענדליקער און צענדליקער טויזנטער אויטאָמאָבילן, (איבער 115 טויזנט), אַ סך לאַסט־וועגענער, אויטאָבוסן און עלעקטרישע־טראַמווייען, — האָט, מיט אַן ערך 69 יאָר צוריק, (12־טן אָקטאָבער 1885), געוואָלט איינער יאָהאַנעס קריסטיאַן קריגלער, אַרענדירן פאַרן פּרייז פון ‎-/10‎ אַ חודש!

צווייטער טייל

יידן אין יאָהאַנעסבורג

פיאָנערן. — אין ערשטן יאָר. — די ערשטע קהילה. — קאָנפליקטן צווישן שול און סינאַגאָגע. — אַ בהלה — און דאָך קומט מען. — מען שרעקט זיך ניט פאַר שוועריקייטן. — הענדלערס. — די יידן ארום „שמש'ס יאַרד". — קעגנערשאַפט צו רוסישע יידן. — אַנטאַגאָניזם צווישן מזרח־ און מערב־יידן. — קעגנערשאַפט פון פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. — אויפן אַרבעטער־פראָנט. — מען הייבט אָן שעמען זיך מיט יידיש. — רעליגיעזע דיסקרימינאַציע. — יידן און בורן. — יידיש לעבן ביזן קריג. — די נאַציאָנאַל־קולטורעלע ירושה פון דעם פעריאָד 1886—1902.

פיאָנערן

די געשיכטע פון די יידן אין יאָהאַנעסבורג גייט פּאַראַלעל מיט דער געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון אָט־דער מערקווערדיקער שטאָט.

יידן זיינען שוין דאָ געווען דעם 4־טן אָקטאָבער 1886, ווען ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ראַנדיעסלאַכטע און לאַנגלאַכטע פאַר א גאָלד־פעלד.

עס זיינען שוין אויך געווען דאָ יידן, ווען די פאַרמס טערפאָנטיין און דאָרנפאָנטיין, וואָס זיינען היינט קוואַרטאַלן פון יאָהאַנעסבורג, זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר גאָלד־פעלדער אַ וואָך פריער, דעם 27־טן סעפּטעמבער 1886 (דער בראַמפאָנטיין־פאַרם איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ סך שפּעטער).

יידן האָבן באַטראָטן דעם שטח פון יאָהאַנעסבורג, וואָס איז באַשטאַנען דאַן נאָר פון ראַנדיעסלאַכטע, אַ לאַנגע צייט פריער, איידער אימעצער האָט זיך דאָרט באַזעצט.

יידן האָבן געלעבט אין דער נייער הויפּטשטאָט פּרעטאָריע, אין דער אַלטער הויפּשטאָט פּאָטשעפסטראָם און, מסתמא, אויך אין היידעלבערג — די דעמאָלטיקע הויפּטשטעט פון דער רעפּובליק — אַ לאַנגע צייט פריער, נאָך איידער מען האָט אַנטדעקט דעם גאָלד־אָדער אויפן וויטוואָטערסראַנד.

דער ראַנד, און במילא אויך די שפּעטערדיקע יאָהאַנעסבורג, געפינט זיך אַן ערך, אין צענטער צווישן פּרעטאָריע, הײדעלבערג און פּאָטשעפסטראָם. אַזוי אַרום האָבן שוין דאַן יידישע קאַראַבעלניקעס (אויך באַקאַנט מיטן נאָמען טאָכערס; אין אַפריקע רופט מען זיי שמויזערס; און די יידן דאָ האָבן גע־שאַפן דעם אויסדרוק „טרייערס״), הענדלערס און יידישע פּראָספּעקטאָרס גע־וויס באַטראָטן דעם שטח ערד, וואָס הייסט איצט יאָהאַנעסבורג.

עס איז אַ פאַקט, אַז אַ חוץ דעם, וואָס עס זיינען געווען אין דער געגנט יידישע פּראָספּעקטאָרס, האָבן יידן געהאַנדלט מיט די פאַרמערס אין טערפאָנ־טיין, דאָרנפאָנטיין און בראַמפאָנטיין.

נאָך איידער מען האָט פּראָקלאַמירט ראַנדיעסלאַכטע (יאָהאַנעסבורג), האָבן יידן שוין געהאַט קראָמען און האָטעלן אין און אַרום „פּערעירעס קעמפּ״, אויף דעם טערפאָנטיינער פאַרם. שוין אין אויגוסט און סעפּטעמבער 1886 האָבן דאָרט די ברידער מייקל, מאַרק און קאָ. און מ. טאַטלאַנסקי געהאַט קרעטשמעס (Wayside Hotels). דעם 24־טן סעפּטעמבער האָט מען דאָרט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פון גאָלד־גרעבערס (Diggers Committee). זיינען צווישן זיי דערמאָנט די נעמען: ד. ראָזענטאַל, ניומאַן מאַרקס און ל. מ. האַרט.

אַ היפּשע צאָל יידן זיינען אויך געווען צווישן די הויפּט־פּראָספּעקטאָרס, וועלכע האָבן זיך דערנעענטערט צו דער געגנט, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „וויטוואַטערסראַנד״ מיט יאָהאַנעסבורג אין צענטער, ווו מען האָט אַנט־דעקט דעם רייכסטן גאָלד־אָדער אין דער וועלט.

עס זיינען אויך געווען יידן, וועלכע האָבן אליין אַקטיוו אנטיילגענומען אין פּראָספּעקטן, און האָבן פינאַנצירט די פּראָספּעקטאָרס צו זוכן גאָלד[1]). צווישן זיי זיינען געווען לואי שולטיס, סעמועל קאַלמאַן, מאָריטץ נוסבוים, א. אָ. יאַקאָבי, ד. מ. קיש און אויך פעני ראָזענשטיין — אַ יידישע קאָמערץ־פרוי, אַ פּיאָנערין פון פּרעטאָריע. אָבער די וויכטיקסטע צווישן זיי זיינען געווען אַדאָלף קאָופמאַן און דזשאָרדזש יאַקאָבסאָן, וועלכע האָבן פריער געלעבט אין קראָנשטאָט. דער־נאָך האָבן זיי געוווינט און געהאַט געשעפטן אין פּאָטשעפסטראָם. זייערע נעמען ווערן אָפט דערמאָנט ווי גרויסע אונטערנעמערס ביים פינאַנצירן די גאָלד־פּראָספּעקטאָרס. דזשיימס און עטהעל ל. גרעי שרייבן אין זייערע אויטענטישע און וויסנשאַפטלעכע ביכער — „די געשיכטע פון דערפינדן די וויטוואַטערס־ראַנדער גאָלד־פעלדער״ און „צאָלבאַרע גאָלד״, — אַז „ס'איז געוויס אַ דאַנק דער אויסדויער־קראַפט פון מענטשן, ווי קאָופמאַן און יאַקאָבסאָן, וואָס דער וויטוואַטערסראַנד האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער רעגירונג און פון דער באַפעלקערונג״.

אַ דעצידירנדיקע ראָל האָבן געשפּילט אין דער דערפינדונג פון גאָלד און דעם גאָלד־אָדער די פּראָספּעקטאָרס זיגמונד האַמערשלאַג, שאול יאַקאָבס, הענרי טעאָדאָר באַומאַן, איזיק סאַנענבערג און לואי שולטיס.

---

1) James and Ethel L. Grey "A History of the Discovery of the Witwatersrand Gold-fields" (1940) and "Payable Gold" (1937).

אייזיק סאָנענבערג האָט פּראָספּעקטירט אין די 70־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. ער איז אויך געווען דער פאָרזיצער פון אַ געזעלשאַפט צו פּראָספּעקטן גאָלד אין ראַסטענבערגער געגנט. אין יאָר 1882 איז ער געווען פאַראינטערעסירט ארויסצובאַקומען גאָלד אויפן פאַרם קראָמדראַי, אין וויטוואַטערסראַנד־באַצירק. קראָמדראַי איז געווען דאָס ערשטע גאָלד־פעלד, וואָס די רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט. די פריער דערמאָנטע גרעיס באַטאָנען, אז „אייזיק סאָנענבערגס אנטדעקונג אין קראָמדראַי איז געווען פון גרויסער וויכטיקייט פאַרן אויסגעפינען די גאָלד־אוצרות אויפן ראַנד". וועגן הענרי טעאָדאָר באַומאַן — אַ וויכטיקער געאָלאָג און פּראָספּעקטאָר — זאָגט מען, אז ער האָט געפונען דעם „ברעקלדיקן אָדער" ("Rotten Reef"), וואָס אנטהאַלט גאָלד[2]).

דער פּראָספּעקטאָר שאול יאַקאָבס האָט געשלאָסן א קאָנטראַקט צו פּראָספּעקטן אויף דעם באַוווסטן אויסטהויזנס פאַרם, לאַנגלאַכטע, ווו דער גאָלד־אָדער איז אַנטדעקט געוואָרן, מיט עלף טעג פריער, איידער איינער פון די צוויי אויסטראַליער, דזשאָרדזש העריסאָן און דזשאָרדזש וואָקער, האָבן אנטדעקט פאַר דער וועלט דעם גרעסטן גאָלד־אָדער. די גרעיס זאָגן, „אז אויב מען וואַרפט אָפּ די באַהויפּטונג, אז העריסאָן האָט אנטדעקט דעם גאָלד־אָדער, דאַן קומט — לויט דער צייט נאָך — די אנערקענונג צו זיין דער דערפינדער פון גאָלד־אָדער — יאַקאָבס'ן". זיי גיבן אויך צו, אז שאול יאַקאָבס פאַרנעמט אַן אָרט אויבנאָן, ווי איינער פון די גאָר ערשטע פּראָספּעקטאָרס.

וועגן דעם פּראָספּעקטאָר זיגמונד האַמערשלאַג איז זייער פיל געשריבן געוואָרן, ווי וועגן איינעם פון די וויכטיקסטע פּראָספּעקטאָרס, וועלכע האָבן פיל בייגעטראָגן צו געפינען גאָלד. „אין 1882 האָט זיגמונד האַמערשלאַג און אנדערע אַקטיוו געאַרבעט צו אַנטוויקלען אַ גאָלד־מינע אין טוויפאָנטיין" — אזוי שרייבן די גרעיס.

דעם 20־טן אויגוסט 1885 שרייבט "Die Volkstem„ „לעצטן דינסטאָג האָבן מיר געזען אין Standard Bank אַ סכום גאָלד אין ווערט פון 750 פונט, וואָס איז געקומען פון באַרנאַרדס פאַרם ביים קראָקאָדיל־טייך, ווו האַמערשלאַג האָט במשך פון די לעצטע צוויי חדשים געאַרבעט און געמאָלן קוואַרץ. דאָס איז די ערשטע באַדייטנדיקע קוואַרץ־מיל, וואָס האָט פּראָדוצירט אַזאַ ממשותדיקן סכום גאָלד אין דער געגנט". דאָס איז באַשטעטיקט דורך רעגירונג־קאָמיסיע אין איר רעזומירנדיקן באַריכט פון פעברואַר 1941[3]).

דעם 10־טן נאָוועמבער 1886 האָט מען דאָס ערשטע מאָל אין יאָהאַנעסבורג ארויסגעגעבן פּאַטענטן. האָטעל־פּאַטענטן האָבן געקראָגן די פאָלגנדיקע יידן: גאָלדבערג און קאָ., אייזיק פרעדמאַן, ג. גודמאַן, עדואַרד בערגער, האַרט, י. גינזבורג און וויינשטיין און קאָ. אַ בעקעריי־פּאַטענט האָט געקראָגן גאָלד־

2) "Die Volkstem„ פון 17־טן אויגוסט 1886 שרייבט, אז הענרי טעאָדאָר באַומאַן האָט געפונען דעם „ברעקלדיקן אָדער".

3) "The Discovery of Gold on the Witwatersrand", issued by the Government as a Blue Book, February 1941.

בערג און קאָ., פון די פיר פּאַטענטן צו עפענען קראָמען זיינען דריי פון זיי גע־וועז: גאָלדבערג און קאָ., די ברידער מייקל און מ. ראָזעטענשטיין[4]). יעקב באַומאַן האָט געקראָגן אַ פּאַטענט צו פאַרקויפן געטראַנקען אַנגראָ.

די ערשטע בוי־פּלעצער („סטענדס") האָט מען עפנטלעך פאַרקויפט אין יאָהאַנעסבורג, דעם 8־טן דעצעמבער 1886. דעם „סטענד" נומער 2 האָט גע־קויפט איינער לאָענשטיין; „סטענד" נומער 3 האָט געקויפט בערנשטיין; נומער 5 — אויך אַ בערנשטיין. דער צווייטער פאַרקויף פון „סטענדס" איז פאָרגעקומען דעם 1־טן יוני 1887. דער אויקציאָנער איז געווען אַ ייד — אייזיק דזשייקאָב ליטאָוער.

סוף 1886־טן יאָר האָט א ייד, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין פּרעטאָריע, פיליפּ פערדינאַנד ראָזעטענשטיין, געעפנט אַ קראָם אין יאָהאַנעסבורג.

צו פייערן דעם ערשטן ווייַנאַכטס־יום־טוב („קריסטמעס") און ניי־יאָר ענדע 1886, האָט מען אָרגאַניזירט אַ פערד־געיעג. דער אָנפירער פון „טאַטאַ־ליזאַטאָר" איז געווען דר. ראָזענטהאַל, און ניומאַן מאַרקס איז געווען דער איינ־ציקער, וועלכער האָט גענומען די געוועטן.

די פּאָסט אין יאָהאַנעסבורג, אין אָנהויב 1887, האָט זיך געפונען לעבן געשעפט פון האַרט און הענאָכסבערג.

אָנהויב אַפּריל 1887, „האָבן מ. ראָזעטענשטיין און 95 אַנדערע" געשיקט אַ פּעטיציע צו דער רעגירונג, אז מען זאָל אין יאָהאַנעסבורג איינפירן א טעלע־גראַף־סטאַנציע. (דעם 26־טן אַפּריל האָט מען טאַקע געעפנט די ערשטע טע־לעגראַף־סטאַנציע אין יאָהאַנעסבורג).

אין דער אויפזיכט־ און פלאַניר־קאָמיסיע פון דער פאָרשטאָט מאַרשאַל איז אין יולי 1887 געווען אַ מיטגליד ניומאַן מאַרקס.

„די פאָלקסטעטס" פון 4־טן דעצעמבער 1886, שרייבט וועגן אַ פּלאַץ אין יאָהאַנעסבורג, וואָס געהערט צו פאָקס און סאָנענבערג.

אין ערשטן יאָר

צו פייערן דעם ערשטן געבוירנטאָג פון יאָהאַנעסבורג האָט מען אויסגע־קליבן אַ קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אריין פּרעד מ. קאָהען און ניומאַן מאַרקס.

די ערשטע, וועלכע האָבן געעפנט אַפּטייקן אין יאָהאַנעסבורג, זיינען געווען סיימאָן לאָענשטיין און דר. היימאַן. סיימאָן לאָענשטיין האָט געעפנט זיין אַפּ־טייק אין אַ לייוונטענעם געצעלט. סיימאָן ליסאַק, וועלכער איז שפּעטער גע־וועז איינער פון די גרינדערס פון ביידע סינאַגאָגעס, איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט תבואה. צווישן די גאָר ערשטע קינדער, וועלכע האָבן באַזוכט די ערשטע לערנשול, זיינען געווען יידישע מיידלעך און יינגלעך.

עס זיינען בכלל דאַן געווען זייער ווייניק פרויען אויפן ראַנד. עס ווערט

---

4) אויף זיין נאָמען איז די פאָרשטאָט „ראָזעטענהיל".

דערציילט, אז ווען אַ פרוי איז פאַרבייגעגאַנגען, פלעגט מען זיך אָפּשטעלן קוקן, ווי אויף אַ וווּנדער. קרעמערס מיט זייערע קונדן פלעגן ארויסגיין אָנקוקן די פרוי.

ס'איז געווען אַ פאַל, ווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון גאָלד־גרעבערס איז אָנגעגאַנגען אַ היציקער וויכוח. פּלוצלונג איז אימעצער אריינגעקומען און אויסגערופן: „עס גייען צוויי דאַמען". האָבן אַלע פאַרלאָזן דעם זאַל און געגאַנגען אָנקוקן די פרויען. די פרויען, פילנדיק אזויפיל מענער־בליקן, האָבן זיך געשלייכט ווי צוויי פּאַוועס.

אָבער צווישן דער גאָר קליינער צאָל פרויען זיינען אויך געווען יידישע פרויען אין יאָהאַנעסבורג.

נאָך איידער יאָהאַנעסבורג איז פּראָקלאַמירט געוואָרן איז, אין 1885, שוין געווען אין נאַטאַל־קעמפּ (דער איצטיקער מזרח־טייל פון יאָהאַנעסבורג) אַ פרוי, ג. מילער מיט איר מאַן און זעקס קינדער. איר מאַן האָט געבויט אַ הויז, וואָס איז, אגב, געווען דאָס פינפטע הויז אויפן ראַנד. דאָס הויז האָט זיך געפונען אויפן ווינקל פון די גאַסן קאָמיסיאָנער און פּאָן בראַנדיס. פרוי מילער האָט געהאַט אַ פּיאַנאָ. מען רעכנט, אז דאָס איז געווען די ערשטע פּיאַנאָ אין יאָהאַנעסבורג.

אַ מערקווערדיקער צופאַל איז דאָס, וואָס דער ערשטער פּאַסאַזשיר, וועלכער איז אראָפּגעשטיגן פון ערשטן צוג, וואָס איז אָנגעקומען אין יאָהאַנעסבורג דעם 1־טן אָקטאָבער 1892, איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען לעאָפּאָלד לאָוענטאַל, (ער האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין קימבערלי, פאַר זיין אָנקומען אין יאָהאַנעסבורג). די איינציקע צוויי פאַרשטייערס פון די סוחרים, וועלכע האָבן באַגריסט און געגעבן אַן „אַדרעס" דעם פּרעזידענט, פּאָול קרוגער, ווען ער האָט באַזוכט יאָהאַנעסבורג אין 1890, זיינען געווען די יידן האַרט און הענאָכסבערג.

אין אויגוסט 1893, איז דער בורישער קצב מאַרקעל (אויפן ווינקל פון פּאָקס און סאַוער גאַס) געווען דער ערשטער קצב, וועלכער האָט פאַרקויפט כשרע פלייש; און דער ערשטער שוחט איז געווען דער באַוווּסטער רעליגיעזער ליטווישער ייד, חיים קופּער. אין 1894 האָט שוין דער זעלבער חיים קופּער אליין געעפנט די ערשטע יידישע כשרע יאַטקע.

עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען די פאָלגנדיקע צוויי אינצידענטן: אין מערץ 1887, איז אין יאָהאַנעסבורג פאָרגעקומען אַ פייערונג לכבוד דעם געבורטס־טאָג פון קייזער ווילהעלם. האָט זיך פּלוצלונג אין זאַל אויפגעשטעלט דער ייד זיגפריד גינזבערג און געמאַכט „אַ טאָוסט" פאַר דער ענגלישער קייזערין וויקטאָריא. אזא ניט־דערוואַרטער טאַט האָט אויפגערעגט די אָנוועזנדיקע פּני־העיר. אַ צווייטער אינצידענט איז פאָרגעקומען דעם 4־טן מערץ 1890, ווען פּרעזידענט קרוגער האָט בעת זיינער אַ רעדע, אין יאָהאַנעסבורג, אָנגעגריפן די אויסלענדער. איז אַן ענגלישער ייד מיטן נאָמען לעאָפּאָלד ראַגאָלי שטאַרק דערפון אויפגערעגט געוואָרן. ער איז ארויפגעקראָכן אויף

דער געביידע פון גובערנאַטאָר און ארונטערגעריסן די רעפּובליקאַניש־בורישע פאָן (ער איז, פארשטייט זיך, אַרעסטירט געוואָרן).

אין 1891 איז שוין געקומען אַהער דער ערשטער משולח — אַ רב פון פּאַלעסטינע מיטן נאָמען יוסף הורוויץ. ער האָט געקליבן געלט פאר אָרעמע־לייט און רעליגיעזע אינסטיטוציעס. צווישן די מנדבים איז געווען פּרעזידענט קרוגער. פאר די פּופּציק פונט, וואָס דער פרעזידענט האָט מנדב געווען, האָט ער געקראָגן אַ קאַליגראַפיש־אויסגעפּוצטע קבלה, וואָס געפינט זיך היינט אין קרוגער־מוזיי, פּרעטאָריע.

ווען מען האָט יאָהאַנעסבורג פּראָקלאַמירט פאר אַ גאָלד־פעלד, און אויך אין משך פון די ערשטע עטלעכע יאָר פון איר עקסיסטענץ, זיינען דאָ געווען, כמעט, נאָר ענגלישע און דייטשישע יידן. אזוי גיך, ווי מען האָט אַנטדעקט דעם גאָלד־אָדער, האָט דאָס, ווי אַ מאַגנעט, גענומען ציען צו זיך צוערשט די דימענט־מאַגנאַטן, ספּעקולאַנטן, אוצרות־זוכערס, אינזשינערן, „דיגערס" און הענדלערס פון די קימבערלי דימענט־פעלדער און אויך גאָלד־„מאַגנאַטן" און סתם אַוואַנטוריסטן פון באַרבערטאָן. צווישן אָט די מענטשן איז געווען אַ היפּשע צאָל יידן. להיפוך צום פּראָצעס פון זוכן דימענטן אין קימבערלי און גאָלד אין באַרבערטאָן, ווו מען פלעגט דאָס געפינען דאָס רוב אין די אַלווישע (אויבערשטע) שיכטן, האָט מען זיך גיך איבערצייגט, אז דער פּראָצעס פון ארויסבאַקומען גאָלד אויפן „ראַנד" איז פיל קאָמפּליצירטער, ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט. כדי צו געפינען דעם גאָלד־אָדער, מוז מען גראָבן זייער טיף. דאָס גאָלד געפינט מען אין אַ האַרטער שטיין־פאָרמאַציע, אזוי, אז ארויסצובאַקומען גאָלד פון די גע̇דערעם פון דער ערד אויפן „ראַנד", איז געווען אַ שווערער און זייער קאָסטבאַרער ענין. דאָס האָבן זיך געקענט דערלויבן די־מענט־מאַגנאַטן און גרויסע קאַפּיטאַליסטן. איינער פון די ערשטע, וועלכער האָט אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט, איז געווען אַ ייד, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן. ער האָט געהייסן אַלפרעד גאָלדבערג. אַהער איז ער געקומען פון אויסטראַליע אין 1887. ער האָט געשאַפן אַן אַקציע־געזעלשאַפט „אַראָפּצו־זינקען טיפע שאַפטן" כדי צוצוקומען צום גאָלד־אָדער.

גלייך אין אָנהויב, ווען קאַפּיטאַליסטן פון דער גאַרער וועלט האָבן גענומען אינוועסטירן אין די גאָלד־גרובן, האָבן אויך די ראָטשילדס געהאַט אַ פאַר־שטייער אין יאָהאַנעסבורג אויף אויסצופאָרשן, צי עס לוינט צו אינוועסטירן אין די גאָלד־גרובן. זייער בעל־יועץ האָט זיי דערפון אָפּגעראַטן. אין 1894 איז אַהער געקומען פערדינאַנד ראָטשילד אליין צו אינוועסטירן געלט. די קהילה האָט אים געגעבן אַ שיינעם קאַליגראַפישן „אַדרעס", און ער האָט גע־געבן אַ נדבה.

די ערשטע קהילה

יידן פלעגן זיך צונויפקומען צו אַ מנין אויף פריער. אָבער אַן אָרגאַניזירט רעליגיעז יידיש לעבן הייבט זיך אָן דעם 10־טן יולי 1887, ווי אַ רעזולטאַט פון

אַ פֿאַרזאַמלונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין קראַם פֿון ב. וויינשטיין אויפֿן מאַרק־סקווער. עס זיינען געווען 88 פּערזאָן אויף דער פֿאַרזאַמלונג. אייזיק סאָנענבערג, אַ גרויסער פֿינאַנציסט, איז געווען פֿאָרזיצער. אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָט זיך פֿאָרמירט אַ קהילה אונטערן נאָמען „יידישער פֿאַרבאַנד אויף וויטוואַטערסראַנד גאָלד־פֿעלדער" ("The Witwatersrand Goldfields Jewish Association").

אין עטלעכע וואָכן ארום נאָך דעם, ווי עס איז פֿאָרגעקומען די דערמאָנטע פֿאַרזאַמלונג, איז צופֿעליק געקומען אַהער פֿון קייפּטאָון דער באַוווסטער פּיאָנער, רעוורענד יואל ראַבינאָוויץ. געקומען איז ער ניט אַלס רעוורענד, נאָר ווי אַ גאָלד־אַנאַליטיקער (Assayer). ער האָט דאָ געעפֿנט אַ ביוראָ און געאַרבעט אַלס אַנאַליטיקער פֿון גאָלד. מען האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פֿון זיין אָנוועזנהייט אין יאָהאַנעסבורג, און ער האָט אויסגעפֿירט גלייכצייטיק אויך רעליגיעזע פֿונקציעס.

ווען אַ פֿאָרט־עליזאַבעטער ייד איז ביים אָנקומען קיין יאָהאַנעסבורג פּלוצלונג געשטאָרבן, האָט מען אין רעוו. ראַבינאָוויצעס ביוראָ דעם מת מטהר געווען, און יואל ראַבינאָוויץ האָט דורכגעפֿירט די ערשטע רעליגיעזע צערעמאָניע ביי דער קבורה.

אין די ימים־נוראים האָט ער אָרגאַניזירט אַ מנין און ער איז געווען דער בעל־תּפֿילה אין ערשטן אָפֿיציעלן מנין, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין „ראַנד־קלוב" (19/20 סעפּ. 1887). עס זיינען געווען אָנוועזנד בערך 500 מענטשן.

דער ניי־געשאַפֿענער יידישער פֿאַרבאַנד, מיט רעוו. ראַבינאָוויץ בראש, צוזאַמען מיט אַן אַקטיוון און איינפֿלוסרייכן קאָמיטעט, איז צוגעטראָטן שאַפֿן געלט־מיטלען צו בויען די ערשטע סינאַגאָגע אין יאָהאַנעסבורג.

י. ראַטקוגל האָט זיך געווענדט צו דעם פּרעזידענט, פּאָול קרוגער, ער זאָל געבן די יידן אַ פֿרייען פּלאַץ צו בויען אַ סינאַגאָגע. די רעגירונג האָט די דאָזיקע בקשה באַפֿרידיקט. מען זאָגט, אַז פֿאַרשטייערס פֿון פֿאַרשיידענע רעליגיעס זיינען געקומען צום פּרעזידענט בעטן פֿרייען גרונט צו בויען קירכעס אין יאָהאַנעסבורג, האָט ער געגעבן יעדער קירך צו פֿיר פּלעצער. אָבער די יידן, צו וועמען ער האָט געהאַט זייער אַ פֿריינדלעכע באַציאונג — ווי צו קינדער פֿון ביבל־פֿאָלק — האָט ער געגעבן נאָר צוויי פּלעצער. די יידישע פֿאָרשטייערס האָבן געפֿרעגט: פֿאַרוואָס גיט ער די יידן נאָר אַ העלפֿט? דערויף האָט דער פּרעזידענט געענטפֿערט: „ווייל איר, יידן, גלויבט נאָר אין אַ העלפֿט פֿון ביבל — אין אַלטן טעסטאַמענט".

דאָס אָרט, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן די יידן צו בויען אַ סינאַגאָגע, איז דעם קאָמיטעט ניט געפֿעלן געוואָרן. קיין אַנדער פּלאַץ האָט די רעגירונג דאַן ניט געגעבן. יואל ראַבינאָוויץ האָט אין נאָמען פֿון קאָמיטעט געשריבן אַ בריוו צו דער רעגירונג און העפֿלעך אָפּגעזאָגט דעם אָנבאָט.

דעם 29־טן יאַנואַר 1888, האָט דער קאָמיטעט געקויפֿט אַ גרויסן פּלאַץ אויף פּרעזידענט־גאַס צו בויען אַ סינאַגאָגע; און דעם 11־טן נאָוועמבער 1888, האָט מען געלייגט דעם גרונטשטיין. רעוורענד מאַרק (ייד. נאָמען מרדכי)

ל. העריס פון קימבערלי איז באַשטימט געוואָרן פארן רעליגיעזן אָנפירער פון דער קהילה. דעם נאָמען — „יידישער פאַרבאַנד אויף די וויטוואַטערסראַנדער גאָלד־פעלדער״ — האָט מען געביטן אויף „וויטוואַטערסראַנד־קהילה״. שפּע־טער האָט מען עס גערופן די אַלטע וויטוואַטערסראַנד־קהילה.



פּרעזידענט־גאַס סינאַגאָגע.

בערך מיט אַ יאָר שפּעטער האָט די נייע סינאַגאָגע־פאַרוואַלטונג אָרגאַני־זירט, אונטער דער פירערשאַפט פון רעווערענד העריס און שמואל בעבראַ, אַ תלמוד־תורה. אין אַ יאָר ארום האָט די תלמוד־תורה געהאַט אַן ערך 200 קינדער. דער קאָמיטעט פון דער סינאַגאָגע האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט לערנען די אריבערגעקומענע רוסיש־יידישע עמיגראַנטן לייענען און שרייבן ענגליש. הגם די יידן האָבן געלעבט אין אַ בורישער רעפּובליק, האָט מען קיין קלאַסן פאר האָלענדיש ניט אָרגאַניזירט. די פראָ־ענגלישע פירערס ביי די יידן האָבן גאָר ניט געטראַכט וועגן דעם. אָט דער צוגאַנג האָט דאָמינירט זייער אַ לאַנגע צייט.

די אָנפירערשאַפט ביי די היגע יידן, וואָס האָט זיך שטענדיק קאָנצענטרירט ארום די סינאַגאָגעס, האָט גלייך, שוין אין די ערשטע יאָרן, אויך אָרגאַניזירט מעדיצינישע הילף. די הילף איז אָרגאַניזירט געוואָרן פאר זייערע אָרעמע „רעליגיאָנס גענאָסן״, הויפּטזאַכלעך פאר די רוסיש־יידישע אימיגראַנטן, וועל־כע זיינען געקומען אין גרעסערע צאָלן, באַזונדערס, ווען עס איז דאָ אויסגע־בראָכן אַ שטאַרקע עפּידעמיע פון בויך־טיפוס. אין שפּיטאָל, ווו ס'זיינען גע־לעגן די יידישע חולאים, האָט מען אָרגאַניזירט תפילות בציבור.

קאָנפליקטן צווישן שול און סינאַגאָגע

אין אָנפאַנג פון די 90־קער יאָרן האָט די אימיגראַציע פון יידיש־רײדנדיקע יידן פון רוסלאַנד זיך פאַרגרעסערט. אָט־די אימיגראַציע איז געווען הויפּט־זאַכלעך פון יידן פון די ליטווישע קליינע אָרעמע שטעטלעך, ווו זיי האָבן געפירט אַ שטאַרק־רעליגיעזן אָרט לעבן. פאַר די דאָזיקע יידן האָט די איינציקע עקסיסטירנדיקע סינאַגאָגע אויף פּרעזידענט־גאַס בשום אופן ניט געקענט געבן קיין רעליגיעזע באַפרידיקונג. עס איז זיי געווען פרעמד, וואָס מען גיט אָפּ די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויף די צירלעך־מאַנירלעכע פאָרמען און ריטואַלן, און ניט אויפן דאַוונען גופא. עס האָבן פאַר זיי געקלונגען גויאיש דעם רעווערענדס ענגלישע דרשות. אַ רעווערענד האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי אַ געדונגענער פאָרשטייער, וואָס קען ניט פאַרבינדן זיי מיטן רבונו־של־עולם. די פונקציע פון רעווערענד איז אויך געווען צו פאַרטרעטן די קהילה פאַר דער דרויסנדיקער וועלט. זיי האָבן די ערשטע צייט ניט געקענט באַגרייפן, אַז אַ רעווערענד, וועלכער איז אויסערלעך ענלעך מער צו אַ גלח, פאַרנעמט דאָס אָרט פון אַ רב, וועלכער איז גלייכצייטיק אַ חזן, שוחט, מוהל, בעל־תפילה, בעל־קריאה און אַ „היברו טיטשער״. מען דערציילט, אַז אַ ליטווישער ייד איז צוגעגאַנגען צו אַ רעווערענד פרעגן, וועלכע סדרה גייט די וואָך. איז דער רעווערענד געוואָרן אויפגעבראַכט און האָט געענטפערט: „איר האָט מיך דאָ געדונגען פאַר אַ רעווערענד, אָבער ניט פאַר קיין נביא״.

מען דערציילט אויך וועגן אַ פאַל, ווען אַ פרומער ייד פון ליטע איז אָנגעקומען קיין קייפּטאַון, און איז געגאַנגען אָפּגעבן שלום־עליכם דעם דעמאָלטיקן איינציקן רב, רעווערענד בענדער. דערזעענדיק רעוו. בענדערס ראַזירט לבנה־דיק־פּנים, אָן אַ היטל און אָן אַ יאַרמולקע, מיטן אומגעקערטן ווייסן קראַגן, האָט דער ייד בשום אופן ניט געקענט זיך גלויבן, אַז דאָס איז בכלל אַ רב. ווען רעוו. בענדער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער איז דאָס טאַקע דער רב פון קייפּטאַון, האָט דער פרומער ייד אים געענטפערט: „איר קוקט דאָך אויס ווי ר׳ יצחק אלחנן, להבדיל״...

צווישן די אימיגראַנטן זיינען געווען יידן, וועלכע האָבן געקענט גוט לערנען גמרא און זיינען געווען זייער רעליגיעז. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ בית־המדרש דאַרף אָנגעפירט ווערן דורך יידן, וועלכע קענען גוט לערנען און זיינען באמת רעליגיעז. האָבן זיי באַטראַכט די סינאַגאָגע אויף פּרעזידענט־גאַס, ווי אַ יידישע קירך. זיי איז אויסגעקומען משונהדיק און פרעמד, וואָס די פּני פון שול אַרבעטן אום שבת. מען דערציילט, אַז ווען מען האָט איבערגעבויט די סינאַגאָגע אויף פּרעזידענט־גאַס, האָט זיך די שול געפונען, צייטווייליק, אין אַ געצעלט. דאָרט איז געשטאַנען דער ארון־קודש מיט די ספר־תורהס. אַ גרופּע רעליגיעזע יידן זיינען געקומען שבת בייטאָג לערנען. האָבן זיי געפונען אַ פאָטאָגראַף. ער האָט פאָטאָגראַפירט די צייטווייליקע שול און די מענטשן, וועלכע האָבן זיך משמח געווען, הילכיק געלאַכט און גערויכערט. מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס די רעליגיעזע יידן האָבן בשעת מעשה ביי זיך געטראַכט.

ענדלעך האָט אַ גרופּע רוסישע יידן אין 1891 באַשלאָסן צו בויען אַן אָר־טאָדאָקסישע שול אין פּערעירא, ווו ס'האָבן זיך געפונען דאָס רוב יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד. מיטן וווקס פון דער צאָל יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד איז די געמיינדע אין פּערעירא שטאַרקער געוואָרן, און די רעליגיעזע יידן האָבן זיך, וואָס אַמאָל, אַלץ מער קאָנצענטרירט ארום אָט־דעם אָרטאָדאָק־סישן, אַזוי־גערופענעם „גרינעם" בית־המדרש.

מאָריס אַבראַהאַמס באַשרייבט אין זיין מאַנוסקריפּט „די יידן אין יאָהאַנעסבורג 1886—1902": „פּאַרבייגייענדיק, באַגינען, דעם גרינעם בית־המדרש, האָב איך געזען אַ סך קינדער־וועגעלעך אין דרויסן. האָב איך געמיינט, אז מען האָט אין גרינעם בית־המדרש איינגעאָרדנט ספּעציעל א מנין פאַר עופה־לעך. אָבער, ווען איך האָב אריינגעקוקט אין די וועגעלעך האָב איך דערזען, אַז אַנשטאָט קינדער ליגן דאָרט פאַרשיידענע סחורות. די סחורות האָבן גע־הערט צו די יידן, וועלכע האָבן זיך אריינגעכאַפּט אָפּדאַווענען אין בית־המדרש פאַרן ארויסגיין האַנדלען". ער דערציילט אויך, אז עס פלעגן דאַווענען אין גרינעם בית־המדרש מנינים יידן, איינער נאָך דעם אַנדערן.

ווען דער גרינער בית־המדרש איז שוין געווען אויפגעבויט, האָט מען אין יענער געגנט געגרינדעט אַ רעליגיעזע תלמוד־תורה מיטן ציל איינצופלאַנצן ביים אונטערוואַקסנדיקן דור די שטרעבונג פאַרצוזעצן דעם רעליגיעזן אַרט לעבן, וואָס די עלטערן האָבן געפירט אין דער אַלטער היים.

אין 1891 זיינען פאָרגעקומען אין דער סינאַגאָגע אויף פּרעזידענט־גאַס שאַרפע רייבונגען. מען איז, קאָנטיק, געווען אומצופרידן מיטן רעווערענד הערים. אַן איינפלוסרייכע גרופּע פון די אָנפירנדיקע עלעמענטן אין דער פּרעזידענט־גאַס סינאַגאָגע האָט זיך אָפּגעטיילט און פאָרמירט אַ נייע קהילה, אָנרופנדיק זי „די וויטוואַטערסראַנד נייע קהילה". זיי האָבן זיך געווענדט צום מלוכה־פּרעזידענט מיט דער בקשה צו קריגן אַ פּלאַץ פאַר אַ נייער סינאַגאָ־



די פּאַרק־סינאַגאָגע.

גע. דער פּרעזידענט, פּאָול קרוגער, האָט זיי געגעבן אַ גרויסן פּלאַץ, אויף וועלכן מען האָט אויפגעבויט די „פּאַרק־סינאַגאָגע" פאַר 700 מתפּללים (איצט איז דער פּלאַץ אַ טייל פון דעם הויפּט־וואָקזאַל פון יאָהאַנעסבורג).

אָפיציעל איז די „פּאַרק־סינאַגאָגע" מיט גרויס פּאַראַד געעפנט געוואָרן דורך דעם מלוכה־פּרעזידענט פּאָול קרוגער, דעם 15־טן סעפּטעמבער 1892. אין דער דערעפענונג־רעדע האָט פּאָול קרוגער שטאַרק געלויבט „גאָטס אַלטן פאָלק", פאַרענדיקנדיק זיין רעדע מיט די ווערטער: „אין נאָמען פון יעזוס קריסטוס דערקלער איך די סינאַגאָגע פאַר געעפנט"[5].

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ גרויסער באַנקעט לכבוד דעם פּרעזידענט. אַ חוץ די פירערס פון דער יידישער קהילה זיינען אויך געווען אָנגעזעענע ניט־יידישע געסט. ווען מען איז אויפן באַנקעט צוגעטראָטן צום מאָלצייט, האָט דער פאָרזיצער פון דער סינאַגאָגע, היימאַן מאָריס (דער פאָטער פון דעם שפּעטער באַרימט געוואָרענעם אַדוואָקאַט ה. ה. מאָריס), מכבד געווען דער פּרעזידענט פּאָול קרוגער, מיט מאַכן די ברכה פאַרן עסן. צו אַלעמענס דער־שטוינונג האָט דער פּרעזידענט געמאַכט די געוויינטלעכע קריסטלעכע ברכה (Grace) [6]. „געלויבט זאָל זיין יעזוס קריסטוס פאַר די שפּייז, וואָס מיר גייען קריגן". אין ערשטן מאָמענט האָט זיך דער פאָרזיצער געפילט ווי פאַרלוירן. אָבער ער האָט זיך שנעל אָריענטירט און געזאָגט, אַז „דער פּרעזידענט האָט געמאַכט אַ ברכה פאַר די קריסטלעכע געסט, און איך וועל איצט מאַכן אַ ברכה פאַר די יידן".

נאָכן עסן האָט פּאָול קרוגער געהאַלטן אַ דרשה און ווידער געלויבט די יידן. ער האָט דאַן געזאָגט: „צו שטיצן די גלויביקע און האַלטן די אומאָפּ־הענגיקייט פון דער רעפּובליק וועט אַלע מאָל זיין מיין ציל". ער האָט אויך געזאָגט, אַז: „ער האָט אַ שטאַרקן ווונטש צו פאַראייניקן די „נייע" באַפעלקע־רונג מיט דער „אַלטער". אָבער די נייע באַפעלקערונג דאַרף ניט זיין אין אזא

---

[5]) אינטערעסאַנט איז, וואָס דער דאָזיקער עפּיזאָד ווערט פון די קלעריקאַלן אָפּגעלייקנט. צום ביישפּיל רבי דר. י. ל. לאַנדאַו שרייבט אין „אוצר ישראל"־ענציקלאָפּעדיע, לאָנדאָן, 1924: „עס איז כדאי אָפּצולייקענען די פאַלשע קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּרייט, אַז פּאַול קרוגער האָט געעפנט די שול אין נאָמען פון יעזוס קריסטוס. באַגלויבטע עדות, וועלכע זיינען בייגעווען ביי דער דערעפענונג האָבן עס אָפּגעלייקנט".

עס איז, אָבער, קיין צווייפל ניט, אז די באַהויפּטונג פון דער גרויסער צאָל בייזייענדיקע יידן בעת דער צערעמאָניע, וואָס האָבן געהערט די ווערטער פון פּאַול קרוגער: „אין נאָמען פון יעזוס קריסטוס דערקלער איך די שול געעפנט", איז אַ ריכטיקע. איך האָב געטראָפן אַ צאָל עלטערע יידן, וועלכע זיינען געווען ביי דער דערעפענונג פון דער שול, און אויך זיי באַשטעטיקן, אז זיי האָבן אָט די ווערטער יאָ געהערט. לעאָ ראַפאַעלי, וועלכער האָט געהאַלטן די חופּה־שטאַנגען ביי דער דערעפענונג, האָט דאָס בפירוש געהערט. אין אויבנ־דערמאָנטן מאַנוסקריפּט פון מאָריס אַבראַהאַמס ווערט געזאָגט בפירוש, אז ער האָט געהערט, ווי פּאַול קרוגער האָט די אויבנדערמאָנטע ווערטער יאָ געזאָגט.

עריק ראָזענטאַל באַשרייבט אין זאַמל־בוך „די גאָלדענע שטאָט" דעם דאָזיקן עפּיזאָד לויט דער ווערסיע פון פאַרשיידענע באגלויבטע עדות, אז פאול קרוגער האָט געעפנט די פּאַרק־סינאַגאָגע „אין נאָמען פון פאָטער, זון און דעם הייליקן גייסט".

[6]) S. A. Rochlin: "S.A. Jewish Times" 18-7-1947

איילעניש. די צוויי עלעמענטן דאַרפן זיך בעסער באַקענען, און די בורן דאַרפן וויסן, צי זיי קענען זיי געטרויען. איך וואָלט זאָגן צו די בורן: „זעט, אָט איז אַ מאַן, וואָס מען וועט אים מאָרגן ניט כאַפּן גנבהנדיק, אָט אזא מענטשן וואָלטן זיי, געוויס געבן די פולע רעכט".

פּאָול קרוגער מיט דעם קאָמיטעט ביים דערעפענען די פּאַרק־סינאַגאָגע.

יאַן אילאָף, דער מינען־קאָמיסאַר, האָט אויף דעם באַנקעט אין אַ רעדע געזאָגט: „יידישער קאַפּיטאַל און יידישע ענערגיע האָבן געמאַכט יאָהאַנעס־בורג בליען. די יידן זיינען געטרייע בירגער, געזעלשאַפטלעכע און פּריינט־לעכע בירגער. איך זאָג, אז די יאָהאַנעסבורגער יידן זיינען אונטערנעמעריש, געטרייע און געווונטשענע בירגער".

אַ בהלה — און דאַך קומט מען

די גאָלד־מינען אין 1895 האָבן פּראָדוצירט מער גאָלד, ווי אין וועלכן ניט איז אַנדער יאָר ביז דאַן. דער האַנדל איז געשטיגן. אלע, וועלכע האָבן גע־האַנדלט ביי די גאָלד־מינען און אין יאָהאַנעסבורג גופא, האָבן גוט פאַרדינט און דורכגעמאַכט אַ „פּראָספּעריטי". אָבער אין די סאַמע לעצטע טעג פון 1895, האָט דער באַוווּסטער „דזשיימעסאָנס איבערפאַל" אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף דער יאָהאַנעסבורגער באַפעלקערונג. מען האָט געמיינט, אז דאָ קומט צו אַ שאַרפן קאָנפליקט צווישן די ענגלישע און די בורן. דער יאָהאַנעסבורגער וואַקזאַל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, הויפּטזאַכלעך פרויען און קינדער, וועלכע האָבן געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפן. אַלע באַנען זיינען געווען גע־

פאַקט. מען איז געפאָרן ניט נאָר אין פאַסאַזשיר־וואַגאָנען, נאָר אויך אין פראַכט־וואַגאָנען. געלאָפן איז מען קיין דערבן און קיין קייפּטאַון. מיט איי־נעם פון אָט די איבערפולטע באַנען האָט געטראָפן אַ קאַטאַסטראָפע, אין גלענ־קאָ, אויפן וועג קיין דערבן. פערציק מענטשן זיינען געהרגעט געוואָרן. א סך זיינען צעקאַליעטשעט געוואָרן. שפּעטער, דעם 19־טן פעברואַר 1896, האָט געטראָפן אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע אין קאַזערנע, בראַמפאָנטיין. זיבן וואַגאָנען מיט דינאַמיט האָבן אויפגעריסן. 96 מענטשן זיינען געהרגעט געוואָרן. א סך זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן, און איבער 400 בלעכענע הייזער זיינען איינגעפאַלן.

אָט די אַלע אומגליקן, אינצידענטן און די אָנגעשטרענגטע פּאָליטישע באַ־ציאונגען צווישן דער בורישער רעגירונג און די ענגלענדער — די ניט־געקרוינטע באַלעבאַטים פון יאָהאַנעסבורג — האָבן אין אַ גרויסער מאָס, אין די יאָרן פון 1897/8/9, פאַראורזאַכט די שלעכטע עקאָנאָמישע לאַגע ביי די אָרעמע שיכטן פון דער אייראָפּעאישער באַפעלקערונג בכלל, און ביי דעם אָרעמען רוסיש־ליטוויש־יידישן אימיגראַנט בפרט.

מיט די אַפריקער האָט מען זיך בכלל ניט גערעכנט. זיי האָבן עקסיסטירט נאָר, ווי אַ קוואַל פון ביליקער אַרבעט־קראַפט פאַר דער באַקוועמלעכקייט און נוצן פון די ווייסע.

די געדריקטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע דאַן האָט אָבער ניט פאַר־קלענערט די אימיגראַציע פון די רוסישע יידן קיין יאָהאַנעסבורג, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַנדערע אימיגראַנטן. פאַרקערט, די אימיגראַציע פון רוסישע יידן האָט זיך פּראָפּאָרציאָנעל שטאַרק פאַרגרעסערט אין די דריי יאָר פאַר דעם בוריש־ענגלישן קריג. קאָנטיק, אז די ליטווישע יידן האָבן זיך, ביי דער צווייטער העלפט פון די 90־קער יאָרן, איבערצייגט, אז דרום־אַפריקע איז ניט שרעקלעך און ניט ווילד, ווי מען האָט זיך עס פריער פאָרגעשטעלט, און, אז די עקאָנאָמישע מיגלעכקייטן זיינען, להיפוך ווי אין ליטע — גינסטיקע. צום ביישפּיל, אַ פּומפּיאַנער ייד, וואָלף קאָהען איז אַהער אָנגעקומען גראָד פאַרן גרויסן דינאַמיט־אויפרייס. נאָכן דינאַמיט־אויפרייס האָבן געפעלט גלעזער. אזוי ווי וואָלף קאָהען האָט נאָך ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט אים אַ לאַנדסמאַן, אַ גלאָזהענדלער, געראַטן נעמען ביי אים גלאָז מיט קיט, און גיין פון הויז צו הויז אריינשטעלן שויבן, הגם ער האָט די מלאכה קיינמאָל פריער ניט געטאָן. דעם ערשטן טאָג האָט ער פאַרדינט פינף פונט. ער האָט דאָס געלט גלייך אַוועקגעשיקט זיין אָרעמער משפחה. ווען דאָס געלט איז אָנגעקומען אין פּומפּיאַן, האָט עס ארויסגערופן אין שטעטל אַן אויפרודערונג: „אָפּגעוווען אין יאָהאַנעסבורג נאָר עטלעכע וואָכן, און קען שוין שיקן דער משפחה זיינע פאַרדינטע פינף פונט. מוז עס טאַקע זיין אַ גאָלדענע מדינה!”. פינף פונט איז געווען 50 רובל. אַ רובל דאַן, אין אַ קליין שטעטל, איז געווען אַ גרויסע מטבע. עס פאַרשטייט זיך, אז דאָס האָט ארויסגערופן אַ פאַרלאַנג, און האָט אָנגעלאָקט צו פאָרן אין דער „גאָלדענער מדינה” — „אָנשעפּן אַ ביסל גאָלד און קומען צוריק”.

אָט דער מיראַזש פון פאַרדינען לייכט א סך געלט האָט אויך אָנגעלאָקט

יונגעלייט, וואָס דאַרפן זיך שטעלן צום „פּריזיוו“ — די שווערע לאַסט פון לאַנגן מיליטער־דינסט, וואָס האָט כסדר פאַרפּאָלגט די יידישע באַפעלקערונג, — אַז זיי זאָלן עמיגרירן פון ליטע קיין דרום־אפריקע אנשטאָט אנדערשוווּ.

מען שרעקט זיך ניט פאַר שוועריקייטן

פאַר די פאַרשיידענע שוועריקייטן, ליידן און שווערע אַרבעטן האָבן די ענערגישע יידישע אימיגראַנטן פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד זיך ניט געשראָקן. און געליטן האָט דער רוסיש־יידישער אימיגראַנט שטאַרק. טויזנטער מיילן ווייט פון זיינע נאָענטע און פון זיין היים, האָט ער געפילט גלייך, אָנקומענדיק, אַז „מען האָט נאָך אים ניט געשיקט“. ער האָט זיך געפילט איינזאַם און עלנט. ער האָט ניט געקאָנט די שפּראַך פון לאַנד. די קלימאַטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען זיינען אינגאַנצן אַנדערש געווען, ווי אין זיין היימלאַנד.

די פּיל צענדליקער רוסיש־יידישע יונגע חברה (און אויך די עלטערע), אָנקומענדיק אין יאָהאַנעסבורג, ניט האָבנדיק קיין קרובים אָדער לאַנדסלייט, פלעגן ארומגיין אָן אַרבעט, הונגעריק און דערשלאָגן, ביז זיי פלעגן קריגן ביי די מינען און אין שטאָט, די באַוווּסטע שטעלעס פון „צען פּונט פאַר דריי חדשים“ אין די „קאַפּעריטעס“ („רעסטאָראַנען“ פאַר די אַפריקער). די באַלעבאַטים פון די „קאַפּעריטעס“ זיינען כמעט אַלע געווען רוסיש־ליטווישע יידן. די אַרבעט־ און לעבנס־באַדינגונגען זיינען געווען שרעקלעך שלעכטע און שווערע. קיין באַשטימטע אַרבעט־שעהן זיינען דאַן ניט געווען. פלעגט מען דעריבער דאַרפן אויפשטיין איינהייצן דעם אויוון פיר אַזייגער באַגינען, און אַרבעטן ביז שפּעט אין אָוונט. מען פלעגט קריגן פריי צוויי שעה אַ וואָך אָפּצונעמען בריוו פון דער היים און אויך אַוועקצושיקן בריוו, אָדער געלט.

אין יענע יאָרן זיינען געווען ביי די גאָלד־מינען בראַנפן־קאַנטינען פאַר ווייסע און קאַנטינען פאַר אַפריקער. מען פלעגט מעגן פאַרקויפן די שוואַרצע אַ גלעזל בראַנפן ("A Soppie"), אויב נאָר ער האָט געהאַט אַ צעטל פון אַ ווייסן. די אַפריקער פלעגן זיך אַן עצה געבן ווי אַזוי צו קריגן דעם צעטל. דערנאָך האָט מען שוין געגעבן אָן צעטלען. די גלעזלעך בראַנפן האָבן זיך מיט דער צייט „פאַרוואַנדלט“ אין פלעשער, און אָפּטמאָל — אין אַ סך פלעשער. אַ גוואַלדיק פּראָפּיטירנדיקער געשעפט האָט זיך אַנטוויקלט פון אָט די בראַנפן־קאַנטינען פאַר אַפריקער. דער דאָזיקער מסחר איז געלעגן, כמעט, אינגאַנצן (אַן ערך 90 פּראָצענט) אין רוסיש־יידישע הענט. די באַלעבאַטים פון אָט די בראַנפן־קאַנטינען פלעגן זיין פאַראינטערעסירט צו קריגן פאַר אָנגעשטעלטע די מער אינטעליגענטערע רוסיש־יידישע יונגע חברה. דער מסחר פון פאַרקויפן בראַנפן צו אַפריקער ביי די מינען און אין שטאָט האָט דערגרייכט אזא מדרגה, אַז עס האָט ארויסגערופן גרויסע פּראָטעסטן פון עולם און פון דער פּרעסע, וועלכע האָט אויפגעוויזן, אַז שיכּרות איז די סיבה פון אַ סך ערנסטע פאַרברעכנס, וואָס ווערן באַגאַנגען דורך די אַפריקער. די רעגירונג האָט אין 1897 פאַרשטאַרקט די עקסיסטירנדיקע געזעצן, וואָס פאַרבאָטן פאַרקויפן

בראַנפן צו דער שוואַרצער באַפעלקערונג. מען האָט אָפגעשאַפט די קאַנטינען פאַר אַפריקער. די רעגירונג האָט אָנגענומען שאַרפע מיטלען צו באַקעמפן דעם בראַנפן־פאַרקויף צו אַפריקער. זי האָט אָרגאַניזירט אַ „טראַפ־סיסטעם": מען פלעגט אונטערשיקן אַפריקער מיט אָפגעצייכנטע געלט זיי זאָלן כלומרשט קויפן בראַנפן, און דאַן פלעגן זיי נאָכגיין ווייסע געהיים־אַגענטן און „כאַפן ביים האַנט" די בראַנפן־פאַרקויפערס. א סך „טראַפּערס" פלעגן וועלן ווייזן זייער „בריהשאַפט". אייניקע פון זיי, וואָס האָבן געזוכט צו פאַרדינען „עקסטרע" דורך נעמען כאַבאַר, פלעגן אָפטמאָל „כאַפן" אומשולדיקע יידן. אזוי ארום האָט יידן פאַרפאָלגט אַ פערמאַנענטע שרעק — „געכאַפּט" צו ווערן.

הענדלערס

די רוסיש־יידישע הענדלערס און קרעמערס האָבן ניט געקענט, גלייך נאָך זייער אָנקומען, קאָנקורירן מיט די שוין עטאַבלירטע ענגלישע און דייטשישע געשעפטן. זיי האָט געפעלט די שפּראַך, געשעפט־קענטעניש און איבערהויפּט האָט זיי געפעלט קאַפּיטאַל. די רוסיש־ליטווישע און פּוילישע יידן האָבן געדאַרפט שאַפן פאַר זיך עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין יאָהאַנעסבורג. מען האָט זיך קאָנצענטרירט, הויפּטזאַכלעך, אויף האַנדלען מיט די אַפריקער ביי די גאָלד־מינען און אין שטאָט גופא. אַ סך פון זיי האָבן דערביי גוט פאַרדינט.

מען פלעגט אויך ארומגיין איבער די הייזער צונויפקויפן אַלטע בגדים, שוכוואַרג, מעבל, בעטן א.א.וו., און פאַרקויפן צו די אַפריקער און צו אָרעמע ווייסע. מען פלעגט ארומגיין, שטופנדיק קליינע וועגעלעך, אויפקויפן ליידיקע פלעשער, אַלטע פּאַראַפין־בלעכן, געניצטע זעק א.א.וו.

אַנדערע פלעגן ארומגיין מיט אַ קערבל אייער פאַרקויפן פון הויז צו הויז. מען האָט „פאַבריצירט" און צוגעשטעלט צו די קראָמען, וועלכע האַנדלען מיט די אַפריקער „אינגבער־ביר" (Ginger Beer) — אַ ניט־אַלקאָהאָלישער געטראַנק, וואָס די אַפריקער פלעגן זייער גערן טרינקען.

די רוסיש־יידישע באַלמעלאָכעס פלעגן קריגן אַרבעט ביי יידישע אונטערנעמערס אָדער אין פּריוואַטע הייזער ביי צופעליקע אַרבעטן — „דזשאָבס". גאָר אַ גרויסער טייל הייזקעס און קראָמען אויף קאָמיסיאָנער גאָס, אין פּערעיראַ, און אין פאָרדסבורג זיינען געבויט געוואָרן, איבערגעבויט און פאַרריכט געוואָרן פון רוסיש־יידישע בויערס, סטאָליערס, בלעכערס א.א.וו. די שניידערס, שוסטערס און סטאָליערס פלעגן אַרבעטן פאַר יידן, אָדער עפענען וואַרשטאַטן פאַר זיך. די זייער ענערגישע רוסישע יידן האָבן געטאָן אלץ און האָבן זיך פאַר קיינע שווערע אַרבעטן ניט געשראָקן. די טרייב־קראַפט איז געווען צו פאַרדינען, ווי צום שנעלסטן צו שיקן געלט אהיים, און אָפּשפּאָרן עטלעכע פונט כדי צוריקפאָרן אַהיים. מאַנכע האָט עס אָבער געצויגן, ווי מיט אַ מאַגנעט, צום מיראַזש — רייך צו ווערן. אַ געוויסע צאָל פון זיי זיינען טאַקע רייך געוואָרן.

ביז דעם בוריש־ענגלישן קריג זיינען שוין געווען אין יאָהאַנעסבורג אַן

ערך 300 רוסיש־יידישע משפחות, וועלכע האָבן שוין ניט געטראַכט צו פאָרן צוריק. זיי האָבן גענומען איינאָרדענען זייער סטאַבילע היים אין יאָהאַנעסבורג, אָדער אין די שטעט און שטעטלעך פון טראַנסוואַל.

די יידן ארום שמש'ס יאַרד

די עלטערע און גאָר פרומע יידן פלעגן אין קלובן ניט גייך. זיי פלעגן פאַרברענגען זייער פרייע צייט אין בית המדרש, דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג, לערנען אַ בלאַט גמרא, אָדער זאָגן תהילים. געלעבט האָבן אַ סך פון זיי אין גאָר שלעכטע באַדינגונגען אין „שמש'ס יאַרד" און אין „מייזעלס יאַרד". דער נאָמען שמש'ס יאַרד קומט דערפון, וואָס דער באַלעבאָס פון „יאַרד", וואָלף מיכאַלישקי, איז געווען דער שמש פון „גרינעם" בית־המדרש. (דער „שמש־יאַרד" האָט זיך געפונען אויף מאַרשאַל־גאַס, צווישן בעקער־ און וועסט־גאַסן אין פערעיראַ. „מייזעלס יאַרד" איז געווען אויפן ווינקל פון פאָקס־ און בעקער־גאַסן אין פערעיראַ). שפּעטער האָט וואָלף קאָהען אָפּגעקויפט מיכאַלישקי'ס „יאַרד". האָבן דאָס אַנדערע גערופן „קאָהען דעם בעקערס יאַרד". אָבער דער נאָמען „שמש'ס יאַרד" איז געבליבן, ווי אַ מאָנומענטאַל בילד ביים אַלטן יאָהאַנעסבורגער דור. דער פרומער וואָלף קאָהען האָט געהאַט אַ בעקעריי קעגנאיבער דעם „שמש'ס יאַרד". פלעגן אַלע יידן פוןביידע „יאַרדן" און די שכנים פון ארום טראָגן צו קאָהען דעם בעקער, פרייטאָג פאַרנאַכט, צו „פאַררוקן דעם טשאָלנט". אַן אינטערעסאַנט בילד פלעגט זיין יעדן שבת נאָכן דאַוונען, ווען יידן פלעגן קומען אָפּנעמען זייערע „טשאָלנטס". דאָס בילד פלעגט דער־מאָנען אָן די היימישע רעליגיעזע קליינע שטעטלעך.

די „יאַרדן" זיינען געווען גרויסע הויפן, און אינמיטן — ליידיק. ארום דער ליידיקייט זיינען געווען אויפגעשטעלט געדיכט, איינע אויף די אַנדערע, פאַרזשאַווערטע בלעכענע צימערלעך („רומקעס"). אין זיי איז געווען זייער הייס זומער און זייער קאַלט אין די היגע ווינטער־נעכט. די מעבל פון אָט די „רומקעס" איז באַשטאַנען פון צעבראָכענע אַלטע בעטן, אַ גרעסערן קאַסטן פאַר אַ „טיש" און אַ קלענערן — פאַר אַ „שטול". אויפן „טיש" איז געשטאַנען אַ קאָכמאַשינקע, עטלעכע טעפּלעך צום קאָכן און אַ חלב־פאַרשמאַלצענער לייכ־טער. אַלע פרייטאָג פלעגט מען ארויפלייגן זיבן צייטונגען אויפן „טיש" און עס ארומבינדן מיט שפּאַגאַט, כדי צו האָבן יעדן טאָג „אַ ריינעם טישטוך".

כדי איינצושפּאָרן דירה־געלט, האָבן אין איין „רומקע", אָפטמאָל, גע־וווינט צוויי „טרייערס", אָדער אַ „טרייער" מיט סתם אַן אָרעמען קרעמער. קיין וואַסער־לייטונג און קיין עלעקטרישע באַלויכטונג איז ניט געווען. אָט אין די „יאַרדן" איז געווען אַ מין „טאַלקוטש", ווו יידן פלעגן פאַרדינען זייער חיונה פון קויפן און פאַרקויפן אַלטוואַרג: אַלטע בגדים פון כל המינים, אַלטע בעטן, אַלטע וועלאָסיפּעדן א.א.וו.

די רוסישע יידן האָבן געלעבט אין פערעיראַ, וואָס האָט זיך געצויגן ביז פאָרדסבורג. דאָ, אין דער געגנט, האָט מען געזען אומעטום יידן. דאָ, אין

דער געגנט, האָבן געלעבט זייערע פריינד, זייערע לאַנדסלייט און בכלל „היי־מישע מענטשן". דאָ, האָט מען געהאַט, אַזוי צו זאָגן, „אויבן אויף" — דעם יידישן בוכהענדלער און דעם „גרינעם" בית־המדרש. (עס איז אינטערעסאַנט, אַז דער גרינער בית־המדרש איז געווען באַצייכנט ווי די סינאַגאָגע פאַר די „גרינע" און די רוסישע יידן בכלל, די פּרעזידענט־גאַס סינאַגאָגע — ווי די ענגלישע, און פּאַרק־סינאַגאָגע — די דייטשישע סינאַגאָגע). די משכילים פלעגן דאָ קענען קריגן אַ העברעאיש בוך און אַ העברעאישע צייטונג. דאָ האָט מען געקאָנט קריגן די ספּעציעלע יידישע מאכלים, כשרע פליישׁ, פיש, געמאַ־רינירטע הערינג, קיטקע, בייגל, חלה, ראָזעווע ברויט א.א.וו. דאָ האָבן זיי געקענט כמעט זיך אויסלעבן אין זייער מוטער־שפּראַך — יידיש. דאָ האָט מען זיך געפילט מער היימיש, ווי אַנדערשוואו.

קעגנערשאַפט צו רוסישע יידן

צוליב דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קריזיס, אין די יאָרן 1898/9, איז די אַלגעמיינע אימיגראַציע געוואָרן פאַרהעלטנישמעסיק קליין. די מסחר־קרייזן אין יאָהאַנעסבורג האָבן גענומען פילן, אַז די מזרח־אייראָפּעאישע יידישע אימי־גראַנטן ווערן אַ קאָנקורירנדיקער פאַקטאָר. אויסערדעם איז די רוסיש־יידישע אימיגראַציע ניט געווען קיין עלעמענט פאַר עקספּלואַטאַציע פאַר די אמתע באַלעבאַטים פון יאָהאַנעסבורג — די גאָלד־מאַגנאַטן. דאָס האָט ארויסגערופן אַ גרויסע און שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן אַריינלאָזן מער מזרח־אייראָפּעאישע יידן. די ענגלישע פּרעסע, וואָס האָט געהערט צו די מינען־מאַגנאַטן, איז ארויס מיט אַ גיפטיקער אַנטי־רוסיש־יידישער אַגיטאַציע. מען האָט אָנגערופן די רוסישע יידן „וואָס אין קאָרט שטייט". מען האָט זיי פאַרגעוואָרפן, אַז זיי פאַרקויפן אַפריקער בראַנפן; אַז זיי זיינען דאָ אַ שעטנדיק אין עקאָנאָמישן לעבן, און אַז זיי שטייען אויף אַ נידעריקער שטופע פון קולטור, א.ד.גל. די אַגיטאַציע האָט געקראָגן די אונטערשטיצונג פון אַ גרויסן טייל פון די יאָהאַנעסבורגער קאָמערץ־קרייזן. מיט ווייניק אויסנאַמען זיינען די ענגלישע און דייטשישע יידן געווען צופרידן מיט דער אַגיטאַציע פאַר אָפּשטעלן די אימיגראַציע פון רוסישע יידן.

אויף ווי ווייט אויך די יידן פון ענגלאַנד זיינען באַווירקט געוואָרן דורך דער העצע פון דער ענגלישער פּרעסע, פריער קעגן די רוסישע יידן פאַר אָנפירן אַן אומלעגאַלן האַנדל מיט דימענטן אין קימבערלי און דערנאָך פאַרן אומלעגאַלן בראַנפן־פאַרקויף צו די אַפריקער אין יאָהאַנעסבורג, קען דינען דער פאָלגנדיקער קוריאָז: אין „המליץ" נומער 163 פון 12־טן יולי 1891, האָט איינער חיים הערשל בראַווערמאַן אין „אַ בריוו פון דרום־אַפריקע" געשריבן, אַז ברוך ברוידאָ האָט געשריבן צום הויפּט־ראַבינער פון דער ענגלישער אימ־פּעריע, דר. אַדלער, אַז עס זיינען פאַראַן זייער גינסטיקע באַדינגונגען צו באַ־זעצן יידן אויף ערד אין מזרח קאַפּ־פּראָווינץ (Eastern Province). עס זיי־נען דאָרט פאַראַן פרייע, גרויסע, ביליקע שטחים ערד, וווּ יידן קענען זיך באַ־

שעפטיקן מיט פּי־צוכט און ערד־אַרבעט. די דאָרטיקע קליינע באַפעלקערונג וועט געוויס ניט זיין קעגן דעם. (געווען איז עס אין דער צייט, ווען באַראָן הירש, מיט דער הילף פון די ראָטשילדס, האָט געגעבן דריי מיליאָן פונט צו באַזעצן יידן אויף ערד אין אַרגענטינע). דערויף האָט אים דער הויפּט־ראַבי־נער, אדלער, געענטפערט, אַז ער איז קעגן דעם פּראָיעקט צוליב צוויי סיבות: ערשטנס דאַרף עס קאָסטן אַ סך געלט, און צווייטנס — די יידישע אימיגראַנטן וועלן אנשטאָט צו באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט, האַנדלען אומלעגאַל מיט דימענטן. דאַן האָט אים ברודיאָ געענטפערט און אויפגעוויזן, אַז אין מזרח־קאַפּ־פּראָווינץ זיינען בכלל קיין דימענטן ניטאָ, און, אַז זינט די רעגירונג האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען און באַשטראָפט שווער די אומלעגאַלע דימענטן־הענדלער — איז דער דאָזיקער מסחר שטאַרק געפאַלן.

אגב איז ווערט צו פאַרצייכענען, אַז ביז דעם בוריש־ענגלישן קריג זיינען געווען רוסיש־יידישע פאַרמערס ארום יאָהאַנעסבורג.

אַנטאַגאָניזם צווישן מזרח־ און מערב־יידן

די ענגלישע, דייטשישע און אַנדערע מערב־איראָפּעאישע און די מער־פאַרמעגלעכע „פאַרענגלישטע" רוסישע יידן, האָבן געוווינט אין האָספּיטאַל־היל און דאָרנפאָנטיין — שענערע, מיט ביימער און גרינסן באַוואַקסענע געגנטן, מיט בעסערע און קאָסטבאַרע הייזער, אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע. זיי האָבן באַטראַכט פּערעירא ווי אַ געטאָ, און די רוסישע יידן, וועלכע ווינען דאָרט — ווי „פּאַרווניקעס" — אָרעם געקליידטע קאַרגע מענטשן, וועלכע שפּאָרן פּעני צו פּעני, און וועלכע זיינען ניט מקפּיד אויף די שלעכטע ניט־היגיענישע לעבנס־באַדינגונגען.

אַנדערש איז געווען די שטעלונג פון גאָר אַ סך פון די פּיל הונדערטער יידישע שניידערס, סטאָליערס, שוסטערס, „קעב־דרייווערס", מויערערס, בלע־כערס, פאַרבערס און בכלל האָרעפּאַשניקעס און פּראָגרעסיווע יידן — מערסטנ־טייל יונגע מענטשן. דאָס רוב זיינען עס געווען, די וועלכע האָבן געהערט צו דער גרופּע "Friends of Russian Freedom", סתם סאָציאַליסטן און אנארכיסטן.

זיי האָבן באַטראַכט דאָס רוב פון די ענגלישע און דייטשישע יידן און זייער „פּירערשאַפט" פאַר „בורזשועס", עקספּלואַטאַטאָרס, רעאַקציאָנערן און אימפּע־ריאַליסטן. פאַרקערט, די ענגליש־דייטשישע יידן פלעגן זיין שטאַרק בייז אויף אָט דער גרופּע יידן, ווען זיי האָבן באַטראַכט פאַר יונגע חוצפּהדיקע בונ־טאָווטשיקעס, וועלכע אונטערוואַרפן זיך ניט דער טראַדיציע פון פאַרערן און גלאָריפיצירן דעם קעניג און די ענגלישע אימפּעריע. זיי האָבן אויך באַטראַכט די גרופּע ווי מורדים במלכות — יונגע יידן, וועלכע האָבן אַהער אריבערגע־בראַכט פון רוסלאַנד די „שעדלעכע אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליזם".

אינטערעסאַנט איז צו פאַרצייכענען די פאָלגנדיקע עפּיזאָדן, וואָס עס גיט איבער צ. ד. פאַקס, וועלכער איז געקומען אין יאָהאַנעסבורג אין יאָר 1905.

צ. ד. פאָקס איז געווען אַ יונגער יידישער סטאָליער פון פוילן. ער איז געווען אין לאָנדאָן אַ קורצע צייט פאַר זיין קומען קיין יאָהאַנעסבורג. אין לאָנדאָן איז ער, ווי אַ סך יידישע יונגע עמיגראַנטן „אָנגעשטעקט" געוואָרן מיט אַנאַרכיזם. ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן ענטוזיאַזם און איבערגעבנקייט פאַר דער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע און איר ליטעראַטור. ער דערציילט: „מיר יונגאַטשעס, אַנאַרכיסטלעך פלעגן אין קאָמיסיאָנער־ און וועסט־גאַסן יעדן שבת און זונטאָג פאַרקויפן צוויי אַנאַרכיסטישע צייטונגען — דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינד" און ניו־יאָרקער „פרייע אַרבעטער שטימע", און אויך דעם סאָציאַליסטישן זשורנאַל „די צוקונפט". מיר פלעגן מיט אומגעדולד וואַרטן און מיט ענטוזיאַזם לייענען די אַנאַרכיסטישע צייטונגען און „די צוקונפט".

קעגנערשאַפט פון פראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן

„צוליב דער נאַרישער און ביוראָקראַטישער האַנדלונג פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין יאָהאַנעסבורג, וועמענס אָנפירערשאַפט איז געלעגן אין די הענט פון ענגלענדער, האָט מען — מיט ווייניק אויסנאַמען — ניט אריינגענומען פאַר מיטגלידער קיין רוסישע אַרבעטער. דאָס האָט געמיינט מזרחדיקע יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן ניט געקענט באַווייזן קיין צופרידנשטעלנדיקע צייגנישן, אַז זיי זיינען קוואַליפיצירטע אַרבעטער, הגם עס זיינען געווען צווישן זיי ערשט־קלאַסיקע פאַכמענער. אזוי ארום זיינען די רוסיש־יידישע אַרבעטער געווען מחוץ למחנה פון „טרייד־יוניאָן". צוליב דעם, וואָס מען האָט זיי ניט אריינגענומען אין די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, זיינען זיי געווען געצוווּנגען צו נעמען ארבעט ביי קליינע אַרבעט־געבערס. אָט די אונטערנעמערס האָבן דאָס שטאַרק אויסגענוצט, און פלעגן צאָלן די יידישע אַרבעטער אַ העלפט".

...„די ענגקעפּיקע שטעלונג פון די פירערס פון די פראָפ.־פאַראיינען האָט געשאַפן בייז־בלוט צווישן זיי און די „רוסישע" ארבעטער. איין צד איז געווען בייז, פאַרוואָס דער „רוסישער" אַרבעטער איז געוואָרן אַ קאָנקורענט און אַרבעט פאַר -/10 אַ טאָג, אנשטאָט -/20. דער אַנדער צד, ווידער, איז געווען פאַרביטערט, וואָס צוליב פאָרמאַליטעטן, פאָראורטייל און ביוראָקראַטיע ווערן זיי ניט אריינגענומען אין די פראָפ.־פאַראיינען. אזוי ארום זיינען זיי געוואָרן הפקר אויפן ארבעט־מאַרק".

צ. ד. פאָקס דערציילט אויך:

„אין דער צייט, ווען מען האָט איבערגעבויט די פרעזידענט־גאַס־סינאַגאָגע[7], איז געווען צווישן די יידישע אַרבעטער אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט. דעם קאָנטראַקט פארן איבערבויען (אָדער פאַרן גרויסן רעמאָנט), האָט מען געגעבן אַ ניט־יידישער פירמע. די יידישע אַרבעטלאָזע, — ווי ניט־מיטגלידער פון פראָפ. פאַראיין, — האָבן ניט געקענט קריגן קיין אַרבעט ביים קאָנטראַקטאָר. דאָס האָט ארויסגערופן אַן אויפרעגונג[8]. אָבער, ווען מען האָט געגעבן די באַשטעלונג פאַר בענק, שטענדערס, טישן א.ד.גל. אויך צו אַ ניט־יידן, זיינען די רוסיש־יידישע אַרבעטער שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן. די ענגליש־דייטשישע יידן האָבן ניט געוואָלט געבן קיין אַרבעט די רוסישע יידן, ווייל זיי האָבן זיי פיינט געהאַט און ניט געהאַט קיין צוטרוי. ווי אַ תירוץ האָבן זיי אָנגעגעבן, אַז די רוסיש־יידישע אַרבעט־

---

[7]) דאָס איז וואַרשיינלעך שוין געווען אין 1909. אין זיין יערלעכן באַריכט האָט רבי דר. הערץ געזאָגט, „אַז לעצטן יאָר האָט מען צורעכט געמאַכט די סינאַגאָגע אזוי, אַז עס קוקט אויס ווי ניי". ‎“Jewish Chronicle” 27-5-1910

[8]) עס איז אינטערעסאַנט, אַז אַן ענלעכער פאַל איז פאָרגעקומען אויך אין קייפּטאַון, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין „אידישן אַדוואָקאַט" פון זיבעטן אַפּריל 1905.

טער זיינען ניט קוואַליפיצירט, פאַרטאַטשעס און פושערס. דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט די יידישע אַרבעטער. אָט די שטאַרקע באַליידיקונג האָבן מיר, רוסיש־יידישע ארבעטער, מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן. אָט דעם פּאַטש אין פּנים האָבן מיר, יידישע סטאָליערס, ניט געקענט פאַרטראָגן. מיר האָבן פּראָטעסטירט, געליאַרעמט און געפילדערט. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. מיר, ארבעטער, האָבן קיין פירערס ניט געהאַט — סאָלדאַטן אָן אָפיצירן. מיר זיינען געווען ניט־לאַנג־אריבערגעקומענע פון רוסלאַנד. מען האָט געקוקט אויף אונדז קרום. מען האָט אונדז באַטראַכט פאר סטאַטשקעניקעס, סאָציאַליסטן, בונדיסטן און אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט פון דער אלטער היים דעם קאַמף קעגן דעם קלעריקאַליזם. אָט אזא באַציאונג האָט דעמאָלט געהערשט צו די „פּאַרעינערס" מצד די יאַהודישע אַנגליזירטע יידן".

אויפן אַרבעטער־פראָנט

„די שטאַרקע אַרבעטלאָזיקייט און די באַליידיקונג האָט געטריבן דערצו, אז עס האָבן זיך געפונען אונטערנעמערס צו בויען הייזער, כדי געבן אַרבעט די רוסיש־יידישע אַרבעט־לאָזע".

„איינער פון די קאָנטראַקטאָרלעך איז געווען ב ע נ צ י ע ס אָ פּ ע ר ש ט י י ן, ביי וועמען איך האָב געאַרבעט. זיין פרוי, אַ גוטע שניידערקע און פּאַרדינערקע, האָט אים פינאַנצירט. (ביי זיי אין הויז זיינען געהאַנגען די בילדער פון ק ר אָ פּ אָ ט ק י ן און ב אַ ק ו נ י ן").

„אָט די קאָנטראַקטאָרלעך האָבן גענומען בויען הייזער אין די איצטיקע רייכע פאָר־שטעט — אין אָראַנדזש גראָוו און יאָעוויל, און דאַן — ווייטער און ווייטער אין שטאָט אריין".

„אין אָראַנדזש־גראָווו זיינען מיר געווען פון די ערשטע צו בויען הייזער. מיט דעם האָבן מיר געפילט אַ מין נקמה פון די, וועלכע האָבן אונדז באַשולדיקט, אז מיר זיינען ניט קיין גוטע אַרבעטער".

„אויף דער יידישער גאַס אין יאָהאַנעסבורג, ווו די קליינע און מיטעלע אינדוסטריע איז נאָך געווען גאָר קליין, האָט זיך לאַנגזאַם גענומען אריינדרינגען די לאָנדאָנער „סוועט־סיסטעם" און סובקאָנטראַקטאָריזם. מיט דער צייט האָבן די יידישע באַלעבאַטים און אויך די קרבנות פון דער „סוועט־סיסטעם" גענומען אריינגעמען שוואַרצע (אפריקער) אַרבעטער. זיי האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די רוסיש־יידישע אַרבעטער".

„די שווועריקייטן, וואָס דער יידישער אַרבעטער האָט געהאַט אויסצושטיין מצד די פּראָפּ.־פאַרייאיינען, האָבן פאַרטריבן אַ סך יידן פון זייערע פאַכן. דאָס איז אויך געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אַ מין וואָרנונג צו ניי־אָנגעקומענע באַלמעלאָכעס וועגן דער שוועריקייט צו קריגן אַרבעט ביי זייערע פאַכן. האָבן א סך פון זיי געמוזט זוכן אנדערע באַשעפ־טיקונגען. אויסער דעם האָט דער פּאַקט, וואָס דער פּאַרמיטלער, קרעמער און הענדלער האָט בעסער פאַרדינט — געטריבן אַ סך יידישע אַרבעטער אויסצונוצן די גינסטיקערע באַדינ־גונגען פאר „טרייערס", טאָכערס, קרעמערס און פאַר האַנדלס־פאַרמיטלערס".

מען הייבט אָן שעמען זיך מיט יידיש

מאַנכע פון די רוסיש־יידישע קרעמערס, הענדלערס, ספּעקולאַנטן א.א.וו., וועלכע זיינען געוואָרן מער פאַרמעגלעך, פלעגן זיך שעמען, און האָבן גע־קראָגן א ווידער־געפיל און מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס פון דעם, וואָס זיי זיינען רוסישע יידן; זיי האָבן זיך געוואָלט דערווייטערן פון דער פריערדיקער אָרעמקייט. זיי איז ניט אָנגעשטאַנען, וואָס אַ גרויסער טייל פון די אריבער־געקומענע רוסישע יידן זיינען געווען אָרעם און געלעבט זייער געדריקט. פיל

פון זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט „טרייערריי". זיי פלעגן גיין איבער די הייזער און בעטן מען זאָל זיי פאַרקויפן אַלטע בגדים, אַלטע פלעשער, און בכלל אלט־וואַרג. אנדערע פלעגן קלאַפּן אין די טירן און אָנבאָטן אייער און אנדערע אַרטיקלען. צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אזעלכע באַשעפטי־קונגען, האָט מען געקוקט אויף זיי פון אויבן אַראָפּ. אָט דאָס געפיל פון שעמען זיך מיט די אייגענע האָט זיך פאַרשטאַרקט ביי זיי אויך צוליב דעם, וואָס די יאָהאַנעסבורגער ענגלישע פרעסע איז געווען קעגן רוסישער אימיגראַציע. די פרעסע (מיטן אויסנאָם פון דעם „סטענדערד און דיגער") האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו באַשמוצן די רוסישע יידן.

אָט די יידן, וועלכע האָבן זיך גענומען שעמען דערמיט, וואָס זיי זיינען רוסישע יידן, האָבן אָנגעהייבן זיך שעמען מיט זייער מאַמע־לשון, ווייל יידיש איז געווען דער סימבאָל פון די רוסישע יידן. זיי האָבן גענומען פלאַפּלען אַ שלעכטן ענגליש; עס פלעגט פשוט גרילצן אין די אויערן, ווען אָט די רוסי־שע יידן פלעגן ארויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען פון דער חברה־קדישא, אָדער פון אַנדערע געזעלשאַפטן מיט רעדעס אין אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש. אָט די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך כסדר פאַרשפּרייט. די פני — די ענגלישע און דייטשישע יידישע אָנפירערשאַפט, האָט ניט אנערקענט און ניט צוגעלאָזן יידיש — די שפּראַך פון די רוסישע יידן, די שפּראַך פון דער מערהייט פון די יידן פון יאָהאַנעסבורג — צו דער געזעלשאַפטלעכער עפנטלעכקייט.

אַ טייל רוסישע יידן האָבן זיך גענומען „שאַרן" צו די ענגלישע יידן און ענגלענדער, ווייל זיי האָבן געוואָלט ווערן פאַרענגלישט. מאַנכע פלעגן ניט זאָגן, אז זיי זיינען רוסישע יידן. אַנדערע פלעגן אָנגעבן, אז זיי קומען פון דייטשלאַנד, ווייל רוסלאַנד איז דאַן באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ ניט־ציוויליזיר־טע, הינטערשטעליקע און האַלב־באַרבאַרישע מדינה.

דעם 20־טן יאַנואר 1911, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער חברה קדישא, האָט ב נ צ י ו ן ה ע ר ש געמאַכט אַ צוגאָב־פאָרשלאַג, אז די צירקולאַרן פון דער חברה־קדישא זאָלן געדרוקט ווערן אין ענגליש און אין יידיש, „פאַרן בענעפיט פון די טויזנדע מעמבערס, וואָס פאַרשטייען נאָר יידיש". דער דעלעגאַט פון די אָרטאָדאָקסן, ח י ם ק ו פ ע ר, האָט געזאָגט, אז „ער פאַרשטייט ניט פאַר־וואָס יידיש זאָל זיין טריף ביי אַ חברה־קדישא". איינער פון די פירערס פון דער חברה־קדישא, ד י י ו י ד ס ט אַ ר פ ע ל ד[9], איז געווען קעגן בנציון הערש'ס פאָרשלאַג, „ערשטנס, ווייל, אז יידן קומען אַהער, דאַרפן זיי זיך אויסלערנען די לאַנד־שפּראַך, און אגב, אויך ווי זיך צו פירן, דרך־ארץ, הייסט עס; צווייטנס, איז יידיש אַ ממזר־שפּראַך, און צוויי יידן ריידן קוים אין דעם זעלבן יידיש". בנציון הערש, ווי אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג, האָט ניט געפאָדערט צוריקצוציען דאָס אָנרופן יידיש „ממזר־לשון". אין זיין ענט־פער האָט בנציון הערש נאָר „אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט, וואָס גענע־ראַל ס מ אַ ט ס און קיינער פון די אימיגראַציע־באַאַמטע זיינען נישטאָ

[9] סטאַרפעלד איז געווען אַן „אַנגליזירטער" רוסישער ייד.

ביי דעם מיטינג, און האָבן ניט געהערט, ווי אַ יידישער כלל־טוער האָט גע־שטעמפּלט יידיש „ממזר־שפּראַך"... וואָלטן זיי דאָ געווען, וואָלטן זיי אפשר געהאַט אַ רעכט צוצושליסן די טויערן פון דרום־אפריקע פאר די פּילע אימי־גראַנטן, וואָס קענען קיין אַנדער שפּראַך ניט, ווי יידיש".

אָבער, בכלל געגומען האָבן מערסטנטייל רוסישע יידן געבענקט נאָך זייער שטעטל און נאָך זייער היים. זיי האָבן זיך געפילט פרעמד אין דער געזעלשאַפט פון די ענגלישע און דייטשישע יידן.

אָט וואָס רבי דר. הערץ האָט געהאַט צו זאָגן וועגן דעם אין אַן אינטער־וויו מיט דער ענגלישער „דזשואיש קראָניקל", דעם 20־טן אַפּריל 1900, אָנ־ווייזנדיק, אז אים איז געלונגען צו שאַפן אַ בעסערע פאַרשטענדעניש צווישן די ענגלישע און רוסישע יידן: „איך האָב געוואָלט פאַרבעסערן גענעראַל פאָן מאָלטקעס עצה צו זיינע סאָלדאַטן. פאָן מאָלטקע האָט געזאָגט: „מאַר־שירט באַזונדער, אָבער קעמפט צוזאַמען". ביי די יידן אין יאָהאַנעסבורג, אָבער, איז געווען: „מאַרשירט באזונדער און קעמפט איינער קעגן דעם אַנדערן".

* * *

להיפוך צו די ענגלישע און דייטשישע יידן האָט דער רוסישער ייד ניט געהאַט די דרייסטע און חוצפהדיקע האַלטונג פון אַ הערשער אין לאַנד צוליב זיין ווייס־הויטיקייט. זיי, די רוסישע יידן, האָבן שטאַרק געפילט, אז זיי געהערן ניט צו אַזעלכע ציוויליזירטע און מעכטיקע לענדער, ווי ענגלאַנד און דייטש־לאַנד; און דערצו האָבן זיי ניט געהאַט דאָס געפיל פון איינגעבירגערטע אין לאַנד.

* * *

קיין זאַך האָט ניט אזוי בולט געוויזן דאָס אָרט, וואָס יידן האָבן פאַרנומען, און די עפנטלעכע ראָל, וואָס יידן האָבן דאַן געשפילט, ווי אַ שפּאַציר איבער פּערעירא, פאָרדסבורג און איבערן צענטער פון יאָהאַנעסבורג אום יום־כפור. גאָר אַ סך גרויסע און קליינע געשעפטן זיינען געווען פאַרמאַכט. די בערזע און מאַנכע קינאָס און טעאַטערס זיינען געווען געשלאָסן. אין דער ברויזנדיקער יאָהאַנעסבורג האָט געהערשט אַ האַלב־זונטאָגדיקע רואיקייט.

רעליגיעזע דיסקרימינאַציע

דער פּונקט אין דער בורישער קאָנסטיטוציע פון 1870 וואָס זאָגט, אז נאָר אָנהענגערס פון דער פּראָטעסטאַנטישער (קאַלוויניסטישער) רעליגיע קענען פאַרנעמען הויכע רעגירונג־אַמטן, קענען זיין מיטגלידער פון „ראַאַד", און אז אַלע רעגירונג־שולן זאָלן געפירט ווערן פון פּראָטעסטאַנטן און אין פּראָ־טעסטאַנטישן גייסט, — איז גאַנץ בולט געווען אַ דיסקרימינאַציע אויך קעגן יידן. דאָס איז אָבער בשום אופן ניט געווען מיט קיין אַנטיסעמיטישער כוונה, מחמת די דיסקרימינאַציע איז געווען אויך קעגן קאַטאָליקן און אַנדערע ניט־פּראָטעסטאַנטישע רעליגיעס. די דיסקרימינאַציע איז געמאַכט געוואָרן, — אין יענע יאָרן — ווען עס זיינען געווען גאָר ווייניק יידן אין דער בורישער

רעפּובליק. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די בורן, מורא האָבנדיק פאַר ענגלאַנד, האָבן געוואָלט אויסמײַדן די פּאָרטן פון קייפּטאַון און דערבן. דער נאָענטסטער האַפן איז געווען דער שכנותדיקער האַפן לאָרענסאָ מאַרקס, וועלכער געהערט צו פּאָרטוגאַל.

די שטאַרק פרומע קאַלוויניסטיש־רעליגיעזע בורן האָבן זיך געשראָקן פאַר דער השפּעה פון די קאַטוילישע פּאָרטוגעזער, און דעריבער האָבן זיי, קאָנטיק, זיך געוואָלט פאַרזיכערן מיט דעם אויבנדערמאָנטן געזעץ[10].

אַ סך פּרוּוון זײַנען געמאַכט געוואָרן און אַ שטאַרקע אַגיטאַציע איז אָנגעפירט געוואָרן הויפּטזאַכלעך פון די פּראָ־ענגלישע ייִדישע פירערס, ווי רבי ד ר. ה ע ר ץ, ל אַ נ ג ע ר מ אַ ן, ג אָ ל ד ר ײַ ך א.א., צו באַזייטיקן דעם רעליגיעזן דיסקרימינאַציע־פּונקט פון דער בורישער קאָנסטיטוציע. אָבער זיי זײַנען געווען אָן דערפאָלג. דער פאַנאַטיש־פרומער קאַלוויניסט, פּרעזידענט ק ר ו ג ע ר, האָט איינמאָל באַאיוו געענטפערט אַ ייִדישער דעפּוטאַציע, אַז ווען ייִדן וועלן זיך אָנשליסן אָן דער „דאַטש רעפאָרם קירך", ד.ה. אָן דער קריסטלעך־קאַלוויניסטישער רעליגיע, וועט דאָך אָט־די דיסקרימינאַציע במילא אָפּפאַלן.

ייִדן און בורן

אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָט מען קיין אַנטיסעמיטיזם אָדער דיסקרימינאַציעס ניט געפילט מצד די בורן צו די ייִדן. ייִדן, הויפּטזאַכלעך רוסישע, האָלענדישע און דײַטשישע, האָבן זייער גוט געלעבט מיט די בורן, באַזונדערס צו־לאַנד און אין בורישע שטעט און שטעטלעך. די ענגלישע און אויך אַ געוויסע צאָל דײַטשישע ייִדן, ווי זייערע ניט־ייִדישע מיט־בירגערס, האָבן זיך געהאַלטן אָנגעיחסנט דערמיט, וואָס זיי געהערן צו אַזעלכע מעכטיקע לענדער, און וואָס זיי קומען מערסטנס פון גרויסע שטעט אין אייראָפּע. זיי האָבן באַטראַכט די בורן, ווי שטאָטישע אַריסטאָקראַטן, וועלכע קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף קליינשטעטלשע פויערים. די בורן איז אָט די האַלטונג געווען זייער דערווידער.

די רוסישע, האָלענדישע און אַ סך דײַטשישע ייִדן האָבן זיך לײַכט אויסגעלערנט דעם בורישן לשון גענוג אויף צו פאַרשטענדיקן זיך מיט זיי. דער רוסישער ייִד פלעגט אָנלאָקן דעם בור מיט זײַן פּשוטער האַלטונג, מיט זײַן וויסן די ביבל, מיט זײַן גיכער אָריענטאַציע און מיט זײַן בריהשאַפט. די בורן האָבן זיך געפילט היימיש צווישן די רוסישע און אויך צווישן א סך דײַטשישע ייִדן. דער בור פלעגט אָט דעם טיפּ ייִד באַצייכענען („Mak Joode"), וואָס

---

[10] אגב אורחא איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין יאָר 1870 איז אין רוים ארויסגעגעבן געוואָרן צו אַלע קאַטאָליקן דער באַוווסטער דעקרעט, אַז דער פּויפּסט קען ניט מאַכן קיין טעות — ער איז טעותלאָז. דער דעקרעט האָט דאַן ארויסגערופן בייז־בלוט ביי די פּראָטעסטאַנטן און אַנדערע קריסטן קעגן די קאַטאָליקן.

האָט געמיינט, אַז ער האַלט זיך ניט אָנגעיחסנט, איז ניט פון ווייטן און — ער איז אַ היימישער עמך־מענטש. אַ היפּשע צאָל יידן זיינען געווען זייער באַ־פריינדעט און היימיש מיט פּרעזידענט קרוגער און אויך מיט אַ סך אַנדע־רע פירערס פון דער בורישער רעפּובליק.

אין 1892 האָט מען געוויילט אַ פּרעזידענט פאַר דער רעפּובליק. פּאָול קרוגערס קאַנדידאַטור פאַרן אַמט פון אַ פּרעזידענט איז ווידער ארויסגע־שטעלט געוואָרן. אין דער וואַל־קאַמפּאַניע האָבן יידן אַקטיוו אַנטיילגענומען צו שטיצן פּאָול קרוגערן. די פאָרזיצערס פון ביידע הויפּט־סינאַגאָגעס — פון פּרעזידענט־גאַס און פון פּאַרק־סינאַגאָגע — האָבן אָפיציעל צוזאַמען מיט כמעט אַלע צוויי הונדערט יידישע בירגערס פון דער רעפּובליק, אונטערגע־שטיצט די קאַנדידאַטור פון פּאָול קרוגער.

אַ סך געשמדטע יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער בורישער רע־פּובליק. צום ביישפּיל, אַ האָלענדישער ייד, מ. דע־פּריז, איז געווען אַ מיטגליד פון „ראאד" אין 1871, און אין 1872 איז ער געוואָרן דער פאָרזיצער פון „ראאד". פריער איז ער געווען דער שטאַאַטס־פּראָקוראָר, בעת פּרע־טאָריוס איז געווען פּרעזידענט. אַ טשעכישער ייד, א. ה. נעלמאפּיוס, איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פּיאָנערן פון אינדוסטריע אין טראַנסוואַל. ווען ער איז געשטאָרבן אין 1892, האָט אויף זיין לוויה פּרעזידענט קרוגער געזאָגט, אַז „נעלמאפּיוס איז געווען איינער פון די גרעסטע מענטשן אין טראַנס־וואַל". אַ האָלענדישער ייד, י. נ. פאַן־דען־בערג, איז באַשטימט גע־וואָרן דורכן פּרעזידענט, אַלס Landrost און הויפּט־שופט פון ספּעציעלן קרי־מינעלן געריכט אין יאָהאַנעסבורג ביים אויסברוך פון קריג.

עס איז אויך אינטערעסאַנט צו באַמערקן דעם פאַקט, אַז, ווען רבי דר. הערץ האָט געהאַלטן אַ לעקציע פאַר דער יידישער קהילה אין בלומפאָנטיין — די הויפּט־שטאָט פון דער אָראַנדזש־פריישטאַאַט, אין אַפּריל 1899, א.ד.ט. „די סינאַגאָגע", איז דער פּרעזידענט פון אָראַנדזש־פריישטאַאַט, פּרעזידענט שטיין, געווען דער פאָרזיצער.

יידיש לעבן ביזן קריג

דאָס יידישע לעבן אין יאָהאַנעסבורג ביזן בוריש־ענגלישן קריג האָט, אין אַלגעמיינע שטריכן, אויסגעזען אזוי:

געענוי וויפל יידן עס זיינען געווען אין יאָהאַנעסבורג אין 1899 — דאָס הייסט פאַרן קריג — ווייסט מען ניט. מאָריס אַבראַהאַמס גיט אָן אין זיין מאַנוסקריפּט, אַז עס זיינען געווען אַן ערך 12.000 יידן. דר. הערץ גיט אָן, אַז עס זיינען געווען אַן ערך 10 טויזנט יידן אין יאָהאַנעסבורג, און אַן ערך 2 טויזנט אין די שטעט און שטעטלעך נאָענט צו יאָהאַנעסבורג. הערי סאָ־לאָמאָן גיט אָן, אַז עס זיינען געווען פון 8 ביז 9 טויזנט יידן אויפן ראַנד. אַנדערע, ווידער, שאַצן, אַז בלויז רוסישע יידן זיינען געווען ארום 7000. אָבער איין זאַך איז זיכער, אַז די מערהייט זיינען געווען מזרח־אייראָפּעאישע יידן.

די יידישע באַפעלקערונג איז געווען צעטיילט אין דריי גרופעס — די ענגלישע יידן, די דייטשישע און רוסישע יידן[11]. די האָלענדישע און אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע יידן קען מען צורעכענען צו די ערשטע צוויי גרופעס.

די טאָן־געבערס און די אָנפירערשאַפט פון דעמאָלטיקן רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן איז געלעגן אין די הענט פון דייטשישע און ענגלישע יידן.

די דייטשישע און ענגלישע יידן האָבן געשפילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער מינען־אינדוסטריע, אויף דער בערזע, אין הויך־פינאַנץ, אין גרעסערע געשעפט־אונטערנעמונגען און אַלס פאַרטרעטערס פון אייראָפּעאישע גרויסע פירמעס. אַ סך דייטשיש־יידישע יונגעלייט (הויפּטזאַכלעך פון דרום־דייטשלאַנד) פלעגן קריגן אַרבעט, גלייך ביים אריבערקומען, אַלס ביוראָ־אָנגעשטעלטע אין די דייטשיש־יידישע, אָדער ביי דייטשישע ניט־יידישע מינען־גרופּעס.

די רוסיש־יידישע אימיגראַנטן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט קרעמעריי, מיט „טאָכן" (הויפּטזאַכלעך געהאַנדלט מיט אַפריקער) און מיט מלאכה. עס זיינען געווען צווישן זיי: שניידערס, שוסטערס, סטאָליערס, בלעכערס, זייגער־מאַכערס, פערד־ און בהמות־הענדלערס. מען האָט געאַרבעט אין „קאָפּעריטעס" און אין קראָמען. דאָס רוב פון די פיל „קעב דרייווערס" זיינען געווען רוסישע יידן.

די ענגלישע און דייטשישע יידן זיינען אַהער געקומען מיט אַ געוויסער בילדונג און באַקאַנטשאַפט מיט די באַדינגונגען פון דרום־אַפריקע. מאַנכע פון זיי זיינען לכתחילה געקומען מיט קאַפּיטאַל.

קולטורעל און געזעלשאַפטלעך האָבן די ענגלישע, דייטשישע און האָלענדישע יידן, מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען, געלעבט ווי ענגלענדער, דייטשן און ווי האָלענדער, הגם זיי פלעגן קומען אין די סינאַגאָגעס און אָנטיילנעמען אין רעליגיעזן און אַפילו אויך אין פילאַנטראָפּישן לעבן פון די יידן אין יאָהאַנעסבורג. צווישן די ענגלישע און דייטשישע יידן זיינען דאָן שוין געווען אַ געוויסע צאָל קולטורעלע יידן, וועלכע פלעגן געזעלשאַפטלעך קומען אין באַרירונג מיט די רוסישע יידן. אייניקע פון זיי זיינען געווען אַקטיוו צווישן די רוסישע יידן, וועלכע האָבן געהאַט צוטרוי צו זיי.

די נאַציאָנאַל־קולטורעלע ירושה פון דעם פעריאָד 1886—1902

דער ישוב אין יאָהאַנעסבורג איז נאָך אזוי יונג, אז דאָס ערשטע קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יאָהאַנעסבורג לעבט נאָך. אזוי ארום, אז היסטאָריש איז נאָך די געשיכטע פון יאָהאַנעסבורג „מיט דער האַנט צו דערלאַנגען".

ווען מען מאַכט אַ סך־הכל, וואָס פאַר אַ קולטור־ירושה עס האָבן איבערגעלאָזן די פּיאָנערן פון גרעסטן יידישן צענטער אין דרום־אפריקע, פון סאַמע

[11]) אגב האָבן די ליטווישע און פּוילישע יידן אויך זיך ניט פאַרטראָגן.



לינקס איז סידני וואָלטער דזשאָרדזש אינגלסבי. ער איז געווען דאָס ערשטע קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן (8/4/1887) אין ראַנדיעסלאַכטע־יאָהאַנעסבורג. קיינער האָט נאָך זיין באַהויפּטונג ניט אָפּגעלייקנט. ער לעבט נאָך היינט. דאָס בילד איז גענומען געוואָרן אין יאָר 1954. (רעכטס איז דער מחבר). (פאָטאָגראַפירט — מ. קאַרקלין)

אָנהויב פון יאָהאַנעסבורג ביזן סוף פון דער בוריש־ענגלישער מלחמה, באַקומט זיך אזא בילד:

די מערב־אייראָפּעאישע יידן האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין יאָהאַנעסבורג ווי פּיאָנערן אין אלע צווייגן פון איר אַנטוויקלונג: אין דער גאָלד־אינדוסטריע, אין קאָמערץ און האַנדל. זיי האָבן געשאַפן און אנטוויקלט פאַרשיידענע אינדוסטריעס א.א.וו. אויך האָבן זיי געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין מוניציפּאַלן, געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן. זיי האָבן אויך זייער פיל בייגעטראָגן אין דער פּיאָנערישער אַרבעט פאַר דעם טעאַטראַלן און מוזיקאַלישן לעבן פון יאָהאַנעסבורג.

די מערב־אייראָפּעאישע יידן האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון יידישן לעבנשטייגער אין יאָהאַנעסבורג. זיי האָבן געשאַפן און אריינגעבראַכט אָרגאַניזירטקייט, פאָרעם, סיסטעם און מאַנירן אין דעם יידישן רעליגיעזן און פילאַנטראָפּישן לעבן פון יאָהאַנעסבורג. זיי זיינען געווען טאָנגעבערס און די אַקטיווע פירערס פון יידישן קיבוץ ביז דער בוריש־ענגלישער מלחמה (און אויך אַ סך יאָרן שפּעטער). זיי האָבן געגרינדעט די ערשטע סינאַגאָגע, תלמוד־תורה, חברה־קדישא און אַ סך פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס — ניט ווי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע (מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען), נאָר ווי ענגלענדער, דייטשן, האָלענדער א.א.וו. פון משה רבינו׳ס גלויבן.

די מערב־אייראָפּעאישע ציוניסטן, מיט ווייניק אויסנאַמען, האָבן אפילו ניט געטראַכט, אז פּאַלעסטינע, וואָס איז געווען אַ טייל פון דער טערקישער אימפּעריע, קען ווערן אַן ארץ־ישראל. פאַר זיי איז ציוניזם געווען אַ רעליגיעז־ראָמאַנטישע פאַרבינדונג מיט דעם ביבלישן ארץ־ישראל. אַ קליינע צאָל מערב־אייראָפּעאישע יידן זיינען געווען ציוניסטן; ציון איז פאַרבונדן מיטן הייליקן לאַנד, וווּ גאָט האָט די יידן אויסדערוויילט און משה רבינו האָט די יידן געגעבן די תורה. בכלל איז עס דאָס לאַנד, וווּ עס האָט זיך געפונען דאָס „וויגעלע" פון דער יידישער רעליגיע. די מערב־אייראָפּעאישע ציוניסטן (מיט געוויסע אויסנאַמען) האָבן ניט געקאָנט אָפּטיילן די רעליגיעז־הימלישע וועלט פון ציון.

ביי די ווייניקער אַסימילירטע און מער אינטעליגענטע מערב־אייראָפּעאישע יידן האָט די רעליגיעזע פאַרבינדונג און אָנגעהעריקייט מיט די יידן פון דער וועלט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין די רעליגיעזע ריטואַלן, אין פילאַנטראָפּישער אַרבעט, אָדער שטודירן די ביבל, נאָר אויך אין שטודירן יידישע געשיכטע און רעליגיעזע און אַלגעמיינע ביכער וועגן יידן. אַ סך ענגלישע יידן פלעגן לייענען רעגולער די שטאַרק־רעליגיעזע און ענגליש־פּאַטריאָטישע וואָכנטלעכע אויסגאַבע — די לאָנדאָנער „דזשואיש קראָניקל", וועלכע איז געווען די וואָרט־זאָגערין פון די יידן אין דער ענגלישער אימפּעריע. אָפט פלעגט דאָרט אויך זיין אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן די יידן פון דרום־אַפריקע. צום ביישפּיל, אינעם „דזשואיש קראָניקל" פון דעם 21־טן און 28־טן יוני און פון 5־טן יולי 1895, זיינען געווען דריי אַרטיקלען פון רעוו. יואל ראַבינאָוויץ וועגן געוויסע יידן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דעם אַלגעמיינעם לעבן אין דרום־אַפריקע. (אגב דערמאָנט ער דאָרט בכלל ניט וועגן דער בורישער רעפּובליק). דעם 20־טן אַפּריל 1900 איז געווען געדרוקט אַן אינטערוויו מיט רבי דר. הערץ. דעם 5־טן אָקטאָבער 1900 איז געווען אַן אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ פון רעוו. וואַסערצוג. מיטן אויסנאַם פון די צוויי אויבנדערמאָנטע אינטערוויוען זיינען כמעט אַלע קאָרעספּאָנדענצן געווען אין אַלגעמיינע שטריכן, וועגן דעם רעליגיעזן לעבן און וועגן יידן, וועלכע האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין אַלגעמיינעם לעבן פון דרום־אַפריקע.

אַ טייל פון די דייטשישע יידן פלעגן לייענען די צייטשריפט „Algemeine Zeitung des Judentums". עס פלעגט אויך אריינקומען אַ קליינע צאָל עקזעמפּלאַרן פון דער צייטשריפט „אַליאַנס איזראַעליט".

טראָץ דעם, וואָס די מערב־אייראָפּעאישע יידן זיינען געווען די אָנפירערס און געשפּילט, אַזוי צו זאָגן, די ערשטע, צווייטע און דריטע פידל אין יידישן לעבן פון יאָהאַנעסבורג, האָבן זיי אָבער גאָרנישט איבערגעלאָזן אין שריפט, וואָס זאָל האָבן היסטאָריש אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן ווערט. זיי האָבן ניט ארויסגעגעבן אין דעם באַטרעפנדיקן פּעריאָד קיין איין צייטונג, קיין איין זשורנאַל, קיין איין בוך געווידמעט דעם לעבן און שטרעבן פון די יידן אין יאָהאַנעסבורג, אָדער בכלל וועגן די יידן אין דרום־אַפריקע.

גאָר אַנדערש איז עס געווען מיט די מזרח־אייראָפּעאישע יידן. דאָס לעבן און די לעבנס־באַדינגונגען זייערע זיינען געווען אַ סך שווערער, ווי פון די מערבדיקע יידן. די מזרחדיקע יידן זיינען געקומען אַהער „נאָר צייטווייליק". זיי האָבן געדאַרפט שנעל אָריענטירן זיך אין דער גאָר ווייטער און פרעמדער מדינה, זיך דורכאויס קאָנצענטרירן אויף „האַסטיק" צו פאַרדינען געלט, כדי צו שטיצן די משפחות אין דער אַלטער היים, און שטרעבן אָפּצושפּאָרן געלט צוריקצופאָרן. טראָץ דעם האָבן די מזרחדיקע יידן יאָ איבערגעלאָזן אַ ירושה אין שריפט. הגם זי איז געווען אַ גאַנץ אָרעמע, האָט זי דאָך אַ געוויסן נאַציאָנאַל־קולטורעלן געשיכטלעכן ווערט.

די רוסישע יידן האָבן געלעבט, ווי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע. זיי האָבן גערעדט אַן איינהייטלעכע שפּראַך — יידיש, וואָס האָט געשאַפן געמיינשאַפט־לעכקייט צווישן זיי. זיי זיינען ניט געווען רוסן פון משה רבינו'ס גלויבן. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענע שפּראַך, אַן אייגענע קולטור, טראַדיציעס און מנהגים. אויך דאָ האָבן זיי געלעבט ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט. דער גרעסטער טייל איז געווען רעליגיעז.

אין יענער צייט זיינען דערשינען דריי יידישע וואָכנטלעכע צייטונגען: „דער אַפריקאַנער איזראַעליט" — אין יאָר 1890; „די אַפריקאַנישע אידישע גאַזעטן" — אין 1896־טן יאָר; און אין יאָר 1898 איז דערשינען „דער עקספּרעס".

אין 1896 האָט אַ דווינסקער ייד, זלמן גאָראָדעצקי, ארויסגעגעבן אַ ביכל לידער פון פיר זייטן: „די טראַנסוואַלער גאָלד־מיינס" (געדרוקט ביי „עקסעלסיאָר פרינטינג וואָרקס", 30 קאָמיסיאָנער גאַס).

אין יאָר 1898 האָט אַ געוויסער ל. פּ. הירש ארויסגעגעבן אין יאָהאַנעסבורג א „לוח תרנ"ט לפ"ק פון 36 זייטעלעך (״6×״4).

אַ חוץ די קאַלענדארישע אינפאָרמאַציעס אַנטהאַלט דער לוח אַ ליסטע פון היגע סינאַגאָגעס, חברות און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. עס זיינען אויך געווען אין לוח פּאָסט־אינפאָרמאַציעס אין יידיש. דער לוח איז געווען אַ פּריוואַטע געשעפטלעכע אונטערנעמונג, און איז דעריבער באַשטאַנען הויפּט־זאַכלעך פון אַנאָנסן אין ענגליש און אין יידיש.

אַ חוץ אַנדערע אויסגאַבעס, פון וועלכע עס זיינען ניטאָ קיין עקזעמפּלאָרן פלעגט מען אויך פון צייט צו צייט ארויסגעבן מה־נשתנה־ביכלעך[12]. די ביכלעך פלעגן טראָגן אַ כאַראַקטער פון קיבעצן — און פון גוטמוטיקער סאַטירע איבער דעם יידישן לעבן. די טעמעס פלעגן זיין אַן ערך: אַ היימישער „אייזימל אויף קעסט" שטופּט א וועגעלע איבער די יאָהאַנעסבורגער גאַסן און קויפט צונויף אַלטע פלעשער און פּאַראַפין־בלעכן; פרומע יידן האָבן דאָ פּאַר־

[12]) אזוי גיבן איבער די יידן, וועלכע האָבן דאָ געלעבט פאַר דער בוריש־ענגלישער מלחמה. עס איז נאָך דערהייל קיין איין ביכל ניט געפונען געוואָרן.

אין יאָר 1907 איז דערשינען אַ דראַמע אין פיר אַקטן „דער ד. אפריקאַנער אידישער וואָלונטיר" פון א. ל. יאַפּע — א דראַמע וועגן בוריש־ענגלישן קריג.

לוח תרנ"ט לפ"ק
HEBREW ALMANAC
FOR THE YEAR
5659—1898—'99.


WITWATERSRAND OLD HEBREW CONGREGATION
REV DR. J.H. HERTZ D.D. D.PH B.A
Johannesburg Hebrew Congregation
REV H. ISAACS, BOX 1767.
ORTHODOX SYNAGOGUE
REV. H. FREEDMAN, Box
Rand Modern Hebrew Congregation,
REV M. L. HARRIS, BOX 1311.


תשרי
אִ׳ דר׳ השנה
בּ׳ דר׳ השנה
צום גדליה
צום הכפורים

חברת ומוסדי צדקה
דפה יאהאננעסבורג.
1) Witwatersrand Jewish Helping Hand and Burial Society. חברה קדישא. Hon. Sec. B.P. Marks, P.O. Box 918.
2) Jewish Benevolent Society, גמילות חסדים Hon. Sec. A. Regaly, P.O. Box
3) Johannesburg Jewish Ladies Society, Hon. Sec. Mrs. T. Goodman, P.O. Box
4) Johannesburg Jewish Guild, Hon. Sec. S. Marks, P.O. Box 918.
5) Jewish Friendly Association & Working Men's Club, Hon. Sec. Lennox Loewe, Box 2667.
6) Transvaal Zionist Association, חברת חובבי ציון דטראנסוואל Hon. Sec. Lennox Loewe, Box 2667



לאָרן זײערע פּאות און פרומקײט; ײדן זײנען מכלל־שבת; װעגן מענער, װעל־כע זײנען דאָ געװאָרן „קאַלט" צו זײערע פרויען אין דער הײם; װעגן דעם שװערן לעבן פון די „טרײערס"; נײ־אויפגעקומענע גבירים „בלאָזן זיך" א.א.װ.

אין 1895 זײנען געװען געדרוקט אין „המליץ" צװײ אַרטיקלען, און אין 1896 — דרײ אַרטיקלען װעגן הכנסת אורחים און גאַסטפרײנדלעכקײט פון די יאָהאַנעסבורגער ײדן צו זײערע לאַנדסלײט, און בכלל שטריכן פון דעם לעבן פון די רוסישע ײדן פון ז ל מ ן װ ו אָ ל ף ז אַ ק ש (אונטער אַ פּסעװדאָנים „נפש"). אין מײ און יוני 1895, אין סוף 1895 און אין אָנפאַנג 1896, האָט מ. ד. ה ע ר ש געדרוקט א סעריע ארטיקלען אין „הצפירה" א.ד.ט.: „די ײדן אין דרום־אפריקע" און „דער אויפשטאַנד אין טראַנסװאַל און זײן װירקונג אויף ײדן".

עס זײנען אין יענער צײט, אָן צװײפל, געדרוקט געװאָרן אַרטיקלען און אויך קאָרעספּאָנדענצן פון דרום־אפריקע אין די ײדישע צײטונגען אין אײראָפּע און אמעריקע. נאָר צוליב דער פולשטענדיקער נאָכלעסיקײט צו זאַמלען דאַן דאָקומענטן האָבן מיר זײער װײניק װערטיקע מאַטעריאַלן. צוליב דער זעל־בער סיבה האָבן מיר ניט קײן בריװ פון מענער, װעלכע האָבן געשריבן צו זײערע פרויען, אָדער זין צו זײערע עלטערן, װעגן דעם לעבן פון די ײדן אין דער צײט פון דעם בוריש־ענגלישן קריג.

אין יאָהאַנעסבורג זײנען דאַן געװען בוכהאַנדלונגען, װו ײדן פלעגן קויפן צײטונגען, זשורנאַלן און ביכער אין ײדיש און אויך אין העברעאיש. עס זײנען געװען ביבליאָטעקן, לײען־זאַלן און ספּעציעלע ײדישע פּארװײלונג־פּלעצער. עס פלעגן פּאָרקומען לעקציעס אין ײדיש און דעבאַטן אויף ײדישע און אלגע־מײנע טעמעס. עס איז געװען ײדיש טעאַטער, װו מען פלעגט אויפפירן פּיעסן און אָפּערעטעס בײ פולגעפּאַקטע זאַלן. די אלע אינסטיטוציעס האָבן געהאַט אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן װערט.

װי שטאַרק אָרעם דער קולטורעלער מצב פון די מזרח־אײראָפּעאישע ײדן זאָל ניט האָבן געװען, האָבן זײ אונדז דאָך עפּעס איבערגעלאָזן, להיפּוך צו די מערבדיקע ײדן.

דריטער טייל

בוריש־ענגלישער קריג

ערב דעם קריג. — מען באשולדיקט יידן. — באַזונדערע לאַיאַליטעטן. — אין צייט פון בוריש־ענגלישן קריג. — מען דעפּאָרטירט. — די יידן אין יאָהאַנעסבורג אין צייט פון קריג. — פון אַ טאָגבוך אין צייט פון קריג. — יידישער אַמבולאַנס. — יידן אויפן צד פון די בורן. — יידישע העלדן.

ערב דעם קריג

ניט אומזיסט האָט פּרעזידענט קרוגער געפרעגט די ענגלענדער: „צו וואָס קומט איר אַהער צו אונדז אין טראַנסוואַל? מיר זיינען דאָך אַנטלאָפן פון אייך פון דער קאַפּ־פּראָווינץ".

ניט אומזיסט האָט פּיט דזשובערט געזאָגט צו דעם, וועלכער האָט אים אָנגעזאָגט מיט גרויס פרייד די גוטע בשורה, אין 1886, אז מען האָט אנטדעקט דעם רייכן גאָלד־אָדער: „דו דאַרפסט בעסער וויינען, ווייל דאָס גאָלד קאָן זיין די סיבה, פאַרוואָס אונדזער לאַנד קען דערטרונקען ווערן אין בלוט". ניט אומזיסט האָט פּאָול קרוגער גוואַלדיק פיינט געהאַט יאָהאַנעסבורג, ווייל דאָס איז געווען דער ציטאַדעל פון דער ענגלישער אימפּעריע אין זיין רעפּובליק.

יאָהאַנעסבורג איז געווען אין אַ טראַגיש־קאָמישער לאַגע פאַר דער בורישער רעפּובליק: — די גרעסטע און וויכטיקסטע שטאָט פון דער רעפּובליק, די שטאָט, וואָס ברענגט אריין די הויפּט־הכנסה פאַר דער רעפּובליק, דער צענטער פון די רייכע גאָלד־מינען, דער צענטער פון דער בערזע — איז געווען באַפעלקערט, הויפּטזאַכלעך מיט אויסלענדער, מיט די אימפּעריאַליסטישע ענגלענדער אין דער מערהייט. אָט די ניט־געקרוינטע באַלעבאַטים פון יאָהאַנעסבורג — די ענגלענדער, מיט די ענגלישע און דייטשישע גאָלד־מאַגנאַטן בראש, האָבן ניט געוואָלט די פּרימיטיווע בורישע הערשאַפט, וואָס האָט באַגרענעצט זייערע רעכטן, זייער מאַכט און זייער עקספּאַנסיע. זיי האָבן געפאָדערט גלייכבארעכטיקונג ווי בירגער, גלייכבאַרעכטיקונג פאַר זייער שפּראַך, און אָפּשאַפן די דינאַמיט־קאָנצעסיע, וואָס די בורישע רעגירונג האָט געגעבן צו אַ דייטש (די מינען־מאַגנאַטן, וועלכע זיינען געווען זייער גרויסע קאָנסומענטן פון דינאַמיט, וואָס מען האָט גענוצט ביים אויפרייסן אין די מינען, האָבן צוליב דער קאָנצעסיע געמוזט צאָלן פאַרן דינאַמיט א סך טייערער).

די ענגלענדער זיינען ארויס מיטן מאָטאָ: „קיינע שטייערן אָן גלייכבאַ־רעכטיקטער פאָרשטייערשאַפט״.

ניט קריגנדיק קיין באַפרידיקונג פאַר זייערע פאָדערונגען, האָבן די אימ־פעריאַליסטישע מאַגנאַטן געבעטן ענגלאַנד, אז זי זאָל זיי „אַקטיוו אונטער־שטיצן אין זייער קאַמף קעגן דער בורישער רעגירונג״. זיי האָבן אויך גע־פאָדערט, אז ענגלאַנד זאָל זיך „אריינמישן״. דאָס האָט געהאַט נאָר איין כוונה — אַנעקסיע.

די בורן האָבן זיך שטאַרק געשראָקן און באַצויגן זיך מיט פאַרדאַכט צו די אַגרעסיווע ענגלענדער. זיי האָבן מורא געהאַט צו געבן די ענגלענדער גלייכע בירגער־רעכט, כדי מען זאָל זיי ניט מאַיאָריזירן, ווייל עס זיינען שוין דאַן געווען כמעט אזויפיל אויסלענדער אין דער דרום־אַפריקאַנער רעפּובליק, ווי בורן. די בורן האָבן געפילט די געפאַר פון די אויסלענדער: זיי זאָלן ניט אָפּשוואַכן, אָדער צעשטערן די מאַכט און הערשאַפט פון דער רעפּובליק.

די בורישע רעגירונג האָט אַ סך פאַרלייכטערט דאָס בירגערשאַפט־געזעץ — פון 14 יאָר אויף 7, און פון 7 יאָר — אויף 5. אָבער דאָס האָט די ענגלענ־דער אויך ניט באַפרידיקט. אויף דעם האָט פּאָול קרוגער בייזערהייט געזאָגט צו זיי: „ניט נאָר בירגער־רעכט זייט איר אויסן...״

יאָהאַנעסבורג איז געווען פאַר דער בורישער רעפּובליק, ווי אַ ביין אין האַלדז, וואָס מען קען ניט אַראָפּשלינגען, און מען קען ניט אויסשפּייען.

געאָגראַפיש זיינען די בורישע רעפּובליקן — די דרום־אַפריקאַנער רע־פּובליק און די אָראַנדזש־פרייסטאַט רעפּובליק — געווען, כמעט, ווי ארומגע־רינגלט מיט די ענגלישע קאָלאָניאַלע טעריטאָריעס: די גרויסע קאַפּ־פּראָ־ווינץ מיט דער האַפּן־הויפּטשטאָט קייפּטאַון אין דרום־מערב, נאַטאַל מיט דער האַפּן־הויפּטשטאָט דערבן אין דרום־מזרח, און ראָדעזיע אין צפון.

די ענגלישע אימפּעריאַליסטן האָבן שטאַרק געוואָלט, אז טראַנסוואַל זאָל אַנעקסירט ווערן דורך ענגלאַנד. דאָס האָט ניט נאָר געפּאַסט צום רומל פאַר דער ענגלישער אימפּעריע, נאָר זיי האָבן געהאַלטן, אז עס איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט פאַר דער גרויסער און מעכטיקער ענגלישער אימפּעריע צו באַזיצן די טעריטאָריע, אין וועלכער עס געפינען זיך די גרעסטע גאָלד־גרובן אין דער וועלט. די גאָלד־מינען האָבן ארויסגעגעבן גאָלד אין ווערט פון 80 טויזנט פונט אין 1887; און אין יאָר 1899 האָט מען שוין פּראָדוצירט גאָלד אין ווערט פון 15 מיליאָן פונט. (בלויז איין פירמע „עקשטיין און קאָמפּאַניע״, האָט אויסגעצאָלט דיווידענדן אין דער סומע פון 4 מיליאָן פונט).

די ענגלישע אימפּעריאַליסטן האָבן געמיינט, אז מען וועט „מיט גוטן״ דורכקומען, אָדער צווינגען די בורן „מיט גוטן״ אָפּצוגעבן ענגלאַנד טראַנס־וואַל. נאָר די האַרטנעקיקע בורן, וועלכע האָבן שטאַרק און טייער געהאַלטן זייער זעלבשטענדיקייט, האָבן ניט „נאָכגעגעבן״ די „רויטנעקיקע״ (ווי די בורן פלעגן באַצייכענען די ענגלענדער). פּאָול קרוגער האָט געזאָגט: „איך בין ניט גרייט אָפּצוגעבן מיין לאַנד צו פרעמדע״.

די ענגלענדער האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן צו באַקעמפן די „איינגע־שפּאַרטע״, „פּראָווינציעלע״ בורן.

אין 1895 האָט מען שוין גענומען געהיים אימפּאָרטירן געווער; און סוף 1895 איז פאָרגעקומען דער באַוווסטער „דזשיימעסאָנס איבערפאַל״. דער ציל איז געווען אַוועקצונעמען פון דער בורישער רעפּובליק יאָהאַנעסבורג און די גאָלד־מינען. דער איבערפאַל איז געווען אָרגאַניזירט פון די סאַמע איינפלוס־רייכסטע אימפּעריאַליסטישע ענגלענדער. די אימפּעריאַליסטישע אַוואַנטורע איז דורכגעפאַלן. פון דאַן אָן האָבן די בורן גאַנץ קלאָר פאַרשטאַנען, אַז די ענגלענדער ווילן פאַרכאַפּן זייער רעפּובליק. די בורן האָבן געזען, אַז די מלחמה צווישן זיי און ענגלאַנד איז נאָר אָפּגעלייגט. די באַציאונגען צווישן די בורן און די ענגלענדער זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגעשטרענגט. אין סעפּטעמבער 1899, האָבן זיך די בורן דערוווסט, אַז ענגלאַנד שיקט סאָלדאַטן פון ענגלאַנד און פון אינדיע קיין דרום־אפריקע. די בורן האָבן גאַנץ גוט פאַר־שטאַנען מיט וואָס דאָס דראָט.

די טראַנסוואַלער בורישע רעגירונג האָט מיט דער צושטימונג פון דער בורישער אָראַנדזש־פריישטאַט רעפּובליק, מיט וועמען זי האָט געהאַט אַן אָפּ־מאַך, געשיקט אַן אולטימאַטום דער ענגלישער רעגירונג, אויפפאָדערנדיק צו־ריקצוציען די סאָלדאַטן, וועלכע זי האָט שוין ארויסגעשיקט, און אָפּשטעלן דאָס שיקן נייע סאָלדאַטן. די ענגלישע רעגירונג האָט דעם אולטימאַטום איגנאָ־רירט, און — דאָס אומפאַרמיידלעכע האָט פאַסירט! — דעם 11־טן אָקטאָ־בער 1899 האָט אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן די צוויי קליינינקע בורישע רעפּובליקן און דער מעכטיקער גרויסער ענגלישער אימפּעריע.

די בורן האָבן באַצייכנט די מלחמה פון 1899, ווי די צווייטע מלחמה פאַר באַפרייאונג. (די ערשטע האָבן באַצייכנט די מלחמה פון 1881 — ווען זיי האָבן נאָך אַ זיגרייכן קאַמף ביי מאַדזשובאַ באַפרייט זייער טראַנסוואַלער רע־פּובליק, וואָס איז אַנעקסירט געוואָרן פון ענגלאַנד אין 1877).

מען באַשולדיקט יידן

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט מען גלייך גענומען פילן אין דעם ענגלישן אימפּעריאַליסטישן לאַגער, אז די וועלט איז און וועט זיין קעגן ענג־לאַנד פאַר דעם שריט, וואָס זי האָט געמאַכט אין דרום־אפריקע מיט דער מלחמה קעגן די בורן. אַלע, אַלע האָבן גאַנץ גוט געוווסט, אז — וואָלטן אַזעלכע גרויסע גאָלד־רייכטימער ניט געווען אין טראַנסוואַל, וואָלט קיין מלחמה מיט די בורן ניט אַנטשטאַנען. מען האָט געמוזט געפינען אַ באַרעכ־טיקונג, הויפּטזאַכלעך, פאַר די אייגענע בירגער פון דער אימפּעריע. די ענג־לישע רעגירונג האָט געהאַנדלט לויט ביסמאַרקס פאָרמולע: „פריער דערקלערט מען מלחמה, דערנאָך געפינט מען די סיבות פאַר דעם״.

מען האָט געזוכט „שילדן״ אָנצושרייבן באַרעכטיקונגען, פאַרוואָס מען שלאָגט זיך מיט די בורן. מען האָט געדאַרפט האָבן „סטראַשידלעס״ צו פאַר־

מאַסקירן דאָס „געוויסן״ פון דעם אַגרעסיוון ענגלישן אימפּעריאַליזם. איינער פון די שעיר לעזאולס איז געווען דער ייד. די ענגלישע רעאַקציאָנערע צייטונגען זיינען ארויס מיט אַ שווידערלעך־בייזווויליקער אַטאַקע קעגן די יידן: „פאַר וועמען שלאָגן מיר זיך? פאַר די יידישע גאָלד־מאַגנאַטן און בראַנפן־פאַרקויפער?״ „יידן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין דער בורישער רעפּובליק!״ „יידן זיינען שולדיק אין דער מלחמה!...״ דער ענגלישער עקאָנאָמיסט י. א. האבסאן, איז אין זיין בוך — „די מלחמה אין דרום אפריקע״, — ארויסגעקומען מיט אַ בייזווויליקער אַטאַקע אויף די יידן און אויפגעוויזן, אז זיי זיינען אין אַ גרויסער מאָס שולדיק אין דער מלחמה. אין איינעם פון די קאַפּיטלען — „פאַר וועמען שלאָגן מיר זיך״ — שרייבט ער: „אָט דער קרייז פון אינטערנאַציאָנאַלע יידישע פינאַנציסטן קאָנטראָלירט די רייכסטע עקאָנאָמישע רעסורסן אין טראַנסוואַל״. „די בערזע איז הויפּטזאַכלעך קאָנטראָלירט פון יידן״, „די פּרעסע ליגט אין יידישע הענט״ א.א.וו.

אין אַ לענגערן אינטערוויו אין לאָנדאָן מיט דער „דזשואיש קראָניקל״, דעם 20־טן אַפּריל 1900, וואַרפט אָפּ דר. הערץ[1] די אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס, וואָס האָבן באַשולדיקט די יידן, אז זיי זיינען אין אַ גרויסער מאָס שולדיק אין דער בוריש־ענגלישער מלחמה. ער ענטפערט, הויפּטזאַכלעך, אויף האָבסאָנס בייזווויליקן אָנפאַל.

וואָס אַנבאַלאַנגט די גאָלד־מאַגנאַטן רעכנט דר. הערץ אויס אַ צעטל נעמען פון די הויפּט־גאָלד־מאַגנאַטן, וועלכע זיינען ניט־יידן — ענגלענדער און דייטשן. דערנאָך זאָגט ער: „עס איז אמת, אז די דייטשישע יידן זיינען אַ גרויסער טייל פון די פינאַנציסטן פון דער בורישער רעפּובליק, אָבער די דייטשישע יידן, מיט ווייניק אויסנאַמען, האָבן זיך ניט אַנערקענט פאַר יידן, אָדער זיי האָבן במשך פון די לעצטע 6 יאָר איבערגעגעבן זייערע נשמות צו דער קאַטוילישער קירך״.

וואָס שייך דער באַשולדיקונג, אז נאָר רוסישע יידן פאַרקויפן ניט־געזעצלעך בראַנפן צו אַפריקער, זאָגט דר. הערץ: ערשטנס, זיינען די געזעצן פון בראַנפן־פאַרקויף אין דער רעפּובליק זייער אומגעלומפּערטע; צווייטנס, זיינען די רוסישע יידן ניט מער, ווי אַ העלפט פון די בראַנפן־פאַרקויפערס; און די העלפט איז נאָר 5 פּראָצענט פון די רוסישע יידן; און די איבעריקע 95 פּראָצענט פון די רוסישע יידן פאַרדינען חיונה אויף אַן ערלעכן אופן, פּונקט ווי די אַלגעמיינע באַפעלקערונג.

וואָס שייך דער בערזע — זיינען די יידן אין אַ מינאָריטעט, האָט ער געזאָגט. וועגן דער פּרעסע ווייזט דר. הערץ אויף, ווי ווייט לעכערלעך עס זיינען האָבסאָנס באַשולדיקונגען: פון די דריי טעגלעכע צייטונגען אין יאָהאַנעסבורג איז נאָר איין ייד — מענדעלסאָן — אַ שותף און מיטרע־

[1] אָנהויב דעצעמבער 1899, אַן ערך 2 חדשים נאָכן אויסברוך פון קריג, האָט די בורישע רעגירונג דעפּאָרטירט רבי דר. הערץ נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַנטזאָגט צוריקצוציען די אָנגריפן, וועלכע ער האָט געמאַכט קעגן איר. מען האָט אים ארויסגעשיקט, ווי אַן אומגעוונטשענע אומפריינדלעכע פּערזאָן, און ווי אַ פּראָ־ענגלישן אַגיטאַטאָר.

דאָקטאָר אין דער „סטענדערד און דיגערס”. אין די איבעריקע צוויי צייטונגען איז ניט נאָר ניט פאַראַן קיין איין יידישער דירעקטאָר, נאָר דיביידע צייטונגען זיינען אָפּט ארויס מיט אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס אויף יידן.

איין זאַך האָט אָבער דער פּעאיקער און שטאַרק פּראָ־ענגלישער ד ר. ה ע ר ץ ניט געזאָגט: אויב די יידן האָבן פאַרכאַפּט די טראַנסוואַלער רעפּובליק, ווי קומט עס, וואָס די פּאַקטישע באַלעבאַטים פון דער רעפּובליק, די שטאַרק־פּאַטריאָטישע בורן, האָבן גאָרניט פּראָטעסטירט קעגן „פאַרכאַפּן” זייער רעפּובליק דורך די יידן? פאַרקערט — די בורישע רעגירונג און די בורן בכלל, האָבן זיך זייער פיין באַצויגן צו די יידן. קיין איינער פון זייערע פירערס, אָדער זייערע אַ צייטונג איז קיינמאָל ניט ארויסגעטראָטן מיט אַן אַנטיסעמיטישער אַטאַקע אויף יידן. די בורן האָבן דאָך געשטעלט מער אין קאָן אין דער מלחמה — זייער זעלבשטענדיקייט. זיי, די בורן, זיינען דאָך געווען די, וועמען די מלחמה האָט מער אָנגעגריפן און פאַרביטערט. טאָ, ווי קומט עס, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט ארויסגעשטעלט דעם יידן פאַרן שעיר־לעזאזל?...

אויב מען פלעגט יאָ ווען־ניט־ווען הערן די פּראָזע "Britse en Judse Imperialisme" („בריטישע און יידישע אימפּעריאַליסטן”), איז עס געווען געצילט נאָר קעגן די גרויסע יידישע מינען־מאַגנאַטן — הויפּטזאַכלעך דייטשישע מיט יידישע נעמען.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אז ביי דער דערעפענונג פון דער פּאַרק־סינאַגאָגע אין יאָר 1892, האָט אויך גערעדט דער בורישער גענעראַל ש מ י ד ט; און — אָט, ווי ער האָט אומדירעקט אָנגעגריפן די אימפּעריאַליסטישע ענגלענדער: „די יידן האָבן קיינמאָל ניט אַנעקסירט די טראַנסוואַל; יידן האָבן קיינמאָל ניט צוגענומען אונדזער לאַנד; יידן האָבן קיינמאָל ניט געפירט מלחמה מיט אונדז. זיי האָבן אלעמאָל געצאָלט דער רעגירונג זייערע שטייערן און דערפילט זייערע פליכטן”.

באַזונדערע לאָיאַליטעטן

די בורישע רעגירונג האָט ארויסגעגעבן אַ וואָרנונג דעם 7־טן אָקטאָבער 1899, (4 טעג פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה), אז אויב אַ קריג וועט אויסברעכן צווישן די בורן און ענגלענדער, וועלן אַלע ענגלענדער, וועלכע האָבן ניט קיין ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער בורישער רעגירונג צו פאַרבלייבן, מוזן תיכף פאַרלאָזן די רעפּובליק. די גאָלד־מאַגנאַטן, די פאַרמעגלעכע בכלל, און די ענגלישע אימפּעריאַליסטן האָבן גענומען פּאַקן זיך און פאַרלאָזן יאָהאַנעסבורג און די רעפּובליק.

ביז דער לעצטער מינוט האָט די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אַלץ געמיינט און געהאָפט, אז וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן, וועט צו קיין מלחמה ניט קומען. דעריבער איז געוואָרן אַ גוואַלדיקע פּאַניק, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן צווישן די בורן און ענגלאַנד. צענדליקער טויזנטער האָבן גענומען אַנטלויפן

פון יאָהאַנעסבורג. ניט נאָר פּאַסאַזשיר־ נאָר אויך פראַכט־באַנען זיינען געווען געפּאַקט. גליקלעך זיינען געווען די, וועלכע האָבן געקראָגן אַפילו אַ שטיי־פּלאַץ אין די באַנען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן זייער האָב און גוטס אויף הפקר. מען איז געפאָרן אין די שכנותדיקע ענגלישע קאָלאָניעס — אין דער קאַפּ און אין נאַטאַל.

פאַר די ענגלישע יידן איז די ניי־געשאַפענע לאַגע געווען די זעלבע, ווי פאַר די ענגלענדער גופא: זייער פאָטערלאַנד „איז אין קריג מיט די בורן!". די, וועלכע האָבן געמוזט, געוואָלט און געקענט — האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ענגלישער אַרמיי. דאָך זיינען טויזנטער ענגלענדער און ענגלישע יידן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט איבערלאָזן זייערע געשעפטן און „זייער האָב און גוטס" אויף הפקר, האָבן געקראָגן אַ דערלויבעניש פון דער בורישער רעגירונג צו בלייבן אין יאָהאַנעסבורג. די דאָזיקע זיינען טאַקע פאַרבליבן אין יאָהאַ־נעסבורג. עס איז אויך געווען אַ קליינע צאָל ענגלישע יידן און אויך ענגלענ־דער גופא, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז עס איז אַ גרויסע עוולה פון דער שטאַר־קער ענגלישער אימפּעריע צו פירן מלחמה מיט די צוויי קליינע בורישע רע־פּובליקן.

די דייטשישע, האָלענדישע און אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע יידן האָבן געהאַט שוץ פון זייערע רעגירונגען, און האָבן געהאַט פאָלגנדיקע ברירות: בלייבן אין יאָהאַנעסבורג, אַוועקפאָרן, שלאָגן זיך אויף דער זייט פון די בורן, שלאָגן זיך פאַר די ענגלענדער, אָדער בלייבן נייטראַל.

גאָר אַנדערש, אָבער, איז געווען די לאַגע פון די רוסישע יידן, וועלכע האָבן זיך, כמעט, בכלל ניט געמישט אין דער פּאָליטיק פון לאַנד. די צאַריש־רוסישע רעגירונג האָט די יידן קיין שוץ ניט געגעבן. צו פאַרבלייבן אין יאָ־האַנעסבורג האָבן זיי בלויז געדאַרפט קריגן אַ סערטיפיקאַט פון דעם פראַנ־צויזישן קאָנסול, אַז זיי זיינען געבוירן אין רוסלאַנד.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה זיינען די רוסישע יידן געווען, ווי פאַר־לוירן. זיי זיינען געשטאַנען פאַר אַ דילעמע: די בריק, וואָס פאַרבינדט זיי מיט דער רעפּובליק, ווערט אָפּגעשניטן. וואָס זאָלן זיי טאָן? באַשליסן האָבן זיי געמוזט תיכף.

דער גאָר גרעסטער טייל פון די רוסישע יידן איז ניט געווען איינגע־בירגערט אין יאָהאַנעסבורג. זיי זיינען דאָך דאָ געווען נאָר ציטוויליק. זיי זיינען נאָך כמעט מיט אַלע פעדים געווען פאַרבונדן מיט זייער הים אין רוס־לאַנד. טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער, אָדער פרוי און קינדער, מיט וועמען מען איז געווען שטאַרק פאַרבונדן דורך רעגולערע וואָכנטלעכע בריוו — און נאָך וועמען זיי האָבן אַזוי שטאַרק געבענקט — וואַרטן דאָך אויף זיי... יעדער ייד האָט געוויס ביי זיך געטראַכט: האָט ער אַ רעכט צו ווערן אָפּ־געשניטן פון די נאָענטסטע? דערצו האָט דער גרעסטער טייל פון די רוסישע יידן זיך געפילט פרעמד סיי מיט די ענגלענדער און סיי מיט די בורן. דאָס רוב פון די ענגלענדער האָבן זיך דאָך צו זיי באַצויגן מיט אַ געוויסער פאַר־אַכטונג. אין דער צייט, ווען די רוסישע יידן פלעגן אין די פּראָווינצן און אין

די בורישע שטעט און שטעטלעך, ווי אויך אין דער אָראַנדזש־פריישטאַט רע־פובליק, קומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די בורן — פלעגן די ייִדן אין יאָהאַ־נעסבורג מיט זיי קומען אין קאָנטאַקט נאָר אין די בוריש־באַוווינטע געגנטן פון דער שטאָט.

האָט דער גאָר גרעסטער טייל פון די רוסישע ייִדן, בשעתן אויסברוך פון דער מלחמה, איבערגעלאָזט זייער שווער פאַרהאָרעוועטן „האָב און גוטס" און ווי זיי „שטייען און גייען" פאַרלאָזן יאָהאַנעסבורג.

מען איז געפאָרן, הויפּטזאַכלעך, קיין קייפּטאַון, פּאָרט־עליזאַבעט, דערבן, אוידטסהאָרן און אין אַנדערע שטעט, וווּ עס זיינען געווען ייִדישע עטאַבלירטע ישובים. ייִדן האָבן זיך אויך באַזעצט אין שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע עס זיינען פריער קיין ייִדן בכלל ניט געווען. עס איז וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז פון אָט דער צעשפּרייטונג, וואָס די מלחמה־בהלה האָט פאַראורזאַכט, זיינען אַנטשטאַנען אַ סך פּערמאַנענטע ייִדישע ישובים.

עטלעכע טויזנט רוסישע ייִדן האָבן בכלל פאַרלאָזן דרום אפריקע. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע היימען אין רוסלאַנד. אַנדערע האָבן גע־וואָלט פאָרן, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט אויף קיין הוצאות. דער גאָר גרעסטער טייל, וועלכער האָט פאַרלאָזן יאָהאַנעסבורג, איז געבליבן אין דער קאַפּ און נאַטאַל, ווי ציִיטווייליקע פּליטים.

אין קייפּטאַון האָבן זיך צייטווייליק באַזעצט פון 3 ביז 4 טויזנט פּליטים. מען האָט זיך באַזעצט „צייטווייליק", אָפּצוּוואַרטן אַ ביסל, ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. דאַן — האָבן זיי געטראַכט — וועלן זיי זיך צוריקקערן קיין טראַנסוואַל. זיי, פּונקט ווי אַנדערע, האָבן גערעכנט, אַז דער קריג צווישן די בורן און די ענגלענדער קען לאַנג ניט געדויערן. ווי לאַנג — האָט מען גע־מיינט — וועלן די צוויי קליינע בורישע אַגראַר־רעפּובליקן, וועלכע האָבן אינ־גאַנצן געהאַט אַ בורישע באַפעלקערונג פון אַן ערך 2—3 הונדערט טויזנט נפשות[2]) זיך קענען שלאָגן קעגן אזא מעכטיקער אימפּעריע פון הונדערטער מיליאָנען נפשות? ענגלאַנד האָט געשיקט אין מלחמה קעגן די בורן אַן אַרמיי פון 300 טויזנט[3]). קעגן אָט דער גרויסער גוט אָרגאַניזירטער אַרמיי און מלחמה־אַפּאַראַט האָבן די בורן געהאַט אַן אַרמיי פון 60—65 טויזנט קעמ־פערס[4]). אין דער צאָל זיינען אריינגערעכנט יונגעלייט און בורן ביזן עלטער פון 60 יאָר, 10 טויזנט בורן פון קאַפּ און נאַטאַל, און אַן ערך פון 2 און אַ

---

[2]) עריק ראָזענטאַל גיט אָן אין "General Christian De Wet" אַז די בורישע באַפעל־קערונג פון ביידע רעפּובליקן איז געווען צוויי־הונדערט טויזנט נפשות. אין די "The Times History of the Boer War" ווערט אָנגעגעבן, אַז די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין 1899 פון דער טראַנסוואַלער רעפּובליק איז געווען 300,225, און אין דער בורישער אָראַנדזש־פריישטאַט רעפּובליק — 143,419. אין דער סטאַטיסטיק זיינען אריינגערעכנט אויך די אויסלענדער.

[3]) לויט "The Times History of the Boer War".

[4]) לויט "The Times History of the Boer War" 31,329 פון דער טראַנסוואַלער רע־פּובליק און 22,374 פון דער אָראַנדזש־פריישטאַט.

האַלב ביז 5 טויזנט אייגענע „אויסלענדער", אריינרעכנענדיק די באַוווסטע אירלענדישע בריגאַדע, און פרייוויליקע פון אייראָפּע[5]. (צווישן זיי איז געווען אַ היפּשע צאָל יידן).

אָבער אָט די פּויערים־אַרמיי, מיט גאָר ווייניק מאָדערנעם געווער, האָט פאַרוואַנדלט די מלחמה אין אַ פּאַרטיזאַנער־קריג. זי האָט העלדיש געקעמפט פאַר דער בורישער זעלבשטענדיקייט אַן ערך 3 יאָר נאָכאַנאַנד.

דער בוריש־ענגלישער קריג האָט זיך פאַרשפּרייט אויך אין די קאַאַפּ־ און נאַטאַל־פּראָווינצן. די בורן פלעגן אָרגאַניזירן די קאָמוניקאַציע־אָנפאַלן אויף קליינע גרופּעס פון דער ענגלישער אַרמיי, אויפרייסן באַן־ליניעס און „דערגיין די יאָרן" דער ענגלישער אַרמיי.

סיי די ענגלענדער און סיי די בורן האָבן גענוצט אַ היפּשע צאָל אַפריקער (די ענגלענדער — אויך קאָלירטע פון דער קאַאַפּ) פאַר דער ריזיקאַלישער אַר־בעט פון שפּיאָנאַזש. ווי נאָר מען פלעגט זיי כאַפּן, פלעגט דער צד שכנגד זיי דערשיסן.

אין צייט פון בוריש־ענגלישן קריג

נאָך דעם, ווי אַן ערך צוויי דריטל פון די אייראָפּעאישע איינוווינערס און אַ סך צענדליקער טויזנטער אַפריקער מינען־אַרבעטער זיינען אַנטלאָפן פון יאָהאַנעסבורג ביים אויסברוך פון דער בוריש־ענגלישער מלחמה, האָט די ברויזנדיקע שטאָט יאָהאַנעסבורג אויסגעזען, ווי אַ שיף, וואָס דאַרף רייזן אין אַ שטורמישן ים, בשעת אַלע אירע פאַרבינדונגען ווערן אָפּגעשניטן מיט דער יבשה. געבליבן איז נאָר איין פאַרבינדונג מיט דער וועלט — אויסער די בורישע רעפּובליקן — די אייזנבאַן־פאַרבינדונג מיט דער פּאָרטוגעזישער האַפן־שטאָט לאָרענסאָ־מאַרקס.

די איינוווינערס פון יאָהאַנעסבורג האָבן גענומען פילן, אַז עס שמעקט מיט פּולווער.

ביים אָנהויב פון דער מלחמה האָבן ניט אויסגעבראָכן קיינע פּאַטריאָטישע מאַסן־מהומות, אָדער אָנפאַלן אויף דער פאַרבליבענער קליינער צאָל ענגלענ־דער, אָדער אויף ענגלישע געשעפטן און קראָמען, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר־מאַכט. עס איז אויך ניט געווען קיין פאָדערן, אָדער צווינגען די מיליטער־פעאיקע אויסלענדישע איינוווינערס פון יאָהאַנעסבורג צו גיין זיך שלאָגן אויפן צד פון די בורן.

דאָס מיליטער האָט זיך פריינדלעך באַצויגן צו די איינוווינערס פון יאָהאַ־נעסבורג. עס איז אויך ניט געווען קיין אויפברויז פון פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם

---

[5]) לויט "The Times History of the Boer War" זיינען געקומען אין דער בורישער אַר־מיי נאָר 2 און אַ האַלב טויזנט אויסלענדער און לויט עריק ראָזענטאַל — 5 טויזנט. אגב, איז אינטערעסאַנט, אַז לויט "The Times History of the Boer War" האָבן די בורן באַ־שעפטיקט אין דער מלחמה 10 טויזנט אַפריקער.

און פאַרטומלונג, נאָר — מען האָט געפילט אַן ערנסטע פאַראַנטוואָרטלעכע באַציאונג.

די בורישע מיליטער־לייט פלעגן גיין איבער די גאַסן רואיק, אָן דעם גלאַנץ פון געקראָכמאָלטער אוניפאָרם און אָן אַגרעסיווער חוצפה — נאָר, ווי סאָלדאַטן פון אַ פויערים־אַרמיי.

יאָהאַנעסבורג איז ניט געווען קיין וויכטיקער גאַרניזאָן־ און מיליטער־צענטער. קיין סך מיליטער האָט מען אין יאָהאַנעסבורג ניט געזען, ווייל זי איז געווען ווייט פון די שלאַכט־פעלדער.

סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט פלעגט פרייוויליקע מיליץ באַוואַכן די גאָלד־מינען. אָט די פרייוויליקע מיליץ — פון די איינוווינערס פון יאָהאַנעסבורג — פלעגט אויך באַוואַכן די שטאָט ביינאַכט.

ביים אויסברוך פון קריג האָבן אויפגעהערט אַרבעטן כמעט אַלע גאָלד־מינען. עס האָבן זיך פאַרמאַכט די בערזע, די גרויסע מערק, אַ סך פון דער גרויסער צאָל שענקען, אַלע טעאַטערס (די „סטענדערד", „עמפייער", „גייטעטי", „גלאָוב", „ראָיאַל", „אַמפיטעאַטער", דער רעווי־טעאַטער „פּאַוויליאָן" (Pavilion Palace of Varieties) און אַלע פאַרווייַלונגען אין נאַכט־לאָקאַלן. דאָס נאַכט־לעבן פון יאָהאַנעסבורג איז אָפּגעשטאָרבן. עס זיינען מער ניט פאָרגעקומען קיין פערד־געיעגן און עפנטלעכע ספּאָרטן.

דורך נאַכט פלעגט די פרייוויליקע מיליץ גיין זאַלבעצווייט איבער די גאַסן פון יאָהאַנעסבורג אין ציווילע קליידער מיט אָפּצייכנונגען, מיט ציוויל־מיליץ־פּאַספּאָרטן און מיט אַ ביקס איבערן אַקסל. מאַנכע פון זיי פלעגן גיין מיט שטעקנס אין די הענט, ווייל עס זיינען, קאָנטיק, ניט געווען גענוג ביקסן. די ציוויל־מיליץ איז געווען גוט אָרגאַניזירט; און עס האָט געהערשט אַ שטרענגע דיסציפּלין. האָט מען אַ מיליץ־מאַן געפונען שלאָפנדיק אין דער צייט פון זיין דיזשור — איז ער שטאַרק באַשטראָפט געוואָרן.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז אין דער צייט פון קריג און ביז די ענגלישע האָבן פאַרנומען די שטאָט, איז אין יאָהאַנעסבורג פאָרגעקומען נאָר איין מאָרד[6].

אַ מיסטעריעזע ניט־היימלעכקייט האָט געהערשט איבער יאָהאַנעסבורג. מען האָט עס מער בולט געפילט, ווען מען איז געגאַנגען איבער די גאַסן פון יאָהאַנעסבורג, און געזען די פיל פאַרמאַכטע — מיט ברעטער און בלעכן פאַר־קלאַפּטע — הייזער, גרויסע געשעפטן און קראָמען, פון וועלכע די באַלעבאַטים זיינען אַנטלאָפן.

די ברויזנדיקע שטאַרק־באַוועגלעכע יאָהאַנעסבורג, כאָטש נאָך אַלץ אַ שטאָט פון אויסלענדער, האָט פאַרלוירן איר ריטם, איר חוצפה; און איר שטים איז געוואָרן דערשלאָגן און הייזעריק.

הגם יאָהאַנעסבורג איז געווען אונטער דער מיליטערישער הערשאַפט, האָט מען עס אָבער ניט געפילט אין טאָג־טעגלעכן לעבן. מען האָט געטאָן, וואָס מען האָט געוואָלט, און מען איז געגאַנגען, ווו מען האָט געוואָלט. קיינער

---

[6]) לויט רעוו. ד. האַסערצוג, „דזשואיש קראָניקל" 5/10/1900.

האָט ניט געשטערט. צו גיין אין גאַס נאָך 9 אַזייגער אין אָוונט האָט מען אָבער געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע מיליטערישע דערלויבעניש. בכלל האָט ביי דער יאָהאַנעסבורגער באַפעלקערונג געהערשט אַ געפיל, ווי, ווען עלטערן פאָרן אַוועק — פילן די קינדער, אַז די ניי־געשאַפענע אומשטענדן האָבן ארויפ־געלייגט אויף זיי געוויסע התחייבותן.

אַזוי ווי די רייכע אינלאַנד־שטאָט יאָהאַנעסבורג האָט געהאַט גרויסע לאַ־גערן מיט פּראָוויאַנט און פאַרשיידענע אַנדערע סחורות, זיינען אָט די לאַגערן, צוליב דער שטאַרקער פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג, פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין גרויסע רעזערוון. מען פלעגט אויך קריגן עסנוואַרג און, אין אַ באַ־גרענעצטער מאָס, אויך אַנדערע סחורות פון לאָרענסאָ־מאַרקס.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און מען האָט געמאַכט שלום מיט די נייע באַדינגונגען. מען האָט זיך צוגעוווינט צו דער ניי־געשאַפענער לאַגע. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ סך קראָמען און געשעפטן זיינען געווען פאַרמאַכט, זיינען דאָך נאָך געבליבן גענוג קראָמען און געשעפטן אָפן. אַ געוויסע צאָל באַלעבאַטים פון די ענגלישע געשעפטן האָבן איבערגעלאָזן בורן, אָדער אַנדערע אָנגעשטעלטע צו פאַרוואַלטן מיט זייערע געשעפטן.

די אַפריקער, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין יאָהאַנעסבורג, נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה אַלס באַדינערס פון די אייראָפּעער, זיינען געווען, ווי אַלע, אין אַ קלעם.

גענוי, וואָס עס קומט פאָר — האָבן דאָס רוב פון זיי ניט געוווּסט: ווייסע שלאָגן זיך צווישן זיך! געמיינט האָבן זיי, אַז אייראָפּעער שלאָגן זיך געוויינלעך נאָר מיט אַפריקער. צוריק צו זייערע היימען האָבן זיי שוין ניט געקענט פאָרן, אָדער גיין צופוס, ווייל עס איז געווען פאַרבונדן מיט געפאַר און שוועריקייטן. אגב, ווען עס וואָלט געווען אַזוי געפּערלעך, וואָלטן דאָך מסתמא זייערע באַלע־באַטים אויך ניט פאַרבליבן אין יאָהאַנעסבורג.

די ערשטע צייט האָט די רעגירונג ניט רעקווירירט קיין סחורות פון די געשעפטן. זי פלעגט קויפן און צאָלן, ווי אַנדערע קונים. די רעגירונג פלעגט צאָלן מיט געלט. שפּעטער־צו האָט זי געצאָלט מיט גאָלד. צום ביישפּיל: אַ דייטשישער ייד, ג ב ר י א ל ש ט ע ר ן, האָט פאַרקויפט סחורה דער רעגי־רונג. נאָך אַ פאַרלויף פון אַ ביסל צייט איז ער אַוועקגעפאָרן אין פּרעטאָריע, ווו די בורישע רעגירונג האָט זיך געפונען, איינצומאָנען דאָס געלט. האָט מען אים געזאָגט: „מיר האָבן ניט קיין געלט, אָבער מיר ווילן דיר געבן גאָלד פאַר דעם חוב". און — מען האָט אים באַצאָלט מיט אַ שטיק גאָלד לויטן ווערט פון חוב.

מיט געוויסע אויסנאַמען, איז סחורה ניט שטאַרק געשטיגן אין מלחמה־צייט. צוליב די געשאַפענע באַדינגונגען און אויס מורא האָט געפעלט דער „ענטוזיאַזם" פאַר ספּעקולאַציע.

וואָס לענגער די מלחמה האָט זיך גענומען פאַרציען, און וואָס מער סחורות עס האָבן גענומען אויספעלן, האָט מען, ביסלעכוויין, גענומען ראַבירן די פאַר־מאַכטע און פאַרקלאַפּטע באַלעבאַטימלאָזע לאַגערן פון סחורה, געשעפטן,

קראָמען און הייזער. מען האָט גענומען באַשולדיקן די רוסישע יידן, אז זיי טוען עס. די רוסישע יידן האָבן פּראָטעסטירט קעגן אָט דער באַשולדיקונג, און האָבן אויפגעוויזן, אז דאָס טוען די בורישע סאָלדאַטן און געוועזענע רעגירונג־אַנגעשטעלטע. די גנבות פלעגן פאָרקומען שפּעט אין דער נאַכט.

די גוואַלדיק נייעס־גיריקע באַפעלקערונג פלעגט קריגן די ידיעות וועגן דער מלחמה און בכלל וועגן „וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט" פון דער איינציקער צייטונג „די סטענדערד און דיגערס". גאָר אַ סך קלאַנגען — פאַלשע און ריכטיקע — פלעגן פאַרשפּרייט ווערן איבער דעם „אינדזל" יאָהאַנעסבורג.

די מלחמה־צייט האָט זיך געצויגן פאַר די איינוווינערס פון יאָהאַנעסבורג לאַנגזאַם און לאַנגווייליק. די עקאָנאָמישע לאַגע פאַר די ניט־הענדלערס און קרעמערס איז געוואָרן ערגער און שווערער. פאַר די איינוווינערס פון יאָהאַנעסבורג האָט זיך די מלחמה פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנגן בין השמשות. מען האָט גענומען שרעקן זיך פאַר דער פיזישער און עקאָנאָמישער עקסיסטענץ, און פאַר דער אַנקומענדיקער „נאַכט". מען האָט געוווסט, אז די ענגלישע אַרמיי דערנענטערט זיך צו יאָהאַנעסבורג.

אין מיי 1900 האָט מען שוין געהערט דאָס קנאַלן פון קאַנאָנען. אָט די קאַנאָנען־קנאַלן האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט, ביז די באַפעלקערונג פון יאָהאַנעסבורג האָט זיך געפונען ביים פראָנט פון שלאַכט־פעלד — אַ ניט קיין באַוואָפנטע.

„וועט די בורישע אַרמיי שטעלן אַ ווידערשטאַנד? וועט מען באָמבאַרדירן יאָהאַנעסבורג?" דאָס זיינען געווען לעבנס־פראַגן, וואָס האָבן באַאומרואיקט יעדן איינוווינער פון יאָהאַנעסבורג.

סוף מיי האָט די ענגלישע אַרמיי געשיקט אַן אולטימאַטום צום בירגער־מייסטער פון יאָהאַנעסבורג, ד ר. פ. ט. ק ר א ו ז ע, אז „אויב יאָהאַנעסבורג גיט זיך ניט אונטער, וועט מען זי באָמבאַרדירן". יאָהאַנעסבורג האָט זיך אונטערגעגעבן. די זיגרייכע ענגלישע אַרמיי האָט אריינגעמאַרשירט אין יאָהאַנעסבורג דעם 31־טן מיי 1900.

די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון יאָהאַנעסבורג, מיט געוויסע אויסנאַמען, האָט זיך ניט געפרייט מיטן זיג פון די ענגלישע קאַנאָנען. די אינדיער, צום ביישפּיל, האָבן זיך געפרייט מיט דעם זיג פון די ענגלענדער, ווייל די בורן האָבן באַטראַכט די אינדיער, צוליב זייער קאָליר, פאַר פינפטראַנגיקע בירגער. די אינדיער האָבן געהאָפט, אז די זיגרייכע ענגלענדער וועלן זיך באַציען צו זיי מיט מער רעספּעקט, ווייל אינדיע איז געווען אַ וויכטיקער טייל פון דער ענגלישער אימפּעריע. אין אַלגעמיין אָבער, איז מען געווען צופרידן מיט דעם, וואָס דאָס ניט־פאַרמיידלעכע איז שוין געשען, און „מען הענגט שוין מער ניט אין דער לופטן". מען האָט געפילט און געוווסט, אז די ענגלענדער האָבן ניט פאַרנומען יאָהאַנעסבורג צייטווייליק.

מיט דעם אריינמאַרש פון דער ענגלישער אַרמיי אין יאָהאַנעסבורג האָט זיך כמעט אַלץ געביטן.

דער עלאַסטיש־לייכטער ריטם און גוטמוטיקער טאָן, וואָס איז בכלל גע־וועזן כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בורישער פויערישער רעפובליק, איז פאַר־שווונדן. עטלעכע טעג שפּעטער נאָכן אַריינמאַרש פון די ענגלענדער האָבן זיי דערקלערט קריג־צושטאַנד. מען האָט איינגעפירט אַ שטרענגע דיסציפּלין. עס האָט זיך גענומען פילן „די אייזערנע האַנט אין אַ זיידענער הענטשקע״[7]).

מען דעפּאָרטירט

עס האָט מיר דערציילט אַ שאַוולער ייד, קלמן קופּער (ער איז אַהער געקומען אַ יאָר פאַר דער מלחמה):

„איך האָב געהאַט אַ קראָם אין בראַמפאָנטיין (אויפן חינקל אַמערשאָף און ריסיק־גאַסן) לעבן „פּאַרט״. ביז די ענגלישע אַרמיי האָט פאַרנומען יאָהאַנעסבורג פלעג איך לייזן פון דער בורישער רייטער־מיליץ, פון סאָלדאַטן און באַאַמטע. דאָס פאָלגנדיקע האָט פּאַסירט אַ שטיקל צייט נאָכדעם, ווי די ענגלישע האָבן פאַרנומען יאָהאַנעסבורג: נאָך אַ לאַנגווייליקן אומעטיקן טאָג, ווען איך האָב זייער ווייניק געלייזט, און דערצו נאָך איז ניט געווען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן, בין איך, נאָכן פאַרמאַכן די קראָם, געגאַנגען קיין פאָרדסבורג זיך טרעפן און דורכריידן זיך מיט לאַנדסלייט און פריינד. אויפן וועג האָב איך דערזען אַ גרויסן געזעמל. איך בין אויס נייגעריקייט צוגעגאַנגען אויסגעפינען, וואָס עס האָט פּאַסירט. איידער וואָס־ווען זיינען מיר אַלע געווען ארומגערינגלט דורך ענגלישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונדז תיכף אַרעסטירט „אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען״, און מען האָט אונדז אַוועקגעפירט אין „פּאָרט״. אין טורמע זיינען מיר געווען געפּאַקט ווי סאַרדינען, און „געשלאָפן״ האָבן מיר אויף דער ערד. צומאָרגנס, גלייך באַגינען, האָט מען אונדז אַלעמען געפּאַקט אין וואַגאָנעס און געפירט קיין קייפּטאַון; און פון דאָרטן האָט מען אונדז גלייך פון באַן געפירט אויף דער שיף „האַוואַרדן קאַסטל״. 32 טעג האָבן מיר זיך געשלעפּט אויפן ים ביז מיר זיינען אָנגעקומען אין פלאָסינג, האָלאַנד. געווען זיינען מיר אָן ערך 500 פּאַסאַ־זשירן, צווישן זיי — בערך 100 יידן. אויף דער שיף איז געווען אַ גוואַלדיקע ענגשאַפט. מיר זיינען געשלאָפן אין האַמאַקן. פאַרוואָס מען האָט אונדז אַרעסטירט און ארויסגע־שיקט — האָט מען אונדז ניט געזאָגט.

„שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אז די סיבות זיינען: ערשטנס, האָט מען אונדז כלומרשט חושד געווען אין פּלאַנירן אַן אַטענטאַט אויף דעם הויפּט־קאָמאַנדיר לאָרד ראָבערטס; צווייטנס, האָט מען געוואָלט גלאַט פּטור ווערן פון אַ גרויסער צאָל דייטשי־שע, האָלענדישע און רוסישע בירגער, וועלכע האָבן סימפּאַטיזירט מיט די בורן; און דריטנס, איז געבליבן מערער שפּייז פאַר די פאַרבליבענע נאָכן ארויסשיקן אונדז.

„אָנקומענדיק אין פלאָסינג, זיינען אַלע אַראָפּ פון שיף, אַ חוץ אונדז — רוסישע יידן. מיר האָבן זיך ניט גערירט פון שיף און געפאָדערט מען זאָל אונדז פירן צוריק קיין דרום־אַפריקע. האָט מען אונדז אַוועקגעפירט קיין ענגלאַנד. אויך דאָרטן האָבן מיר געפאָדערט מען זאָל אונדז פירן צוריק קיין דרום־אַפריקע. דאַן זיינען ארויף ענגלישע סאָלדאַטן אויף דער שיף און מען האָט אונדז געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די שיף. אלע יידן פון שיף האָבן אין לאָנדאָן אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע און מאַרשירט צום קריג־מיניסטעריום. מיר האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען האָט אונדז אָן אַ „פאַרוואָס און פאַרווען״ ארויסגע־שיקט פון יאָהאַנעסבורג. מיר האָבן געבעטן, אז מען זאָל אונדז שיקן צוריק קיין דרום־אַפריקע. דער ענטפער איז געווען, אז מיר מוזן וואַרטן ביז דער פּאַרלאַמענט וועט באַ־שטעטיקן אונדזער בקשה. (אגב, איז אינטערעסאַנט, אז די ענגלישע רעגירונג האָט אויסגע־צאָלט מיינע עלטערן אין שאַוול, די ווערדע פון די סחורה אין מיין קראָם אין יאָהאַ־נעסבורג״).

[7]) לויט רעח. ד. וואַסערצוג, „דזשואיש קראָניקל״, 5/10/1900.

יאָהאַנעסבורג איז געוואָרן אַ וויכטיקער מיליטער־פּונקט פאר די ענגלענ־דער. די קרעמערס און הענדלערס האָבן געהאַנדלט מיטן מיליטער און גוט פאַרדינט. אַרבעטער האָבן געקראָגן באַשעפטיקונג פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. די גאָלד־מינען־מאַגנאַטן האָבן צוריק באַקומען די גאָלד־גרובן. די מיגלעכקייט צו אַרבעטן אין די מינען איז געווען זייער באַגרענעצט, ווייל עס האָבן געפעלט די סך צענדליקער טויזנטער אַפריקער שאַכטן־אַרבע־טער.

צוליב דעם גרויסן פאַרברויך פון פראָוויאַנט דורכן מיליטער, און צוליב דעם, וואָס די ענגלענדער האָבן אָפּגעשטעלט דעם אריינפיר פון עסנוואַרג פון לאַרענסאָ־מארקס, האָבן גענומען פעלן עסנוואַרג און אנדערע סחורות אין יאָהאַנעסבורג.

עס האָט זיך אַנטוויקלט ספּעקולאַציע און פרייזן זיינען געשטיגן. פאַרבינ־דונגען מיט דער אָפּגעצוימטער וועלט, אויסער די בורישע רעפּובליקן, האָבן זיך אין אַ באַגרענעצטער מאָס געעפנט דורך קייפּטאַון.

די יידן אין יאָהאַנעסבורג אין צייט פון קריג

אין דער גרויסער בהלהביים אויסברוך פון קריג זיינען אַן ערך 10 טויזנט יידן אַנטלאָפן פון יאָהאַנעסבורג און אומגעגנט. געבליבן אין יאָהאַנעסבורג, אין דער מלחמה־צייט, זיינען אַן ערך 2 טויזנט[8] — הויפּטזאַכלעך רוסישע יידן.

דער שטאַרק־וויברירנדיקער יידישער ישוב אין יאָהאַנעסבורג איז געבליבן ווי זעלצער־וואַסער אָן גאַז. די פאַרבליבענע יידן האָבן אָנגעהייבן צווייפלען, צי זייער באַשלוס צו פאַרבלייבן איז געווען אַ ריכטיקער.

די צוקונפט איז געוואָרן פאַרנעפּלט. מען האָט געלעבט אַ לעבן, אין וועלכן זיי האָבן ניט געשפּילט קיין ראָל. מען איז אינגאַנצן געווען אָפּהענגיק פון דעם אויסגאַנג פון דעם אנטשיידענעם קאַמף צווישן די חיילות פון די צוויי קעמפנ־דיקע צדדים.

זיי זיינען געווען אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון זייערע נאָענטע, מיט וועמען דער גרעסטער טייל, הויפּטזאַכלעך, די רוסישע יידן, זיינען געווען מיט אַ סך פעדים פאַרבונדן. די עקאָנאָמישע שטיצע פאַר דער עקסיסטענץ פון זייערע פרויען און קינדער, עלטערן און משפחה אין דער אַלטער היים, איז דורך דער מלחמה אָפּגעשטעלט געוואָרן. דאָס האָט די פאַרבליבענע יידן אין יאָהאַנעס־בורג שטאַרק באַאומרויִקט און פאַרשאַפט פיינלעכע זאָרג.

אין טאָג־טעגלעכן לעבן זיינען די יידן געווען באַשעפטיקט און אריינגע־טאָן אין דאגות חיונה און אין אָפּשפּאָרן געלט. די קרעמערס, הענדלערס און טאָכערסט האָבן געהאַנדלט. צוליב דער מלחמה האָט מען אויך געהאַט אַרבעט

[8] לויט מאָריס אַבראַהאַמס מאַנוסקריפּט. אויך אנדערע גיבן אָן, אז די צאָל יידן, וועל־כע זיינען פאַרבליבן אין יאָהאַנעסבורג בעתן קריג — איז געווען אַן ערך 2000. לויט רעווערענד ד. וואַסערצוג אין „דזשואיש קראָניקל" 5/10/1900 זיינען אויפן ראַנד געווען אין מלחמה־צייט איבער 1500 יידן, אורטיילנדיק לוים דעם באַזוך אין די סינאַגאָגעס פּסח.

פון דער רעגירונג און געטאָן מיט איר מסחר. די באַלמעלאָכעס האָבן גע־
האַט רעגירונג־באַשטעלונגען. די רעגירונג האָט, צום ביישפּיל, געדאַרפט
זאָטלען פאַר די פיל רייטער־סאָלדאַטן. האָבן יידן צונויפגעקויפט אַלטע זאָטלען,
זיי פאַרריכט, אויסגעפּוצט, און עס פאַרקויפט דער רעגירונג. מען האָט אויך
פאַרקויפט דער רעגירונג קליידער, שיך, פּראָוויאַנט און אַנדערע סחורות און
— דערביי גוט פאַרדינט.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָבן זיך כמעט אַלע געזעלשאַפטלעכע
אָרגאַניזאַציעס פאַרמאַכט. די חברה קדישא האָט, נאָך מער ווי פריער, אָנגע־
פירט מיט דעם יידישן קיבוץ אין יאָהאַנעסבורג. נאָך מער ווי פריער, האָט
מען זיך גערעכנט מיט איר, ווי מיט דער אויטאָריטעטער טאָן־געבערין פון
יידישן לעבן.

די פירערשאַפט פון דער חברה־קדישא האָט, קאָנטיק, אָפּגעשאַצט די
אחריות, וואָס די ניי־געשאַפענע אָנגעשטרענגטע און דעליקאַטע לאַגע האָט
אויף איר ארויפגעלייגט. קודם כל האָט זי געשאַפן פאָנדן און איינגעקויפט
גרויסע לאַגערן מיט פּראָוויאַנט: מעל, צוקער, קאַווע א.א.וו. כדי צו זיין צו־
געגרייט צו באַשפּייזן די יעניקע יידן, וועלכע האָבן אין דער צייט פון קריג ניט
געקענט פאַרדינען אויף חיונה. אַ טייל פון מעל, וואָס די חברה־קדישא האָט
איינגעקויפט פאַר ביליקע פּרייזן, האָט זי פאַרקויפט פאַר געהעכערטע פּרייזן
און געקויפט אַנדערע עסנוואַרג.

דער ספּעציעלער קאָמיטעט פלעגט אויסטיילן שטיצע יעדן טאָג ניט נאָר
פאַר יידן, נאָר אויך פאַר ניט־יידן.

ניט נאָר איז די חברה־קדישא געוואָרן אַ גרויסע הילף־אָרגאַניזאַציע, נאָר
זי האָט אויך גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו, אז יידן זאָלן נעמען דעם גע־
העריקן אַקטיוון אַנטייל אין אַלגעמיינעם לעבן פון יאָהאַנעסבורג. כמעט יעדער
יידישער מאַן, וועלכער איז געווען פיזיש געזונט, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער
ציווילער מיליץ, אָדער ער האָט געהערט צו דעם יידישן אַמבולאַנס־קאָרפּוס.

אין „סטענדערד און דיגערס" פון אַפּריל 1900, איז געווען געדרוקט:
„יאָהאַנעסבורגער יידישע געזעלשאַפטן האָבן געמאַכט אַראַנזשירונגען צו שיקן
מצה צו די יידן, וועלכע זיינען אין דער בורישער אַרמיי. די „קאָמאַנדאַנטן"
פון דער בורישער אַרמיי האָבן געגעבן אַלע מיגלעכקייטן, אז יידן זאָלן קענען
אָפּהיטן די רעליגיעזע טראַדיציעס"[9]. אין 1901 האָט די חברה־קדישא גע־
קראָגן אַ דערלויבעניש פון ענגלישן מיליטער אריינצופירן פון ענגלאַנד מצה.
די מצה האָט זיך פאַרשפּעטיקט, און נאָר אַ טייל איז אָנגעקומען דעם 6־טן
טאָג פסח.

* * *

עטלעכע חדשים נאָכדעם, ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, און ווען רבי
ד ר. ה ע ר ץ איז ארויסגעשיקט געוואָרן פון דער בורישער רעפּובליק, האָט

[9] לויט רבי דר. ל. י. ראַבינאָוויץ אין זיין לעקציע אין מיי 1949, אויפן סמך פון דאָ־
קומענטן, וואָס ער האָט געפונען אין פּרעטאָריע.

די עלטסטע סינאַגאָגע — פּרעזידענט־גאַס־סינאַגאָגע, — וועלכע פלעגט באַ־צייכנט ווערן אַלס די ענגלישע סינאַגאָגע, — זיך צוגעמאַכט, און האָט זיך ווידער געעפנט ערשט אין אָקטאָבער 1900. די אַנדערע צוויי הויפּט־סינאַגאָ־געס — „פּאַרק" און „גרינער בית־המדרש" זיינען געווען אָפן די גאַנצע צייט, און תפילות פלעגן פאָרקומען רעגולער. עס האָבן אויך פונקציאָנירט תלמוד־תורה׳ס[10]. די יידישע קינדער־שול פאַר אַלגעמיינער בילדונג ביי דער פּאַרק־סינאַגאָגע, וועלכע האָט זיך געשלאָסן נאָך פאַר דער מלחמה, איז ווידער גע־עפנט געוואָרן דעם 13־טן יאַנואַר 1900.

די סינאַגאָגע איז ניט נאָר געווען אַ פּלאַץ, ווו מען האָט געדאַווענט, נאָר אויך אַ טרעף־פּונקט, וואָס האָט פאַרנומען אַ געזעלשאַפטלעכן אָרט. מען פלעגט דאָרטן דורכשמועסן זיך און דיסקוסירן די מלחמה־געשעענישן, די פיל „קלאַנגען", די לאַגע בכלל, די וויטערדיקע אויסזיכטן און געשעפט־ענינים.

נאָר פינף יידישע חתונות זיינען פאָרגעקומען אין יאָהאַנעסבורג זינט דעם אויסברוך פון קריג ביז די ענגלישע ארמיי האָט אריינגעמאַרשירט אין יאָ־האַנעסבורג.

* * *

די שאַרפע מחיצה און אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט געהערשט צווישן די מערב און מזרח־אייראָפּעאישע יידן, איז כמעט ווי באַזייטיקט געוואָרן. דער מלחמה־צושטאַנד האָט געשאַפן אַ געמיינשאַפטלעכע באַציאונג. מען האָט זיך, להיפוך ווי פריער, געטראָפן אויף יעדן טריט און שריט — אין דער סינאַגאָגע, אין ציוויל־מיליץ, אין דעם אַמבולאַנס־קאָרפּוס, געשעפטלעך א.א.וו. יעדער האָט געוואָלט וויסן דעם אַנדערנס מיינונג וועגן די טאָג־טעגלעכע געשעענישן פון דער מלחמה. מען איז בכלל געווען נייגעריק מיט אימעצן צו שמועסן.

גלייך נאָך דער אַרבעט, שבת, זונטאָג אָדער יום־טוב, פלעגן זיך לאַנדס־לייט טרעפן, כדי צו פאַרטרייבן די צייט, דעם אומעט און לאַנגווייליקייט. מען פלעגט שמועסן וועגן זאַכן, וואָס האָבן זיי אַלעמען געדריקט. מען האָט גע־רעדט וועגן דער היים און וועגן „ווען וועלן מיר שוין קאָנען שרייבן און קריגן בריוו" פון די נאָענטע. יידן פלעגן זיך אויך טרעפן ביי די יידישע בוכהענד־לערס צו קריגן אַ בוך און לייענען אַלטע צייטונגען, ווייל קיין נייע זיינען דאָך דאַן ניט אריינגעקומען.

ווען די ענגלישע אַרמיי האָט אריינגעמאַרשירט, האָט זיך דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג געביטן. מען איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס מען קען לאָזן וויסן די נאָענטע, אז מען לעבט, און בעטן זיי גלייך צו לאָזן וויסן, וואָס זיי מאַכן. אויך די פאַרדינסטן זיינען געשטיגן.

די רוסישע, דייטשישע און האָלענדישע יידן, ווי אויך די אַלגעמיינע ניט־ענגלישע באַפעלקערונג פון יאָהאַנעסבורג, האָבן געפילט, אז זיי ווערן באַ־

[10] רעוו. ה. האַסערצוג, פון דער פּאַרק־סינאַגאָגע, שרייבט אין „דזשואיש קראָניקל" 5/10/1900, אז אין מלחמה־צייט, אונטער די בורן, האָט ער געלערנט מיט 30 תלמידים.

טראַכט פון דער ענגלישער מיליטערישער מאַכט, ווי ניט פריינדלעכע אויס־לענדישע עלעמענטן, וועלכע מען טאָלערירט. מען האָט געוואַרט ביז די מלחמה וועט ענדלעך קומען צו איר סוף און דער קריג־צושטאַנד וועט באַזייטיקט ווערן, כדי אַ מער סטאַביל לעבן זאָל זיך ווידער איינשטעלן. דאָס איז ערשט געקומען פונקט מיט צוויי יאָר שפּעטער — דעם 31־טן מיי 1902.

פון אַ טאָג־בוך אין צייט פון קריג

מיט דער דערלויבניש פון זיין זון, לואי, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו לייענען דעם ענגלישן טאָג־בוך פון יעקב (Jacob) האַרוויץ, וועל־כער איז געבוירן געוואָרן אין ענגלאַנד און איז אריבערגעקומען קיין דרום־אפריקע אין 1867.

זיין בילדונג האָט ער געקראָגן אין ענגלאַנד.

ער האָט געלעבט דאָ צווישן די בורן, געהאַנדלט מיט זיי און אויסגעלערנט זיך פריי ריידן זייער לשון.

זיין קומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די בורן און מיט זייער לעבן האָט אַנטוויקלט ביי אים אַ וואַרעמע באַציאונג צו זיי, און ער איז געוואָרן אַ בירגער פון דער טראַנסוואַלער רעפּובליק.

אין 1887 האָט ער מיט זיין משפּחה זיך באַזעצט אין יאָהאַנעסבורג.

זיין טאָג־בוך, פון אַן ערך דריי יאָר, נעמט אריין נאָר דעם פּעריאָד פון דעם בוריש־ענגלישן קריג.

טראָץ דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ פריינדשאַפטלעכע באַציאונג צו ענג־לאַנד, האָט ער אָבער געהאַט אַ גוואַלדיק שטאַרק געפיל פון האַס פאַרן פירן די מלחמה מיט די בורן[11].

ער האָט שטאַלצירט דערמיט, וואָס ער איז אַ בירגער פון דער טראַנס־וואַלער רעפּובליק. יעדער זיג פון די בורן האָט אים געפרייט, און יעדער מפּלה זייערע האָט אים ווי געטאָן. אפילו ביים סוף פון קריג האָט ער פאַרויס־געזאָגט, אַז די בורן וועלן נאָך זיין דאָ די באַלעבאַטים פון לאַנד.

יעקב האַרוויץ איז געווען, קאָנטיק, אַ טראַדיציאָנעלער ייד. אין טאָג־בוך ווערן פאַרצייכנט עטלעכע העברעאישע און יידישע ווערטער.

ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן אין ירושלים, קורץ נאָכן אריבערקומען פון ענגלאַנד, האָט יעקב האַרוויץ געזאָגט קדיש כמעט יעדן טאָג. ראש־השנה און יום־כפּור פלעגט ער גיין אין שול, און פּסח פלעגט ער אָפּהיטן מיטן עסן מצה.

זיין טאָג־בוך, אָבער, שפּיגלט ניט אָפּ דאָס יידישע לעבן אין דער צייט פון דער מלחמה.

---

[11]) פאַר אים איז געווען אַ טראַגעדיע, וואָס זיין פרוי און ברודער זיינען געווען פּראָ־ענגליש.

זיין באַציאונג צו די רוסישע יידן קען מען זיך פאָרשטעלן פון די פאָלגנ־דיקע איינציקע צוויי שטעלן אין זיין טאָג־בוך:

1) 3־טער אַפּריל 1901: „קיין מצות האָבן מיר נאָך ניט געקראָגן, הגם די יידישע געמיינדע (Jewish Congregation) האָט גענומען אונדזער געלט דערויף, צוזאָגנדיק אונדז, אז די מצות וועלן אָנקומען אין צייט. אזא שמוציקן שווינדל איז מען נאָך קיינמאָל ניט באַגאַנגען. אזוינס האָט געקאָנט טאָן נאָר אַ קאָמיטעט פון פּאַרוווניקעס אין נאָמען פון יידישע רעליגיע[12]. וואָס עלטער מען ווערט, דערזעט מען אַלץ מער, אַז רעליגיע איז ביזנעס; און איך זאָג דאָס, ווי אַ ייד".

2) 19־טער מיי 1901: „איך בין בייגעווען אויף אַ זיצונג פון דער אָרטאָ־דאָקסישער יידישער געמיינדע וועגן שחיטה־באָארד און כשרע פליישׁ.

די יידישע פּאַרווניקעס (Peruvian Yidden) זיינען געווען די רעדנערס, און איך האָב זייער הנאה געהאַט. עס איז שיעור ניט אויסגעבראָכן אַ געשלעג".

יידישער אַמבולאַנס

יידן האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיק ראָל אין דער ציווילער מיליץ. אין דער „פּאָליציי צו פאַרהיטן די גאָלד־מינען" זיינען געווען די אָנפירערס די פאָלגנדיקע יידן: אַדאָלף עפּלער (עסטרייכער) און ע. בזוכער (דייטשישער). זיי, צוזאַמען מיט קאַפּיטאַן א. ליפּמאַן און קאַפּיטאַן ראָט־קוגל, זיינען געווען די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער זיכערקייט פון די מינען. צווישן די אָנפירנדיקע מיט דער ציווילער מיליץ זיינען געווען: ארנאלד, א. וואַגנער און אנדערע.

אונטער דער אויפזיכט פון דער חברה־קדישא האָט א רוסישער ייד, בנציון אהרון, אַ גרויסער אָנהענגער פון פּרעזידענט קרוגער, (אגב, איינער פון די ערשטע רוסישע יידן. וועלכע האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין יאָהאַנעסבורג) אָרגאַניזירט און אויסגעשטאַט אַן אַמבולאַנס־קאָרפּוס. אין עטלעכע טעג האָט מען געקראָגן[13] „וועגענער, אייזלען, (אלע פערד האָט די רעגירונג „קאָמאַנדירט") אַ סך מאַטראַצן, קאָלדרעס, אַמבולאַנס־בעטלעך און מעדיצינישע מכשירים. מען איז גלייך צוגעטראָטן צו אינטענסיווער טרע־נירונג". דער נאָמען פון אַמבולאַנס־קאָרפּוס איז געווען: „יידישער אַמבו־לאַנס", און אויף די וועגענער זיינען געווען גרויסע רויטע מגן־דוד'ס — אַנ־שטאָט דעם רויטן־קרייץ. ווען עס איז נויטיק געווען, האָט דער אַמבולאַנס־קאָרפּוס געאַרבעט טאָג און נאַכט. אָט דער אַמבולאַנס־קאָרפּוס האָט זיך אויס־געצייכנט ביי דעם „בעגבי"־אויפרייס פון דער אייניציקער בורישער אַמוניציע־פאַבריק, ביי די שלאַכטן פון „אילאַנדסלאַכטע" און „קליפּ־ריווער" (ניט ווייט

12) די מצות זיינען אָנגעקומען דעם 8־טן אַפּריל — ערשט דעם 6־טן טאָג פסח.

13) לויט "Standard and Digger" 25-1-1900.

פון יאָהאַנעסבורג). זיי האָבן געאַרבעט אומאויפהערלעך טאָג און נאַכט, און אריינגעבראַכט פון שלאַכטפעלד די פיל פאַרוווּנדעטע. די בורישע רעגירונג, און אויך שפּעטער דאָס ענגלישע מיליטער, האָבן אונטערגעשטראָכן די גרויסע פאַרדינסטן פון דעם יידישן אַמבולאַנס־קאָרפּוס, און אים געלויבט. די ענגלישע



ב. אַראָנס און די פאַקסימיליע פון בריוו פון דער ענגלישער מאַכט געחתמעט פון נעוויל טשעמבערליין, וועלכע דריקט אויס דאַנק און אנערקענונג פאר דער אַרבעט פון דעם אַמבולאַנס־קאָרפּוס.

אַרמיי האָט אויפגעלייזט דעם אַמבולאַנס דעם 4־טן אַפּריל 1901 און איבער־גענומען דעם שפּיטאָל. דער יידישער אַמבולאַנס־קאָרפּוס, וואָס איז געווען גוט אָרגאַניזירט און ארויסגעוויזן געשיקטקייט און פעאיקייטן מצד די אַנטייל־נעמערס, איז געווען דער שטאָלץ פון די יידן אין יאָהאַנעסבורג.

יידן אויפן צד פון די בורן

אויף דער זייט פון די ענגלישע זיינען געווען די ענגלישע יידן, (מיט ווייניק אויסנאַמען), די יידישע מאַגנאַטן, גבירים, בערזע־לייט, ספּעקולאַנטן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און אויך די פאַרענגלישטע רוסישע יידן, וועלכע האָבן געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר דער ענגלישער אימפּעריע צוליב איר ליבעראַלער האַלטונג צו אויסלענדער. אַ דאַנק דער ליבעראַלער שטעלונג פון די ענגלישע צו אויסלענדער, להיפוך צו די דיסקרימינאַציעס אין צאַרישן רוסלאַנד, האָבן די רוסישע יידן געקענט דאָ נאַטוראַליזירן זיך (ד.ה. קריגן בירגערשאַפט).

אָבער, כמעט די גאַנצע אַלגעמיינע יידישע באַפעלקערונג — די האָלענ־

דישע, רוסישע און אויך די דייטשע יידן (מיט ווייניק אויסנאַמען) — האָבן סימפּאַטיזירט מיט די בורן. זייער געפיל פון יושר האָט זיי בולט געזאָגט, אַז ענגלאַנד האָט ניט קיין מאָראַלישע רעכט צו פירן מלחמה מיט די בורן. זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ווען ניט די גאָלד־גרובן, וואָלטן די ענגלישע אימפּעריאַליסטן ניט ארויפגעלייגט זייער „לאַפּע" אויף די בורן.

לויט פאַרשיידענע קוועלן האָבן אַן ערך 300[14]) טראַנסוואַלער ענגלישע, ענגליש־נאַטוראַליזירטע און אויסלענדישע יידן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ענגליי־ אַרמיי. צוזאַמען מיט די יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער אָנגעקומענער ענגלישער אַרמיי אין דרום־אפריקע, איז די צאָל געווען איבער צוויי טויזנט[15]). אַ סך יידן פון דער אָנגעקומענער ענגלישער אַרמיי און אויך ענגלישע יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין דרום־אפריקע, האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער בוריש־ענגלישער מלחמה, ווי צ.ב. מאַיאָר ב. לעוויטאַ[16]), „וועלכער האָט געראַטעוועט דעם מידלסעקס־רעגימענט ביי „שפּיאָן קאָפּ", די ברידער קאַפּי־ טאַן לאַרי און קאַפּיטאַן הערי מאַרקס, נונאַד דייוויס, לייאָנעל פּ. קאָהען און אנדערע; פון דרום־אפריקע: לעווי פון פינאַרס־ריווער, פּאָלקאָווניק דייוויד העריס פון קימבערלי, מאַיאָר קאַרי דייוויס, סאַמועל וועיל און אנדערע. עס איז אָבער ניט באַ־ קאַנט, אַז רוסישע יידן זאָלן האָבן זיך אויסגעצייכנט, אָדער פאַרנומען הויכע פּאָסטנס אין דער ענגלישער אַרמיי.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די רוסישע, דייטשישע און האָלענדישע יידן זיינען (מיטן אויסנאַם פון דער קליינער צאָל יידישע מיליטער־פּליכטיקע ביר־ גערס פון די רעפּובליקן) באַטראַכט געוואָרן דורך די רעפּובליקן פאַר אויס־ לענדער, האָבן דאָך איבער 300 אויסלענדישע יידן[17]) פון די רעפּובליקן זיך אָנגעשלאָסן אין קאַמף קעגן די ענגלענדער. אַ סך פון די אָנגעשלאָסענע פריי־ ווילליקע זיינען געווען רוסישע יידן, וועלכע האָבן געלעבט צווישן די בורן. פּרוי לעוויסער[18]) האָט געשריבן, אַז „אַלע יידן פון בלומפאָנטיין האָבן זיך געשלאָגן אויף דער זייט פון די בורן". אויך אַ היפּשע צאָל האָלענדישע יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער מלחמה אויפן צד פון די בורן, ווי צום ביישפּיל, לייטענאַנטן מולער און בלומענטאל, גאמפּעל, אייזיק־ סאָן, הארדס, פּ. וואַן געלדער, ווערטהיים, עלאיעס קלענקראַמער און אנדערע.

[14]) קיין גענויע סטאַטיסטיק איז נישטאָ.

[15]) לויט רבי דר. הערץ „דער ייד אין דרום־אפריקע".

[16]) לויט עריק ראָזענטאָל.

[17]) קיין גענויע סטאַטיסטיק איז נישטאָ, לויט רבי דר. הערץ ("Jewish Chronicle" 20-4-1900) איז די צאָל 300. אַנדערע שרייבן נאָר „זייער אַ באַדייטנדיקע צאָל".

[18]) פרוי לעווישער איז איצט אין די טיפע 90־ער יאָרן און וווינט עד היום אין בלומ־ פאָנטיין.

די יידן האָבן זיך אריינגעוואָרפן מיט ענטוזיאַזם אין קאַמף קעגן אַגרעסיע און אומרעכט, פונקט ווי די בורן גופא. אַ גרויסער טייל פון די יידן אין די רעפובליקן בכלל, און די יידן פון יאָהאַנעסבורג בפרט, האָבן געוויס געספּקט אין דעם זיג פון די בורן. ביי אַ גרויסן טייל, ווידער, איז זיכער געווען דער באַוווסטזיין, אז דער קאַמף קעגן דער מעכטיקער ענגלישער אַרמיי איז אַ פאַר־לאָרענער. ווען ניט אָט די ספקות, וואָלטן זיכער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער בורישער אַרמיי אַ סך מערער יידן.

יידישע העלדן

אזוי ווי דער קאַמף קעגן די ענגלענדער איז געווען אַ פּאַרטיזאַנישער, האָט עס געגעבן די יידישע קעמפערס, פונקט ווי זייערע בורישע קאַמעראַדן, להיפוך ווי אין דער ענגלישער אַרמיי, די מיגלעכקייט ארויסצווייזן אינדיווי־דועלע פעאיקייטן און העלדישקייטן.

צווישן די פיל העלדן פון דער בורישער אַרמיי, ארום וועלכע עס האָבן זיך געוועבט לעגענדעס, זיינען געווען אַ היפּשע צאָל רוסישע יידן, ווי צום ביישפּיל: ה ע ר מ אַ ן י ו ד ע ל אָ ו ו י ץ. ער איז ניט געווען קיין בירגער פון דער רעפובליק, און האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אָן דער בורישער אַרמיי. ער איז געוואָרן אַן אָפיציר (Veld-Kornet). (ער איז ניט געווען דער איינ־ציקער ייד, וואָס האָט געהאַט דעם מיליטערישן ראַנג פון „פעלד־קאָרנעט").

ארום ה ע ר מ אַ ן י ו ד ע ל אָ ו ו י צ ע ס העראָאישע מעשים האָבן זיך געוועבט לעגענדעס צווישן די בורן. אין בוך „Im Kampf um Suid-Afrika" פון אַ נ ד ר י ס ד ע ־ ו ו ע ט, ארויסגעגעבן אין מינכען אין יאָר 1903, ווערט געזאָגט: „אין דעם קאַמף האָבן מיר פאַרלוירן אונדזער בראַוון פירער, וועל־כער איז אונדז אלעמען געווען באַקאַנט אַלס ה ע ר מ אַ ן. דאָס איז ניט גע־ווען זיין פאַמיליע־נאָמען. ער איז געווען אַ רוסישער ייד". זיין אמתער נאָמען איז געווען ה ע ר מ אַ ן י ו ד ע ל אָ ו ו י ץ; אַ צווייטער — י ו ס ף ס ע ג אַ ל, דער אָנפאַרטרויטער סקאַוט פון גענעראַל ד ע ־ ו ו ע ט, איז געוואָרן באַרימט ביי די בורן צוליב ריזיקירן זיין לעבן אריבערצושווימען דעם אָראַנדזש־טייך, כדי צו קריגן דרינגנדיקע הילף, ווען די חיילות פון די צוויי גענעראַלן, ד ע ־ ו ו ע ט און ה ע ר צ אָ ג, זיינען געווען ארומגערינגלט דורך די ענגלענדער. י ו ס ף ס ע ג אַ ל ס שותף וו אָ ל ף י אַ ק אָ ב ס אָ ן און י ו ס ף ה ו ר ו ו י ץ פון קלערקסדאָרפּ האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט. נאָך אַן אינטערעסאַנטער העלד, אַ רוסישער ייד, איז געווען ס אַ ש אַ ש מ אַ ה אַ מ אַ ן, וועמען די בורן פלעגן רופן „יאַן סניימאַן דער ייד" — „Jan Snyman die Jood". גענעראַל ד ע ־ ו ו ע ט, וועלכער איז געווען דער באַליבטסטער און גרעסטער העלד פון בורישן קריג, און וועלכער האָט אין זיין פּאַרטיזאַנישן קאַמף אָפט געשפּילט מיט דער ענגלישער אַרמיי אין „קאַץ און מויז", — האָט געהאַט אַ געוויסע צייט אַ יונגן רוסישן ייד אַלס סעקרעטאַר. ער איז געהרגעט געוואָרן אין קאַמף. אויף אים האָט גענעראַל ד ע ־ ו ו ע ט געזאָגט: „דער בראַוווסטער מענטש,

וועלכן איך האָב געקענט[19]. ניט נאָר האָבן זיך יידן שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער בורישער אַרמיי, נאָר זיי האָבן אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין העלפן די בורן אָנצופירן זייער קאַמף. צום ביישפּיל: די בורישע רעגירונג האָט אָנפאַרטרויט מיט אַ וויכטיקער מיסיע דעם יידן סימאָן מיכעל־סאָן[20]. זי האָט אים געשיקט קיין האָלאַנד און דייטשלאַנד צו קריגן געווער און אַנדערע נייטיקע מיליטערישע מאַטעריאַלן. צוויי פראַנצויזישע יידישע אינזשינערן, גרינבערג און לעאָן[21], האָבן אין יאָהאַנעסבורג אָרגאַני־זירט און אָנגעפירט מיט דער איינציקער אַמוניציע־פאַבריק אין דער בורישער רעפּובליק (דורך סאַבאָטאַזש איז עס 26/4/1900 אויפגעריסן געוואָרן). דר. וו. י. לעידס, דער שטאַאַט־סעקרעטאַר פון דער טראַנסוואַלער רעפּובליק און דערנאָך דער אַמבאַסאַדאָר פון דער רעפּובליק, האָט גרינבערגן און לעאָנען שטאַרק געלויבט.

די מלחמה האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך 3 יאָר. די בורן האָבן פאַרלוירן אַ העלפט פון זייער אַרמיי, הויפּטזאַכלעך, געכאַפּטע אין געפאַנגענשאַפט דורך די ענגלענדער. די ענגלענדער האָבן פאַרשיקט אַ סך פון דער בורישער אַרמיי אין ציילאָן, בערמודאַ, סט.־העלענאַ און אַנדערע פּלעצער. צווישן די פאַר־שיקטע האָבן זיך אין אַלע פּלעצער געפונען רוסישע, דייטשישע און האָלענ־דישע יידן.

די בורן האָבן גערופן אַ קאָנפערענץ צו באַהאַנדלען די קריטישע לאַגע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען און די פראַגע וועגן שליסן שלום מיט דער ענגלישער אַרמיי. אויף דער קאָנפערענץ האָבן בורישע דעלעגאַטן געטענהט, אז „מיר קענען זיך מער ניט שלאָגן; מיר האָבן פאַרלוירן אַ העלפט פון אונד־זער אַרמיי; מיר האָבן ניט קיין געווער; מיר האָבן ניט קיין פּראָוויאַנט, קיין קליידער; די פעלדער ווערן ניט באַאַרבעט; אונדזערע פרויען און קינדער ליידן שטאַרק". אויף דעם האָט גענעראַל דע־וועט געענטפערט[22]: „איך האָב גאָרנישט צו טאָן מיט פאַקטן. די גאַנצע מלחמה איז אַ פראַגע פון האָבן בטחון".

דעם 31־טן מיי 1902, איז געשלאָסן געוואָרן שלום צווישן דער זיגרייכער ענגלישער אַרמיי און די באַזיגטע בורן.

---

[19]) עריק ראָזענטאַל אין זיין בוך "General Christian De Wet". (זייט 214).

[20]) לויט רבי דר. ל. י. ראַבינאָוויץ אין זיין לעקציע אין מיי 1949, אויפן סמך פון דאָקומענטן, וואָס ער האָט געפונען אין פּרעטאָריע.

[21]) לויט עריק ראָזענטאַל.

[22]) עריק ראָזענטאַל אין "General Christian De Wet"

די פּאַרלוסטן אין דעם בוריש־ענגלישן קריג זיינען געווען[23]:

בורישע פּאַרלוסטן:

געהרגעטע אויפן שלאַכטפעלד	3990
געשטאָרבן אויפן שלאַכט־פעלד פון קראַנקייטן	924
" דורך אומגליקספאַלן	157
" אין געפאַנגענשאַפט	1118
ס״ה	6189

די צאָל פאַרוואונדעטע ווייסט מען ניט.

די צאָל געשטאָרבענע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון קראַנקייטן, בויך־טיפוס און אַנדערע עפּידעמיעס:

מענער עלטער ווי 16 יאָר	1676
פרויען עלטער ווי 16 יאָר	4177
קינדער אונטער 16 יאָר	22074
ס״ה	27927

די צאָל קריגס־געפאַנגענע איז געווען 40 טויזנט[24].

ענגלישע פּאַרלוסטן:

געהרגעטע אויפן שלאַכטפעלד	5774
געשטאָרבן פון עפּידעמיעס, קראַנקייטן און וואונדן	16168
געשטאָרבן אין די שפּיטאָלן ביזן סוף מלחמה	9713
די צאָל פאַרוואונדעטע—צוריקגעשיקטע, פון וועלכע מאַנכע זיי־נען געשטאָרבן אויפן וועג	75430

מיט דעם שלום־אָפּמאַך האָט זיך געשלאָסן אַ וויכטיקער און טראַגישער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דרום־אַפריקע.

[23] לויט די רעגירונג־אַרכיוון.

[24] לויט "The Times History of the Boer War".

פערטער טייל

נאָכן קריג

נאָכווייעניש‎ן פון קריג. — די באַזיגטע. — ווידער־אויפבוי. — אַנבאָט צו ברענגען יידישע ארבעטער פאַר די מינען. — מען קומט צוריק. — אַ נייער שטראָם פון אימיגראַנטן. — יידיש—אַן אייראָפּע־אישע שפּראַך. — מען שלאָגט וואָרצלען. — אונטערוועלט. — אַלטע רייבונגען ווערן באַנייט. — דער אָפּרוף אויף קישינעווער פּאָגראָם. — דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. — איינדרוקן פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג. — קאָרטן שפּילן. — אַלטע בחורים. — לאַנדאַרבעט. — שוועריקייטן פאַר יידישע אַרבעטער. — רוף צו יידישע אַרבעטער צו שאַפן פראָפ.־פאַראיינען. — די עקאָנאָמישע לאַגע.

נאָכווייעניש‎ן פון קריג

ביי געוויסע בורישע פירערס איז דער קלאַפּ פון דעם ענגלישן זיג ניט געווען אזוי שאַרף, ווייל זיי האָבן עס שוין פאָרויסגעזען אַ לאַנגע צייט.

די מלחמה האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן האַס ביי די בורן צו די ענגלענדער, און אויך ביי אַ סך יידן, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן קעגן די ענגלענדער איז געווען אַ האַס צו זיי.

די פאָלגנדיקע עפּיזאָדן אילוסטרירן דאָס:[1]) דער ייד ד ז ש אָ ע ל ט ש אַ ר ל ס ד ו ו י ז, וועלכער האָט העלדיש געקעמפט מיט די בורן אין טראַנסוואַל, איז געפאַנגען געוואָרן דורך די ענגלישע. ער איז קראַנק געוואָרן אויף דער געפערלעכער קראַנקייט „שוואַרצוואַסער" מאַלאַריע. מען האָט אים אַ קראַנקן אוועקגעפירט אין הויז פון אַן ענגלענדער, אין טהאבינא. האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט ליגן אין בעט. ער איז געשטאָרבן אויף דער ערד, אויסרופנדיק: „איך וויל ניט שטאַרבן אין אַ בעט פון אַן ענגלענדער";

ל יי ב ר אַ ב י נ אָ ו י ץ, וועלכער האָט געקעמפט צוזאַמען מיט די בורן,

---

[1]) לויט רבי דר. י. ל. ראַבינאָוויץ אין זיין לעקציע „יידן אין בורישן קריג", 4/9/1949, אויפן סמך פון דאָקומענטן, וואָס ער האָט געפונען אין פּרעטאָריע.

האָט נאָכן שלום־אָפּמאַך פאַרלאָזן דרום־אַפריקע, ווייל — האָט ער געזאָגט — „איך וויל ניט לעבן אונטער דער ענגלישער הערשאַפט נאָכן צוזען, וואָס די ענגלענדער האָבן אָפּגעטאָן מיט די בורן״.

דער אָנפאַל פון דער אַרמיי פון דער גרויסער ענגלישער אימפּעריע אויף די צוויי קליינינקע רעפּובליקן האָט ארויסגערופן אַ ווידערגעפיל קעגן ענגלאַנד, כמעט, אין דער גאַנצער וועלט. באַוווּסטע פּערזענלעכקייטן און באַוווּסטע שרייבערס פון דער גאָרער וועלט זיינען ארויס מיט וואָרט און אין שריפט קעגן דער דעראָבערונג־פּאָליטיק פון ענגלאַנד אין זייער אָנפאַל אויף די בורן. אפילו אין ענגלאַנד גופא איז געווען אַ גרויסע קעגנערשאַפט מצד דער שטאַר־קער ליבעראַלער פּאַרטיי און אַנדערע גרופּירונגען קעגן דער רעגירונג פאַרן פירן די מלחמה מיט די בורן. ענגלאַנד האָט, צוליב איר אָנפאַל אויף די בורן, פאַרלוירן אַ סך פּרעסטיזש אין דער וועלט.

כדי צוריקצוגעווינען דעם פאַרלוירענעם פּרעסטיזש, האָט זי ביים סוף פון דער בוריש־ענגלישער מלחמה אָנגעווענדעט איר באַוווּסטע אימפּעריאַליס־טישע טאַקטיק לגבי די באַזיגטע. זי האָט ניט געדריקט די באַזיגטע, נאָר פאַר־קערט: זי האָט געפירט אַ פּאָליטיק פון ארייננציען אין דער אָנפירערשאַפט פון לאַנד די בורן גופא. ענגלאַנד האָט אריינגעזעצט אין דעם מלוכה־אַפּאַראַט באַוווּסטע בורישע פּערזענלעכקייטן אויף אָנצופירן מיט דער רעגירונג. אָבער פאַקטיש האָט ענגלאַנד קאָנטראָלירט, אַז די פּאָליטיק פון לאַנד זאָל דורכויס געפירט ווערן לויט די אינטערעסן פון דער ענגלישער אימפּעריע.

די עלאַסטישע האַנדלונג פון די ענגלענדער בנוגע די בורן האָט ביי אַ סך נייטראַליזירט דעם גיפטיקן האַס פון די בורן צו זייערע באַזיגערס. געוויסע אָנפירנדיקע בורישע פּערזאָנען זיינען געווען גענעראַלן אין דער בורישער אַרמיי, ווי צום ביישפּיל, די גענעראַלן באָטהאַ, סמאַטס, הערצאָג — מענטשן, וועלכע זיינען ניט געווען קיין מיליטער־לייט ביז דער מלחמה.

מאַנכע בורישע אָנפירערס האָט אימפּאָנירט די האַנדלונג פון די באַזיגערס צו די בורן. זיי האָבן געזען אין דעם גרויסע מיגלעכקייטן צו אָרגאַניזירן און ווידעראויפלעבן דאָס בורישע פאָלק.

פון דער בורישער אָנפירערשאַפט איז אַוועק דער ביבליש־פּאַסטאָראַלער קרוגעריזם. אין דער אָנפירערשאַפט האָבן זיך באַוויזן ייִנגערע בורן. מאַנכע פון זיי האָבן געהאַט אייראָפּעאישע אוניווערסיטעט־בילדונג.

די באַזיגטע

גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע פון דורכשניטלעכן בור, באזונדערס אין טראַנסוואַל און אין אָראַנדזש־פריישטאַט.

טויזנטער בורן זיינען ארומגעגאַנגען האָפענונגלאָזע, פאַרבלאָנדזשעטע, ווי אין אַ קלעם. זיי האָבן זיך געפילט ווי צעמזיקטע, איבעריקע מענטשן מיט אַ פאַרשפּילטן נעכטן און אָן אַ היינט.

אַ סך זין און טעכטער פון דעם בורישן פויערים־פאָלק האָבן ניט געהאַט וווהין זיך צוריקצוקערן. זייערע פריערדיקע היימען זיינען געוואָרן צעשטערט.
די זון־פאַרברענטע פעלדער זיינען געווען שטאַרק פאַרלאָזן: עס זיינען ניט געווען קיין בהמות, קיין אַקערס, און אויך קיין אָקסן צום אַקערן; ס'איז ניט געווען מיט וואָס אָנצוהייבן. האָט מען זיך געלאָזן צו די שטעט.
אַ דערשיטערנדיקן און דערשלאָגנדיקן איינדרוק האָבן געמאַכט די זין פון באַזיגטן בורן־פאָלק, ווען זיי האָבן זיך געשלעפּט איבער די גאַסן פון יאָהאַנעסבורג, בעטנדיק עסן און זוכנדיק אַרבעט. פאַרוואָרלאָזטע, אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע, האָבן זיי זיך ארומגעשלעפּט אין צעריסענע קליידער מיט צעריסענע שיך, באַוואַקסענע, ניט קיין געוואַשענע, פון זון און שטויב פאַרחושכטע.
אַנדערש איז געווען די לאַגע פון די יידן, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן אין דער בורישער אַרמיי. דאָס רוב פון זיי — קליינשטעטלשע און שטאָטישע קרעמערס, הענדלערס און בעלי־מלאכות — האָבן געהאַט פאַרבינדונגען און אויך לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיי געהאָלפן ווידער זיך איינצואָרדענען עקאָנאָמיש.
אגב האָבן די איינוווינערס פון יאָהאַנעסבורג שוין געלעבט אונטער דער ענגלישער מאַכט פונקט צוויי יאָר, ביז דער שלום איז געשלאָסן געוואָרן.

ווידעראויפבוי

נאָכן שליסן דעם שלום האָט די זיגרייכע ענגלישע אַרמיי און אַדמיניסטראַציע גענומען זיך צום ווידעראויפבוי. דאָס זעלבע איז געווען מיט די גאָלד־מינען־קאָרפּאָראַציעס. די זיגרייכע גאָלד־מאַגנאַטן האָבן געוואָלט עקספּאַנסיע פאַר זייער גאָלד־מינען־„אימפּעריע". אזוי ארום האָבן די איינוווינערס פון יאָהאַנעסבורג דורכגעמאַכט א נייע „פּראָספּעריטי".

אָבער די „פּראָספּעריטי" האָט ניט אָנגעהאַלטן לאַנג, ווייל דער עקאָנאָמישער ווווילזיין פון יאָהאַנעסבורג האָט זיך באַזירט נאָר אויף איין אינדוסטריע — די גאָלד־פּראָדוקציע. די גאָלד־מינען האָבן ניט געקענט קריגן די נויטיקע צענדליקער טויזנטער אַרבעטער — שוואַרצע און ביליקע אַרבעטער, אין וועלכע די גאָלד־מינען האָבן זיך גענויטיקט פאַר זייער אַנטוויקלונג. דאָס האָט ארויסגערופן אַן עקאָנאָמישע דעפּרעסיע, ביז מען האָט, אין יוני 1904, גענומען אימפּאָרטירן די סך צענדליקער טויזנטער כינעזישע אַרבעטער פאַר די גאָלד־גרובן. (אגב, ווען די כינעזער האָבן פאַרלאָזן דרום־אַפריקע איז ווידער געוואָרן א עקאָנאָמישע דעפּרעסיע).

יידן, וועלכע האָבן געהאַט קאָנצעסיע־קראָמען ביי די מינען און קראָמען ניט ווייט פון די מינען, האָבן זייער גוט געלייזט פון די כינעזישע מינען־אַרבעטער. עס זיינען געווען יידישע קרעמערס, וועלכע האָבן דורך האַנדלען מיט די כינעזער אויסגעלערנט זיך צוזאַמענצורײדן מיט זיי אויף כינעזיש.

אַנבאָט צו ברענגען יידישע אַרבעטער פאַר די מינען

ווען די גאָלד־מאַגנאַטן אין יאָהאַנעסבורג האָבן געמאָלדן, אַז די גאָלד־אינדוסטריע נויטיקט זיך שטאַרק אין אַ גרויסער צאָל מינען־אַרבעטער פאַר שוואַרץ־אַרבעט, האָט, אין יאָר 1903, אַ ייד פון בערלין, וו. וו. לעוויסאָן, זיך געווענדט צו די מאַגנאַטן פון די גאָלד־גרובן מיט אַן אָנבאָט פון הונדערט טויזנט יונגע יידישע בחורים פון רוסלאַנד און גאַליציע צו אַרבעטן אין די גאָלד־גרובן פאַר £2.0.0 אַ חודש. ער האָט צוגעגעבן, אַז אָט דער אָנבאָט ווערט גאַראַנטירט דורך אַ „יידישן עמיגראַציע־קאָמיטעט" אין בערלין. די טעג־לעכע צייטונג „טראַנסוואַל לידער"[2] איז ארויס קעגן לעוויסאָנס אָנ־באָט און געזאָגט: „די לאַגע פון די אָרעמע אימיגראַנטן, וועלכע ווערן געטריבן דורך פאַרפאָלגונגען אָנצונעמען אַ הונגער־לוין, וואָלט געווען ערגער פון די קאַלירטע און פון די אַפריקער. די אַפריקער וואָלטן קוקן אויף זיי פון אויבן אַראָפּ". ש. גאָלדרייך, דער פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט, קאָנטיק, געזען אַ געלעגנהייט צוריקצוגעווינען דעם פּרעסטיזש, וועלכן די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט פאַרלוירן מיטן אַנטשטיין פון דעם ניט־לאַנג געגרינדעטן „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס", האָט ער גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון פּראָ־מינענטע יידן אין יאָהאַנעסבורג וועגן דעם ענין. אויף דער פאַרזאַמלונג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל דעם ענין איבערגעבן צום „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס". עס איז אויף דער פאַרזאַמלונג אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז מען בעט דר. הערצל זאָל זיך אינפאָרמירן און געבן אַן עצה וועגן דעם ענין. אין דעם בריוו צו דר. הערצל וועגן דער אָנגענומע־נער רעזאָלוציע האָט ש. גאָלדרייך צוגעגעבן, אַז „איך בין ביי דער מיינונג, אַז אייער אויטאָריטעטע מיינונג צו אָנטזאָגן דעם אָנבאָט איז וויכטיק, ווייל דאָס אָננעמען אַזאַ אָנבאָט וואָלט פאַראורזאַכט אַ סך ליידן צו אונדזערע גלויבנס־גענאָסן, און עס קען פירן צו אַ באַגרענעצונג פון זייערע רעכטן דאָ". איידער עס איז נאָך געקומען אַן ענטפער פון דר. הערצל, איז די מינען־מאַגנאַטן־קאָרפּאָראַציע ארויס מיט אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג פון לעוויסאָנס אָנבאָט, מאָ־טיווירנדיק, אַז „זיי זיינען קעגן ברענגען ניט קוואַליפיצירטע אייראָפּעאישע אַרבעטער אויף שכירות, וועלכע וועט זיי ניט דערמיגלעכן צו לעבן, ווי ציווי־ליזירטע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט". דער ענטפער פון דער מינען־מאַגנאַטן־קאָרפּאָראַציע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע פון איי־ראָפּע, דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די גאַנצע מעשה פון לעוויסאָן און דעם „יידישע עמיגראַציע־קאָמיטעט" איז געווען אַ פּשוטער שווינדל".

מען קומט צוריק

אין דער צייט, ווען די טויערן פון יאָהאַנעסבורג זיינען געווען אָפן פאַר ענגלישע בירגערס, האָבן אָבער אויסלענדער, גלייך נאָכן שלום־אָפּמאַך, גע־

[2]) "Transvaal Leader" 30-11-1903.

דאַרפט קריגן אַ דערלויבעניש צוריקצוקומען, ניט נאָר פון זייערע קאָנסולאַטן, נאָר אויך פון דער היגער ענגלישער מאַכט.

לאָרד מילנער, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון דרום־אפריקע, — וואָס האָט איינגעשלאָסן די ניי־דערוואָרבענע טעריטאָריעס פון טראַנסוואַל און פון אָראַנדזש־פריישטאַט — האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע ארויסצוגעבן די דערלויבענישן. אגב, איז אין דער קאָמיסיע אויך געווען רבי הערץ.

גאָר אין אַ ספּעציעלער לאַגע האָבן זיך געפונען די רוסישע יידן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פאָרשטייער, ווייל דער רוסישער קאָנסול אין קייפּטאַון האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן די דערלויבענישן פאַר יידן. לאָרד מילנער, וועלכער איז געווען זייער באַפריינדעט מיט ש. גאָלדרייך, האָט אים באַשטימט אויפן ערן־אַמט צו זיין די פאַראַנטוואָרטלעכע פערזאָן ארויסצוגעבן רעקאָמענדאַציעס צו דער רעגירונג פאַר די רוסישע יידן זיך אומצוקערן קיין יאָהאַנעסבורג.

ווי אַן איבערגעגעבענער פירער פון דער דרום־אפריקאַנער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט ש. גאָלדרייך געזען אַ גוטע געלעגנהייט צו הייבן דעם פּרעסטיזש פון דער דרום־אַפריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע אין די אויגן פון די דרום־אַפריקאַנער יידן. האָט ער דעריבער געבעטן לאָרד מילנערן, אַז אַנשטאָט אים (ש. גאָלדרייכן) זאָל געגעבן ווערן דער ציוניסטישער פעדעראַציע דאָס רעכט ארויסצוגעבן די רעקאָמענדאַציעס פאַר די רוסישע יידן צוריקצוקערן זיך קיין יאָהאַנעסבורג. לאָרד מילנער האָט ש. גאָלדרייכס פאָרשלאָג אָנגענומען, און אַזוי ארום האָט יעדער רוסישער ייד געמוזט ווענדן זיך צו דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין יאָהאַנעסבורג אָדער אין קייפּטאַון נאָך אַ דערלויבעניש צוריקצוקומען קיין יאָהאַנעסבורג.

דאָס האָט גוואַלדיק געהייבן דעם פּרעסטיזש פון דער דרום־אַפריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ביז דאַן כמעט ווי קיין געזעלשאַפטלעכע ראָל ניט געשפּילט אויף דער היגער יידישער גאַס. עס האָט אויך געהאַט אַ וויכטיקן אָפּקלאַנג איבער דער גאָרער יידישער וועלט. צום ביישפּיל, דער לאָנדאָנער „דזשוּאיש קראָניקל" פון 10־טן אָקטאָבער 1902, מעלדעט, אז „די וועלט", אָפיציעלער ציוניסטישער אָרגאַן (געגרינדעט דורך דר. הערצל) אין ווין, האָט פאַרעפנטלעכט אַ קאָמוניקאַט פון קייפּטאַון, אז דאָס הויפּט־ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דרום־אפריקע איז באַפולמעכטיקט געוואָרן דורכן גענעראַל־גובערנאַטאָר צו געבן רעקאָמענדאַציעס בנוגע דעם מאָראַלישן שטאַנד פון אַפּליקאַנט, כדי צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין טראַנסוואַל. געוויינטלעך ווערן אַזוינע באַשטעטיקונגען ארויסגעגעבן דורך די קאָנסולאַטן. דאָס וואָלט אָבער געווען כמעט אַן אוממיגלעכקייט פאַר די רוסישע יידן".

אַ דאַנק דעם, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן דער ציוניסטישער פעדעראַציע דאָס רעכט ארויסצוגעבן רעקאָמענדאַציעס צו די רוסישע יידן צו קומען קיין טראַנסוואַל, האָט דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, ש. גאָלדרייך, געזאָגט אויף דער ערשטער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין יאָ־

האַנעסבורג, אין יולי 1905: „מיר זיינען דער יידישער קאָנסולאַט אין דרום־אַפריקע". אזוי האָט מען אויך אָנגערופן די דרום־אַפריקאַנער ציוניסטן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1904. אין דעם קלאַס־צימער ביי דער סינאַגאָגע אין פרעזידענט־גאַס פלעגן זיצן פאַרשטייערס פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, כמעט אַלע אָוונט, און באַטראַכטן די טויזנטער אַפּליקאַציעס צוריקצוקערן זיך קיין יאָהאַנעסבורג.

די טויזנטער רוסישע יידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון טראַנסוואַל בכלל, און פון יאָהאַנעסבורג בפרט, האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אין קייפּטאַון, פּאָרט־עליזאַבעט, דערבן און אוידטסהאָרן און אין אַנדערע שטעט אויף דעם שלום־סיגנאַל. ווען דער שלום־אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן, האָט מען, פאַרשטייט זיך, געוואָלט צוריקקערן זיך גלייך קיין טראַנסוואַל, הויפּטזאַכלעך — קיין יאָהאַנעסבורג. אָבער, להיפוך צו דעם, ווי זיי האָבן דערוואַרט, איז עס ניט געווען אזוי לייכט. די געזעצן פון די נייע באַלעבאַטים — די ענגלענדער — האָבן ארויפגעלייגט געוויסע שוועריקייטן און פאָרמאַליטעטן. צום ביישפּיל, יעדער רוסישער ייד האָט געמוזט שיקן אַן אַפּליקאַציע צו דער ציוניסטישער פעדעראַציע, און דערנאָך וואַרטן אויף דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג.

מיט ווייניק אויסנאַמען האָט די רעגירונג געגעבן די דערלויבענישן אויפן סמך פון די ציוניסטישע רעקאָמענדאַציעס. בכלל האָט מען ווייניק אַפּליקאַציעס אָפּגעוואָרפן.

די צאָל יידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון יאָהאַנעסבורג און פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך ביים אויסברוך פון דער בוריש־ענגלישער מלחמה, איז געווען אַן ערך 10 טויזנט. אין דער צאָל זיינען געווען אַ סך ענגלישע יידן, וועלכע האָבן ניט געדאַרפט קיין דערלויבעניש צוריקצוקערן זיך נאָך דער מלחמה.

13 טויזנט רוסישע יידן, וועמען די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט רעקאָמענדירט, האָט מען אריינגעלאָזן אין טראַנסוואַל (אין דער צאָל גייען אריין א סך נייע אימיגראַנטן).

רבי דר. הערץ איז ווידער געווען אויף זיין פּאָסטן אין דער סינאַגאָגע אויף פּרעזידענט־גאַס, און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די פּאַרק־סינאַגאָגע האָט אַראָפּגעבראַכט אַ רב פון מאַנטשעסטער אין 1903, רבי דר. לאַנדאַו, אַ גאַליציאַנער.

דער אָרטאָדאָקסישער בית־המדרש, וווּ פריער איז געווען רב רבי דאָגוטסקי און דערנאָך ר' משה'ל (פרידמאַן), איז געוואָרן מער אַקטיוו צוליב דעם צופלוס פון נייע אימיגראַנטן. וואָס מער אימיגראַנטן עס האָבן גענומען אָנקומען, אַלץ מערער האָט מען גענומען גרינדן סינאַגאָגעס און תלמוד־תורהס אויך אין די פאַרשטעט. לויטן „הכוכב" פון 2/10/1903 האָבן „איבער צען טויזנט יידן[3]) געדאַוונט ראש־השנה אין 22 סינאַגאָגעס, בתי־

[3]) קאַנטיק, אז אין דער צאָל זיינען אריינגערעכנט אַ סך יידן פון די ארומיקע שטעטלעך, וועלכע זיינען געקומען אין יאָהאַנעסבורג דאַוונען ראש־השנה.

מדרשים און אין זאַלן. אַלע יידישע געשעפטן אַן אויסנאַם זיינען געווען גע־שלאָסן".

אַ נייער שטראָם פון אימיגראַנטן

די צאָל רוסישע יידן, וועלכע האָבן געוואָלט פאָרן קיין טראַנסוואַל, איז כסדר געוואַקסן צוליב דעם נייעם שטראָם אימיגראַנטן.

לויט דעם באַריכט פון יידישן "שעלטער" אין לאָנדאָן[4]) פון יאַנואַר 1904, (געדרוקט אין לאָנדאָנער "דזשואיש קראָניקל") זיינען פון נאָוועמבער 1901 ביז אָקטאָבער 1902 געפאָרן קיין דרום־אַפריקע, און זיך אָפּגעשטעלט אין "שעל־טער" — 832 יידן. פון נאָוועמבער 1902 ביז אָקטאָבער 1903 — 3594. "די אויסערגעוויינטלעכע פאַרגרעסערטע צאָל עמיגראַנטן קיין דרום־אַפריקע איז געווען אַ דאַנק דעם, וואָס די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט. די צאָל וואָלט געווען נאָך גרעסער, ווען עס וואָלטן ניט געווען די נייע אימיגראַציע־געזעצן".

עס ווערט געזאָגט אין "דזשואיש קראָניקל", אַז אין יאָר 1903 האָט די דרום־אַפריקאַניש־ענגלישע רעגירונג ניט אריינגעלאָזן קיין דרום־אַפריקע 962 יידן, אַלס "ניט־געווונטשענע". די צאָל וואָלט געווען גרעסער, אויב מען וואָלט ניט אַנערקענט יידיש פאַר אַן אייראָפּעאישער שפּראַך.

אין יולי 1904 האָט דר. גרעגאָרי צוגעשטעלט צו דער קאַאַפּ־רעגי־רונג אַן אָפיציעלן באַריכט וועגן אימיגראַציע, אין וועלכן ער זאָגט: "אַז 45.8 פּראָצענט פון אַלע אימיגראַנטן, וועלכע קומען קיין דרום־אַפריקע, האָבן גע־רעדט און געשריבן נאָר איין שפּראַך, און דאָס איז — יידיש".

אין אַ באַריכט פון דעם ענגלישן קאָנסולאַט אין מיי 1901 ("דזשואיש קראָ־ניקל") ווערט געזאָגט: "דער פאַקט, וואָס מאַנכע פוילישע יידן פון דרום־אַפריקע האָבן זיך אומגעקערט קיין פוילן ביים אָנפאַנג פון בוריש־ענגלישן קריג מיט גרויסע קאַפּיטאַלן, האָט אַזוי פאַרבלענדעט די אויגן פון די אָרעמע יידן אין פוילן, אַז אַ סך פון זיי האָבן גענומען עמיגרירן קיין דרום־אַפריקע מיט דער האָפענונג, אַז אויך זיי וועלן דאָרט רייך ווערן". אין אויגוסט 1901, ווערט אין "דזשואיש קראָניקל" געזאָגט: "שיף־געזעלשאַפטן באַריכטן, אַז עס שטראָמען אַ סך יידן קיין דרום־אַפריקע. דער גרעסטער טייל האָבן פריינד, וועלכע האָבן זיך שוין באַזעצט אין דרום־אַפריקע און זיי שרייבן אהיים, ווי גוט זיי גייט און לאַדן אויך זיי איין צו קומען". אין אָקטאָבער 1902 ווערט באַ־ריכטעט: "200 אויסלענדישע יידן פאָרן אויפן שיף "סאַפּאַקלס" קיין דרום־אַפריקע. אַ גרויסע צאָל זיינען פרויען מיט קינדער, וועלכע פאָרן צו זייערע מענער".

---

[4]) דער "שעלטער" אין לאָנדאָן איז געווען אַ גאָר וויכטיקע אינסטיטוציע. דאָס איז גע־ווען אַ טראַנזיט־אכסניה פאַר יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד און אנדערע לענדער, וועלכע זיינען געפאָרן קיין דרום־אפריקע און אנדערשווו. מען פלעגט זיי אָפּוואַרטן ביים אָנקומען אין לאָנדאָן און אוועקפירן זיי אין "שעלטער". דאָרט האָט מען זיי געגעבן עסן, נאַכט־לעגער און מען פלעגט דערליידיקן פאַר זיי די פאָרמאַליטעטן. זיי פלעגן דאָרט זיין ביז די שיפן פלעגן פאָרן קיין דרום־אפריקע, אָדער אנדערע לענדער. מען פלעגט זיי ברענגען צום שיף.

די אָפּטע נייעס וועגן דער בוריש־ענגלישער מלחמה, אין די צייטונגען פון די ליטווישע און פוילישע יידן, איז געוויס געווען אַ טעמע אין זייערע טעגלעכע שמועסן. דאָס האָט זיי געוויס „באַקאַנט געמאַכט" מיט דרום־אפריקע.

דרום־אַפריקע איז געוואָרן פאַר זיי ניט אַזוי ווילד, ניט אַזוי פרעמד, און — ניט אַזוי ווייט. די עמיגראַציע פון יידן פון רוסלאַנד, הויפּטזאַכלעך פון ליטע, האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט. דרום־אַפריקע האָט, מער אָדער ווייניקער, געמיינט פאַר זיי יאָהאַנעסבורג און אומגעגנט.

ניט נאָר זיינען קיין יאָהאַנעסבורג געפאָרן יידן פון ליטע און פוילן, נאָר אויך די יידן פון קייפּטאַון. אלע זיינען געפאָרן צו דעם „על־דאַראַדאָ" — יאָהאַנעסבורג. עס האָט געהערשט אַן עקאָנאָמישער קריזיס אין קייפּטאַון נאָכן בורישן קריג. אָט־וואָס דער וועטעראַן פון דער יידישער בינע אין דרום־אַפריקע, דער אַקטיאָר ה. הערש, שרייבט אין זיינע ניט פּובליצירטע מעמוּאַרן: „אין 1904 האָבן די יידן פון קייפּטאַון גענומען פאָרן קיין יאָהאַנעסבורג, און כמעט האַלב קייפּטאַון (יידישע הייזער און קראָמען) איז געוואָרן ליידיק — צום פאַרדינגען".

אויף ווי ווייט די יידישע עמיגראַציע קיין דרום־אַפריקע האָט זיך פאַרגרעסערט, הויפּטזאַכלעך דורך ליטווישע יידן, קען דינען די פאָלגנדיקע סטאַטיסטיק: לויט רבי דר. הערץ און אנדערע[5] זיינען געווען אין גאַנץ דרום־אַפריקע ביים אויסברוך פון דעם בוריש־ענגלישן קריג ווייניקער, ווי 25 טויזנט יידן. אין דער פאָלקס־ציילונג פון 1904 — אַן ערך צוויי יאָר נאָך דער מלחמה — זיינען שוין געווען 38.101 יידן. (25.864 מענער און 12.237 פרויען), און אין דער ווייטערדיקער פאָלקס־ציילונג — אין יאָר 1911, זיינען געווען 46.919 יידן (27.820 מענער און 19.099 פרויען).

יידיש — אַן אייראָפּעאישע שפּראַך

די ענגלענדער זיינען געווען זייער אומצופרידן דערמיט, וואָס אזויפיל יידן — רוסישע בירגער — קומען קיין דרום־אַפריקע. די ענגלענדער האָבן ניט געוואָלט די רוסישע יידן, וועלכע זיינען אַ „פרעמדער עלעמענט", אַ מין „שעטנז" אין זייער העגעמאָניע, און ברענגען קאָנקורענץ.

צו באַגרענעצן די אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָט מען סוף 1902 אריינגעטראָגן אין פּאַרלאַמענט, אין קייפּטאַון, אַ געזעץ־פּראָיעקט, אז יעדער אימיגראַנט מוז קענען שרייבן „אין אותיות פון אַן אייראָפּעאישער שפּראַך" ("In the characters of any European language"). דאָס האָט פּשוט געמיינט, אז דער גאָר גרעסטער טייל פון די יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן געקענט לייענען און שרייבן נאָר יידיש, וואָלטן באַטראַכט געוואָרן, ווי „פאַרבאָטענע" און „ניט געווונטשענע" אימיגראַנטן. זיי

[5] אין „דזשואיש קראָניקל" פון 20־טן אַפּריל 1900.

וואָלטן ניט אַריינגעלאָזן געוואָרן אין לאַנד, ווייל יידיש ווערט געשריבן מיט ניט אייראָפּעאישע אותיות.

עס וואָלט זיך אויך געשאַפן אַ לאַגע, וואָס יידיש וואָלט געקאָנט באַטראַכט ווערן, ווי אַן אַזיאַטישע שפּראַך, צוליב איר העברעאישן אַלפאַבעט. אויב יידיש וואָלט באַטראַכט געוואָרן, ווי אַן אַזיאַטישע שפּראַך, האָט געקענט אַנטשטיין אַ געפאַר, אַז טראָץ דעם, וואָס די יידן זיינען ווייסהויטיקע, וואָלטן זיי, צוליב דער ניט אייראָפּעאישקייט פון יידישן אַלפאַבעט, געקענט דורך פּאָליטישע מאַכינאַציעס, ווערן באַטראַכט פאַר אַזיאַטן, וועלכע ווערן דאָך אין דרום־אַפריקע באַהאַנדלט, ווי דריט־ראַנגיקע בירגער. אזוי ארום איז דער געזעץ־פּראָיעקט וועגן יידיש געוואָרן אַ זייער ערנסטער ענין פאַר אַלע יידן און, הויפּטזאַכלעך, פאַר די רוסישע יידן. אַ שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן דעם געזעץ־פּראָיעקט איז אָרגאַניזירט געוואָרן. בראש פון דער אַגיטאַציע זיינען געשטאַנען ד ו ד ג אָ ל ד ב ל אַ ט און מ אָ ר י ס א ל ע ק ס אַ נ ד ע ר[6]. ד. ג אָ ל ד־ ב ל אַ ט האָט ארויסגעגעבן אַ בראָשור אין ענגליש וועגן יידיש. ער האָט דאָס פאַרשפּרייט צווישן אַלע דעפּוטאַטן פון פּאַרלאַמענט.

23 קהילות און אנדערע וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן געשיקט אַ פּעטיציע צו דער רעגירונג, פּראָטעסטירנדיק קעגן דעם געזעץ־פּראָיעקט.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער הויפּט־רב פון דער קייפּטאַוּנער ג׳רעסטער סינאַגאָגע, רעווערענד ב ע נ ד ע ר[7], אַן ענגלישער ייד, האָט פיינט געהאַט יידיש און געהאַט אַ ניט־פריינדשאַפטלעכע באַציאונג צו רוסישע יידן. ער האָט אויסגעווירקט אויף זיין קהילה, אַז זי זאָל ניט אונטערשרייבן די פּעטיציע[8]. ער און זיין קהילה האָבן אויך באַווירקט נאָך צוויי קהילות ניט אונטערצושרייבן די פּעטיציע.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון די ענגלישע און דייטשישע יידן, און אויך העברעאישע משכילים, וועלכע האָבן פיינט געהאַט די „ניט הייליקע" שפּראַך, זיינען געשטאַנען פאַר אַ דילעמע. זיי האָבן ניט געקענט ארויסטרעטן קעגן יידיש, ווייל — צופיל איז געשטאַנען אין קאָן. ארויסטרעטן קעגן יידיש וואָלט געקענט אומגליקלעך מאַכן זייער אַ סך יידן. זיי וואָלטן דאָך זיך אַליין אויך געקענט שטעלן אין געפאַר פון באַטראַכט ווערן פאַר אַזיאַטן.

---

[6]) דוד גאָלדבלאַט איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דער יידישער פּרעסע אין קייפּטאַון. ער האָט ארויסגעגעבן און רעדאַקטירט די וואָכנשריפט „דער אידישער אַדוואָקאַט", פון 1904 ביז 1914. אגב האָט ערביים אויסברוך פון דעם בוריש־ענגלישן קריג ארויסגעגעבן אין יידיש אַ בלעטל „דער קריג שטאַפעט" כמעט טעגלעך פון מאָנטאָג, דעם 16־טן אָקטאָבער ביז דעם 13־טן דעצעמבער 1899. מאָריס אַלעקסאנדער איז געווען אַן ענגערגישער אַדוואָקאַט, וועלכער איז געווען אַ סך יאָרן אַ דעפּוטאַט אין דרום־אפריקאנער פּאַרלאַמענט. ער איז געווען באקאנט אלס דער דעפּוטאַט, וועלכער האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די יידן און קאָלירטע. ער האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

[7]) געבוירן אין אירלאַנד.

[8]) לויט מאַרסיאַ גיטלין. "The Vision Amazing" (זייט 88) און לויט דוד גאָלדבלאַטס „געקליבענע שריפטן", ניו־יאָרק 1942.

די אַגיטאַציע האָט געווירקט. ווען אַ דעלעגאַציע, בראש מיט מאָריס אַלעקסאַנדער, האָט אינטערוויואירט דעם שטאַאַטס־אַדוואָקאַט (State Attorney), דעם 28־טן מיי 1903, האָט ער אין נאָמען פון דער רעגירונג פאַר־זיכערט דער דעלעגאַציע, אַז „אין דער צוקונפט וועט יידיש אַנערקענט ווערן, ווי אַ שפּראַך, וואָס וועט דערמיגלעכן די אימיגראַנטן קומען אַהער". אָבער פאַקטיש האָט די היגע רעגירונג אַנערקענט יידיש פאַר אַן אייראָפּעאישע שפּראַך ערשט אין 1906.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין נאַטאַל איז געבליבן אין קראַפט דאָס געזעץ קעגן יידיש. ווען אַ דעפּוטאַט האָט פאָרגעבראַכט פאַרן פּאַרלאַמענט אין נאַטאַל, אַז מען זאָל אַנערקענען יידיש, ווי אַן אייראָפּעאישע שפּראַך, איז עס מיט אַ גרויסער מערהייט אָפּגעוואָרפן געוואָרן. ערשט אין 1913 איז אויך אין נאַטאַל, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון דער יוניאָן פון דרום־אַפריקע, יידיש אַנערקענט געוואָרן פאַר אַן אייראָפּעאישער שפּראַך.

מען שלאָגט וואָרצלען

ווי אַ מאַגנעט האָט יאָהאַנעסבורג גענומען ציען צו זיך, הויפּטזאַכלעך, יידן פון ליטע. דאָס לעבן פון די יידן אין יאָהאַנעסבורג, וואָס האָט געטראָגן ביז דער מלחמה א כאַראַקטער פון צייטווייליקייט, האָט זיך גענומען נאָרמאַלי־זירן. מען האָט שוין גענומען שטיין אויף דעם דרום־אַפריקאַנער באָדן מיט ביידע פיס. הונדערטער יידן האָבן גענומען ברענגען זייערע פאַמיליעס און שלאָגן וואָרצלען אין דער נייער היים. דאָס לעבן איז געוואָרן מער סטאַביל.

די צוריקגעקערטע יידישע קרעמערס, הענדלערס און די, וועלכע האָבן פאַרמעגט הייזער פאַר דער מלחמה, האָבן זיך קאָנצענטרירט קודם כל צוריק־צוקריגן זייערע געשעפטן און הייזער. א סך פון זיי האָבן געפונען ליידיקע פּאָליצעס אין זייערע געשעפטן, און זייערע הייזער — אויסגעליידיקט. זיי האָבן געדאַרפט אָנהייבן איינאָרדענען זיך גאָר פון דאָס ניי. די יידן האָבן אָנגעהייבן פאַרזעצן מיט זייערע באַשעפטיקונגען פון פאַר דער מלחמה. די מזרחדיקע יידן האָבן ווידער גענומען האַנדלען, הויפּטזאַכלעך, צווישן די אַפרי־קער. אַ סך פון זיי האָבן גוט פאַרדינט.

די נייע רוסיש־יידישע אימיגראַנטן פלעגן מיט דער הילף פון קרובים און לאַנדסלייט ווערן אריינגעצויגן אין האַנדל און „טרייערײ"[9]). פאַר פיל פון זיי איז „טאָכערײ"[10])געווען אַ מין צוגרייט צו קרעמערײ. אַ סך פון זיי פלעגן ווערן קרעמער־געהילפן, ווייל עס איז נאָך ניט געווען קיין אינדוסטריע, וועלכע וואָלט געקענט אַבסאָרבירן ניט קיין קוואַליפיצירטע אַרבעט־הענט. אזוי ארום זיינען זייער פיל יונגעלייט, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג,

[9]) „טרייער" איז אַ יידיש וואָרט געשאַפן אין דרום־אַפריקע. עס קומט פון ענגלישן To try, trying —צו פּרובירן, סטאַרען זיך, באַמיען זיך — צו האַנדלען און פאַרדינען.

[10]) אַ „טאָכער" איז אַ פאַריידישט וואָרט, וואָס מיינט קאַראַבעלניק. עס קומט פון אַפריקאַאַנס וואָרט Tog (טאָך).

געווען צופרידן צו קריגן די גוט־באַקאַנטע „שטעלעס“ אין די „קאַפעריטעס“[11], ווו מען האָט געצאָלט £10 פאַר די ערשטע דריי חדשים. אין די „קאַפעריטעס“ פלעגן די דאָזיקע יונגעלייט נישט נאָר נישט „אויסגרינען“ זיך, נאָר ווערן גוט פאַרשוואַרצט, אַרבעטנדיק ביי שלעכטע און ניט־היגיענישע באַדינגונגען.

די מזרחדיקע יידישע „טרייערס“, הענדלערס און קרעמערס, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּשפּאָרן געלט כדי אַראָפּצוברענגען זייערע משפּחות, אָדער פאָרן אַהיים, פלעגן אויך אַרבעטן שווער און ביי אויסערגעוויינטלעך שלעכטע באַדינגונגען. אַ באַשרייבונג פון אָט דעם שטייגער־לעבן פון מאַנכע קרעמערס איז געדרוקט אין „אַפריקאַנער“ פון 5־טן פעברואַר, 1914: —

„אין די גוטע אַלטע צייטן האָב איך אויפגעעפנט אַ „שאָפּ“ אויפן „ריף“; גענומען אַ מענטשן און אים געצאָלט צען פונט פאַר דריי מאָנאַטן און איך האָב געהאַט אַ קאַפער. געגעסן האָב איך אינדערפרי חלה מיט „דזשינדזשער ביר“ (אינגבער־וואַסער). ביי טאָג האָבן מיר זיך אויסגעקאָכט אַ שטיקל פלייש פאַר אַ „סיקספּענס“, און ביינאַכט האָבן מיר ווידער געגעסן „דזשינדזשער ביר“ מיט ברויט. אויפגעעפנט די „שאָפּ“ האָבן מיר האַלב נאָך פינף באַגינען און צוגעמאַכט האַלב נאָך עלף ביינאַכט, ווען מיר האָבן אויסגעבעט „בלינקעטס“ (קאָלדרעס) אויפן „קאַנטער“ (טאָמבאַנק) און האָבן זיך געלייגט שלאָפן. אַזוי בין איך אָפּגעשטאַנען דריי יאָר. איך האָב צוזאַמענגעקליבן אַ קאַפּיטאַל פון 300 פונט“.

אין דער כמעט איינציקער אינדוסטריע, וואָס האָט דאַן עקסיסטירט — די גאָלד־גרובן, האָבן, מיט געציילטע אויסנאַמען, די יידן ניט געאַרבעט. די אַרבעט אין די מינען, טיף אין דער ערד, איז געווען פאַר זיי אינגאַנצן אומבאַקאַנט, און האָט זיי געשראָקן.

אונטערוועלט

צווישן די אַרבעטלאָזע און גיריקע נאָך לייכטע פאַרדינסטן זיינען געווען הפקר־יונגען, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן בראַנפן צו אַפריקער.

נאָך דער מלחמה האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט פּראָסטיטוציע אין יאָהאַנעסבורג. צווישן אָט די אונטערוועלט־מענטשן זיינען אויך געווען רוסישע יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פּראָסטיטוציע און האַנדל מיט ווייסע שקלאַפן. די רעגירונג האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען צו באַקעמפן דעם האַנדל מיט בראַנפן און באַקעמפן די אונטערוועלט. די חברה־קדישא האָט פיל געהאָלפן דער רעגירונג אין דעם קאַמף. מען האָט געשלאָסן „הייזלעך“, דעפּאָרטירט אַ סך מזרח־אייראָפּעאישע פּראָסטיטוטקעס, אַלפאָנסן און ווייסע שקלאַפן־הענדלערס. אין געוויסע פאַלן האָט מען צוגעמשפּט די אַלפאָנסן און די ווייסע שקלאַפן־הענדלערס צו שמיץ פאַרן דעפּאָרטירן זיי. אין „הכוכב“ פון יאַנואַר 1904, ווערט געמאָלדן, אַז עס קומען פאָר פּראָצעסן קעגן יידישע אַלפאָנסן און גאַסן־מיידלעך.

---

11) „קאַפעריטע“ איז אַ לאָקאַל־קאָמבינירט־וואָרט פון ענגלישן Kaffir Eating House וואָס עס מיינט אַן עס־שטוב פאַר „קאַפערס“. (די אַפריקער פילן זיך שטאַרק באַליידיקט, ווען מען רופט זיי קאַפערס). „קאַפעריטניק“ — רופט מען די באַלעבאַטים און די אָנגעשטעלטע, וועלכע אַרבעטן אין די „קאַפעריטעס“. (זיי פילן זיך באַליידיקט ווען מען רופט זיי אָן מיט דעם נאָמען).

אַלטע רייבונגען ווערן באַנייט

נאָך דער בוריש־ענגלישער מלחמה איז די פירערשאַפט פון יידישן רע־ליגיעזן, פילאַנטראָפישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין יאָהאַנעסבורג געלעגן, ווי פאַר דער מלחמה, כמעט אינגאַנצן אין די הענט פון די ענגלישע און דייטשי־שע יידן. זיי האָבן פאַרגעזעצט אַלץ לויטן פריערדיקן שטייגער און רעסטאַוו־רירט די פריערדיקע סטרוקטור.

דער אַזוי גערופענער וואָפנשטילשטאַנד אין די באַציאונגען צווישן מערב־דיקע און מזרחדיקע יידן, וואָס האָט געהערשט אין מלחמה־צייט — איז פאַר־שוווּנדן. די מחיצה איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן.

פאַר אַ ביישפּיל קען דינען אָט דער פאַקט:

אין מיי 1903, איז אָנגעגאַנגען אַן אַגיטאַציע צו בויען אַ יידישן שפּיטאָל, ווייל אין אַלגעמיינעם שטאָטישן שפּיטאָל האָבן די רוסישע יידן ניט געקענט זיך צוזאַמענריידן, האָבן געמוזט עסן ניט־כשר, און זיך געפילט דאָרט שטאַרק פרעמד.

אָבער די פירערשאַפט איז געווען קעגן דעם. אָט, ווי דער „הכוכב" גיט איבער זייער שטעלונג[12]: „אָבער די גאָלדזעק טענהן, אַז אין אַלצדינג וויל זיך דער רוסישער ייד אָפּזונדערן" און זיי זאָגן: „קאָרג זיינען די אָרעמעלייט צו קרענקען אין שטאָטישן שפּיטאָל פאַר אונדזער געלט".

דריי פערטל יאָר האָט מען אָנגעפירט אַ זאַמלונג פאַר אַ יידישן שפּיטאָל. אָבער עס איז גאָרנישט געוואָרן דערפון.

דער אָפּרוף אויפן קישענעווער פּאָגראָם

דער גרעסטער טייל פון די יידן אין דרום־אַפריקע זיינען געקומען פון ליטע, ווו קיין פּאָגראָמען זיינען ניט פאָרגעקומען. אָבער, ווען עס זיינען דערגאַנגען ספּאָראַדישע ידיעות וועגן פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען אויף יידן אין אַנדערע געגנטן פון צאַרישן רוסלאַנד, האָט עס אַרויסגערופן אַ פיינדשאַפט און שנאה צו דעם דאָזיקן לאַנד. דער האַס צו דער רעגירונג פון צאַרישן רוס־לאַנד איז געוואָרן שטאַרקער, ווען עס איז אָנגעקומען די שרעקלעכע ידיעה, אין מיי 1903, וועגן קישענעווער פּאָגראָם, און פיר חדשים שפּעטער וועגן דעם פּאָגראָם אין האָמעל.

ווי אַ ציטער האָט דורכגענומען יעדן ייד, הויפּטזאַכלעך, די מזרח־אייראָ־פּעאישע יידן אָט די גרויזאַמע ידיעה.

פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען זיינען גערופן געוואָרן אויסצודריקן זייער מיט־געפיל און זייער צער און צאָרן. זיי האָבן געפאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל איבערשיקן דער צאַרישער מלוכה זייער פּראָטעסט. מען האָט גלייך אָרגאַני־זירט געלט־זאַמלונגען איבערן גאַנצן לאַנד פאַר די געליטענע.

---

[12]) „הכוכב" 21/8/1903.

די נייעס וועגן קישענעווער פּאָגראָם איז געווען איבערגעגעבן אין דער היגער פּרעסע און האָט ארויסגערופן אַ ווידערגעפיל צו דער צאַרישער רע־גירונג און אַ שטאַרקן מיטגעפיל צו די געליטענע.

אַ סך ניט־יידן האָבן געשטיצט דעם הילפס־פאָנד פאַר די געליטענע, צ.ב. אין „הכוכב" (נומער 3) ווערט געמאָלדן, אז די „קריסטלעכע קינדער סקוהל", האָט צוזאַמענגעקליבן פון 200 קינדער פינף פונט. אין „הכוכב" (נומער 7) ווערט אָנגעגעבן אַ רשימה פון נדבות פון קריסטלעכע קירכן, אַריינרעכנדיק א סומע £6.7.6 פון דער קירך פון אַפריקער.

ווען דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, דוד וואָלפסאָן, האָט באַזוכט דרום־אפריקע אין 1906, האָט ער פעסטגעשטעלט, אז די סאַמע ערשטע געלט־הילף, וואָס איז אָנגעקומען אין קישענעוו נאָכן פּאָג־ראָם, איז געווען פון דרום־אפריקע.

די ציוניסטן האָבן פּאַקטיש ניט געהאַט קיין פּאָזיטיווע זאַכן, וואָס צו געבן דעם עולם. האָבן זיי אין די פּאָגראָמען געזען אַ געלעגנהייט צו שלאָגן קאַ־פּיטאַל פאַרן ציוניזם. אין „הכוכב" פון אויגוסט 1903, איז געדרוקט פּאָלגנ־דיקעס: „דער קישענעווער פּאָגראָם איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע פּאַקטאָרן צו דערמאָנען די יידן, אז עס איז נישטאָ קיין אַנדער וועג, ווי ציו־ניזם". גאָר אַנדערש האָבן זיך באַצויגן צו די פּאָגראָם־געשעענישן די קליינע צאָל פּראָגרעסיווע עלעמענטן. אַ חוץ דעם, וואָס זיי האָבן געגעבן פינאַנציע־לע שטיצע פאַר די געליטענע, האָבן זיי אָרגאַניזירט פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, און האָבן געשאַפן שטיצע פאַר דער זעלבסטשוץ־באַוועגונג אין רוסלאַנד. שפּעטער־צו האָבן פּראָגרעסיווע עלעמענטן אָרגאַניזירט אַ גרויסן קאַמפּיין דורך די „פריינד פון רוסישער פרייהייט" צו שטיצן די באַרימטע גוט אָרגאַני־זירטע זעלבסטשוץ־באַוועגונג אין רוסלאַנד.

דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט

ווען דר. הערצל האָט פאָרגעבראַכט פאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין 1903, דעם אוגאַנדאַ־פּלאַן, האָט עס ארויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג און גרויס פאַראינטערעסירונג צווישן די געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע יידן אין דרום־אפריקע. איינער פון די מאָמענטן, וואָס האָט אימפּאָנירט די היגע יידן, איז דער פּאַקט, וואָס אוגאַנדאַ געפינט זיך אויפן אַפריקאַנער קאָנטינענט. אָבער דאָס וויכטיקסטע, צוליב וואָס די היגע יידן האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם אוגאַנדאַ־פּלאַן, זיינען געווען די כסדרדיקע ידיעות וועגן פּאָגראָמען אויף יידן אין צאַרישן רוסלאַנד, און די עווענטועלע מיגלעכקייט צו שאַפן אין אוגאַנדאַ אַ נאַציאָנאַלע היים. די איינציקע יידישע צייטונג „הכוכב", פונקט ווי דער רוב ציוניסטן, איז געווען קעגן דעם פּראָיעקט. אוסישקינס שאַרפע אַטאַקע קעגן דר. הערצלס פּראָיעקט איז געווען געדרוקט אין „הכוכב" (19/2/1904). די צייטונג איז ארויס מיט אַ שאַרפער קעגנערשאַפט. אין אַ לייט־אַרטיקל פון דעם 2־טן פעברואר 1904, איז ארויס דער „הכוכב" מיט

אַן אַליאַרם, אַז „די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אין געפאַר״. די באַדייטנ־דיקסטע געזעלשאַפטלעכע פּערזאָנען, ווי מ אַ ק ס ל אַ נ ג ע ר מ אַ ן און ב נ־צ י ו ן אַ ר אָ ן, זיינען געווען זייער באַגייסטערט פאַרן פּראָיעקט. מ אַ ק ס ל אַ נ ג ע ר מ אַ ן, וועלכער האָט געקאָנט דר. ה ע ר צ ל פּערזענלעך, האָט אים טעלעגראַפירט בזה הלשון: „איך בין צו אייער דיספּאָזיציע. איך בין באַרייט אויף מיינע אייגענע הוצאות צו פאָרן קיין אוגאַנדאַ, און אויך זיך אָנצושליסן אָן דער אויספאָרשונג־עקספּעדיציע״. אויף דעם האָט ער געקראָגן אַן ענט־פער, ניט פון דר. ה ע ר צ ל פּערזענלעך, אַז ער זאָל זיך ניט מטריח זיין. ב נ צ י ו ן אַ ר אָ ן (אַ שאַוולער), אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין היגן לעבן, האָט געשיקט צו דר. ה ע ר צ ל אַ טעלעגראַמע, אַז ער איז גרייט אויסצושטאַטן און פינאַנצירן אַן עקספּעדיציע פון דרום־אַפרי־קע צו פאָרן קיין אוגאַנדאַ. זיין אָנבאָט און האָפנונגען בנוגע דער עקספּעדי־ציע קיין אוגאַנדאַ זיינען, פּונקט ווי ל אַ נ ג ע ר מ אַ נ ס, צו גאָרנישט געוואָרן.

אין „הכוכב״, פון 27־טן מיי 1904, איז פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע מעל־דונג פון דער דרום־אַפריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע: „דער פּרעזידענט, ש. ג אָ ל ד ר יי ך, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאָרשטייער אין דער עקס־פּעדיציע צוזאַמען מיט ב. אַ ר אָ ן, אויסצופאָרשן מזרח־אַפריקע, וואָס די ענג־לישע רעגירונג האָט צוגעזאָגט געבן די יידן צו באַזעצן זיך דאָרט. אין דער טעריטאָריע פון מזרח־אַפריקע געפינען זיך שוין 230 יידישע קאָלאָניסטן פון טראַנסוואַל״. (דער ציפער פון 230 קאָלאָניסטן פון טראַנסוואַל איז, לויט דער באַהויפּטונג פון אַ ל י ה ו ז י ל ב ע ר, געווען אַן אויסגעטראַכטער).

לויט דער האַנדלונג פון די היגע ציוניסטישע פירערס איז קלאָר, אַז זיי זיינען געווען קעגנערס פון דעם פּראָיעקט בכלל. דאָס אויסקלייבן ש. ג אָ ל ד־ר יי כ ן אין דער עקספּעדיציע איז בלויז געווען אַ מין שיטן זאַמד אין די אויגן פון דער ענגלישער רעגירונג, און אַ כלומרשטער פּרווו צופרידנשטעלן די או־גאַנדיסטן. די פירערשאַפט פון די היגע ציוניסטן האָט בשום אופן ניט גע־וואָלט פאַרבייטן דעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלן חלום פון ארץ־ישראל אויף אַ שטיק ווירקלעכקייט פון אַ נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישן היימלאַנד אין אוגאַנדאַ.

אויף דער ערשטער דרום־אַפריקאַנער ציוניסטישער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1905, איז מיט אַ מערהייט שטימען (44 קעגן 20) אָפּגע־וואָרפן געוואָרן דער פאָרשלאָג צו שטיצן דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. די אוגאַנ־דיסטן האָבן פאַרלאָזן די קאָנפערענץ.

ווי נאָר עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, האָט די אידעע צו שאַפן דאָרט אַ נאַציאָנאַלן יידישן ישוב שטאַרק אימפּאָנירט אַ געווי־סער צאָל יידן פון יאָהאַנעסבורג און טראַנסוואַל.

עס האָבן זיך באַזעצט אין אוגאַנדאַ די פאָלגנדיקע פאַרמערס: וו ו ל ף ס אָ ל ס ק י, א ב ר ה ם ב ל אָ ך, די ברידער א ל י ה ו און ש מ ו א ל ז י ל ב ע ר, ב אַ ג ע ל, מ אַ י ע ר ס, ה ע ל ע ר, ר אָ ז ע נ ב ל ו ם און ל אַ נ ד אַ ן. עס זיינען אַהין אויך געפאָרן שמידן, ווי צ.ב. ה ע ר ץ, ר י ו ו־ק י ן און מ ע ד ע ס; אַ סטאָליער מ. נ. ס אָ ר ע נ ס אָ ן. עס זיינען אויך

געוועזן די ברידער גאָלדבערג, פּין און דאַימענד (פּין און דאַימענד האָבן געעפֿנט אין נאַיראָבי אַ האָטעל). אויך זיינען דאָרט געוועזן די ענגלישע ייִדן ראַפּאָעל, יאַקאָבסאָן און טעמפּלמאַן (אַ בוכ־האַלטער, פון פּאַלעסטינע). עס איז וויכטיק צו באַמערקן, אז דער ענגלישער אָנבאָט צו די ייִדן איז געוועזן די „בריטישע מזרח־אַפריקע", וואָס איז דאַן באַ־קאַנט געוועזן ביי ייִדן מיטן נאָמען אוגאַנדאַ. אוגאַנדאַ האָט דעמאָלט איינגע־שלאָסן די איצטיקע אוגאַנדאַ, קעניאַ און טאַנגאַניקאַ[13].

די ייִדישע פאַרמערס האָבן זיך קאָלאָניזירט ארום נאַיראָבי; און די באַל־מעלאָכעס האָבן זיך באַזעצט אין נאַיראָבי. אין 1905 האָבן זיי זיך אָרגאַני־זירט אין אַ קהילה, און אין 1908 האָט מען פון אוטיאַן אַראָפּגעבראַכט רעוו. ח. י. שלאָמאָוויץ[14]) פאַר אַ שוחט, בעל־תפילה, מוהל און רבי פאַר די קינדער.

ערד האָבן די ייִדישע פאַרמערס געהאַט לרוב. די רעגירונג האָט געגעבן ערד פאַר צוויי „רופּיס[15]) אַן אַקער אויף אויסצוצאָלן עס אין לויף פון 15 יאָר.

ייִדן האָבן געקראָגן ערד פון דער רעגירונג, אָדער האָבן אָפּגעקויפט פון פאַרמערס פאַר עטוואָס מער, ווי די רעגירונג האָט גערעכנט. אַרבעט־קראַפט האָט געקאָסט שפּאָט־ביליק: 5 רופּיס אַ חודש אָן באַשפייזונג. די ערד איז דאָרט אזוי פרוכטבאַר, אז עס גיט עטלעכע גערעטענישן אַ יאָר. ייִדן האָבן אויך געהאַט פּלאַנטאַציעס פון קאַווע.

ימים־נוראים פלעגן די פאַרמערס אריינקומען אין נאַיראָבי, און פלעגן זיך פּילן, ווי אָנגעלייגטע געסט ביי די שטעטלשע ייִדן. בכלל האָט געהערשט ביים ייִדישן ישוב אין אוגאַנדאַ א פריינדלעכער צוזאַמענלעבן. לויט דעם פאַר־שלאַג פון וואָלף סאָלסקי, ווען אַלע ייִדן האָבן רעספּעקטירט, האָט מען ניט געאַרבעט שבת, נאָר זונטאָג. איינער פון די פּיאָנערן, אליהו זילבער, גיט איבער, אז פאַר די ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט אין אוגאַנדאַ איז אַ וויטאָגדיקער פאַרדראָס, וואָס עס האָט זיך ניט איינגעשטעלט אַן עמיגראַ־ציע קיין אוגאַנדאַ — אַ לאַנד, וואָס איז געבענטשט מיט זייער פרוכטבאַרע ערד און אַ גוטן קלימאַט.

אליהו זילבער שטעלט פעסט: „איך האָב געלייענט דעם באַ־ריכט, וואָס די עקספּעדיציע האָט צוגעשטעלט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־ציע, און פאַר מיר האָט עס געקלונגען נאַריש און ניט ריכטיק".

אין שייכות מיט אליהו זילבערס באַהויפּטונג איז אינטערע־סאַנט צו ציטירן אַן ענלעכע וויכטיקע אָפּשאַצונג אין „מזכרונות איש ירושלים",

---

[13]) די דעמאָלטיקע אוגאַנדאַ האָט איינגעשלאָסן די אייזנבאַן־ליניע פון מאָמבאַסאַ ביז דער קאָלאָסאַלער וויקטאָריע־(ניאַנזאַ)־אָזערע. די באַן־ליניע איז געבויט געוואָרן אין 1904. זי שניידט דורך קעניאַ. זי ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען די אוגאַנדאַ־אייזנבאַן־ליניע.

[14]) מיט יאָרן שפּעטער האָט רעוו. שלאָמאָוויץ ארויסגעגעבן 4 ביכלעך: „בילדער און שריפטן" און ביכלעך וועגן פרייע מאַסאָנען.

[15]) 15 רופּיס איז אַ פונט.

געדרוקט אין פּאַלעסטינע 1936 (אין צווייטן טייל): „דוד וואָלפסאָן, איי־נער פון הערצלס נאָענטסטע פריינד און זיין פאַרטרעטער אַלס פירער פון וועלט־ציוניזם האָט אין 1906־טן יאָר באַזוכט אוגאַנדאַ אויף זיין צוריקוועג פון דרום־אפריקע. קומענדיק קיין ירושלים, האָט ער אין אַ פּריוואַטן שמועס מיט אפרים כהן־רייס דערקלערט, אַז אוגאַנדאַ איז ניט קיין „לאַנד, וואָס פאַרניכטעט אירע איינוווינער", ווי אַ סך באַהויפּטן דאָס צוליב זייער צו־געבונדנקייט צו ציון.

ער האָט באַשטעטיקט, אַז דער באַגריף „ארץ זבת חלב ודבש" איז מער חל אויף אוגאַנדאַ; און ער האָט תיכף צוגעגעבן: „מען טאָר דאָך דאָס אָבער ניט זאָגן עפנטלעך פאַר אַ גרויסן עולם".

איינדרוקן פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג

דעם 10־טן פעברואר 1904 איז דערקלערט געוואָרן מלחמה צווישן רוס־לאַנד און יאַפּאַן. דאָס האָט ארויסגערופן אַ גוואַלדיקע אויפרודערונג צווישן די רוסישע יידן אין יאָהאַנעסבורג. די מלחמה האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן פון זייערע טעגלעכע שמועסן. אומעטום האָבן די רוסישע יידן דיסקוסירט, ווער עס וועט געבן גרעסערע קלעפּ, ועל כולם — ווער עס וועט געווינען.

די יידן האָבן זיך צעטיילט אין צוויי צדדים: איין צד האָט געוואָלט, אַז יאַפּאַן זאָל געווינען, ווי אַ שטראָף און נקמה, פאַרוואָס די צאַרישע רעגירונג לאָזט צו און דערמוטיקט פּאָגראָמען אויף יידן. דער צד האָט אויך געזען, אַז אויב די גרויסע רוסלאַנד וועט פאַרלירן די מלחמה קעגן דער פאַרהעלטניש־מעסיק קליינער יאַפּאַן, וועט דאָס רוסישע פאָלק בולט זען, ווי קאָרופּטירט די צאַרישע רוסלאַנד איז, און וועט קעמפן פאַר אַ מער ליבעראַלער און מער פּראָ־גרעסיווער רעגירונג, וואָס וועט זיין גוט פאַרן גאַנצן רוסישן פאָלק, אריינ־רעכענענדיק די יידן.

דער צווייטער צד האָט ליב געהאַט רוסלאַנד און האָט ניט געוואָלט, אַז רוס־לאַנד זאָל פאַרלירן די מלחמה. זיי האָבן געזאָגט, אַז ניט קיין מפּלה, נאָר דאָס פאָלק גופא און די סאָציאַליסטן וועלן ברענגען אַן אויסלייזונג פון דער רעאַקציאָנערער צאַרישער רעגירונג.

אָפט פלעגן צוליב דעם פאָרקומען היציקע דעבאַטן און שאַרפע מחלוקות אין דעם דעמאָלט באַוווסטן פּאַלמערסטאָן־האָטעל, אין קאָמיסיאָנער־גאַס, קעגנאיבער דעם „ציוניסטישן זאַל". דער פּאַלמערסטאָן־האָטעל האָט אויך געהאַט אַ גרויסן זאַל, ווו שפּעטער־צו האָבן די לינקע גרופּירונגען געהאַט זייער צענטער און זייער לאָקאַל. דאָרט פלעגן פאָרקומען פאַרזאַמלונגען, לעקציעס, היציקע דעבאַטן און פאַרווייליונגען. דער פּאַלמערסטאָן־האָטעל איז געווען באַקאַנט מיט זיינע גוטע מאָלצייטן. ער איז געווען אַ טרעף־פּלאַץ פאַר די מענער, וועמענס פרויען זיינען געבליבן אין דער אַלטער היים. אָט אין דעם פּאַלמערסטאָן־האָטעל פלעגט מען, אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַ־נישער מלחמה, „פּאַלמעסן" יעדע ידיעה וועגן קריג. אין די פרייע שעהן

פלעגט מען שטענדיק זען גרופּקעס יידן ביים האָטעל און אין האָטעל, פירנדיק היציקע דיסקוסיעס וועגן דער מלחמה.

אין רעסטאָראַן פון האָטעל פלעגט מען אָפּט זען, ווי יידן זיצן ביים עס־טיש מיט גאָפּלען אין איין האַנט און די מעסערס אין צווייטער האַנט, ווייל מען האָט פּלוצלונג אויפגעהערט עסן, כדי זיך צוצוהערן צו נייעס, צו אַ שמועס, אָדער צו אַ היציקער דעבאַטע וועגן דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. אויף די ווייסע טישטעכער אין רעסטאָראַן, ווו יידן האָבן זיך געפילט זייער היימיש, האָט מען „געמאָלט" מיט בלייערס די לאַנד־קאַרטע, ווו די שלאַכט־פעלדער קומען פאָר. יעדערער האָט געוואָלט אויפווייזן די סטראַטעגישע שריט, וואָס רוסלאַנד און יאַפּאַן וועלן מאַכן.

אגב, האָבן די גרויסע מפּלות, וואָס רוסלאַנד האָט געקראָגן ביי פּאָרט־אַרטור ארויסגערופן א טרויער אין דעם „הכוכב".

קאָרטן־שפּילן

צוליב די נייע שווערע לעבנסבאַדינגונגען, ווי אויך צוליב דער עלנטקייט, איינזאַמקייט און בענקשאַפט נאָך די נאָענטע אין דער אַלטער היים, און צוליבן כאַראַקטער פון צייטווייליקן לעבן דאָ, — האָבן אַ סך רוסישע יידן געזוכט אַ צייט־פאַרטרייב און סובלימירונג אין קאָרטן־שפּיל.

דאָס שפּילן אין קאָרטן האָט מיט דער צייט אָנגענומען ליידנשאַפטלעכע און אַזאַרט־פאָרמען. דאָס האָט אָפּגעצויגן זייער אינטערעס פון אנטיילנעמען אין יידישן און אלגעמיין־געזעלשאַפטלעכן לעבן דאָ. אין אַ סך פאַלן האָט קאָרטן־שפּיל אַטראָפירט דעם אינטערעס אפילו פאר דער אַלטער היים.

רבי דר. ה ע ר ץ האָט אין איינער פון זיינע רעדעס שאַרף קריטיקירט, פאַרוואָס יידן גיבן אָפּ אַזויפיל פון זייער פרייער צייט אויף שפּילן אין קאָרטן. ער האָט געזאָגט: „מען פאַרהאַנדלט דעם שבת און מען פאַרשפּילט דעם זונטאָג".

אין „אַפריקאַנער" פון 25/11/1915 איז געדרוקט: „די ליידנשאַפט פון קאָרטן־שפּילן" — „די פרויען שטייגן אַריבער די מענער אין לערנען ש"ס קטן".

אין אַרטיקל „די תפילה זכה" שרייבט ר' י ו ד ל (היימאַן פּאָלסקי):

„געלויבט און געבענטשט זאָלסטו זיין, דו גרויסער אַלמעכטיקער מלך פיק! פון פאָרדסבורג ביז דזשעפּי, פון פאַרקטאָון ביז ראָזעטנוויל ווערט דיין נאָמען געהייליקט און געזעגנעט! די שכינה רוט איבעראַל. אין ראָסקאָש רייכע הייזער פון הילבראו און פאַרק־וויו, אין די צעבראָכענע כאַלופּעס און „שענטיס" פון פרידעדאָרפּ און פערעירא — אומעטום עקסיסטירט טעמפּלען פון דיין כבוד וועגן: פון דעם אָפּגעריסענעם אייער־הענדלער, וועמענס ווייב איז נאָך אין קאַבצאַנסק ביזן גרויסן געלט־מאַגנאַט — אַלע, אלע זיינען מיר דיינע קנעכט און זינגען צו דיר שירה!" „דו גרויסער אַלרעהערשענדער מלך פיק!" „אין דיינע טעמפּלען הערשט ריינע דעמאָקראַטיזם. מיר ווייסן ניט פון גבאים, פון חיים־גבאים, מזרחס,

אויבנאָנס, שלישי׳ס, מפטירס, פעטש, דאַנאָסן, שנאת חינם. און שונאים האָסטו אויך דו גרויסער וונדערבאַרער מלך פיק! — „לייברעריס״, לעקציעס, ביכער, טעאַטער, קאָנצערטן, געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, ספּאָרטס אין דער פרייער לופט און נאָך און נאָך״ (2/3/1916);

אין „אַפריקאַנער״ פון 15/6/1916 איז געדרוקט:

„אַפריקאַנער יונגעלייט״

פון אברהם קימעל

(הומאָריסטיש)

(אַ טייל פון אַ פּאָעמע)

ניש׳טאָ קיין פּאָליטישער קאַמף פאַר אידען,
וואָס וואָלט אונדז ערוועקן פון גייסטיקן שלאָף —
טאָ זאָל אונדז „פּאָיקער״ אַ ביסל דערפרייען
און זאָל אונדז באַגייסטערונג שאַפן דער „בלאָף״...
וואָס טויג אונדז דער אומעט, וואָס העלפט אונדז דאָס זאָרגן,
מיר זיינען דאָ איינזאַם, פאַרוואָגלט, אליין —
צו טאַשט־זשע די קאָרטן און טראַכט ניט פון מאָרגן
זאָ לאַנג איר פאַרמאָגט נאָך אַ פּאָר האַלבע־קריין...
נו, לעבעדיק, ברידער, די צייט איז דאָך טייער,
פאַרנעמט שוין די פּלעצער, דער טיש איז געגרייט —
און לאָמיר אַ קערטל שפּילן מיט פייער,
פאַרגעסן דעם עלענד, פאַרגעסן די נויט...

אין „אַפריקאַנער״ 17/8/1916 באַקלאָגט מען זיך:

„אונדזערע מאַסן זיינען צופיל פאַרנומען מיט קאָרטן שפּילן, „רייסעס״, פּרוּוען און טאַנצן און קימערן זיך ווינציג וועגן דעם, וואָס עס ווערט אין זייער נאָמען גערעדט און געטאָן״.

עס איז דאָ אַן אַרטיקל „געמבלערס״ פון מ. אמיקוס (13/2/1917):

„מען וויל מיט אַמאָל רייך ווערן״. „שטעלט זיך פאָר, אַז די צייט, ענערגיע און געלט, וואָס עס ווערט פאַרשווענדעט אין קאָרטן און אין „רייסעס״, וואָלט אַנגעווענדעט ווערן אין די אינטערעסן פון דער אידישער געזעלשאַפט!?״

עס איז אויך פאַרגעקומען דער פאָלגנדיקער קוריאָז:

„צו אַ חתונה איז דער רעדווענד ניט געקומען צו דער חופּה. מען האָט אים געזוכט און געפונען שפּילנדיק אין קאָרטן — ער האָט פאַרגעסן״ („אַפריקאַנער״ 26/4/1912).

אַלטע בחורים

דאָס עקאָנאָמישע געזעץ פון „אָנבאָט און נאָכפרעג״ איז אויך געווען דאָ חל אין ענין פון חתונה האָבן. אַ סך מיידלעך האָבן חתונה געהאָט נאָר מיט רייכע בחורים.

הונדערטער יידישע יונגעלייט, הויפּטזאַכלעך, פון מזרח־איראָפּע, וועלכע זיינען געקומען אַהער פאַר און נאָך דער בוריש־ענגלישער מלחמה, האָבן, — צוליב די געשאַפענע באַדינגונגען און אויך צוליב דעם, וואָס בחורים זיינען

דאָ געווען אַ סך מערער ווי מיידלעך, — ניט געקאָנט חתונה האָבן. אַזוי אַרום זיינען אַ סך ניט־רייכע בחורים געבליבן „פאַרזעסן".

אַ לעבעדיקע דיסקוסיע איז אָנגעגאַנגען אויף די שפּאַלטן פון „די יודישע פּאָהן" וועגן דעם, וואָס יידישע יונגע מיידלעך, איבערהויפּט אריבערגעקומענע, האָבן חתונה מיט אַלטע, רייכע בחורים. „די אידישע מיידלעך קלייבן זייערע לעבנס־באַגלייטער נאָך דעם גרויס פון די דימאַנטן, וואָס זיי קריגן און לויט דעם ווילזיין און לוקסוס, וואָס די אַלטע בחורים גיבן זיי". (18/1/1912).

דעם 28־טן דעצעמבער 1911, שרייבט איינער, „אַז צו זען היינט אַ יונגן „באָי" אונטער דער חופּה איז שוין ניט קיין זעלטנהייט".

אַט ווי דער דאָזיקער ענין ווערט אָפּגעשפּיגלט אין „אַפריקאַנער":

אין „אַ תחינה פאַר אַ אידישע כלה", שרייבט דער „שטאָט־קאַכלעפל", אַז:

„די יידישע כלה איז נאָך ניט צופרידן מיטן קאָסטבאַרן דימאַנטענעם רינג, וואָס דער חתן האָט איר געגעבן ביים פאַרקנסט ווערן. זי וויל ער זאָל זי נעמען צו אַ סך טענץ און אַנדערע פאַרוויילונגס פּלעצער און קויפן איר שאָקאָלאַדע" א.א.וו. אין קורצן — ער זאָל אויף איר אויסגעבן אַ סך, אַ סך געלט — „זי וויל דעם טעלערל פון הימעל":

אין „אַ תחינה פאַר אַ חתן" ווערט געשריבן, ווי ער האָט זיך נעבעך גע־מוזט לערנען טאַנצן:

„איז עס ניט געווען פון מיינטוועגן, נאָר נושא חן זיין ביי די גאָטס פאַרכטיקע טעכ־טער פון דיין פאָלק ישראל. איך בעט ביי דיר, באַרמהערציקער פאָטער, אַז דו זאָלסט מיר געבן עשירות, מיין כלה זאָל האָבן פון אַלעס גוטעס, זיידנס, סאַמעט, גאָלד און זילבער, גרויסע „רומס" (צימערן), אַ סך דינסטן, וואָס איר האַרץ געלוסט. וואָרום, אַז ניט איז ווי צו מיר און ווי צו מיין נשמה".

ער בעט גאָט, אַז נאָך דער חתונה זאָל דאָס ווייב ניט אויסגעבן אַזויפיל געלט, אַז ער זאָל ווערן באַנקראָט.

עס זיינען דאָ פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע אויסדרוקן אין „אַפרי־קאַנער":

„אַ יונגערמאַן — אַ חתן, מיינט דאָך ניט אַ שנעקל פון 20—25 יאָר";

„אַלטע בחורים, אריבערגעקומענע דאָ פון ליטע און פוילן — מענער פאַרדינער. זיי זיצן אָפּ אָהנטן אין קאַפעיען — זען צו פאַראינטערעסירן די „ווייטרעסעס" צו שאַפן אַ פאַרבינדונג מיט זיי";

„זיי, די אַלטע בחורים, האָבן ניט געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט יענטעס — וועלן פאַר־שקלאַפט מיט גוואַלדיקע זאָרג און עקאָנאָמישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט — אַ צו גרויסע הוצאה".

זיי האָבן געלעבט, ווי זיי גופא פלעגן זאָגן — „ווי פרייע פייגלען" — הפקר. זיי האָבן געשטרעבט צו זיין „פּיוואָרעטס" ביי די „ווייטרעסעס" מען פלעגט זיצן אין די קאַפייען און ריידן וועגן די דערפאָלגן, וועלכע זיי האָבן ביי מאַנכע „ווייטרעסעס". זיי פלעגן אָבער געשטרויכלט ווערן — און זייער „באַטשעלער"־קאַריערע איז פאַרשוונדן". („אַפריקאַנער", 1916).

פּסח גאָרדאָן שרייבט אין „אַפריקאַנער" (8/2/1917) „וועגן גע־מישטע חתונות און גרים":

„אז עס איז פשוט ניט מעגלעך פאַר אַ יונגן בחור חתונה צו האָבן, סיידן ער איז רייך. די אידישע טעכטער דאַרפן אויפהערן צו חלומען פון 75 פונטיקע רינגען, מיט מאָ־טאָרקאַרס, פון טייערע „פּערניטשור“ (מעבל), מיט גרויסאַרטיקע חתונות, ווייל איידער דער יונגערמאַן דערלעבט די נחת חתונה צו האָבן איז ער שוין אַ „מלך אביון“, איז ער שוין אַן אַלטער בחור. די אידישע יונגעלייט פאַנגען אָן מורא צו האָבן פאַר אידישע מיידלעך, און ווער רעדט נאָך חתונה צו האָבן מיט זיי... אָם ענדע, אז די בחורים הויבן אָן מיט איין אויג צו קוקן, ווי פון ווייטן ווינקט צו זיי דער מושב־זקנים און מיט די צווייטע אויג קוקט מען אויף דעם אויסגעדאַרטן טשעק־ביכל, איז מען זיך מיאש פון קענען ווען עס איז חתונה האָבן מיט אַ אידישער מיידל און, מען פאַנגט אָן מיט אַמאָל צו „טאָכן“ אין גויאישע הייזער צו שפּילן ליבעס מיט זייערע טעכטער, ביז עס ענדיקט זיך מיט אַ חתונה“.

לאַנדאַרבעט

ווען מען שטודירט דעם געגעבענעם פּעריאָד, שאַפט זיך אַ קלאָר בילד, אז עס זיינען געווען גינסטיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען צו באַזעצן יידן אויף ערד.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון אַ סך מזרח־אייראָפּעאישע יידן איז געווען אַ שלעכטע. קיין פּאַכלייט איז די מערהייט פון זיי ניט געווען. זיי זיינען נאָך ניט געווען איינגעוואָרצלט אין יאָהאַנעסבורג. זיי האָבן געהושכט אין זייערע קרעמלעך, אין „שמש׳ס יארד“, אָדער אַלס „טרייערס“ און געלעבט אין שווע־רע און אומבאַקאַנטע פאר זיי פּרעמדע באַדינגונגען.

עס איז געוויס געווען ביי זיי אַ בענקשאַפט צו אַ רואיקן, פעסטן און זיכערן אָרט־לעבן.

אַ סך יידן האָבן געקענט נעמען זיך צו לאַנד־אַרבעט. עס האָבן זיך גע־קענט שאַפן באַדייטנדיקע יידישע קאָלאָניעס. ניט־באַאַרבעטע שטחים פּרוכט־באַרע ערד זיינען געווען לרוב. ערד איז געווען ביליק, און די מלוכה וואָלט געהאָלפן.

עס האָבן אָבער געפעלט אָנפירנדיקע עלעמענטן, וועלכע האָבן געדאַרפט האָבן אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צום נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישן לעבן. דאָס באַזעצן יידן אויף ערד האָט געפאָדערט גרויסע פינאַנציעלע מיטלען און אַ פירער־שאַפט מיט אַ געזעלשאַפטלעכן פּרעסטיזש. אָט אזעלכע אָנפירנדיקע רייכע עלעמענטן האָבן זיך געפונען, הויפּטזאַכלעך, צווישן די מערב־אייראָפּעאישע יידן און אין דער ציוניסטישער פירערשאַפט.

סיי די מערב־אייראָפּעאישע יידן, סיי די ציוניסטן האָבן די גינסטיקע באַ־דינגונגען און די שליחות צו באַזעצן יידן אויף ערד אין אַפריקע — ניט אינ־טערעסירט. מען האָט דורכגעלאָזן, דאַן און אויך שפּעטער, די געלעגנהייט צו נאָרמאַליזירן און געזינטער מאַכן עקאָנאָמיש דאָס לעבן פון אַ סך יידן דאָ אין לאַנד דורך באַשעפטיקן זיי מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט אויף ערד.

די מערב־אייראָפּעאישע יידן, מיט ווייניק אויסנאַמען, האָט אינטערעסירט נאָר די סינאַגאָגע און אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם, אריינרעכענענדיק די תלמוד־תורה און פילאַנטראָפּישע אַרבעט — „טשאַריטי“.

די ציוניסטישע פירערס האָט דער ענין בכלל ניט אינטערעסירט. זיי זייַ־נען געווען צופיל פאַרנומען מיט קלייבן געלט פאַר פּאַלעסטינע. אויב שוין יאָ באַזעצן יידן אויף ערד — האָט עס געמוזט זיין נאָר אין ארץ־ישראל.

אזוי ארום האָט דער רוף צו באַזעצן יידן אויף ערד אין דרום־אפריקע, אויף אַ גרעסערן געזעלשאַפטלעכן מאַסשטאַב, ניט געהאַט קיין דערפאָלג.

אין אַ לייטאַרטיקל „לאַנד און אַרבעט״ („אַפריקאַנער״, 1/12/1911) ווערט געזאָגט:

„מיר האָבן זיך ניט גענומען צו לאַנד־אַרבעט, וועלכע זאָל אונדז פעסט שטעלן אין לאַנד; מיר האָבן זיך געכאַפּט פיר קאָמערץ און ווו מיר טוען זיך אַ קער חושכט אַ איד אין אַ „שאָפּקע״ און פאַרקויפט „דזשינדזער ביר״ אָדער אַ פּאָר תחתונים, און דאָס איז שוין אויף אזויפיל פאַרמערט געוואָרן פיר די לעצטע צייט, דאָס זייער זעלטן, אז אַ איד זאָל זאָגאַר קענען האָבן דערפון עטוואָס חיונה; ווערענד אויב דער זעלבער איד וואָלט זיך גענומען צו לאַנד־אַרבעט, וואָלט ער אַ סך העכער געשטאַנען ביי זיך גופא איידער אין אַ „שאָפּקע״.

אין „אידישע פאַרמערס״ — (אַ קורצער איבערבליק איבער דער מאַטע־ריעלער און גייסטיקער לאַגע פון אידישע פאַרמערס אין די „הייפעלד״) פון אליהו משה דובאָוויץ „אַפריקאַנער״, 21/12/1912 ווערט באַשריבן:

„אומגעפער 4 יאָר נאָך דער קריג (בוריש־ענגלישער קריג), האָט זיך אָנגעפאַנגען אידישע פאַרמינג אין די „הייפעלד״. פון לעסלי ביז טריכאַרדס־סטיישן און אומגעגנט זיינען געווען 18 אידישע פאַרמערס, וועלכע זיינען עטלעכע מייל איינע פון די אַנדערע. די אַלע זיינען געוואָרן פאַרמערס ניט אַלס אידעאַליסטן, נאָר פשוט, אַלס מענטשן, וואָס זיי האָט געפעלן די ערד־באַשעפטיקונג בעסער אַלס אַן אַנדער באַשעפטיקונג אָדער „ביזנעס״, און ווילן זיך לעבן אַ רואיקן פאַרמער־לעבן. זיי האָבן זיך באַזעצט אין דעם געגענט ווייל די ערד איז גוט און דער קלימאַט אַ געזונטער און זיי זיינען פאָלקאָם צופרידן. קיין פאַרמער וואָלט אויף קיין פאַל זיך ניט געוואָלט אומקערן זיך צוריק צום שטאָטישן לעבן. זיי לעבן אַ שטילן, נאָרמאַלן, געזונטן און רואיקן לעבן. די בורעס האָבן אָנפאַנגס געקוקט קרום אויף זייערע אידישע שכנים. אָבער איצט, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט אין דעם דערפאָלג, וואָס די אידן האָבן געמאַכט, האַלטן זיי זיך גאַנץ פריינדלעך און קומען אָפט צו אידן אויף אַ וויזיט. די אידישע פאַרמערס האָבן זיך די לעצטע צייט גענומען באַשעפטיקן מיט זייען „פּאַטייטאָס״ (קאַרטאָפל). אידישע פאַרמערס לעבן צווישן זיך אזוי פריינדלעך; אָן קנאה און אָן שנאה. ווען עס איז עפּעס אַ יום־טוב קומען זיך אַלע צוזאַמען, צו איינעם פון די „שאָפּקיפּערס״ (קרעמערס) אַ פאַמיליע־מאַן, און ער שטייט פאַר אַ גרופּע פון שטאַרקע, געזונטע מענער, מיט ברייטע שולטערן, מיט רויטע פון זון פאַרברענטע געזיכטער. עס טרעפט אַמאָל אין אזא צייט, קומען זיך צוזאַמען ביים אידישן „שאָפּקיפּער״ אין הויז אַ גרויסער עולם, און צוזאַמען מיט די מענטשן פון „שאָפּ״ דערגרייכט דער צאָל ביז 60. דאַן זעט אויס דער פּלאַץ ווי אַ אידישע קאָלאָניע״.

„אַלע גוטע אויסזיכטן זיינען דאָ צו פאַרמינג: ליידיקע ערד איז אין אַפריקע דאָ גענוג. די רעגירונג וועט זיך געחיס מיט די גרעסטע פריינדשאַפט האַלטן, ווייל אידישע פאַרמינג וועט ברייננגען פיל גוטס אין לאַנד״. „מען דאַרף אויפקלערן די אַפריקאַנער אידן, זיי זאָלן ניט באַטראַכטן פאַרמינג פאַר אַ זאַך וואָס איז ניט מעגלעך. ווען מען זאָל נאָר וועלן, קענען דאָ געגרינדעט ווערן אידישע קאָלאָניעס, מיט אידישע אַגריקולטור „סקולס״ (שולן). פיל וועלן קענען לעבן אין אַפריקע אויפן לאַנד, רואיק צופרידן און גליקלעך״.

זונטאָג, דעם 16־טן מערץ 1913, איז פאָרגעקומען אין אַ פּריוואַטן הויז אַ זיצונג פון דער ניט לאַנג־געגרינדעטער „אידישע לאַנד סעטלמענט אַסאָ־

סיאיישן לימיטעד". „דער צוועק פון דער סאָסייעטי איז צו העלפן אידן זיך באַזעצן אויפן לאַנד און ווערן פאַרמערס, מיט דעם פאָלגנדן „סקים" (פּראָ־יעקט): „עס זאָל זיך גרינדן אַן אַקציאָנס־געזעלשאַפט אויף „שערס" (אַקציעס). ווען די „סאָסייעטי" וועט האָבן גענוג קאַפּיטאַל, וועט מען קויפן לאַנד צו באַזעצן אידן, וועלכע זיינען פעאיק צו לאַנד־אַרבעט, זיי זאָלן ווערן פאַרמערס. די געלט וועלן די פאַרמערס דאַרפן צוריקצאָלן אויף לייכטע באַדינגונגען". עס איז אויפן מיטינג אויסגעקליבן געוואָרן אַ פּאָרזיצער און אַ קאָמיטעט („אפריקאַנער" 20/3/1913).

אין אַ לייטאַרטיקל „לאַנדאַרבעט" האָט דער „אַפריקאַנער" געשריבן:

„מיר האָבן אַ סך קאָנצעסיע „סטאָרקיפּערס", נאָך מער „קאָפּער־סטאָרקיפּערס" און „קאָפּער־איטינג־הויזקיפּערס", אַ סך „שאָפּקיפּערס" גלאַט אזוי, און נאָך מער אין אלע אנדערע אָבטיילונגען פון האַנדל און װאַנדל, וועלכע גיבן קוים זאַט אָפּצועסן, אָבער אַ סך האַרצווייטאָק און קאָפּדרעהעניש. אָבער לאַנד וועט די אידן דאָ פאַרשאַפן כבוד" („אַפריקאַנער", 20/3/1913).

דעם 19־טן אויגוסט 1913, האָט א. קאָהען געהאַלטן אַ פּאָרטראָג א.ד.ט.: „אידישע לאַנדסעטעלמענט אין סויט־אַפריקע". אין „אַפריקאַנער" איז דאָ אַ נאָטיץ: „אידישע לאַנדסעטעלמענט אַסאָסיאיישן", „אַ פאַרזאַמלונג פון מיטגלידער". (24/9/1913).

פאָלגנדיקע גרויסע מודעה איז געווען געדרוקט אין „אַפריקאַנער": „אַ פּראַקטישער לאַנד־„סקים" וועגן ציטרוס פאַרמינג". מען אַפּעלירט צו אידן צו אינוועסטירן אין דער געזעלשאַפט. מיט דער צייט וועלן זיי גופא באַזיצן אַ טייל פון פאַרם (25/12/1913).

דער פּרעזידענט פון „באָארד אָוו דעפּיוטיס" האָט אויף דעם 1־טן צוויי־יאָריקן צוזאַמענפאָר (4/8/1914) באַטאָנט, אז לעצטנס האָט זיך געשאַפן אזא דערשיינונג — „וואָס פיל אידן האָבן זיך גענומען צו לאַנד־אַרבעט, און אַ סך אידישע פאַרמערס זיינען לעצטנס צוגעקומען".

אין אַן אַרטיקל פון מ. אמיקוס „לאַנד און נאַציאָן" ווערט געזאָגט:

„עס איז מערקווערדיק, אז „מקוה ישראל", די ערשטע אידישע קאָלאָניע, האָט זיך געגרינדעט אין 1870. אין די 48 יאָר האָבן זיך געגרינדעט דאָרטן אינגאַנצן נאָך 34 קאָלאָניעס. װיפל מיליאָנען פונטן האָבן די 35 קאָלאָניעס אפּגעקאָסט די אידישע װעלט? מיר דוכט, אז מען האָט געקענט אויספּלאַסטערן גאַנץ פּאַלעסטינע מיט אידישע גאָלד. און װאָס איז דער רעזולטאַט? פּרוביר ארויספאָרן אין „הייפעלד", טראַנסװאַל, װעסטו זען מיילן און מיילן פון אידישע יונגעלייט־פאַרמערס. און די רוסישע אידישע פאַרמערס האָבן די אידישע װעלט קיין פּעני ניט געקאָסט. פאַרקערט, זיי גיבן אויף אַלץ ארייגערעכנדיק פאַר פּאַלעסטינע".

אין „אַפריקאַנער" פון 2/2/1917 האָט זיך געדרוקט אַ דערציילונג (אין המשכים) „אויס דעם אידישן פאַרמער־לעבן אין ד. אפריקע" פון י. מ. שערמאַן.

שווערקייטן פאַר יידישע אַרבעטער

אין אַ שווערער לאַגע האָבן זיך געפונען די הונדערטער יידישע מזרח־אייראָפּעאישע באַלמעלאָכעס. די פירערשאַפט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־

איינעם איז געלעגן אין די הענט פון טראַדיציאָנעלע ענגלישע פאַראיין־פירערס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שטרענגע דיסציפּלין בנוגע די קוואַליפיקאַציעס פאַר נייע אַרבעטער צו ווערן מיטגלידערס פון פראָפ.־פאַראיינען. חוץ די שניידערס, וועלכע האָבן אָן שוועריקייטן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם שניידער־פאַראיין, האָבן די יידישע סטאָליערס, בלעכערס, מויערערס, פאַרבערס און בויערס געהאַט גאָר גרויסע שוועריקייטן אריינגענומען צו ווערן אין פראָפעסיאָנעלן פאַראיין. ווי פאַכמעניש פעאיק זיי זיינען געווען, האָבן זיי ניט געקענט צושטעלן שריפט־לעכע באַווייזן, אז זיי זיינען קוואַליפיצירטע אַרבעטער. זיי האָבן אין ליטע און פוילן ניט באַזוכט קיין פאַך־שולן. געקראָגן האָבן זיי זייערע פאַך־קענטע־נישן נאָר דורך לאַנגיאָריקער דערפאַרונג. די פירערשאַפט פון די פאַראיינען האָט זיך דערמיט ניט גערעכנט. זיי האָבן ארויסגעוויזן אַ בולטע אומפריינד־לעכקייט און פאָראורטייל צו די מזרחדיקע יידישע באלמעלאָכעס. מען האָט זייער ווייניק אריינגענומען אין די פראָפ.־פאַראיינען. אזוי ארום זיינען די יידישע באַלמעלאָכעס געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן דאָרט, ווו מען האָט ניט געפאָדערט צו זיין אַ מיטגליד פון אַ פראָפעסיאָנעלן פאַראיין. יידישע באַלמע־לאָכעס פלעגן אַרבעטן ביי קליינע יידישע בוי־אונטערנעמערס. ווען עס פלעגט פאַלן די בוי־אַרבעט, און אין דער בוי־אינדוסטריע פלעגט הערשן אַ קריזיס, פלעגן צום מערסטן ליידן די מזרח־אייראָפעאישע בוי־אַרבעטער. אזא קריזיס האָט געהערשט אין 1905. אָט ווי דער קריזיס ווערט איבערגעגעבן אין „ד.א. דזשואיש קראָניקל" פון 26/5/1905. עס ווערט געזאָגט, אז זונטאָג דעם 21/5/1905 איז אין ביוראָ פון דער חברה־קדישא פאָרגעקומען אַ וויכטיקע זיי־צונג מיט פאָרשטייערס פון יידישע אַרבעטלאָזע צו באַשליסן, צי מ'קען אָנ־נעמען מיטלען, ווי צו פאַרבעסערן זייער לאַגע.

עס ווערט ווייטער געזאָגט, אז מיט 6 וואָכן צוריק האָט מען זיך געווענדט צו דער חברה־קדישא וועגן אַן ערך 400 יידישע אַרבעטער אין דעם בוי־פאַך, וועלכע זיינען אַרבעטלאָז און זייער לאַגע איז אַ שלעכטע. צוליב דעם, וואָס אין דער בוי־אינדוסטריע איז די אַרבעט געפאַלן, הערשט אַ שטאַרקע קאָנקו־רענץ. ניט־יידישע אונטערנעמערס נעמען ניט אָן קיין יידישע אַרבעטער. עס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן, אז די יידישע מעכאַניקערס און בוי־אַרבעטער זאָלן זיך פאָרמירן אין אַ פאַראיין און באַשטימען פאָרשטייער פאָרצוברענגען זייער לאַגע פאַר דער חברה־קדישא. אין רעזולטאַט פון אָט דער פאַרזאַמלונג האָט זיך געגרינדעט דער פאַראיין פון בוי־אַרבעטערס "Jewish Building Trades Union". דעם 20/3/1905 האָט שוין דער פאַראיין געהאַט 160 מיט־גלידער.

צו אָט דער פאַרזאַמלונג זיינען אויך געווען געלאַדן יידישע בוי־אונטער־נעמערס. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אינטערוויואירן בוי־אונטערנעמערס וועגן אַרבעט פאַר די פיל יידישע אַרבעטסלאָזע בוי־אַרבעטער.

אַ סך פון די יידישע ארבעטער האָבן געעפנט קליינע וואַרשטאַטן. זיי זיינען געוואָרן קוסטאַרן.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון אָט די קוסטאַרן זיינען די פּיאָנערן פון די שפּעטערדיקע גרויסע יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, באזונדערס אין דער באַקלייד־אינדוסטריע.

רוף צו יידישע אַרבעטער צו שאַפן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען

„אַן אויפרוף צו די אידישע ארבעטער אויפן ראַנד און סויט אַפריקע" („אַפריקאַנער 2/2/1912):

„אַ פאַרזאַמלונג פון אידישע אַרבעטער פון פאָלגנדיקע פאַכן איז גערופן געוואָרן — בעקערס, „בריקלייערס" (מויערערס), „בילדערס" (בויערס), „בוטשערס" (קצבים), „קאַרפּענטערס" (סטאָליערס), „הערדרעסערס" (פריזירערס), „סעדלערס" (זאָטל־מאַכערס), „שומייקערס" (שוסטערס), שניידערס, טאָקערס און אנדערע, איז געהאַלטן געוואָרן און עס איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ גרויסע אוניאָן פון אַלע אידישע אַרבעטער. מען רעכנט דאָס עס זיינען דאָ 3000 אידישע אַרבעטער אויפן „ראַנד" און אויב מען זאָל אַלעמען אריינציען אין דער אוניאָן, וועט עס ווערן איינע פון די שטאַרקסטע טרייד־יוניאָנס".

„אַ מיטינג פון „מעמבערס" און סימפּאַטיזירער פון אידישן אַרבעטער אוניאָן וועט געהאַלטן ווערן זונטאָג, דעם 11־טן פעברואַר 1912. אַלע אידישע אַרבעטער זיינען העפליכס געלאַדן צו באַזוכן דעם מיטינג".

„די אידישע אַרבעטער פון ראַנד". „מיטוואָך דעם 1־טן מיי (1912) האָט דער אידישער אַרבעטער אוניאָן געפייערט דעם אַרבעטער טאָג. אויפן אָוונט האָט מען פאַרקויפט אַרבעטער ליטעראַטור".

דעם 23/10/1912 איז אין יאָהאַנעסבורג געגרינדעט געוואָרן „אַן אידישער אַרבעטער קלוב" (24/10/1912). עס איז געדרוקט אַ בריוו אין „אַפריקאַנער" פון „די גרופּע אַרבעטער פריינד".

אין די ווייטערדיקע נומערן פון „אַפריקאַנער" ווערט גאָרנישט דערמאָנט וועגן „אידישן אַרבעטער אוניאָן" און אויך ניט וועגן „אידישן אַרבעטער קלוב". (ביידע אָרגאַניזאַציעס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין 1912). מען קען דעריבער אָננעמען, אז אָט די ביידע אָרגאַניזאַציעס זיינען אונטערגעגאַנגען.

אין „אַפריקאַנער" פון 8/12/1912 איז דאָ פון „שטאָט־קאָכלעפל" „אַ תחינה פאַר די אידישע בחורים, וועלכע אַרבעטן אין „קאָנצעסאָנס", אָדער סתם „קאַפער־שאָפּס".

אַ „ריף־אַסיסטענט" באַקלאָגט זיך, אז זיי אַרבעטן 12—13 שעה אַ טאָג, אריינרעכנדיק זונטאָג און יום־טובים. די לופט, וווּ זיי אַרבעטן איז זייער שווער, עסן — ניט גוט. מען גיט אַ פרייעם טאָג בלויז איינמאָל אַ חודש".

אין סעפּטעמבער 1913, איז געגרינדעט געוואָרן אונטערן נאָמען „ריף שאַפּ אַסיסטענטס אַסאָסיאיישן" פון די אידישע אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן געאַרבעט אויפן „ריף" ווי אָנגעשטעלטע אין קאָנצעסיע־קראָמען און „קאַפעריטעס".

אין „אַפריקאַנער״ 22/10/1913 ווערט געזאָגט: „די ריף שאָפּ אַסיס-טענס״ אוניאָן עקסיסטירן קוים צוויי חדשים און האָט שוין 300 מיטגלידער״. אין 1914 זיינען שוין געווען איבער 2000 „ריף שאָפּ אַסיסטענטס״ אין דער אוניאָן. (23/7/1914).

דער שניידער פאַראיין איז ביזן סוף 1913 באַשטאַנען כמעט אויסשליס-לעך פון יידן (18/12/1913).

די עקאָנאָמישע לאַגע

ווען מען בלעטערט די הונדערטער נומערן „אַפריקאַנער״, אַנטפּלעקט זיך אַ גאַנץ קלאָר בילד, אז די עקאָנאָמישע לאַגע פון גאָר גרעסטן טייל פון די מזרח-אייראָפּעאישע יידן אין דרום-אַפריקע איז ביז דער ערשטער וועלט-מלחמה געווען ניט קיין גוטע.

עס איז געווען אַ גרויסע אָרעמקייט. פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען עקאָנאָמישע קריזיסן, וועלכע פלעגן שטאַרק אָנגרייפן יידישע קרעמערס, הענדלערס און די אָרעמע בעלי-מלאכות. אַ סך מזרח-אייראָפּעאישע יידן האָבן פשוט ניט געקענט שיקן קיין געלט צו ווייב און קינד.

„געמבלען״ (אַזאַרט-שפּילן), ניט קיין געלונגענע פינאַנציעלע ספּעקולאַ-ציעס, באַנקראָטן, און די אַנטוישונג פון ניט קענען אריינפּאַסן זיך אין די נייע באַדינגונגען — האָט געטריבן אַ סך יידן צו פאַרצווייפלונג און זעלבסטמאָרד. (הויפּטזאַכלעך אין די יאָרן 1912—1913—1914).

אין „אַפריקאַנער״ זיינען געווען אַ ריי לייטאַרטיקלען: „שווערע צייטן״, (14/11/1912), „אַ קריזיס אין לאַנד״, „אַ סך באַנקראָטן״. אין איינעם אזא לייטאַרטיקל (21/11/1912) ווערט געזאָגט: „די אַרמוט (אָרעמקייט) אין יאָ-האַנעסבורג צווישן די אידן איז אומגעהויער. עס גייען ארום פילע, וועלכע האָבן וואָכן לאַנג ניט פאַרדינט אויף די נויטווענדיקסטע, וואָס זיי ברויכן. עס זיינען דאָ פילע באַדערפטיקע און נויטיקע. די קאַסעס פון אַלע „בענעפיט און בענעוואָלענט סאָסייעטיס״ זיינען כמעט אויסגעשעפּט פון זייערע אייגענע מעמבערס, און עס איז פאַר זיי אומיגלעך צו שטיצן די פילע נויטיקע און באַדערפטיקע״.

„דער רוסישער איד האָט זיך דאָ אָפּגעגעבן מיט פאַרקויפן קאָפּער-תחתו-נים און, אז גאָט העלפט אים, פאַרקויפט ער תחתונים „האָלסייל״. דערהויפּט צו וואָס דער רוסישער ייד האָט זיך געווידמעט, איז נאָר צום קליין-האַנדל און קליין האַנדל — אויפן מאַרק״. דער ענגלישער און דייטשישער איד האָט די אַנגראָ-געשעפטן״ (3/2/1916).

אין אַ לייטאַרטיקל שרייבט דער רעדאַקטאָר: „דער קאָפּער געשעפט „האָלסייל״ און „ריטייל״ ליגט כמעט אינגאַנצן אין אידישע הענט. מען לייזט ניט און דער שאָפּקיפּער איז פאַראיינגט״.

דער אַלגעמיינער שטרייק אין 1914 האָט שטאַרק אָנגעגריפן עקאָנאָמיש אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. „אידן זיינען אזוי אָרעם גייס־טיק ווי מאַטעריעליש״. א. אמיקוס (8/3/1917).

אין אַ לייטאַרטיקל „משולחים״ (26/3/1914) ווערט געזאָגט: „מיר אידן אין זיד אַפריקע, באַזונדערס אין יאָהאַנעסבורג, האָבן אַלע מאָנטאָג און דאָ־נערשטאָג אַ נייעם משולח פון ארץ ישראל. מען פירט ארויס אַ מטמון מיט געלט — דער המון איז אָרעם און צאָלט״.

פינפטער טייל

פערזענלעכקייטן

סעמי מאַרקס. — עמנואל מענדעלסאָן. — סאַמועל גאָלדרייך. — באַרני באַרנאַטאָ. — מאַקס לאַנגער־מאַן. — רבי ד״ר י. ה. הערץ. — רבי ד״ר י. ל. לאַנדאַו. — י. איזראַעלשטאַם.

סעמי מאַרקס

צווישן די ערשטע פּיאָנערן אויפן ראַנד זיינען געווען מערקווערדיקע טיפּן. איינער פון זיי איז געווען דער שפּעטער באַרימטגעוואָרענער סעמי מאַרקס — אַ רוסישער ייד, וועלכער איז געווען אַ קורצע צייט אין ענגלאַנד פאַר זיין אָנקומען אין דרום־אַפריקע, אין יאָר 1868. אַן 18 יאָריקער בחור, אָן בילדונג און זייער אָרעם, האָט ער זיך גלייך אריינגעוואָרפן אין פאַרשיידענע אַרבעטן. ער איז געווען אַ „טאָכער״; שפּעטער האָט ער צוגעשטעלט טראַנס־פּאָרטן סחורה אויף אָקסן־וואַגנס צו די דימענט־פעלדער אין קימבערלי. מיט דער צייט איז ער געוואָרן רייך. אין 1886 איז סעמי מאַרקס געווען זייער דערפּאָלגרייך אין אייגענע גאָלד־פּראָדוקציעס אין באַרבערטאָן. נאָכן דער־פינדן דעם גאָלד־אָדער און נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון יאָהאַנעסבורג איז ער געקומען אויפן ראַנד, הגם געוווינט האָט ער אין פּרעטאָריע. ער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט קוילן־גרובן, גאָלד־גרובן, און מיט אַ סך אַנ־דערע אינדוסטריעלע געביטן. ער איז געווען איינער פון די גרסטע לאַנד־באַזיצערס אין טראַנסוואַל.

סעמי מאַרקס איז געווען אַ פּשוטער, ניט־געבילדעטער, אָרעם גע־קליידעטער ייד. אָט דער שאַרפזיניקער, גיריקער, גוואַלדיק ענערגישער און זייער אונטערנעמערישער רוסישער ייד, וועלכער האָט גערעדט ענגליש מיט אַ שטאַרקן יידישן אַקצענט — האָט געשפּילט איינע פון די וויכטיקסטע ראָלן אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין דרום־אפריקע. ער האָט גע־האַט אַ גוטן חוש פאַר הומאָר, און אין דער בורישער רעפּובליק איז ער און זיין שותף געווען באַקאַנט, ווי „דער מאַן פון די ערשטע פאַבריקן״ "Eerste Fabrieken". ארום אים האָבן זיך געוועבט אַ סך לעגענדעס. ער איז געווען דער פּיאָנער פון אַ סך אונטערנעמונגען. סעמי מאַרקס איז געווען אַן אינטימער פריינד פון פּרעזידענט פּאָול קרוגער, מיט וועמען דער פּרעזידענט פלעגט זיך אָפט באַראַטן. וועגן אים האָט פּרעזידענט פּאָול

ק ר ו ג ע ר גע זאָ גט: „ס ע מ י מ אַ ר ק ס איז אײנער פֿון די בעסטע מענטשן. איך װעל נאָך פֿון אים מאַכן אַ קריסט".

ל ע ז ל י ב ל ע ק װ ע ל (אַ געװעזענער פּאַרלאַמענט־מיטגליד און איצ־טער — אַ שופֿט אין העכסטן געריכט) האָט געשריבן װעגן ס ע מ י מ אַ ר ק ס אין זײַן בוך "African Occasions":

„אַ מערקװערדיקע פּערזאָן אין די קאָרידאָרן פֿונעם פּאַרלאַמענט איז אין יענער צײַט געװען סעמי מאַרקס. מאַרקס האָט ניט פּרעטענדירט צו זײַן אַ פּאָליטיקער. אָבער ער איז געװען אַ גרויסער פּערזענלעכער פֿרײַנד פֿון גען. באָטהאַ. די רעגירונג האָט אים באַערט דורך באַשטימען אים פֿאַר א סענאַטאָר. ער איז געװען אַ ײדישער אימיגראַנט. װי באַרני באַרנאַטאָ, האָט ער, פֿון אַן אָרעמען אָנהויב, זיך דערשלאָגן צו װערן אַ גאָלד־מאַגנאַט. די פֿירמע, װאָס ער האָט עטאַבלירט, איז הײַנט אײנע פֿון די גרעסטע אין דרום־אַפֿריקע — גאָלד־גרובן, אינדוסטריעס און אגריקולטור. אָבער טראָץ זײַן עשירות און מאַכט, האָט זײַן קלײדונג און האַלטונג זיך ניט אונטערשײדט פֿון אַ סך אַנדערע ײדן, װעלכע האָבן נאָך ארומגעטאָכט. באמת, זײַן אײנפֿאַכקײט און ניט־אָנשטעלערישקײט האָבן אים צוגעגעבן אַ געװיסן חן. ארום זײַן נאָמען האָבן זיך פֿאַרשפּרײט כמעט לעגענדאַרישע װערטלעך און שאַרפֿזיניקע ענטפֿערס, װי אין אַמעריקע — ארום דעם נאָמען פֿון סעמועל גאָלדװין. מען דערצײלט װעגן אים, אז ער האָט אַמאָל אימפּאָרטירט פֿון אײראָפּע סטאַטועס, צװישן װעלכע עס זאָל אויך האָבן געװען אַ קאָפּיע פֿון דער געטין װענוס. דערזען די סטאַטוע „אָן הענט און אָן פֿיס", אַנשטאָט „אַ גאַנצע יונגע פֿרוי", האָט ער תיכּף געפֿאָדערט שאָדן־ערזאַץ פֿון דער באַן־אַדמיניסטראַציע פֿאַרן שעדיקן עס בײַם אריבערפֿירן, און — מען זאָגט, אז מען האָט אים באַצאָלט. בײַ אַן אנדער פֿאַל איז מאַרקס געװען אויף א מיטינג פֿון דירעקטאָרן, װו עס איז פֿאָרגעקומען אַ היציקע דעבאַטע מכּוח געװיסע פֿאָרשלאָגן. האָט זיך אויפֿ־געשטעלט סעמי מאַרקס און, גלאָצנדיק פֿון צאָרן אויף זײַנע מיט־דירעקטאָרן, האָט ער גע־זאָגט: „די דאָזיקע זײַנען מײַנע פּרינציפּן, און אויב זײ געפֿעלן אײַך ניט — האָב איך אַנדערע".

אין יאָר 1892 האָט ס ע מ י מ אַ ר ק ס צוזאַמען מיט זײַן שװאָגער און שותּף — (ל י װ א י ס) געשיקט צו זײַן געבוירן־שטעטל נײַשטאָט־שירװינט טויזנט פֿונט צו בויען אַ שול[1].

אַזאַ קאָלאָסאַלע סומע האָט ארויסגערופֿן אַן אויפֿרודערונג בײַ די ײדן אין דער אָרעמער ליטע. אַלע האָבן גערעדט װעגן „דעם אָרעמען יונגן מאַן, װאָס איז געװאָרן אַ מיליאָנער אין דרום־אַפֿריקע". דאָס האָט שטאַרק אָנגעלאָקט אַ סך ליטװישע ײדן צו פֿאָרן קײן דרום־אַפֿריקע „אָנצושעפּן געלט"[2].

אַזוי ארום האָט ס ע מ י מ אַ ר ק ס אָן צװײפֿל, ניט דירעקט, געשפּילט אַ װיכטיקע ראָל, װאָס די ײדישע אימיגראַציע קײן דרום־אַפֿריקע איז געװען כמעט אויסשליסלעך פֿון ליטע.

---

[1]) אין „המליץ" נומער 96 (19/12/1884) שרײַבט נ. ד. האָפֿמאַן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון נײַשטאָדט (שירװינט), װו ער האָט געלעבט פֿאַר זײַן פֿאָרן קײן דרום־אפֿריקע, אז אַן ערך 200 ײדן פֿון נײַשטאַדט האָבן עמיגרירט. דאָס רוב פֿון זײ זײַנען געפֿאָרן קײן דרום־אפֿריקע, און זײ געפֿינען זיך אין קײפּטאַון און אין קימבערלי.

ער שרײַבט אויך, אז א סך פֿון זײ האָבן זיך אומגעקערט. „פֿאָריקן זומער זײַנען צו־ריקגעקומען צען עמיגראַנטן און האָבן געבראַכט אלף אלפֿים" (אגב גיט צו די רעדאַקציע אַ פֿראַגע צײכן דערבײַ).

[2]) אין אַן אַרטיקל „אונדזערע ברידער אין דרום־אַפֿריקע" אין „הצפֿירה" נומער 115 אין 1895, שרײַבט מ. ד. הערש װעגן דעם.

אין „הכוכב״ פון 30/3/1904 באַקלאָגט זיך די רעדאַקציע, וואָס דער מיל־יאָרדער שמואל („סעמי״) מאַרקס גיט ניט, ניט נאָר פאַר ניט־יידן, נאָר פאַר יידן אויך ניט.

עמנואל מענדעלסאָן

איינער פון די מערקווערדיקע פּיאָנערן פון יאָהאַנעסבורג איז געווען אַ דייטשישער ייד מיטן נאָמען עמנואל מענדעלסאָן. ער האָט געלעבט אַ סך יאָרן אין אויסטראַליע; קיין יאָהאַנעסבורג איז ער געקומען אין 1887. ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל סיי אויף דער יידישער גאַס און סיי אויף דער ניט־יידישער. צוזאַמען מיט אַ שותף האָט ער שוין אין 1887 איבערגענומען די ערשטע ענגלישע טעגלעכע צייטונג אין יאָהאַנעסבורג „דיגערס ניוס״, וואָס איז געווען געגרינדעט דעם זעלבן יאָר (24/2/1887). די צייטונג האָט אינקאָרפּאָרירט אין יאָר 1895 „די סטענדערד״. פון דאַן אָן האָט עס געהייסן „סטענדערד און דיגערס ניוס״[3]. דאָס איז געווען די איינציקע און איינפלוסרייכע ענגלישע צייטונג, וואָס האָט זיך באַצויגן סימפּאַטיש צו דער בורישער רעפּובליק. אין דער צייט פון בוריש־ענגלישן קריג איז זי געווען די איינציקע טעגלעכע צייטונג אין יאָהאַנעסבורג. מען האָט זי באַצייכנט ווי אַ פּראָ־בורישע צייטונג. נאָך דער מלחמה האָט מענדעלסאָן פאַרקויפט די צייטונג צו ה. פרימאַן־קאָהען, וועלכער האָט עס טראַנספאָרמירט אין דער ביז־איצט עקסיסטירנדיקער באַקאַנטער טעגלעכער איינציקער מאָרגן־צייטונג „ראַנד דעילי מייל״.

עמנואל מענדעלסאָן איז געווען איינער פון די גרינדערס און ערשטער פּרעזידענט פון דער ערשטער סינאַגאָגע אין יאָהאַנעסבורג במשך פון דריי יאָר (1887—1890). ער איז אויך געווען דער פּרעזידענט פון דער סינאַגאָגע בשעת דעם בוריש־ענגלישן קריג. פאַרלאָזן האָט מענדעלסאָן דרום־אַפריקע אין יאָר 1904.

סאַמועל (שמואל) גאָלדרייך

נאָך אַ מערקווערדיקע פּערזאָן, וועלכע האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין יידישן לעבן אין יאָהאַנעסבורג, איז געווען סאַמועל גאָלדרייך. געבוירן געוואָרן איז ער אין דייטשלאַנד. זיין פאָטער איז געווען אַ ראַבינער. ס. גאָלדרייך איז געקומען קיין ענגלאַנד אַלס קינד. הגם ער איז געקומען אין טראַנסוואַל אין 1880, האָט מען אים אָבער ניט געמערקט אויף דער אַרענע פון יידישן געמיינדע־לעבן אין יאָהאַנעסבורג ביז דער לעצטער העלפט פון די 90־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. ער האָט אָנגעהייבן נעמען אַן אַנטייל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, קאָנטיק, ערשט דאַן, ווען ער איז שטאַרק רייך געוואָרן, און האָט געהאַט צוטריט צו די הויכע רייכע ספערן אין יאָהאַ־

[3]) אויך באַקאַנט אונטערן נאָמען „סטענדערד און דיגערס״.

נעסבורג און צו די הויכע ספערן פון דרום־אַפריקאַנער פּאָליטישן לעבן. עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז ווען סאַמועל גאָלדרייך האָט חתונה געהאַט (דעם 12־טן מיי 1895) האָט ער אָנגעגעבן זיי באַשעפטיקונג „ספּעקולייטאָר" — בהמות־ און פעל־הענדלער.

ער איז געווען דער פּרעזידענט פון דער סינאַגאָגע אין פּרעזידענט־גאַס 1899—1897. ער איז אויך געווען דער וויצע־פּרעזידענט פון טראַנסוואַלער ציוניסטישן פאַרבאַנד. שפּעטער איז ער געווען אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער ניי־געגרינדעטער ציוניסטישער פעדעראַציע, פון וועלכער ער איז דערנאָך געוואָרן דער פּרעזידענט. סאַמועל גאָלדרייך איז געווען אין יענע יאָרן דער אָנערקענטער פירער פון דער היגער ציוניסטישער באַוועגונג.

ער האָט אָרגאַניזירט די ציוניסטישע פעדעראַציע אויף אַ פּראַקטישן אופן. ביז אים איז דער ציוניזם אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ סעקטאַנטישער אַמאַטאָרן־גרופּע — רעליגיעזע ליבהאָבערס פון ציון. סאַמועל גאָלדרייך האָט אויפגעשטעלט די ציוניסטישע פעדעראַציע אויף אַ פּראַקטישער באַזע. ער האָט געהאַלטן, אַז ציוניסטן דאַרפן זיין ניט נאָר מיסיאָנערן פון ציוניזם, נאָר זיי קענען מערער דערגרייכן פאַר ציוניזם מיטן נעמען אָנטייל אין אַלגעמיינעם לעבן פון די יידן. ער איז געווען אַ גרויסער ענגלישער פּאַטריאָט, און האָט עפנטלעך באַקעמפט די ספּעציעלע באַגרענעצונגען מצד די בורן קעגן אויס־לענדער בכלל און יידן בפרט. אַ ספּעציעל וויכטיקע ראָל האָט סאַמועל גאָלדרייך געשפּילט גלייך נאָך דעם בוריש־ענגלישן קריג, ווען יידן האָבן געדאַרפט קריגן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש ארייננצוקומען צוריק אין טראַנס־וואַל.

באַרני באַרנאַטאָ

נאָך אַ מערקווערדיקע פּערזאָן, אין יענער צייט, איז געווען באַרני באַרנאַטאָ — אַן אָרעמער וואָדעוויל־אַקטיאָר פון יידישער אָרעמקייט אין לאָנדאָן. ער איז אָנגעקומען אין קימבערלי, און געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דער דימענטן־אינדוסטריע אין קימבערלי, און איז געוואָרן אַ מיליאָנער. ער האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון די גאָלד־מינען אין יאָהאַנעסבורג. שוין זייענדיק אַ מיליאָנער, האָט באַרנאַטאָ דורכגעפירט און אליין אָנטיילגענומען אין עטלעכע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. ער האָט אויך, אין 1887, אָראַנזשירט אַ גרויסן „באָקס־מעטש", וואָס האָט ארויסגערופן אַ גוואַלדיקן ענטוזיאַזם. אין 1895 איז אין יאָהאַנעסבורג געווען אַ גרויסע טריקעניש. די שטאָט איז געבליבן אינגאַנצן אָן וואַסער. וועגן דער גרויזאַמער טריקעניש שרייבט הערי גראַומאַן אין זיי בוך „רייכקייטן פון ראַנד" "Rand Riches" „דער דוחק פון וואַסער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין די טייערע האָטעלן פלעגט מען זיך באָדן אין וואַנעס פון סאָדע־וואַסער און, מען זאָגט אויך, פון שאַמפּאַניער". דאַן איז אַן אַקציע־געזעלשאַפט פון באַרני באַרנאַטאָ Johannesburg Water Works Estate Co. צוגע־טראָטן צו באַזאָרגן יאָהאַנעסבורג מיט אַ שטענדיקן וואַסער־רעזערוואָאַר.

מען פאַרקויפט וואַסער אין יאָהאַנעסבורג.

זי האָט באַזאָרגט יאָהאַנעסבורג מיט וואַסער ביז 1903. ווען דער פּאַרלאַמענט האָט ארויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז די פונקציעס פון באַזאָרגן יאָהאַנעסבורג מיט וואַסער מוז איבערנעמען אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל ניט מאַכן דערפון קיין פּראָפיטן. האָט עס דאַן איבערגענומען די ביז היינט עקסיסטירנדיקע Rand Water Board.

באַרני באַרנאַטאָ האָט פאַרענדיקט זיין ברויזנדיק לעבן מיט זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך אריינגעוואָרפן אין ים, פאָרנדיק קיין ענגלאַנד.
אַן אינטערעסאַנטער קוריאָז איז פאָרגעקומען בעת דער שטאַרקער טריקעניש אין יאָהאַנעסבורג.

באַרני באַרנאַטאָס פלימעניק, דער באוווסטער מיליאָנער, ס. ב. דזשאָעל, האָט דורך אַ פירמע אַראַנזשירט צו שאַפן קינסטלעך אַ רעגן מיטן שיסן ראַקעטן אין די וואָלקנס. איז די בורישע רעגירונג ארויסגעטראָטן שטאַרק קעגן דעם טאַט. זי האָט דאָס באַטראַכט ווי אַ לעסטערונג פון גאָט.

מאַקס לאַנגערמאַן

נאָך אַן אינטערעסאַנטע פּערזאָן אין יענער צייט איז געווען אַ ייד פון בייערן, מאַקס לאַנגערמאַן. ער איז געקומען קיין יאָהאַנעסבורג אין 1887. די פאָרשטאָט קענזינגטאָן האָט געהערט צו אים. אויף זיין נאָמען איז נאָך ביז היינט באַקאַנט „לאַנגערמאַנס דרייוו". אין דער זעלבער געגנט זיינען דאָ אייניקע גאַסן אויפן נאָמען פון זיין פרוי אַליס Alice Road, און אויך אַ גאַס אויפן נאָמען פון זיין געבוירנשטאָט פלאָס (Floss Street).

הגם ער איז אין לויף פון דער צייט געוואָרן אַ מיליאָנער, האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע וויכטיקע יידישע און ניט־יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ער איז געווען אַ ראַטמאַן אין יאָהאַנעסבורגער שטאָט־ראַט, און איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון דעם טראַנסוואַל און נאַטאַלער באָארד אָוו דעפּיוטיס און דער פּרעזידענט פון דער סינאַגאָגע. ער איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער דרום־אַפריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע, און אַן אָנהענגער פון אוגאַנדאַ־פּראָיעקט.

דער גובערנאַטאָר פון דרום־אַפריקע, לאָרד מילנער, איז געווען (נאָך דעם בוריש־ענגלישן קריג) אַן אָפטער באַזוכער ביי די לאַנגערמאַנס, ווען ער פלעגט זיין אין יאָהאַנעסבורג.

לאַנגערמאַנס אַנטייל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין אקטיוו העלפן די געליטענע רוסישע יידן נאָך דער מלחמה 1914—1918.

לאַנגערמאַן האָט געהאַט זייער אַ רייכע ביבליאָטעק. ער איז געווען קאָנסערוואַטיוו און א גרויסער ענגלישער פּאַטריאָט. ווי אַ באַווייז קען דינען זיין אַנטייל אין דעם באַוווסטן דזשיימעסאָנס איבערפאַל אויף די בורן סוף 1895. דאָך איז ער געווען פריינדלעך צו זיינע אַרבעטער. ער האָט, צום ביישפּיל, אַמאָל אַדרעסירט זיינע אַרבעטער אין אַ מאַרקסיסטישן טאָן. ער האָט זיי דערקלערט, אז די איינציקע זאַך, וואָס קען זיי העלפן, איז זיך אָרגאַניזירן.

* * *

נאָך אַ פּיאָנער פון 1886, וועלכער האָט געשפּילט אַ ראָל אין יידישן און אויך אין אלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יאָהאַנעסבורג, איז געווען אַן ענגלישער ייד — הערי גראַומאַן. ער איז געווען דער ערשטער יידישער בירגערמייסטער פון יאָהאַנעסבורג, און די ענגלישע רעגירונג האָט אים באַערט מיטן טיטול "Sir". ליטוויש־יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פלעגן אים ארויסשטעלן פאַר אַן ערן־מיטגליד, הגם ער האָט קיין יידיש ניט געקאָנט.

* * *

צווישן די גאָר ערשטע פּיאָנערן, וועלכע מען האָט באַטראַכט פאַר פּאָרשטייערס פון רעליגיעזן עמך, צו וועלכע מען האָט געהאַט צוטרוי און רעספּעקט — זיינען געווען חיים יאַנקל קאַרק אין 1886, און שפּעטער — חיים קופּער.ביידע זיינען געווען אַ לאַנגע צייט געזעלשאַפטלעך אַקטיוו אין רעליגיעזן יידישן לעבן. זייער בונטאַרישקייט קעגן די יאָהודים האָט ארויסגערופן אַ שטאַרקן ווידערווילן קעגן זיי.

רבי ד״ר י. ה. הערץ

איינע פון די וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אין יענער צייט איז געווען רבי ד״ר י. ה. הערץ. ער איז אָנגעקומען אַהער אַלס הויפּט־רב פון דער סינאַ־

גאַגע אין „פּרעזידענט“־גאַס, דעם 21־טן סעפּטעמבער 1898. בעת זיין אָנקו־מען איז ער נאָך געווען זייער יונג (26 יאָר), און צוליב זיין נידעריקן וווקס פלעגט מען אים רופן „דער קליינער רבי“. ער איז געווען אַ טעמפּעראַמענט־פולער רעדנער און אַ גוטער לעקטאָר. ניט נאָר זיינע ספּעציפישע שבתדיקע דרשות, נאָר יעדע רעדע זיינע פלעגט זיין אינהאַלטרייך. צוליב דעם פלעגט ער שטענדיק צוציען אַ גרויסן עולם. ער איז זייער שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן דער רעגירונג פאַר די ספּעציעלע באַגרענעצונג־געזעצן קעגן יידן און קאַטאָליקן, וועלכע האָבן ניט געטאָרט פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע רעגי־רונג־ און מיליטערישע אַמטן (אויך ניט קיין דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט). ער איז אויך ארויסגעטראָטן קעגן די באַגרענעצונגען פאַר אויסלענדער.

רבי ד״ר הערץ האָט דאָ געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע “American Young Men Hebrew Association”. זי האָט דעם זעלבן נאָמען און גע־טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער, ווי די אָרגאַניזאַציע מיט אזא נאָמען אין אַמע־ריקע, פון וואַנען ד״ר הערץ איז אַהער געקומען אין סעפּטעמבער 1898. עס האָט געקלונגען אזוי משונהדיק — דרום־אַפריקאַנער יוגנטלעכע, וועלכע זיינען קיינמאָל אין אַמעריקע ניט געווען, זאָלן געהערן צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גערופן „אַמעריקאַנער יידישע יוגנט“. איר ציל איז געווען איינ־צופלאַנצן רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. ד״ר הערץ פלעגט האַלטן ספּעציעל רעליגיעזע דרשות פאַר זיי אין דער פּרעזידענט־גאַס סינאַגאָגע און לעקציעס אויף יידישע און אַלגעמיינע טעמעס. ד״ר הערץ האָט צוגעצויגן אַ גרויסן טייל פון דער היגער יוגנט. די אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעהערט פונקציאָנירן מיט ד״ר הערצ׳ס אַוועקפאָרן.

רבי ד״ר הערץ האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין היגן יידישן און אַלגעמיינעם לעבן. ער איז געווען איינער פון די צוויי הויפּט־גרינדער פון היגן באָאַרד אָוו דעפּיוטיס. זיין רעדע וועגן די היגע יידן אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג פון „באָארד“ האָט געמאַכט א גרויסן רושם. זיין רעפעראַט „דער ייד אין דרום־אפריקע“ איז געווען אַ באַלערנדיקע און וואָגיקע אָפּהאַנדלונג איבער די יידן פון דרומדיקן טייל פון אַפריקאַנער קאָנטינענט. דאָס איז גע־ווען דער ערשטער פּרווו צו געבן אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער די יידן פון דרום־אַפריקע.

רבי ד״ר הערץ האָט אויפגעוויזן די וויכטיקע ראָל, וואָס געוויסע יידן האָבן געשפּילט און שפּילן נאָך אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. ער האָט אויך געגעבן אַן איבערבליק וועגן דעם געמיינדע־לעבן, וועגן די קהילות, סינאַגאָ־געס, רעליגיעזע און ספּעציעלע יידישע פילאַנטראָפּישע און ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס. ער האָט געגעבן די פאָלגנדיקע סטאַטיסטיק: אין דער קאַאַפּ־פּראָווינץ לעבן אַן ערך 20 טויזנט יידן; אין טראַנסוואַל — 25 טויזנט; אין נאַטאַל — 1700; אין אָראַנדזש־פריי־שטאַט — 1600; אין ראָדעזיע — 600 און אין פּאָרטוגעזישע דרום־אַפריקאַנישע קאָלאָניעס — 300 יידן.

די לעקציע איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער פאָרעם פון אַ בראָ־שור. אָט די בראָשור האָט אַ היסטאָרישן ווערט.

רבי ד״ר הערץ, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער הויפּט־ראַבינער פון דער ענגלישער אימפּעריע, האָט איבערגעלאָזן אין דרום־אַפריקע במשך פון דער קורצער צייט, וואָס ער איז דאָ געווען, וויכטיקע היסטאָרישע ביי־טראָגן, — מערער, ווי וועלכער ניט איז אַנדער רב.

רבי ד״ר י. ל. לאַנדאַו

דעם 16־טן סעפּטעמבער 1903 איז אָנגעקומען אין יאָהאַנעסבורג רבי ד״ר לאַנדאַו. געקומען איז ער פון מאַנטשעסטער (געבוירן אין גאַליציע) אַלס רב פאַר דער „פּאַרק״־סינאַגאָגע. פון סוף 1914, ווען רבי ד״ר הערץ האָט פאַרלאָזן דרום־אַפריקע, איז ער געווען דער ניט אָפיציעלער הויפּט־רב. אָנ־פאַנג 1915 איז ער אָפיציעל באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט־רב פון יאָהאַנעס־בורג. ער איז עס געווען ביז זיין טויט (25/8/1942).

רבי ד״ר לאַנדאַו איז געווען אַ משכיל און אַ ציוניסט; ער איז געווען אַ גרויסער למדן אין תלמוד און אין אַלע מפורשים, אַ קענער פון דער העברע־אישער ליטעראַטור און אויך אַ קענער פון דער דייטשישער ליטעראַטור און פי־לאָסאָפיע. ער איז געווען אַ העברעאישער שרייבער (פון היסטאָרישע דראַמעס), פּאָעט און נאָוועליסט. ער פלעגט האַלטן רעפעראַטן ניט נאָר אויף רעליגיעזע, נאָר אויך אויף ליטעראַרישע און פילאָסאָפישע טעמעס.

אַלס גייסטיקער פירער און הויפּט־רב איז ער געווען אין דער אָנפירונג פון כמעט אַלע רעליגיעזע בילדונג־אינסטיטוציעס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער באַשטימט געוואָרן דער ערשטער פּראָפעסאָר פון העברעאיש אין דעם היגן אוניווערסיטעט. אַ סך יאָרן איז ער געווען דער וויצע־פּרעזידענט פון דער דרום־אַפריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע, און פון 1931 ביז 1942 איז ער געווען דער ערן־פּרעזידענט. דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דעם, וואָס די באַ־גריפן פון גייסטלעכער און גייסטיקער פירערשאַפט ווערן דאָ באַטראַכט אַלס סינאָנים — איז, קאָנטיק, געווען אין קאָנפליקט מיט דער אַבסטראַקטער וועלט, אין וועלכער רבי ד״ר לאַנדאַו האָט געלעבט.

עס איז געווען אַ שטענדיקער קאָנפליקט צווישן די צוויי הויפּט־סינאַגאָ־געס, אין וועלכע רבי ד״ר הערץ און רבי ד״ר לאַנדאַו זיינען געווען די רבנים, און עס איז אויך געווען בייז־בלוט צווישן די צוויי רבנים גופא. רבי ד״ר הערץ האָט ניט געקענט פאַרטראָגן רבי ד״ר לאַנדאַו.

רבי ד״ר לאַנדאַו האָט געפילט אַ פאַראַכטונג צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. בכלל האָט ער זיך באַצויגן צו אַן עמך־מענטש און צו אַן „עם־הארץ״, — וועלכער איז דאָך אַזוי צו זאָגן, „גאָר קיין מענטש ניט״ — מיט ביטול. יידיש פלעגט ער אָנרופן שפחה־שפּראַך.

זיין באַציאונג צום „המון־עם״ און צו זייער מוטער־שפּראַך קען אילוס־טרירן דאָס פאָלגנדיקע: אין „אַפריקאַנער״ פון 15־טן מערץ 1912, שרייבט רבי ד״ר לאַנדאַו וועגן אַ בריוו „איבער תלמוד״: „ווען דער בריוו וואָלט געווען געשריבן אין העברעאיש, וואָלט איך געשוויגן, ווייל משכילים און תלמי־

די־חכמים וואָלטן פון דעם אַרטיקל קיין „גאָטיס״ ניט גענומען. ער איז אָבער געשריבן אין יידיש פאַר דעם המון־עם, פאַר לייטע, וואָס מיינען, אַז אַלעס וואָס עס איז געדרוקט איז אויך אמת״.

אויף דער 3־טער ציוניסטישער קאָנפערענץ, אָנפאַנג יאַנואַר 1909, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין גרויסער פאַרערער פון יידיש. ער פאַרשטייט און רעדט יידיש. אָבער ער האַלט שטאַרק, אַז די פאַרצייטיקע (Ancient) נאַציאָנאַלע שפּראַך דאַרף פאַרבייטן יידיש (אַפּלאָדיסמענטן). רבי ד״ר ל אַ נ ־ ד אַ ו, „דער גייסטיקער פירער״ האָט געמיינט, אַז מען קען אַלע יידיש־ריידנ־דיקע יידן אין יאָהאַנעסבורג איבערצייגן, אַז זיי דאַרפן פאַרבייטן זייער מוטער־שפּראַך יידיש — אויף העברעאיש. ער האָט צ.ב. געגרינדעט די „עבריה״ — אַ חברה צו לערנען העברעאיש. אָבער עס איז געווען ניט־דערפאָלגרייך, און האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן[4]).

„וועגן יידיש — האָט ער געזאָגט — קען מען ניט ריידן מיטן זעלבן אָטעם, ווי וועגן אונדזער גלאָררייכער העברעאישער שפּראַך, דאָס איז אַ „טרואיזם״[5]).

אויף אַ „ז׳ אדר״־פייערונג אין פעברואַר 1912, האָט רבי ד״ר ל אַ נ ד אַ ו געענטפערט דעם „טאָוסט״ „דער קהילה און אירע רבנים״.

ער האָט אָנגעהייבן זיין רעדע אַזוי: „מען האָט מיך געבעטן ריידן אין יידיש. אָבער איך דענק, אַז איך וועל צופרידן שטעלן די מערהייט, ווען איך וועל ריידן אין ענגליש. ווען מען וואָלט מיך געבעטן ריידן אין העברעאיש, וואָלט איך עס געוויס געטאָן״. דער עולם האָט אָנגעהויבן שרייען און גע־פאָדערט, אַז ער זאָל ריידן אין יידיש. דער פאָרזיצער האָט געבעטן ער זאָל ריידן אין יידיש. ענדלעך האָט ער יאָ גערעדט אין יידיש[6]).

דעם 17־טן נאָוועמבער 1912, האָט ער געהאַלטן אַ רעפעראַט פאַר דעם ניט לאַנג געגרינדעטן „יידישער ליטעראַרישער און דראַמאַטישער פאַראיין״ — אַ פאַראיין, וואָס האָט פאַרשפּרייט ליבע צו יידיש און צו יידישער ליטעראַ־טור[7]). גערעדט האָט רבי ד״ר ל אַ נ ד אַ ו א.ד.ט.: „איבער דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך״. ער האָט געמאַכט צו אַש־און־בלאָטע די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, און געזאָגט נביאות וועגן איר אונטערגאַנג. אויף דער לעקציע האָט מען זייער שאַרף אָנגעגריפן רבי ד״ר ל אַ נ ד אַ ו. איינער ש מ ע ו ן י אָ פּ ע (אָדער, ווי ער איז געווען באַקאַנט „יאַפּקע דער אַקטיאָר״) האָט שאַרף קריטיקירט דעם לעקטאָר און געזאָגט „אַז ד״ר ל אַ נ ד אַ ו האָט איין מיטל צו אַ קאָפּ־ווייטאָג — אַרונטערצוהאַקן דעם קאָפּ״.

רבי ד״ר ל אַ נ ד אַ ו האָט געשריבן אַ בריוו אין דייטש מיט... יידישע בוכשטאַבן אין „הכוכב״ 8/1/1904 וועגן עפענען נאָך תלמוד־תורהס. ווען ער פלעגט שרייבן און ריידן אין יידיש, האָט ער זיך ניט גענומען די מי צו ריידן און שרייבן ריכטיק. ער פלעגט אַלעמאָל ריידן און שרייבן דייטשמעריש.

---

[4]) און [5]) לויט מאַרסיאַ גיטלין.

[6]) "S.A. Jewish Chronicle" 1-3-1912.

[7]) דער פאַראיין האָט זיך געגרינדעט דעם 27/10/1912.

אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין קומען קיין יאָהאַנעסבורג פלעגט ער האַלטן זיינע דרשות אין ענגליש און אויך פון צייט צו צייט אין דייטש[8]. אין יידיש האָט ער ערשט גענומען האַלטן דרשות אַ סך שפּעטער, און — זייער זעלטן. ווען ער פלעגט האַלטן אַ דרשה אין יידיש, פלעגט ער עס אַנאָנסירן אויך אין דער יידישער צייטונג אָבער — אין העברעאיש.

אגודת הקהלות.

הרב הכולל דר. לאנדא ידרוש בשפת
זשארגאן (אידיש) בשבת שובה הבע״ל לפני
תפלת מוסף בבה״כ פארק, (וואלמאראנס סטריט
ה. באראנאוו.

מעלדונג וועגן רבי ד״ר לאַנדאַוס דרשה.

די „פּאַרק״־סינאַגאָגע, ווו רבי ד״ר לאַנדאַו איז געווען דער הויפּט־רב, פלעגט שיקן איינלאַדונגען, באַריכטן און געבן אַנאָנסן צו אַלע צייטונגען, אָבער ניט צו דער איין־און־איינציקער יידישער צייטונג. אין דער „יודישע פאָהן״ פון 27/4/1911 איז דאָ אַ שטאַרקער פּראָטעסט קעגן אָט דער האַנדלונג.

אויף ווי ווייט רבי ד״ר לאַנדאַו האָט זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג צום עמך, קען אויך דינען דער פאַקט, ווי אזוי ער האָט זיך באַצויגן צום חסידיזם.

מיטוואָך, דעם 8־טן פעברואר 1911, האָט רבי ד״ר לאַנדאַו געגעבן אַ לעקציע פאַר דער „חברה שוחרי תושיה״ א.ד.ט.: „חסידיזמוס און ציוניזמוס״. גערעדט האָט ער נאָר וועגן „חסידיזמוס״. אין זיין לעקציע האָט ער געזאָגט, אז חסידים זיינען שיכורים, מוסרים און עם־הארצים.

ס. פאָגעלסאָן, דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון „אַפריקאַנער״, האָט געשריבן אין „די יודישע פאָהן״ פון 16/2/1911 אַ שאַרפן פּראָטעסט: „ווי וואַגט זיך דאָס אַ רב צו באַשולדיקן 7 מיליאָן יידן אין אַזעלכע פאַרברעכנס?״

ווען מען האָט אַנאָנסירט אין פעברואר 1915, אויפן „ז׳ אדר״ יום־טוב, אַז רבי ד״ר לאַנדאַו איז באַשטימט פאַרן הויפּט־רב („טשיף־רבי״) פון יאָהאַנעסבורג, האָבן זיך געהערט פּראָטעסט־אויסגעשרייען[9].

רבי ד״ר לאַנדאַו האָט אין משך פון די 39 יאָר, וואָס ער איז דאָ געווען דער Spiritual leader, געווירקט און בייגעטראָגן צו דעם, וואָס יידיש — די מוטער־שפּראַך פון איבער 80 פּראָצענט פון די דעמאָלטיקע יידן — איז דאָ באַטראַכט געוואָרן, אין געוויסע קרייזן, מיט גרינשאַצונג און אָפּט מיט פאַראַכטונג.

---

8) צ.ב., זיין דרשה צו מנחה, שבת־תשובה, האָט ער געהאַלטן אין דייטש. „הכוכב״ 2/10/1903.

9) „אַפריקאַנער״, 25/2/1915.

עס איז שווער אָפּצושאַצן אויף ווי ווייט זיין קעגנערשאַפט צו יידיש האָט געווירקט אויף דעם קולטורעלן מצב פון היגן ישוב.

י. איזראַעלשטאַם

צווישן די יידישע אימיגראַנטן פון ליטע האָבן זיך ניט געמערקט קיין סך סאָציאַליסטן. צו דער זייער קליינער צאָל באַוווסטזיניקע סאָציאַליסטן האָט געהערט אַ מערקווערדיקער מענטש מיטן נאָמען י. איזראַעלשטאַם.

ישעיה איזראַעלשטאַם איז געבוירן געוואָרן אין ווערשנע, ליטע, דעם 25־טן יולי 1870.

ווען ער איז נאָך קוים געווען 16 יאָר אַלט, האָט ער אויסגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע־שטאַטן.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער יונגער איזראַעלשטאַם האָט דאָרט זייער געליטן עקאָנאָמיש — געאַרבעט אין אַ קוילן־גרוב, געווען אַ געוויסע צייט אַרבעטלאָז און געליטן הונגער — האָט ער מיט התמדה געלערנט ענגליש.

אין קוילן־גרוב און ביי אַנדערע אַרבעט האָט ער דורכגעמאַכט שטרייקן, זיך באַקאַנט מיט דעם לעבן פון די אַרבעטער און מיט די אַרבעט־באַדינגונגען. ער האָט גענומען באַזוכן אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און לעקציעס וועגן סאָציאַליזם. מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן ברען האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין שטודירן דעם קלאַסן־קאַמף, היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם בכלל.

אין דרום־אַפריקע איז ער אָנגעקומען אין יאָר 1900.

אָנקומענדיק אין קייפּטאָון, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן די אַרבעטער־רייען.

זיינע פיל אַרטיקלמעסיקע בריוו האָבן זיך גענומען באַווייזן אין די קייפּ־טאָונער ענגלישע צייטונגען.

אין אָקטאָבער 1902 איז אין "Cape Argus" געדרוקט זיינער אַ בריוו אונטערן קעפּל "Coloured Politics" („פּאָליטיק פון די ניט־אייראָפּעער״) אין וועלכן ער טרעט שאַרף ארויס קעגן אַ מאַן, וואָס האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג אין וויינבערג פון "African Political Organisation" („פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון ניט־אייראָפּעער״), אויפגעוויזן, ווי פאַלש עס זיינען אַלע זיינע באַהויפּטונגען, און ער האָט געוואָרנט די ניט ווייסע צו זיין זייער פאָרזיכטיק פאַר אָט דעם ראַסנהאַס־אַגיטאַטאָר. „ווער־ניט־ווער, אָבער איר ניט־אייראָפּעער דאַרפט דאָך וויסן, צו וואָס ראַסנהאַס פירט, און ווער די דאָזיקע מענטשן זיינען[10]).

אין זעלבן חודש איז דאָ נאָך אַ לאַנגער בריוו אין "Cape Argus" פון אים א.ב."Social Evil" דער בריוו הויבט זיך אָן: „די געשיכטע זאָגט אונדז, אַז אַ סך פרווון זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַמאָליקע און הייַנטיקע צייטן צו אונטערדריקן זינד. אָבער עס האָט זיך ניט איינגעגעבן אויסצוואָרצלען אומ־

---

[10]) אגב איז דער מאַן שפּעטער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער אָרגאַניזאַציע.

מאָראַליטעט. דאָ איז קייפּטאָון זײַנען במשך פון די לעצטע צוויי יאָר געמאַכט געוואָרן אַ סך פּרוּוון וועגן דעם זעלבן ענין". ער זאָגט, אַז די גרויסע פּאַר־זאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט 5 טעג פריער, אונטער דעם פאָרזיץ פון מעיאָר, וועט צו גאָרנישט פירן. די גרויסע שטראָף, וואָס מען גיט די פּראָסטי־טוטקעס, וועט אויך ניט העלפן. ער ווײַזט אויף מיט פאַקטן און סטאַטיסטיק וועגן פּראָסטיטוציע אין ניו־יאָרק און לאָנדאָן. „עס איז דאָ נאָר איין וועג און דאָס איז אויסצוגעפינען די סיבות פון פּראָסטיטוציע. נאָר דאַן וועלן מיר וויסן, ווי עס צו לייזן".

ער האָט אויך געשריבן וועגן אַרבעטער־„פירערס", וואָס פאַרפירן די אַרבעטער, און וועגן אַ סך אַנדערע פראַגן.

אין 1903 איז י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם געקומען אין יאָהאַנעסבורג. עס האָט לאַנג ניט געדויערט ביז זײַן אָנוועזנהייט דאָ האָט זיך געטומען פילן.

צוזאַמען מיט נאָך סאָציאַליסטן האָט ער, אין 1903, געגרינדעט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי — דער זעלבער נאָמען וואָס ד ע ־ ל ע אָ ן האָט געגעבן זײַן פּאַרטיי אין אַמעריקע.

אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָט י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם גע־זאָגט: „די פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי אַנטהאַלטן די פּרינציפּן פון ענלעכע פּאַרטייען אין ענגלאַנד, פאַראייניקטע־שטאַטן, פראַנקרייך און דייטשלאַנד". „די אַרבעטער פּראָדוצירן אַלע רײַכטימער, דעריבער דאַרפן אַלע רײַכטימער געהערן צו די אַרבעטער אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט אָדער רעליגיע".
.("Rand Daily Mail" 29/1/1904)

אין "Leader" פון 6/2/1904 ווערט רעפּאָרטירט אַן עפנטלעכע פאַר־זאַמלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם איז געווען פאָרזיצער, ווערט באַריכטעט אונטער די פאָלגענדיקע באַצייכענונגען: „ראַנד סאָציאַליזם", און „רעוואָלו־ציאָנערע פּראָגראַם". י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם האָט דערקלערט די צילן און אויפגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געזאָגט: „אונדזער הויפּט־ציל איז צו שטרעבן, אַז די גאָלד־מינעז און אַנדערע אינדוסטריעס זאָלן נאַציאָנאַלי־זירט ווערן, מען זאָל פאַרקלענערן די אַרבעט־שעהן, דער שטאַאַט זאָל שאַפן אונטערנעמונגען צו געבן אַרבעט די אַרבעטלאָזע, צוואַנג־בילדונג און אומ־זיסטע עסן מיט ביכער פאַר קינדער". עס ווערט אויך געזאָגט, אַז אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע פון פּראָטעסט קעגן דער רעגירונג פאַרן נוצן געוואַר צו צווינגען מענטשן צו אַרבעטן קעגן זייער ווילן. מען האָט אויפגעוויזן, אַז 300 שוואַרצע אַרבעטער, אין קראָנשטאַד, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייער אַרבעט לעצטן חודש, האָט מען געצוווּנגען צוריק גיין צו דער אַרבעט. די צײַטונג האָט י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ מ ע ן שטאַרק קריטיקירט און געפרעגט, ווו וועט די רעגירונג נעמען גענוג געלט אויסצו־צאָלן פאַר די גאָלד־מינעז.

י. איזראַעלשטאַם האָט זיך מיט זײַן גאַנצן ברען און ענטוזיאַזם אַרײַנגע־וואָרפן אין פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָציאַליזם.

ער פלעגט אַדרעסירן קליינע גרופּעס און גרויסע מאַסנפאַרזאַמלונגען אין זאַלן און אויף דעם מאַרק־סקווער. מאַנכע זונטאָגס פלעגט ער אַדרעסירן אַן עולם פון עטלעכע טויזנט מענטשן. מען פלעגט זייער גערן צוהערן זיך צו זיינע רעדעס. ער איז געווען דירעקט און אויפריכטיק. ער פלעגט אילוס־טרירן זיינע געדאַנקען מיט משלים און מיט געשעעניש. מען פלעגט הנאה האָבן פון זיין הומאָר. ער האָט געפאָדערט פון די אַרבעטער און אָרעמען מיטל־קלאַס אויסצונוצן דעם וויכטיקן געווער קעגן קאַפּיטאַליזם — זייער וואַל־רעכט. „יעדער באַוווסטזיניקער אַרבעטער מוז אויסנוצן זיין שטימרעכט, און דאַרף שטימען פאַר די קאַנדידאַטן, וועלכע פאַרטרעטן די אינטערעסן פון אַרבעטער און אָרעמען מיטל־קלאַס".

אַ סך יאָרן איז ער געווען אַ גרויסער פאַרערער פון ד ע ־ ל ע אָ ן. איי־נעם פון זיינע זין האָט ער אַ נאָמען געגעבן ד נ י א ל ד ע ־ ל ע אָ ן.

זיינער אַ חבר פון 1905/6 האָט געזאָגט וועגן אים:

„מיר פלעגן אים רעספּעקטירן. ער איז געווען זייער ערלעך, ערנסט, באַשיידן און אויפריכטיק". „א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם איז געווען אַ פּאַרטיי פאַר זיך. ווען ער פלעגט זען אַ געזעמל מענטשן, פלעגט ער זיי אַדרעסירן. ביז שפּעט אין אָוונט פלעגט ער ארומגיין פאַרטיילן צווישן אַרבעטער פלוג־בלע־טער, און פלעגט פאַרקויפן צווישן זיי זשורנאַלן און ביכלעך".

ער פלעגט לייענען אַ סך, אָבער כמעט נאָר וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע פראַגן.

ער פלעגט קריגן צייטונגען פון ענגלאַנד, אַמעריקע און אַנדערע לענדער אין ענגליש און אויך יידישע צייטונגען פון אַמעריקע.

צוזאַמען מיט נאָך אַנפירנדיקע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט ער אָרגאַניזירט אין 1904 אַ גרויסע מיי־דעמאָנסטראַציע. דאָס איז געווען די ערשטע מיי־דעמאָנסטראַציע אין יאָהאַנעסבורג. י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם איז געווען איינער פון די הויפּט־רעדנערס. גערעדט האָט ער פריער אויף יידיש און דערנאָך אין ענגליש. זיין רעדע האָט ארויס־גערופן קריטיק אין "Star" און א גאַר גרויסן בייזן אַרטיקל קעגן אים און קעגן סאָציאַליזם אין „הכוכב".

י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם פלעגט שרייבן אַרטיקלען און בריוו ניט נאָר אין די היגע צייטונגען, נאָר אויך אין אויסלענדישע. ער פלעגט פּאָלעמיזירן מיט באַוווסטע פּערזענלעכקייטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי צ. ב. ק ע ר ה אַ ר ד י, ט אָ ם מ אַ ן און אנדערע.

אין 1903 האָט ער געשריבן אַ ריי אַרטיקלען אין דער צייטונג "The Socialist" אין עדינבורג וועגן „דער לאַגע אין טראַנסוואַל". (איבערזעצט אין יידיש אין „הכוכב").

דעם 15־טן נאָוועמבער 1904 איז דערשינען אין "Star" זיינער אַ בריוו "The Anti Asiatic Agitation" („די אַגיטאַציע קעגן די אַזיער"). דער בריוו הייבט זיך אָן: „עס איז פּשוט אָפּשטויסנדיק צו געפינען מענטשן, היינט, אין דעם אזוי גערופענעם 20־טן יאָרהונדערט, וועלכע זיינען אזוי אומוויסנד און

וואָס דענקען ניט; זיי זיינען אזוי אומטאָלעראַנט, אז זיי קומען צו אַ פאַרזאַמ־לונג און נעמען אָן רעזאָלוציעס צו באַגרענצן געוויסע פערזאָנען צו האַנדלען און צו ווינען צווישן די אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַ טונקעלע הויט, אָדער זיי געהערן צו אַן אַנדער רעליגיע. איך קען ניט געפינען קיין פאַסיקע ווערטער צו פאַרדאַמען די האַנדלונג פון מאַנכע דעלעגאַטן, וואָס זיי גופא געהערן צו אַ פאַרפאָלגטער ראַסע, און זיי ווערן אפילו נאָך היינט־צו־טאָג באַגרענעצט און מען פאַרבאָט זיי אריינצופאָרן אין געוויסע לענדער צוליב די זעלבע באַשולדיקונגען און סיבות, וואָס ווערן באַנוצט קעגן די היגע אַזיער. די אַגיטאַציע קעגן די אַזיער, פונקט ווי אַנטיסעמיטיזם, איז אַ פועל־יוצא פון דער קאָנקורענץ־סיסטעם. „קנאה, קאָנקורענץ און גייעג נאָך עשירות, וואָס ווערט געשאַפן דורך דעם שוויס פון דעם אַרבעטער־קלאַס, שאַפט ראַסן־ און נאַציאָנאַלן האַס". „האַס איז דער רעזולטאַט פון אומוויסן". דערנאָך גייט דער מחבר אַריבער צו דערקלערן די סיבות פון קאָנקורענץ.

אין 1903 האָט ער געשריבן וועגן דעם אזוי גערופענעם פראָיעקט אַראָפּ־צוברענגען 100 טויזנט רוסישע יידן צו אַרבעטן אין די גאָלד־מינען אויף אַ קאָנטראַקט פון 3 ביז 5 יאָר פאַר אַ געהאַלט פון -/-/£2 אַ חודש. ער האָט אויפגעוויזן, אז מיט אַזעלכע קליינע שכירות קען דער ייד, ביי וועמען געבן בילדונג זיינע קינדער שפּילט אַ גרויסע ראָל, בשום אופן ניט אויסקומען און, אַז דער אָנבאָט איז אַ בלאָף פון ניט פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן. ער האָט אויך אָנגעפירט אַ לעבהאַפטן קאַמף קעגן אימפּאָרטירן כינעזישע אַרבעטער פאַר די גאָלד־מינען. ער האָט אויך אויפגעוויזן, אז דאָ קען מען קריגן גענוג אַרבעטער פאַר די מינען. מען דאַרף זיי נאָר צאָלן גוטע שכירות. „דאָס אימ־פּאָרטירן כינעזער איז אַ שריט אַראָפּצונידערן די שכירות פון די ווייסע, און שאַפן דורך דעם אַן איבערפלוס פון אַרבעט־הענט פאַר שוואַרצער אַרבעט".

אין יעדן בריוו, וואָס י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם האָט געשריבן און יעדע רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן, האָט זיך געפילט אַן ערנסטער צוגאַנג און באַ־האַוונטקייט אין די פראַגן, וואָס ער האָט באַריירט.

אין "Rand Daily Mail" פון 6־טן פעברואר 1906 ווערט באַריכטעט, אז י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם איז געווען דער פאַרזיצער אויף אַ מאַסנפאַרזאַמלונג, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט צו פּראָטעסטירן קעגן די פאַרפאָלגונגען און קעגן די פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד.

אין "Leader" פון 18/2/1906 ווערט געמאָלדן אז דער פאַראיין פון „פריינד פאַר רוסישער פרייהייט" ("Friends of Russian Freedom"), וואָס ציילט איבער 200 מיטגלידער, האָט אויסגעקליבן י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם פאַר איר פאַרזיצער.

י. א י ז ר אַ ע ל ש ט אַ ם איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון "Friends of Russian Freedom". אין דער זעלבער צייט האָט ער אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן דעם, וואָס די אָרגאַניזאַציע טוט ניט קיין אָרטיקע סאָציאַליסטישע אַרבעט.

י. איזראַעלשטאַם האָט געהאַלטן אַ רעדע ביי דער דערעפענונג פון "S.A.N.N. Congress" („דרום־אפריקאַנער לאַנד־קאָנגרעס פון די אַפריקער"), וואָס איז פאָרגעקומען 21—26־טן מערץ 1913. זיין רעדע איז כמעט די איינ־ציקע לאַנגע רעדע, וואָס מען האָט געדרוקט אין זייער אָפיציעלן אָרגאַן "Abantu-Batho" (דאָס מיינט אין צוויי באַנטו־לשונות „דאָס פאָלק"[11]). אָנ־געהייבן זיין לאַנגע רעדע האָט ער אזוי: „איך גלויב, אז דאָס ציל פון אייער קאָנגרעס איז צו געפינען מיטלען, ווי אזוי אַלע אַפריקער אין דרום־אַפריקע זאָלן קריגן גלייכע מענטשלעכע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעכט". ער האָט זיי געזאָגט, אז דער בעסטער וועג, ווי עס צו דערגרייכן, איז דורך אָרגאַניזירן זיך.

אין צווייטער העלפט פון 1916 איז ער געווען איינער פון די גרינדערס פון דער „אידיש שפּרעכנדע גרופּע" ביי דער „אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליס־טישער ליגע", וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי.

י. איזראַעלשטאַם האָט ניט נאָר גערעדט אין יידיש, נאָר ער האָט געלייענט אויך יידישע אַרבעטער־ און סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשור־נאַלן ביז די לעצטע חדשים פון זיין לעבן. ער האָט גאָר ווייניק געשריבן אין יידיש.

ער האָט געאַרבעט אויף אַ שטעלע ביז 1946.

במשך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָט ער קיין אַקטיוון אַנטייל ניט גענומען אין אַרבעטער־ און פּאָליטישן לעבן. אָבער אינטערעסירט האָט ער זיך מיטן קלאַסן־קאַמף ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז ער געבליבן אַן אויפריכטיקער רעוואָ־לוציאָנער, אינטערנאַציאָנאַליסט און סאָציאַליסט.

געשטאָרבן איז י. איזראַעלשטאַם אין עלטער פון איבער 80 יאָר אין יאָהאַנעסבורג דעם 29־טן דעצעמבער 1950.

---

[11]) אין די אויסגאַבעס פון 25/4/1913 און 25/7/1913.

זעקסטער טייל

אָרגאַניזאַציעס, פֿאַראיינען, קלובן

מען גרינדעט אינסטיטוציעס. — די חברה קדישא. — אַנהויב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. — ציוניסטישע טעטיקייט. — די ערשטע טאָג־שול פאַר יידישע קינדער. — לאַנדסמאַנשאַפטן. — דזשואיש גילד. — קלובן. — אָרדענס. — יידיש טעאַטער. — באָאַרד אָוו דעפּיוטיס. — „פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם”. — חברה שוחרי תושיה.

מען גרינדעט אינסטיטוציעס

קיין גענויע סטאַטיסטיק וועגן די יידן אין די 90־קער יאָרן איז נישטאָ. די ציילונג פון דער באַפעלקערונג אין יאָהאַנעסבורג דעם 15־טן יולי 1896 באַווייזט, אז עס זיינען שוין דאַן געווען 6253 יידן. פון דער צאָל זיינען געווען 3335 רוסישע יידן — מער ווי אַ העלפט. פאַקטיש איז די צאָל רוסישע יידן געווען אַ גרעסערע, ווייל אַ געוויסע צאָל רוסישע יידן האָבן מורא געהאַט אָנצוגעבן זייערע נעמען.

אין מיי און יוני 1895, שרייבט מ א י ר ד ו ד ה ע ר ש אין אַ ריי אַרטיקלען אין „הצפירה” וועגן די יידן אויפן וויטוואַטערסראַנד, אז אין 1893 זיינען געווען אין יאָהאַנעסבורג 4000 יידן. זיי האָבן דאַן באַטראָפן צען פּראָצענט פון דער ווייסער באַפעלקערונג, וואָס האָט דאַן געציילט 40.000 ווייסע נפשות. ער שרייבט, אז אין 1895 זיינען געווען 6000 יידן אין יאָהאַנעסבורג אויף אַ באַפעלקערונג פון 60.000 ווייסע. ער מערקט אָן, אז עס זיינען געווען נאָר זעקס הונדערט יידישע משפחות. די רוסישע יידישע אימיגראַנטן זיינען מערסטנס געווען בחורים, אָדער מענער, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט זייערע פרויען אין דער אַלטער היים.

מיטן וווקס פון דער אימיגראַציע פון רוסישע יידן האָבן זיך גענומען מערן יידישע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן.

יידן האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד.

דעם 12־טן יולי 1891, האָט זיך געגרינדעט די „גמילות־חסדים” געזעלשאַפט, וואָס עס עקסיסטירט ביז היינט. אַ קליינער איבעררייס אין איר טעטי־

קייט איז פֿאַרגעקומען בלויז אין משך פון דער צייט פון דעם בוריש־ענגלישן קריג. דאָס ציל פון אָט דער געזעלשאַפט איז צו געבן אָנפּראָצענטיקע הלוואות צו העלפן אָרעמע יידן. אירע קאַפּיטאַלן האָבן זיך אָקומולירט פון מיטגליד־אָפּצאָל, נדבות און ירושות, וואָס פאַרמעגלעכע יידן פלעגן איבערלאָזן פאַר דער אינסטיטוציע. ביים גרינדן די געזעלשאַפט „גמילות־חסדים״ זיינען אין דער אָנפירערשאַפט געווען אויך רוסישע יידן.

דעם 14־טן פעברואר 1892 האָט זיך געגרינדעט ביי דעם בית־המדרש־הגדול (דער „גרינער״ בית־המדרש) די חברה „משנה וגמרא״. זי עקסיסטירט נאָך עד היום — נאָר פאַר יחידים.

אין יענער צייט האָט געהערשט אַ שטאַרקער עקאָנאָמישער קריזיס אין יאָהאַנעסבורג. צוליב די פאַרשאַרפטע באַציאונגען צווישן דער בורישער רע־פּובליק און דער ענגלישער באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען אין דער מער־הייט, האָבן פיל יידישע אימיגראַנטן זיך געפונען אין אַ שווערער מאַטעריע־לער לאַגע. עס האָבן זיך גענומען גרינדן נאָך יידישע אינסטיטוציעס צו העלפן די אָרעמע יידישע אימיגראַנטן. הגם לאַנדסלייט פלעגן זיין די ערשטע צו קומען צו הילף, האָבן זיך געשאַפן פאַרשיידענע חברות און צדקה־געזעל־שאַפטן. אזוי, למשל, האָבן שוין אין 1893 עקסיסטירט צוויי פילאַנטראָפּישע פרויען־געזעלשאַפטן: „פרויען־פאַראיין״ (Ladies' Society) און „צדקה־פאַר־איין פון יידישע פרויען״ (Jewish Women Benevolent Society).

די חברה קדישא

די סאַמע וויכטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציע אין יאָהאַנעסבורג, אין יענע יאָרן און אַ סך יאָרן אויך שפּעטער, איז געווען די „חברה־קדישא ותומכי יד״ (שפּעטער — Witwatersrand (Johannesburg) Jewish Helping Hand and Burial Society״). געגרינדעט האָט זי זיך דעם 2־טן סעפּטעמבער 1888.

דער ערשטער פאַרזיצער איז געווען מ אַ ק ס ר אַ פ אַ ע ל י[1].

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אז דער ערשטער פאַרזיצער פון דער ערשטער סינאַגאָגע אין פרעזידענט־גאַס איז געווען ע מ נ ו א ל מ ע נ ד ע ל־ס אָ ן; פון חברה־קדישא — מ אַ ק ס ר אַ פ אַ ע ל י, און שפּעטער אין 1903, ווען דער דרום־אפריקאַנער יידישער „באָאַרד אָװ דעפּיוטיס״ האָט זיך גע־גרינדעט — מ אַ ק ס ל אַ נ ג ע ר מ אַ ן. זיי זיינען אַלע געווען דייטשע יידן.

מ אָ ר י ס אַ ב ר אַ ה אַ מ ס, אין זיין שוין דערמאָנטן מאַנוסקריפּט איבער יאָהאַנעסבורג מאַכט דעם פאָלגנדיקן פאַרגלייך, ווען ער שרייבט וועגן דער חברה־קדישא, מיט וועלכער ער איז געווען נאָענט פאַרבונדן די גאַנצע צייט: „פונקט ווי דער מיטאָלאָגישער אַטלאַס האַלט אויף די גאַנצע וועלט, אזוי האָט

[1]) דער פאָטער פון זיגפריד ראַפאַעלי, וועלכער איז געוועזן אַ סך יאָרן דער פרעזידענט פון „באָאַרד אָװ דעפּיוטיס״.

די „חברה־קדישא“ אויף אירע פּלייצעס געהאַלטן דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין יאָהאַנעסבורג“. אויסער דעם, וואָס די חברה־קדישא פלעגט זיך מתעסק זיין מיט אָפּהיטן די ריטועלע צערעמאָניעס ביים מקבר זיין די מתים, האָט זי שטענ־דיק געהאַט אַן אָנפּראַצעטיקע הלוואה־קאַסע. זי פלעגט אויך געבן שטיצע אָרעמע אימיגראַנטן, זיי זאָלן קענען אָנהייבן אליין פאַרדינען; זי האָט געגעבן נדבות און פלעגט באַזאָרגן אַ סך אָרעמע יידן מיט מעדיצינישער הילף אין דער פאָרעם פון ביליקערע דאָקטוירים און רפואות.

ערב ימים־נוראים פלעגט זי געבן ספּעציעלע שטיצע; און ערב פסח פלעגט זי אויסטיילן מעות־חטין. פאַר דעם צוועק פלעגט די חברה־קדישא דורכפירן אַקציעס.

די אָנפירערשאַפט פון דער חברה־קדישא איז אויסשליסלעך געווען אין די הענט פון ענגלישע און דייטשישע יידן. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען פאַר־מעגלעכע און איינפלוסרייכע יידן. צו זיין אַ קאָמיטעט־מיטגליד איז געווען אַ יחוס. פּונקט, ווי כמעט אַלע איבעריקע ענגלישע און דייטשישע יידן, האָבן די אָנפירערס פון דער חברה־קדישא דאַן געהאַט אַ פילאַנטראָפּישע באַציאונג צו די רוסישע יידן און באַטראַכט זיי פאַר מינדערוועדטיקע. זיי האָבן געהאַט צו זיי אַ רחמנות־געפיל, און פאַר דער דרויסנדיקער ניט־יידישער געזעלשאַפט האָט מען זיך מיט זיי צוגעשעמט.

די חברה־קדישא פלעגט באַטראַכט ווערן פאַרן רעפּרעזענטאַנט פון די יידן אין יאָהאַנעסבורג. די וויכטיקסטע דאַטע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, ביי די יידן אין יאָהאַנעסבורג, דאַן און אויך שפּעטער, פלעגט זיין דער „ז׳ אדר“־באַנקעט. דאָס פלעגט זיין די גרעסטע געשעעניש אין יאָר. אויף די באַנקעטן פלעגן ארויסטרעטן מיט גרויסע רעדעס די דעמאָלטיקע פּני־העיר — יידן און ניט־יידן. די רעדעס זיינען געווען די טעמאַטיק פאַר שמועסן און דיסקוסיעס.

אויף ווי ווייט די חברה־קדישא האָט געשפּירט איר געזעלשאַפטלעכע אחריות, קען דינען דער פאַקט, וואָס אַ געוויסע צייט האָט זי אפילו מיטגע־האָלפן דער רעגירונג אויסצוראָטן דעם שענדלעכן האַנדל מיט ווייסע שקלאַפן, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט, הויפּטזאַכלעך, צווישן אַ געוויסן טייל פון רו־סישע יידן אין יאָהאַנעסבורג פאַר און נאָך דער בוריש־ענגלישער מלחמה. אין געוויסע טיילן פון דער יידישער געגנט אין שטאָט פלעגן זיין פיל צענדלי־קער יידישע גאַסן־פרויען און אַלפאָנסן. די חברה־קדישא האָט דאַן אָרגאַני־זירט אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע קעגן דעם. דורך דער אויסלענדישער יידישער פּרעסע האָט מען אַפּעלירט צו יידישע און ניט־יידישע ספּעציעלע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געהאַט פאַרן ציל באַקעמפן דעם האַנדל מיט ווייסע שקלאַפן, אַז זיי זאָלן וואָרענען יידישע פרויען און מיידלעך, באַזונדערס פון פוילן און גאַלי־ציע, אַז זיי זאָלן ניט אריינפאַלן אין די נעצן פון די אַלפאָנסן. דאָ גופא איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפע אַגיטאַציע און קאַמף, אַז מען זאָל די דאָזיקע אונטער־וועלט־מענטשן „דערגיין די יאָרן“, ניט פאַרדינגען זיי קיין דירות, און מען זאָל זיי האַלטן אין חרם.

* * *

מערקווערדיק איז, וואָס די פּראָטאָקאָלן פון דער חברה־קדישא הייבן זיך אָן ערשט דעם 9־טן מיי 1898. דאָס ווייזט, אז די פּראָטאָקאָלן פון איר טעטי־קייט במשך פון די ערשטע צען יאָר עקסיסטירן ניט. אַפילו פון צירקולאַרן פון דער חברה־קדישא איז פאַרבליבן נאָר איינער וועגן דער אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג פון 1908/9 און דער צווייטער צירקולאַר — ערשט פון 1915/16.

אָנהויב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1896, נאָך פאַרן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1897 אין באַזעל, האָט זיך שוין אין יאָהאַנעסבורג פאָרמירט אַ גרופּע „חובבי ציון". אָט די קליינע גרופּע האָט ניט לאַנג עקסיסטירט. אין אָנהויב 1897 האָט זיך ווידער געגרינדעט אַ גרופּע אונטער דעם זעלבן נאָמען „חובבי ציון". די גרופּע האָט שוין געהאַט אַ גרע־סערע צאָל אָנהענגערס. דער גרינדער איז געווען אַ ווילקאָמירער ייד, מ ש ה ווײַנער, וועלכער איז געקומען אין 1895. אָבער אַלס פּאָרזיצער האָט מען אַרויסגעשטעלט, ווי שטענדיק אין יענער צייט און אויך א סך יאָרן שפּעטער, אַן ענגלישן ייד (מען פלעגט אַמאָל אַרויסשטעלן אויך אַ דייטשישן ייד) מיטן נאָמען מ אָ ר י ס אַ ב ר אַ ה אַ מ ס. שפּעטער האָבן זיך אויך געשאַפן נאָך עטלעכע ציוניסטישע פאַראיינען. דעם 11־טן דעצעמבער 1898, האָט דער ציוניסטישער פאַרבאַנד גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע ציוניסטישע פאַראיינען אין טראַנסוואַל. אויף דער קאָנפערענץ איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן די „ד. אַ. ציוניסטישע פעדעראַציע", וועלכע עקסיסטירט ביז היינט. אינטערע־סאַנט איז, וואָס דער פאָרזיצער פון אָט דער קאָנפערענץ איז געווען ה ע ר י ס אָ ל אָ מ אָ ן — אַן ענגלישער ייד. ער האָט קיין אַנונג ניט געהאַט, וואָס דאָס איז אַזוינס ציוניזם. ער האָט געמיינט, אז ציוניזם איז אַ לאָקאַלע באַוועגונג. אין זיין דערעפענונג־רעדע האָט ער געזאָגט:[2] „אַ סך יידישע יונגעלייט דאָ, אַזוי גיך, ווי זיי קענען טאָן פיזישע אַרבעט, גייען אַרבעטן אין טראָקטירן („קאַנטינען"). די „בילדונג" וואָס זיי קריגן דאָרט, איז ניט קיין געווונטשענע. דעריבער איז דער פּראָיעקט צו באַזעצן יונגע מענטשן אויף ערד זייער אַ גו־טער. איך האָף, אז אונדזער פריינט, ס ע מ י מ אַ ר ק ס, וועט געבן ערד דערפאַר".

צו באַשטימען פאַר אַ פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ אַ פּערזאָן נאָר דערפאַר, וואָס ער איז זייער רייך און ער איז דערצו דער פאָרזיצער פון דער בירזשע, אָדער אַ פּערזאָן, וואָס האָט איינפלוס — דאָס איז אַ שטריך, וואָס איז כמעט דורכגעגאַנגען, ווי אַ רויטער פאָדים די גאַנצע צייט, און אין אַ גרוי־סער מאָס, אויך היינט, אין אַלע יידישע הויפּט־אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַ־ציעס אין יאָהאַנעסבורג (אויך אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך).

---

[2]) „די געשיכטע פון ד. אַפריקאַנער ציוניזם" ("The Vision Amazing") מ. גיטלין.

(רייכקייט איז געווען און איז אויך הײַנט אַ בילעט אַרײַנצוטרעטן אין דער אָנפירערשאַפט פון אַלע פילאַנטראָפּישע, נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין יאָהאַנעסבורג).

ציוניסטישע טעטיקייטן

צוליב דעם פּרעסטיזש, וואָס די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט געקראָגן אַ דאַנק דעם ערן־אַמט ארויסצוגעבן רעקאָמענדאַציעס פאַר דערלויבענישן פאַר מזרחדיקע ייִדן צו קומען אין טראַנסוואַל, איז די ציוניסטישע פעדעראַציע געוואָרן מער אַקטיוו, אָבער נאָר אויפן געביט פון ציוניסטישער טעטיקייט.

די ציוניסטן האָבן געקליבן געלט לטובת דעם נאַציאָנאַל פאָנד, פאַרן גאָלדענעם בוך, פאַר פלאַנצן איילבערט־ביימער אין ארץ־ישראל; זיי האָבן פאַרקויפט אַקציעס פאַרן „ייִדישן קאָלאָניאַל־טרעסט" און נאַציאָנאַל־פאָנד מאַרקעס. מען פלעגט אויך אָרגאַניזירן מנינים פאַר ימים־נוראים. די הכנסה פון דעם פלעגט גיין פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. מען האָט אפילו געגרינדעט אַ קלוב אויפן נאָמען „אַקציע־קלוב" "Share Club", און אין 1904 האָט מען געגרינדעט אַ נאַציאָנאַל־פאָנד־קלוב.

די שקל־אַקציע איז געוואָרן אַ יערלעכע דאַטע. זי איז געווען די וויכטיקסטע טעטיקייט פון די ציוניסטן. דעם 8־טן פעברואַר 1903, האָט רבי ד״ר הערץ אָפיציעל געעפנט דעם „ציוניסטישן האָל" אויף 24 קאָמישיאָנער־גאַס, אַרום וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט מזרחדיקע ייִדן. זיי האָבן איבערגענומען די ביבליאָטעק פון „דזשואיש וואָרקינג־מענס קלוב", וועלכער האָט אויפגעהערט עקסיסטירן ביים אויסברוך פון דער מלחמה. די קליינע צימערן פון „ציוניסטישן זאַל" זיינען געוואָרן צו ענג פאַרן כסדר וואַקסנדיקן עולם; האָט מען מיט אַ יאָר שפּעטער זיך אַריבערגעקליבן אין „באַלמאָרל טשאַמבערס" — אויך אויף קאָמישיאָנער־גאַס. דער „ציוניסטישער האָל" איז געווען לאַנגע יאָרן דער געזעלשאַפטלעכער צענטער פאַר די נאַציאָנאַל־ און טראַדיציאָנעל־געשטימטע מזרחדיקע ייִדישע אימיגראַנטן און יוגנטלעכע. דאָרט איז געווען אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל. דאָרט פלעגן אויך פאָרקומען לעקציעס און אָפּטמאָל היציקע דעבאַטן. עס זיינען אויך געווען פאַלן, ווען זיצונגען און לעקציעס פלעגן ווערן אַראָפּגעריסן צוליב דער שטורמישער אָפּאָזיציע. ראש־השנה און יום־כיפור זיינען פאָרגעקומען מנינים אין ציוניסטישן זאַל. די ענגלישע, דייטשישע און אויפגעקומענע רוסיש־ייִדישע ציוניסטן, וועלכע האָבן געלעבט אין דעמאָלטיקע אַריסטאָקראַטישע געגנטן, ווי דאָרנפאָנטיין אָדער פאַרקטאַון, פלעגט ניט פּאַסן צו קומען אין „ציוניסטישן זאַל", ווו עס האָט פּולסירט אַן אַקטיוו געזעלשאַפטלעך לעבן ביי די מזרחדיקע ייִדן. די ראָל, וואָס דער „ציוניסטישער האָל" (זאַל) האָט געשפּילט, שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ לייט־אַרטיקל אין „דער אַפריקאַנער"[3], „דער אונטערגאַנג פון ציוניסטישן „האָל":

---

[3]) „דער אַפריקאַנער" 24/10/1912.

„ווי מען זאָל זיך ניט פאַרהאַלטן צום ציוניזם, און מעג מען אפילו זיין דער גרעסטער קעגנער פון ציוניזם, קען מען ניט אוועקנעמען די וויכטיקייט פון „האָל״, וואָס ער האָט פאַרנומען אין לעבן פון היגן יידישן ישוב. דער „האָל״ איז געווען אַ ציוניסטישער אַנשטאַלט. דאָך איז די פירונג פון „האָל״ שטענדיק געווען אַן אומפּאַרטייאישע. איר האָט דאָרט שטענדיק געפונען צייטונגען פון אַלע ריכטונגען. אין ציוניסטישן „האָל״ האָבן שטענדיק געפונען אַן אָרט עלנטע און איינזאַמע, וועלכע זיינען אין אזא גרויסער צאָל אין יאָהאַנעסבורג. פלעגן אַמאָל ווערן אַ יונגערמאַן ענג די שמאָלע פיר ווענט פון זיין ענגן און שמוציקן „רומקע״, ווו אים קומט אויס צו פאַרברענגען אַ לעבן אין דחקות און עלנט, און פלעגט מען וועלן זיך טרעפן מיט מענטשן, הערן אַ יידישע רעדע און דעבאַטע — האָט ער שטענדיק געפונען אַן אָרט אין ציוניסטישן „האָל״ און ניט ערגעץ אַנדערשוווּ״.

„די היגע ציוניסטישע פּאַרטיי האָט קיינמאָל ניט ארויסגערופן קיין צו גרויסן ענטוזיאַזם ביים היגן יידנטום, ניט קוקנדיק אויפן גרויסן צאָל שקלים, וועלכע זיי פלעגט געלינגען צו שאַפן אַלע יאָר. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויך קיין זאַך דעם יידנטום ניט געגעבן. דער „האָל״ איז געווען די איינציקע בעסטע זאַך, וואָס די ציוניסטן האָבן אונדז געגעבן אין דער גאַנצער צייט פון זיין עקסיסטענץ, און אויב מיר דאַרפן קלאָגן אויף די היגע ציוניסטישע פאַרטיי, מוזן מיר נאָך מער קלאָגן אויפן אונטערגאַנג פון „האָל״.

די „אַריסטאָקראַטישע״ ציוניסטן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט מישן זיך מיטן המון, האָבן געגרינדעט אין 1904 אַ „הערצל־ציוניסטישן־פאַראיין״. מען איז ניט געווען געוואָרן צו האָבן מזרחדיקע ציוניסטן אויף זייערער אַ פייערלעכער אונטערנעמונג, אָדער אויף אַ טאַנץ. אין יוני 1903, האָט זיך געגרינדעט אין יאָהאַנעסבורג „דער טראַנסוואַלער ציוניסטישער פאַרבאַנד״, וואָס האָט געציילט אין אַ קורצער צייט ביז 800 מיטגלידער.

דעם 9־טן יולי 1905 האָט זיך געעפנט אין יאָהאַנעסבורג די ערשטע ד. א. ציוניסטישע לאַנד־קאָנפערענץ, וועלכע האָט געדויערט 3 טעג. עס זיינען געווען 75 דעלעגאַטן, ארייַנרעכענענדיק דעלעגאַטן פון ראָדעזיע.

די קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט צוויי וויכטיקע ענינים: די פראַגע פון אוגאַנדאַ, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָפּגעוואָרפן מיט אַ גרויסער מערהייט, און — רבי דר. הערצס לעקציע: „דער ייד אין ד. אפריקע״.

טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע — „ייטאָ״

עטלעכע חדשים נאָך דעם, ווי די ציוניסטישע קאָנפערענץ האָט אָפּגעוואָרפן דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, האָט זיך דאָ, סוף 1905, געשאַפן אַן אָפּטיילונג פון דער יידישער טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „ייטאָ״. באוווסטע היגע פערזענלעכקייטן זיינען געווען די אָנפירערס. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין אַ סך צענטרען איבערן לאַנד. עס פלעגן פאָרקומען גרויסע מאַסנפאַרזאַמלונגען. נאָכדעם ווי דער פירער פון „ייטאָ״, ישראל זאַנגוויל, האָט געקראָגן אַ מעלדונג פון דער ענגלישער רעגירונג, אז זי באַנייט ניט דעם אָנבאָט אויף אוגאַנדאַ — און קיין אַנדער באַשטימט לאַנד איז נישט געווען, פאַר וועלכן מען זאָל קאָנען אַרבעטן קאָנקרעט, ווי צ.ב. זאַמלען פאָנדן א.ד.גל. — האָט די טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע ניט געקענט שלאָגן קיין וואָרצלען, הגם זי האָט עקסיסטירט אין משך פון אַ סך יאָרן, ווי אַ קליינע גרופּע.

אין יוני 1912, איז דאָ געגרינדעט געוואָרן אַ „אידישע טעריטאָריאַליסטי־שע אַסאָסיאיישן״ (מאַנדעלשטאַם אָפּטיילונג). אין צוויי אַרטיקלען אין „אַפרי־קאַנער״ וועגן טעריטאָריאַליזם רופט א. ר ע נ ד ע ל, די יידן פון דרום־אַפרי־קע אַנטייל צו נעמען אין דער „באַפרייאונג־באַוועגונג אין „יוראָפּ״.

די ערשטע טאָג־שול פאַר יידישע קינדער

דעם 14־טן יולי 1897 האָט דער הויפּט־ריכטער פון דער רעפּובליק, ק אָ ט צ י, געעפנט מיט גרויס פּאַראַד ביי דער פּאַרק־סינאַגאָגע אַן ענגלישע לערנשול פאַר יידישע קינדער. די שול איז לכתחילה סובסידירט געוואָרן, הויפּטזאַכלעך, דורך דער פּאַרק־סינאַגאָגע. דאָס איז ניט געווען קיין תלמוד־תורה. אַ תלמוד־תורה פלעגט גרינדן כמעט יעדע סינאַגאָגע באַזונדער. עס זיינען אויך געווען קליינע חדרים. אַ פרומער ייד, וועלכער האָט ניט געקענט זיך צופּאַסן צו די נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, איז גאַנץ אָפט געוואָרן אַ מלמד.

אין דער יאָהאַנעסבורגער ענגלישער לערנשול פאַר יידישע קינדער זיינען די לערערס געווען יידן. „היברו״ פלעגט מען לערנען אַ געוויסע צאָל שעהן אין דער וואָך. די בורישע רעגירונג האָט ניט אַנערקענט און קיין סובסידיעס ניט געגעבן ניט־קריסטלעכע און קאַטוילישע שולן[4]. די שול איז געשאַפן גע־וואָרן מיט דער כוונה אָפּצוציען יידישע קינדער פון באַזוכן די ענגלישע שולן, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך די קאַטאָליקן. מ אָ ר י ס אַ ב ־ ר אַ ה אַ מ ס, אין זיין מאַנוסקריפּט וועגן יאָהאַנעסבורגער יידן, באַקלאָגט זיך שטאַרק, אז יידן זאָרגן זיך זייער ווייניק וועגן דער רעליגיעזער דערציאונג פון זייערע קינדער. ער באַמערקט, אז נישט געקוקט דערויף, וואָס די יאָהאַנעס־בורגער ענגליש־יידישע שול ביי דער פּאַרק־סינאַגאָגע האָט אָרט פאַר 500 קינדער, באַזוכן נאָר 200 יידישע קינדער.

אין 1902, נאָך דעם שלום־אָפּמאַך, זיינען יידישע פאָרשטייערס געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דעם היגן ענגלישן בילדונג־דעפּאַרטאַמענט וועגן איבערנעמען די פּאַרק־שול, ביי דער פּאַרק־סינאַגאָגע, וווּ יידישע קינדער האָבן זיך געלערנט ענגליש — אַן אַנשטאַלט, פאַר וועלכן יידן האָבן ניט געהאַט קיין פינאַנציעלע מיטלען אויסצוהאַלטן אים. מען האָט די שול איבערגעגעבן דער רעגירונג מיטן באַדינג, אז סיי די לערערס און סיי די שילערס זאָלן זיין נאָר יידן; יעדן טאָג זאָל מען לערנען מיט די קינדער אַן ערך אַ שעה אין אַלע קלאַסן העברעאיש — „היברו״. די שול איז געווען גוט באַקאַנט ביי אַלע יידן פון יאָהאַנעסבורג במשך פון אַ סך יאָרן, ווי די רעגירונג־שול פאַר יידישע קינדער (‘‘Jewish Government School’’). עס האָבן זיך דאָרט געלערנט יעדן יאָר איבער 500 יידישע קינדער. אַ סך טויזנטער יידישע בירגערס פון יאָהאַ־

[4]) אין דער בורישער רעפּובליק האָבן די לימודים אין די רעגירונג־שולן געדאַרפט אָנגעפירט ווערן אין „אַ קריסטלעך־פּראָטעסטאַנטישן גייסט״. יידישע און קאַטוילישע לע־רערס זיינען געווען אויסגעשלאָסן פון שולן, וואָס זיינען סובסידירט געווען דורך דער רעגירונג.

נעסבורג האָבן באַזוכט די שול. דאָס לערנען „היברו" איז געווען אַ מיטל צו שטילן דאָס רעליגיעז־נאַציאָנאַלע געוויסן. אָבער אויסגעלערנט האָט מען זיך דאָרט גאָר ווייניק. די לערערס גופא, מיט אפשר גאָר ווייניק אויסנאַמען, האָבן קיין העברעאיש ניט געקאָנט. מען האָט געלערנט פון אַ ביכל די העב־רעאישע ווערטער מיט גרויסע אותיות און נקודות. אַ לערערין אין 4־טן קלאַס האָט געלערנט העברעאיש, ניט האָבנדיק קיין אַנונג פון דעם. צ. ב. „איש זקן" איז אין בוך געווען אונטערגעשריבן די איבערזעצונג "Old Man" האָט זי געמיינט, אַז „איש" איז אַלט און „זקן" איז מאַן.

לאַנדסמאַנשאַפטן

די ערשטע לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיך געגרינדעט אין 1895, און זי האָט עקסיסטירט אַן ערך 4 יאָר. דאָס איז געווען דער פויליש־יידישער פאַרבאַנד (Hebrew Polish Alliance).

אין 1899 זיינען געגרינדעט געוואָרן צוויי רוסיש־יידישע לאַנדסמאַנ־שאַפטן: פּאָנעוועזשער און דווינסקער. די פּאָנעוועזשער לאַנדסמאַנשאַפט האָט ארויסגעגעבן אין יאָר 1949 אַ בראָשור לכבוד זייער „גאָלדענעם יובי־לייאום", א.נ. „בית המדרש דחברה לינת הצדק וגמילות חסדים דפּאָנעוועזש" די דאַטע, ווען די לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיך געגרינדעט, ווייסט מען ניט. אין דער בראָשור ווערט געזאָגט: „כמעט אַלע יידישע אימיגראַנטן פון יענער צייט זיינען געווען פאַמיליענלאָזע. אָדער זיי זיינען געווען ניט־פאַרהייראַטע, אָדער זייערע פאַמיליעס זיינען פאַרבליבן אין דער אַלטער היים. זיי זיינען געווען עלנט און איינזאַם. די סאָסייטי האָט זיי געדינט אַלס היים, ווו זיי האָבן זיך געטראָפן מיט לאַנדסלייט און געקענט אַראָפּריידן זיך פון האַרצן אין אַן אינטימער און ברידערלעכער אַטמאָספער. דער בית־המדרש פון דער חברה האָט געדינט פאַר די פּאָנעוועזשער לאַנדסלייט ניט נאָר אַלס מקום תפילה, נאָר אויך אַלס סאָציאַלער צענטער און געזעלשאַפטלעכער קלוב".

אין 1950 האָט די קיידאַנער לאַנדסמאַנשאַפט אין יאָהאַנעסבורג — „חברה משגב לדך ד׳קיידאַן" — ארויסגעגעבן אַ „גאָלדענער יובילייאום־בוך" (1900—1950) אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ יובילײ־באַל, וואָס די קיידאַנער האָבן אָרגאַני־זירט. אין דער קאָסטבאַרער אויסגאַבע פון 91 זייטן פאַרנעמען ניט ווייניקער ווי 50 זייטן אַנאָנסן. די איבעריקע זייטן זיינען, אַן ערך, אַ העלפט אין יידיש און די אַנדער העלפט — אין ענגליש. חוץ אַ סך בילדער פון שטעטל און קיידאַנער, היגע געוועזענע און איצטיקע פירערס פון דער לאַנדסמאַנשאַפט און אַ סך באַגריסונגען, אַנטהאַלט דאָס יובילײ־בוך אַרטיקלען: „50 יאָר יידיש קיידאַן", (איבערגעדרוקט פון זאַמל־בוך „קיידאַן", ארויסגעגעבן אין ניו־יאָרק); „50 יאָריקער יובילייאום פון דער „חברה משגב לדך ד׳קיידאַן" אין יאָהאַ־נעסבורג"; זכרונות פון קיידאַן — דוד וואָלפּע; און אַ בילדערישע פּאָעמע „מיין שטעטל קיידאַן" פון נייטן בערגער. אין דעם אַרטיקל וועגן 50 יאָריקן יובילײ פון קיידאַנער לאַנדסמאַנשאַפט אין יאָהאַנעסבורג ווערט געזאָגט: „אין

יאָר 1900 איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ פאַראיין פון קיידאַנער לאַנדסלייט אין יאָהאַנעסבורג. צוליב דער בורן־מלחמה און די אומשטענדן, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין טראַנסוואַל, איז די אָפיציעלע שאַפונג פון אַזאַ פאַראיין אָפּגעלייגט געוואָרן אויף נאָך דער מלחמה. די סאָסייטי איז דעריבער גע־גרינדעט געוואָרן דעם 29־טן אַפּריל 1903. די סאָסייטי האָט ביי דער גרינדונג געציילט 40 מיטגלידער". „די ערשטע אימיגראַנטן פון קיידאַן זיינען געווען, פונקט ווי די אַנדערע אימיגראַנטן פון ליטע אין דער דעמאָלטיקער צייט, פאַ־מיליענלאָזע. זיי זיינען געווען היימלאָז און פאַראיינזאַמט און האָבן זיך גע־טוליעט איינער צום אַנדערן. זיי האָבן זיך געפילט ווי ברידער, און זיך גע־טיילט איינער מיטן אַנדערן אין זייערע ליידן און פריידן. די סאָסייטי האָט זיי געהאָלפן זיך איינוואָרצלען אין די נייע און שווערע באַדינגונגען". „די סאָסייטי האָט פאַר זיי געשאַפן די אַטמאָספערע פון דער אַלטער היים אין דער נייער אומגעבונג". „אין פאַל פון קראַנקייט פלעגן די לאַנדסלייט ארויסווייזן אַ פערזענלעכן אינטערעס און זאָרג".

מיטן כסדרדיקן צופלוס פון נייע יידיש־ריידנדיקע אימיגראַנטן, נאָך דעם בוריש־ענגלישן קריג, איז דאָס לעבן געוואָרן וויברירנדיק און מער סטאַביל.

די לאַנדסמאַנשאַפטן פון פאַר דער מלחמה זיינען ווידער געוואָרן אַקטיוו; און עס האָבן זיך געגומען שאַפן כסדר נייע לאַנדסמאַנשאַפטן. די פּאָשוועלער לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיך געגרינדעט 1/11/1903; די שאַדעווער — 5/6/1904, און אַ סך אנדערע. די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן געשאַפן אַ שטיקל היימישן ווינקל און האָבן געלינדערט די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים. ביי די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן עקסיסטירט גמילות־חסדים־קאַסעס צו העלפן נויטבאַ־דערפטיקע לאַנדסלייט מיט אַנפראַצענטיקע הלוואות. מען האָט בכלל געפילט אַ פערזענלעכע צוגעבונדנקייט צו אַ בן־עיר. מען האָט אויך געשטיצט די באַטרעפנדיקע שטעטלעך אין דער היים.

עס האָט עקסיסטירט אַ שטאַרקער צוזאַמענבונד צווישן לאַנדסלייט. לאַנדס־לייט האָבן דערמאָנט אָן זייער יוגנט, אָן זייער היים און אָן זייערע נאָענטע. מען האָט זיך געטוליעט איינער צום צווייטן. מען האָט זייער פיל געטאָן פאַר אַ לאַנדסמאַן. מען האָט געפילט אַ מין לאַנדסמאַן־אחריות. האָט אימעצער געהאַט אויף פּאָסט אַ בריוו־קעסטל — האָבן עס כמעט אַלע לאַנדסלייט גע־נוצט. צום ביישפּיל, די שאַדעווער האָבן באַנוצט ח י י ם י אַ נ ק ל ק אַ ר ק ׳ ס בריוו־קעסטל נומער 13. די יאַנישקער — ז ל מ ן ל י ק נ אַ י ט ס ק י ׳ ס בריוו־קעסטל נומער 1986, די זשאַגערער — ש מ ו א ל ל י ק נ אַ י ט ס ק י ׳ ס בריוו־קעסטל נומער 1084 א.א.וו. מען דערציילט, אַז אַ שאַדעווער ייד, אָנקומענדיק אין יאָהאַנעסבורג, איז געגאַנגען איבער ריסיק־גאַס און געפרעגט: „ווו איז „באָקס" 13?", מיינענדיק, אז דאָס איז דער פּלאַץ, ווו אַלע שאַדעווער געפינען זיך, ווייל כמעט אַלע שאַדעווער יידן, וועלכע פלעגן שרייבן בריוו קיין יאָהאַ־נעסבורג, פלעגן אַדרעסירן זייערע בריוו אויף איין־און־דעם־זעלבן נומער — פּאָסט־קעסטל 13.

וועגן דער שטאַרקער צוגעבונדנקייט צווישן לאַנדסלייט שרייבט מ. ד. הערש[5]) פאָלגנדיקעס: פלעגט קומען אַ לאַנדסמאַן — פלעגט מען אים אריינ־נעמען אין דעם „פאַך", מיט וועלכן, כמעט, אלע איבעריקע לאַנדסלייט פלעגן זיין באַשעפטיקט. ער דערציילט, צום ביישפּיל, אז די בראַנזשע פון האַנדל מיט אייער און מיט עופות איז „געלעגן אין די הענט" פון די שאַדעווער. פלעגט קומען אַ שאַדעווער לאַנדסמאַן — פלעגט מען אים גליך אריינגעמען אין זייער געשעפט־קרייז — אייער־ און הינער־האַנדל. מען זאָגט, שרייבט מ. ד. הערש, אז א דעפּוטאַציע פון שאַדעווער האָבן אינטערוויואירט די אייזנבאַן־אַדמיניסטראַציע וועגן איבעראַנדערשן די צייט, ווען דער באַן פון קייפּטאַון זאָל אָנקומען אין יאָהאַנעסבורג — אַנשטאָט נאָכמיטאָג — אויף באַ־גינען, כדי זייערע שאַדעווער לאַנדסלייט זאָלן ניט פאַרזאַמען דעם מאַרק.

די אָוונטן פלעגט מען פאַרברענגען ביי לאַנדסלייט. מען פלעגט שמועסן וועגן היימישן שטעטל. אָבער די מדרגה פון קולטור און וויסן איז געווען אזוי פאַרשיידן, אַז אַ לאַנדסמאַן מיט בילדונג האָט געהאַט ווייניק וועגן וואָס צו ריידן, אָדער דיסקוסירן מיט אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט קיין בילדונג ניט געהאַט... פלעגט מען זיך זעצן שפּילן קאָרטן די צייט צו פאַרטרייבן און — קאָרטן־שפּיל האָט אויסגעגליכן די פאַרשיידנאַרטיקייט.

די ערשטע צייט פלעגט מען שפּילן אַן „אומשולדיקן" זעקס־און־זעכציק, אָדער טערטל־מערטל. שפּעטער־צו האָט מען גענומען שפּילן מער אַזאַרטמעסי־קע און ליידנשאַפטלעכע קאָרטן־שפּילן.

אין די יאָרן 1911—1912 האָבן זיך געגרינדעט אַ סך לאַנדסמאַנשאַפטן און „פריינדלעכע סאָסייעטיס". „אין יאָהאַנעסבורג געפינען זיך אַן ערך 25 חברות און יעדע חברה האָט אַן ערך 50—75 מיטגלידער. זיי לייען גמילות־חסדים צו אייגענע מיטגלידער, זיי העלפן מיט אַ דאָקטאָר און מיט מעדיצין, אָבער קיין פאַרבינדונג איז נישטאָ צווישן זיי" („אַפריקאַנער" 2/9/1916). מיט גענויע צוויי יאָר שפּעטער („אַפריקאַנער" 16/7/1918) ווערט געזאָגט, אַז אין יאָהאַנעסבורג זיינען דאָ פון 30—40 חברות.

בלעטערנדיק ארום 9 יאָר „אַפריקאַנער", געפינט מען ניט, אז די לאַנדס־מאַנשאַפטן און די איבעריקע „פריינדלעכע" חברות האָבן ארויסגעוויזן דעם קלענסטן אַקטיוון אינטערעס פאַר קולטורעלער, אָדער געזעלשאַפטלעכער אַר־בעט. עס זיינען דאָ מעלדונגען וועגן פאַרזאַמלונגען פון מיטגלידער פון אַ גע־געבענער לאַנדסמאַנשאַפט, אָדער „פריינדלעכע" חברה, אָדער מעלדונגען פון די נעמען פון אַ ניי־אויסגעקליבענעם קאָמיטעט.

דזשואיש גילד

אין יאָר 1897 האָט זיך געגרינדעט די געזעלשאַפט „דזשואיש גילד". דאָס איז געווען אַ מין קלוב, ווו ענגליש־יידישע יוגנטלעכע פלעגן זיך פאַרוויילן און

---

[5]) געדרוקט אין „הצפירה" אין מיי־יוני 1895 און איבערגעדרוקט אין "Jewish Affairs" אין יוני 1950.

פאַרנעמען מיט טענץ און ספּאָרט. עס פלעגן אויך פון צייט צו צייט פּאָרקו־
מען לעקציעס. זייער דראַמאַטישע סעקציע האָט דורכגעפירט אונטערנעמונגען
און אויפגעפירט ענגלישע פּיעסעס. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע עקסיסטירט נאָך
היינט. עס איז געווען אַ צייט, ווען די „דזשואיש גילד" האָט געשפּילט אַ ראָל
אין היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן אַ גרויסע אייגענע געביידע
אין צענטער שטאָט. אין די לעצטע יאָרן איז די שטאַרקע מחיצה צווישן די
ענגלישע און רוסישע יידן באַדייטנדיק קלענער געוואָרן.

אפילו אָרגאַניזאַציעס, ווי די „דזשואיש גילד", „יידישע יוגנטלעכע בריגאַ־
דע" און דער ציוניזם פון די מערב־אייראָפּעאישע יידן (מיט אויסנאַמען) — זיי־
נען ניט געווען קיין נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, נאָר — רעליגיעזע. די „דזשו־
איש גילד", ווו עס האָט געהערשט אַ רעליגיעזער גייסט, איז געווען אַן אינסטי־
טוציע, ווו די מערב־אייראָפּעאישע יידישע יונגעלייט און מיידלעך — די יידי־
שע יוגנט פון משה־רבינו'ס גלויבן — פלעגן זיך פאַרברענגען אין טאַנצן און
פאַרוויילונגען, ווי אַ מיטל צו פאַרהיטן זיך פון געמישטע חתונות. די „דזשו־
איש גילד" פלעגט זיין געשלאָסן שבת און יידישע יום־טובים.

דעם 30־טן אָקטאָבער 1898, האָט זיך דאָ געגרינדעט אַ „יידישע יוגנטלע־
כע בריגאַדע" "Jewish Lads Brigade", וועלכע האָט עקסיסטירט ביז דער
בוריש־ענגלישער מלחמה, און איז געווען פאַר יוגנטלעכע אין עלטער פון
12—17 יאָר. (נאָך דער מלחמה, 3—1902, האָט זי ווידער אויפגעלעבט, אָבער
נאָר פאַר אַן ערך 5 חדשים). געהאָלפן גרינדן די „בריגאַדע" האָט דער דאַן
באַוווסטער יידישער ספּאָרטסמאַן, בען לאַזארוס. דאָס איז געווען אַ רע־
ליגיעזע ספּאָרט־געזעלשאַפט, וואָס פלעגט אויך מאַכן מיליטערישע איבונגען.
די ווייס־בלאָע פאָן מיט אַ מגן־דוד איז געווען זייער עמבלעם. די גייסטיקע
פירערס פון דער „בריגאַדע" זיינען געווען די דריי רעווערענדס: הערץ,
אייזעקס און וואַסערצוג. אינטערעסאַנט איז, אז אַט די „יידישע
יוגנט־בריגאַדע" איז, דעם 26־טן יולי 1899, געבראַכט געוואָרן אין פּרעטאָריע
פאַרן פּרעזידענט קרוגער צו ווייזן זייערע מיליטערישע און ספּאָרט־אי־
בונגען. ווען דער פּרעזידענט האָט זיי געזען נאָר מיט דער ווייס־בלאָער פאָן
מיטן מגן־דוד (ער האָט ניט געוווסט דעם באַדייט פון דער פאָן) און אָן דער
פיר־קאָליריקער פאָן פון דער רעפּובליק, האָט ער זיי צוריקגעשיקט. ווען זיי
זיינען צוריקגעקומען מיט ביידע פאָנעס, האָט ער זיי אויפגענומען און צוגע־
קוקט זיך צו זייערע איבונגען. די „יידישע יוגנטלעכע בריגאַדע" איז דאָ גע־
גרינדעט געוואָרן לויטן נוסח פון אַן ענלעכער אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד מיט
דעם זעלבן נאָמען, וועלכע עס האָבן דאָרט געגרינדעט די סינאַגאָגעס. „די
יידישע יוגנטלעכע בריגאַדע" אין ענגלאַנד, און במילא אויך דאָ, איז געווען
לויטן נוסח פון דער קריסטלעכער "Church Lads Brigade" אין ענגלאַנד.

* * *

אין 1897 האָט אין יאָהאַנעסבורג פּראַקטיצירט אַלס מעדיקער ישראל
זאַנגוויל'ס קוזין, דער שפּעטער באַוווסטער ציוניסטישער פירער דר.
עדער. אין אַ בריוו צו זאַנגווילן שרייבט דר. עדער: „איך געפין

זיך איצט אין אַ שטאָט, ווו עס קומט פאָר דער גרעסטער פּראָצענט אין דער וועלט פון מאַכן געלט". דערויף האָט אים זאַנגוויל געענטפערט: „ווער רייך און קום אַהיים", און האָט צוגעגעבן פאָלגנדיקע באַמערקונג: „איבער די יידן פון ד. אפריקע האָב איך זיך שוין מיאש געווען, אז זיי זאָלן זיין אַ גייסטי־קער פאַקטאָר פאַר דער צוקונפט פון יידישן לעבן".

קלובן

געוויסע קרייזן צווישן די ענגלישע און דייטשישע יידן האָבן געהאַלטן פאַר זייער „נאָבעלן" פליכט, אזוי צו זאָגן, „אויסצומענטשלען" די „ווילדע", „קולטורלאָזע" און „אומדיסציפּלינירטע" רוסישע יידן, וועלכע האָבן ניט גע־קאָנט קיין ענגליש. מען האָט געשאַפן קורסן צו לערנען זיי ענגליש.

עטלעכע ענגלישע יידן, וועלכע האָבן געהאַט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש און פריינדשאַפטלעך געפיל צו די רוסישע יידן, האָבן געשאַפן דעם „יידישן אַרבעטער און פריינדשאַפט פאַרבאַנד" “Jewish Working Mens Club and Friendly Association” אין „באַלמאָראַל טשעימבערס" (אין קאָמישיאָנער־גאַס). די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן סוף 1898־טן יאָר און האָט עק־סיסטירט ביז דעם בוריש־ענגלישן קריג. די פּירערס זיינען געווען ענגלישע יידן. אָבער די מיטגלידערשאַפט, וואָס האָט געציילט אַן ערך דריי־פיר הונ־דערט, איז באַשטאַנען, הויפּטזאַכלעך, פון רוסיש־יידישע אַרבעט־מענטשן. מען האָט זיי דאָרט געלערנט לייענען און שרייבן ענגליש.

מאַנכע פון זיי, רוסישע יידן, זיינען געקומען פון ענגלאַנד אין די יאָרן 1897/8/9, און זיינען געווען גרויסע אָנהענגערס פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן און אַנאַרכיסטישן געדאַנק. זיי זיינען געווען שטאַרק קעגן דעם, וואָס עס האָבן גענומען אריינקומען ניט־אַרבעטער אין קאָמיטעט.

ביים קלוב איז געווען אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל. אין ביבליאָטעק זיינען געווען ענגלישע און יידישע ביכער. אין לייען־זאַל זיינען געווען יידישע און ענגלישע צייטונגען און זשורנאַלן. אין גרויסן זאַל פלעגן פאָרקומען לעק־ציעס און דעבאַטן. אָפט זיינען פאָרגעקומען גאַנץ היציקע דעבאַטן, ספּעציעל, ווען מען פלעגט דיסקוסירן רעליגיעזע אָדער פּאָליטישע פראַגעס.

דער דרייפוס־משפט האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין די דיסקוסיעס. אָנפאַנג סעפּטעמבער 1899, האָט מען געשיקט אַ מיטגעפיל־טעלעגראַמע צו מאַדאַם דרייפוס. בערך אין דער זעלבער צייט האָבן עקסיסטירט נאָך צוויי קלובן. איינער האָט געהייסן „געזעלשאַפטלעכער קלוב" (Social Club), וואָס עס האָבן געגרינדעט רוסישע יידן. דער קלוב האָט געהאַט אַ מיטגלידער־שאַפט פון צוויי־דריי־הונדערט. חוץ דעם, וואָס עס איז געווען אַ טרעף־פּלאַץ פאַר יונגע מענטשן, ווו מען פלעגט פאַרברענגען די אָוונטן און די ניט־אַרבעט־טעג, און ווו מען פלעגט זיך טיילן מיט טאָג־טעגלעכע געשעענישן און דערינערונגען פון דער אַלטער היים — איז אין קלוב געווען אַ לייען־זאַל, ווו עס פלעגן געלייגט ווערן פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן. אויך איז

געווען אַ ביבליאָטעק פון יידישע ביכער. אין זאַל פון קלוב פלעגן פון צייט־צו־צייט פאָרקומען רעפעראַטן און דעבאַטן. דער הויפט־רעפערענט איז געווען דער אויפזעער פון קלוב (Caretaker). ער איז געווען אַ רוסישער ייד מיט מאָדערנער קולטור. גערעדט האָט ער אויף היסטאָרישע און ביבלישע טעמעס. אין לייען־זאַל פלעגט מען שפּילן דאַמקעס, דאָמינאָס, שאַך און אויך אַ זעקס־און־זעכציק און אַ טערטל־מערטל.

עס איז אויך געווען אַ פאַרווייַלונג־קלוב (אין מאַרקעט־גאַס, פערעירא). יונגע יידישע חברה פלעגן זיך דאָרט צוזאַמענקומען טאַנצן, צו קאָנצערטן און, ווען־ניט־ווען, פלעגט אימעצער האַלטן אַ רעפעראַט. אָבער די הויפט־זאַך איז געווען טאַנצן. אַזוי ווי עס זיינען געווען גאָר ווייניק יידישע מיידלעך דאַן, פלעגן זיין אַ סך יידישע בחורים אָרום יעדן מיידל.

דעם 24־טן מיי 1903 האָט זיך געגרינדעט אַ יידישער געזעלשאַפטלעכער קלוב מיטן נאָמען "Rand Jewish Social Club" פאַר דער אינטעליגענטערער ענגליש־יידישער יוגנט. פאַר זיי פלעגן האַלטן רעפעראַטן רבי ד״ר הערץ, רבי ד״ר לאַנדאַו און אַנדערע.

אין פעברואַר 1904 האָבן זיי זיך אַריבערגעקליבן אין אַ גרעסערן לאָקאַל אין „ראָיאַל אַרקייד״. זיי האָבן געהאַט אַ ביבליאָטעק און אַ סך פאַרשידענע צייטונגען. זיי פלעגן איינאָרדענען פאַרווייַלונגען. טענץ פלעגן ביי זיי זיין זייער פּאָפּולער. מען פלעגט דאָרטן אויך שפּילן אין קאָרטן.

זייער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פּראָמינענטע ענגלישע יידן. דער יידישער געזעלשאַפטלעכער קלוב האָט עקסיסטירט גענויע צוויי יאָר.

חוץ די קלובן פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען ביי די יידישע בוכהענדלערס, ווו מען פלעגט קריגן „די לעצטע נייס״, קויפן, אָדער לייענען דאָרט גופא צייטונגען, און נעמען ביכער צום לייענען.

עס האָבן זיך געעפנט אַ ריי יידישע בוכהאַנדלונגען, ווו מען פלעגט פאַרקויפן ספרים, יידישע און העברעאישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער.

עס זיינען געווען דאַן קאָוואַרסקי׳ס, יאַפּע׳ס, (ביידע אויף קאָמיסיאָנער־גאַס) און טרויב׳ס (אין קאָרט־גאַס לעבן „גייעטי״־טעאַטער) בוכהאַנדלונגען. יאַפּע און טרויב זיינען געווען „באַלעזענע״ און „אויפגעקלערטע״ מענטשן. יאַפּע איז געווען באַקאַנט אַלס אַ גוטער רעדנער און אַן אַפּיקורס. סיי יאַפּע און סיי טרויב האָבן אַנטייל גענומען אין דעמאָלטיקן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן.

די בוכהאַנדלונגען האָבן געהאַט יידישע און העברעאישע צייטונגען און ביכער צו פאַרקויפן און אויסצולייען. זיי פלעגן פאַרקויפן מזוזות, תפילין, טליתים און סידורים פלעגן זיי פאַרקויפן זייער ווייניק, ווייל כמעט אַלע האָבן דאָס נאָך געהאַט פון דער היים.

עס זיינען דאַן געווען צוויי הויפט־קאַפעען. סעגל׳ס „קעפי״ (קאָמיסיאָנער־ און וועסט־גאַס), ווו די יוגנט פלעגט זיך צוזאַמענקומען טרינקען טיי, קאַווע און קאַלטע געטראַנקען, און טרעפן זיך מיט לאַנדסלייט און פריינד. דאָ פלעגט מען אויך קריגן יידישע צייטונגען און מען פלעגט שמועסן. די

צווייטע איז געווען גאָלדבערג׳ס „קעפי״ (אין מאַרקעט־גאַס). דאָ האָט מען געקענט „אָפּעסן״. אָבער דאָ זיינען די קונדן געווען הויפּטזאַכלעך „קעב־דרייווערס״. עס איז אויך געווען פּאָפּולער מינסקער קאַפע אין קאָמיסיאָנער־גאַס.

אין 1895 איז אין קאָמיסיאָנער־גאַס געווען „פּלונגיאַנער אכסניה״. דאָרט פלעגן זיך טרעפן ניט נאָר די „גרינע״, נאָר אַ סך ליטווישע יידן. די אכסניה איז געוואָרן באַוווסט ווי „די קליינע בערזע״.

חוץ די שוין דערמאָנטע יאַפּע און טרויב זיינען צווישן די ווייניק קולטור־ און געזעלשאַפטלעכע טוערס אויף דער ייִדיש־רײדנדיקער גאַס געווען: גרשוני, ווערניקאָוו (אַפּטייקער) און געלאַראַוו (געווען פריער אין אַמעריקע). עס זיינען אויך געווען אַנדערע. דאָס רוב פון זיי האָבן דאָ געלעבט ניט לאַנג. זיי זיינען אַוועקגעפאָרן קיין צפון־אַמעריקע.

אַגב זיינען דאַן אויך געווען צווישן די רוסישע יידן אַ היפשע צאָל אַנאַלפאַבעטן.

אָרדענס

צווישן די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס די היגע יידן האָבן קאָפּירט פון דעם יידישן לעבן אין ענגלאַנד, זיינען געווען „לאָדזשעס״ פון פריי־מאַסאָנען און „אָרדענס״.

איינער פון די „אָרדענס״ איז געווען "Hebrew Order of Druids". זייער ווייניק מיטגלידער איז געווען באַקאַנט, אַז "Druids" (H.O.D.), וואָס מענס נאָמען די אָרגאַניזאַציע האָט געטראָגן, זיינען מיט הונדערטער יאָרן צוריק געווען (אין ענגלאַנד און אין אַ טייל פון פראַנקרייך) גלחים פון אַ געצנדינערישער געהיימער סעקטע.

די "H.O.D." איז דאָ געגרינדעט געוואָרן אין 1904, ווי אַ ברידערלעכער פילאַנטראָפּישער יידישער „אָרדען״. מיט אַן ערך 15 יאָר שפּעטער, האָט די "H.O.D." געביטן דעם נאָמען אויף "Hebrew Order of David" (H.O.D.).

די "H.O.D." האָט אַ גמילות־חסד־קאַסע, וואָס גיט אירע מיטגלידערס אַנפּראָצענטיקע הלוואות און מען העלפט מיטגלידער — ווי זיי רופן זיך „ברידער״ — אין אַן עת צרה.

אין די ערשטע יאָרן האָט די "H.O.D." געהאַט אָפּטיילונגען אין יאָהאַנעסבורג, דזשערמיסטאָן, קרוגערסדאָרפּ און בענאָני. איצט האָבן זיי 22 אָפּטיילונגען מיט אַן ערך 3000 מיטגלידערס. זיי האָבן פּאַר זייערע מיטגלידערס געשלאָסענע צערעמאָניעס און אוניפאָרמען. פרויען ווערן ניט אָנגענומען פאַר מיטגלידער.

אין "H.O.D." זיינען געווען פאַרטראָטן אַ סך רוסישע יידן. אָבער די שפּראַך פון "H.O.D." איז געווען נאָר ענגליש.

די "H.O.D." האָט געשפּילט אַ ווירדיקע ראָל נאָכן 1־טן וועלט־קריג, בעת דער טעטיקייט פון דעם ערשטן „רעליף־פאָנד״־אַפּיל.

בכלל געגומען שפּילט אָבער די ,,H.O.D.'' אַ גאָר קנאַפּע ראָל אין געזעל־שאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן דאָ אין לאַנד.

יידיש טעאַטער

יידן אין יענע יאָרן האָבן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין פאַרשפּרייטן מוזיק. דייוויד פּוט, צ.ב., האָט אין דעם פּרט זייער פיל בייגעטראָגן. יידן האָבן אויך אָרגאַניזירט אַמאַטאָרישע דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען.

אין 1895 האָט מען צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אין יאָהאַנעסבורג אַ יידישע פאָרשטעלונג. די ערשטע יידישע דראַמאַטישע געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן אין מערץ 1896, דורך איינעם שמואל. אַלע אַנטיילנעמערס זיינען געווען אַמאַטאָרן. דעם 27־טן אַפּריל 1896, האָט די דאָזיקע דראַמאַטישע געזעלשאַפט אויפגעפירט, אין זאַל פון „באַלטישן הויז" אויפן ווינקל פאָקס־און סמאָל־גאַסן, די אָפּערע „בר־כוכבא". (די „סטאַר" האָט געשריבן וועגן דעם אַ גינסטיקע רעצענזיע). אָט די דראַמאַטישע געזעלשאַפט האָט אין זעלבן זאַל אין מיי דורכגעפירט אַן „אַמוזירנדע קאָמעדיע" — „די דריי יתומים פון לאָדז".

מען רעכנט, אַז די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע יידישע טרופּע אין יאָהאַנעסבורג איז געווען „די אָריענטאַלע אָפּערע־קאָמפּאַניע פון ניו־יאָרק" (''Oriental Opera Co. of New York'').

די טרופּע האָט געשפּילט אָנהייב 1897 „יהודה המכבי". געשפּילט האָט מען ביי איבערפולטע זאַלן. די אָפּערע איז אויפגעפירט געוואָרן אונטער דער לייטונג פון מ. זילבערמאַן. מען האָט אויפגעפירט אויך אַנדערע פּיעסעס פון גאָלדפאַדען: „שולמית", „די צוויי קוני לעמעלס" א.א.וו.

לעוויטאַן און לעווי האָבן, אין 1897, ספּעציעל געבויט אַ בנין פאַר אַ יידישן טעאַטער — דער דעמאָלטיקער, און אויך פאַר אַ לאַנגע צייט שפּעטער באַוווסטער „גייעטי"־טעאַטער אין קאָרט־גאַס.

אין יולי 1896, איז געווען אַן אַנאָנס אין דער היגער טעגלעכער צייטונג „סטאַר", אַז מען פאַרקויפט בילעטן פאַר אַ יידישער דראַמאַטישער פאָרשטעלונג. בילעטן קען מען קריגן אין דער „יידישער ביבליאָטעק". דער אַנאָנס האָט אימפּאָנירט דעם רעדאַקטאָר. האָט ער געשיקט אַ רעפּאָרטער אויסצוגעפינען מער פּרטים. און אָט, וואָס דער רעפּאָרטער האָט געשריבן: „עס איז דאָ ניט איין ביבליאָטעק, נאָר עטלעכע, אין פאַרשיידענע ערטער. אין איין ביבליאָטעק זיינען געווען 200 ביכער — רעליגיעזע, היסטאָרישע און נאָוועלן (ראָמאַנען). אין דעם אָרט זיינען געווען מערסטנס רעליגיעזע ספרים, וועלכע מען פלעגט אויסלייען ימים־נוראים פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל. אין אַן אַנדער פּלאַץ זיינען געווען 400 ביכער — ראָמאַנען, געשיכטע, אַלגעמיינע ליטעראַטור און רעליגיעזע ספרים. די רעליגיעזע ספרים זיינען געווען נאָר צו פאַרקויפן. עס איז דאָרט אויך געווען אַ מין לייענזאַל. עס איז אויך געווען אַ בוך־האַנדלונג, וואָס האָט פאַרמעגט אַן ערך 2000 ביכער. די העברעאישע ביכער זיינען גע־

וועז רעליגיעזע ספרים. אָבער די איבעריקע זיינען געווען אין זשאַרגאָן — אַ „טאַאַל"[6]) מיט הברעאישע בוכשטאַבן. חוץ ביכער פאַרקויפט דער בוכהענד־לער אויך צייטונגען".

אינטערעסאַנט איז, וואָס דעם בוכהענדלערס געהילף האָט געמיינט, זעענ־דיק דעם „סטאַר"־רעפּאָרטער, אז די „סטאַר" האָט בדעה צו דערשיינען אויך אין יידיש. האָט ער אָנגעבאָטן דעם רעפּאָרטער זיין מיטהילף.

צוזאַמען מיטן צופלוס פון אימיגראַנטן איז גלייך נאָך דער מלחמה גע־קומען אַ יידישע טרופּע אין באַשטאַנד פון וואַקסמאַן מיט זיין פרוי און וואַלערשטיין מיט זיין פרוי, וועלכע האָבן זיך שפּעטער צעטיילט אין צוויי טרופּעס. וואַקסמאַן, זיין פרוי און טרופּע האָבן געשפּילט יידיש טעאַטער אין „גייעטי" כמעט אַ יאָר צייט א.ג. „וואַקסמאַנס יידישע אַמעריקאַנער קינסט־לער־טעאַטער־געזעלשאַפט".

אזוי ווי דער „הכוכב" איז דערשינען אין יוני 1903, און ס'איז ניטאָ קיין רעקאָרד פון זייער רעפּערטואַר ביז דאַן, וועלן מיר בלויז דערמאָנען דאָס, וואָס איז פאַרצייכנט אין „הכוכב": דעם 28־טן יוני 1903 — „שלמה המלך"; יולי דעם 12־טן — „יוסף מיט זיינע ברידער"; יולי דעם 19־טן — „כל נדרי"; דעם 26־טן — „מנחם בן ישראל" אָדער „עלילת דם"; דעם 23־טן אויגוסט — „דינה" אָדער „אַ גאַסט פון יענער וועלט"; דעם 28־טן און 29־טן — „קאַ־פּיטאַן דרייפוס"; דעם 31־טן — „שולמית" אָדער „די טאָכטער פון ירושלים"; דעם 6־טן סעפּטעמבער — „דער יידישער גלח" פון י. גאָרדין; דעם 13־טן — „בן יעקב" אָדער „גלות שפּאַניע" פון יאָזעף לאַטיינער; דעם 20־טן — אברהם גאָלדפאַדענס „די צוויי קוני לעמלס"; דעם 4־טן אָקטאָבער — „שאול המלך" אָדער „דוד בן־ישי"; דעם 8־טן — „עשרת הדברות" אָדער „דער לעצטער קרבן"; דעם 11־טן — „יהודה אברבנאל"; דעם 24־טן — „בר כוכבא" אָדער „ציונס לעצטע שטונדע"; דעם 1־טן נאָוועמבער — „די פאַרבלאָנדזשעטע נשמה"; זונטאָג דעם 22־טן נאָוועמבער — אַן ערן־בענעפיס פאַר פּעני וואַקסמאַן און ה' וועלער: 1־טער אַקט פון „אוריאל אַקאָסטאַ", 1־טער אַקט פון „חיים אין אמעריקע", 2־טער אַקט פון „די גרינהאָרנס" און 1־טער אַקט פון „שולמית".

אין „הכוכב" פון 25/9/1903 איז דאָ זייער אַ פריינדלעכע קריטיק איבער א. גאָלדפאַדענס „די צוויי קוני לעמלס".

עס ווערט דאָרט אויך געזאָגט, אז „מיט אייניקע יאָר צוריק איז עס געווען אַ שאַנדע צו גיין אין יאָהאַנעסבורגער יידישן טעאַטער מיט אַן אָנשטענדיקע דאַמע, צוליב די אומפאַרשעמטע אויסגעלאַסענע „גלייך־ווערטלעך" וואָס די שוישפּילער פלעגן זיך ערלויבן. אין געזיכט פון אַן אָנשטענדיקע דאַמע פלעגן זיך בייטן די פאַרבן הערנדיק דאָס".

דערויף האָט מ. ד. וואַקסמאַן געענטפערט (9/10/1903), אז „פוילע

---

[6]) „טאַאַל" אין יענער צייט האָט געמיינט אין אַפריקאַאַנס זשאַרגאָן.

וויטצן זאָגן נאָר פּאַיאַצן, אָבער ניט קיין שווישפּילער. (איך מיין ריכטיקע אַר־טיסטן, זאָ ווי מיר זיינען).

אגב ווערט געזאָגט אין דעם בריוו, אז זיין טרופּע שפּילט שוין אין יאָהאַ־נעסבורג 10 חדשים.

אין „הכוכב" פון 15־טן יאַנואַר 1904 ווערט געמאָלדן, אז „מיר זיינען אין די אָנגענעמע לאַגע מיטצוטיילן דאָס וואַלערשטיין היברו אָריענטאַלע קאָמפּאַניע קומט נאָך יאָהאַנעסבורג מיט אַ פּערסאָנאַל פון אויסגעצייכנטע אַר־טיסטן, גרויסער כאָר, פולן אָרקעסטער, א.א.וו. דער טעאַטער־סעזאָן עפנט זיך דעם 7־טן פעברואר אין „היס מעדזשיסטיס"־טעאַטער, דער שענסטער טעאַטער אין יאָהאַנעסבורג. די קאָמפּאַניע עפנט דעם סעזאָן מיט „מעדעא" — „די פּרינצעסין פון קאלרויס"; דעם 14־טן „די גרעפין אַלס בעטלערין" און דעם 21־טן פעברואר — „הורדוס המלך" אָדער „מרים החשמונאית" פון דר. זייפערט". עס ווערט געזאָגט: „עס איז שוין צייט, אַז יאָהאַנעסבורגער יידן זאָלן האָבן אַ ריכטיקן יידישן טעאַטער".

גלייכצייטיק האָט וואַקסמאַנס טרופּע (אָן אים, אָבער מיט זיין פּרוי) געמאָלדן, אז זיי האָבן אָפּגעדונגען דעם „גייעטי"־טעאַטער אויף 6 חדשים, און „אז די טרופּע באַשטייט פון 18 אַרטיסטן פון אַמעריקע און אייראָפּע. מען וועט אָנפאַנגען מיט „אחשורוש" אָדער „קעניגין אסתר" פון אברהם גאָלדפאַ־דען; און אז דעם 31־טן יאַנואַר הייבט מען אָן שפּילן גאָלדפאַדענס „שולמית".

אזוי ארום האָבן אין אָנהויב 1904 געשפּילט 2 יידישע טעאַטערס. זונטאָג, דעם 28־טן פעברואר 1904, האָט געשפּילט אין „היס־מעדזשעסטיס" וואַ־לערשטיינס אָריענטאַל־אָפּערע־קאָמפּאַניע „אשה רעה" אָדער „די נבואה פון שלמה המלך" פון יאָזעף לאַטיינער. אין דעם זעלבן אָוונט האָט געשפּילט וואַקסמאַנס טעאַטער־טרופּע אין „גייעטי" — „אחשורוש" אָדער „אסתר המלכה". אינטערעסאַנט איז, וואָס דעם 26־טן פעברואַר 1904, איז געווען אין „הכוכב" אַ רעצענזיע, וועלכע האָט שאַרף קריטיקירט וואַקסמאַנס טרו־פּע. די רעצענזיע האָט אונטערשטראָכן, אז אַ טייל פון דער טרופּע זיינען שלעכטע אַקטיאָרן, און אַ טייל זיינען בכלל ניט קיין אַקטיאָרן. דער רעצענ־זענט האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס זיי שפּילן שונד און צוגעגעבן דער־ביי: „איך בין זיכער, אז מר. וואַקסמאַן וואָלט געווען אין יאָהאַנעסבורג, וואָלט ער זיכער ניט דערלויבט אַזעלכע לייטע צו שפּילן אין זיין נאָמען".

אין „דער אידישער אַדוואָקאַט" (קייפּטאָון) פון 9־טן יוני 1905 איז דאָ אַ רעצענזיע וועגן „דער ישיבה בחור" אָדער „דער אידישער האַמלעט", וואָס עס האָט אויפגעפירט וואַלערשטיינס טרופּע, דעם 28־טן מיי 1905 אין „גייעטי"־טעאַטער, יאָהאַנעסבורג:

„דער פאַרפאַסער פון „ישיבה בחור" האָט זיך אזוי ווייט דערלויבט איבער־צוניצעווען דעם רייכען אידעאַלן האַמלעט און אים איבערגעוואַלד אריינשטאָפּן אין „ישיבה־בחור" מיט אַ חסידישן רבין און צו פּלוידערן מיט פּוסטע פאַנטאַ־זיעס, וועלכע גיבט דעם גאַנצן שטיק אַ טעם פון צימעס מיט הערינג".

„אונדזער גרויסער עקטער מר. סטאַר. זיינע וויטצען מיט דער מימיק האָט געפּאַסט פּאַר אַ פּורים־שפּיל אין אַ פּריוואַטע הויז". וועגן פּיטצע דעם שמש מר. מאַגידזאָן ווערט געזאָגט: „ער האָט געגראָבן דעם קבר ווי אַ געניטער צו דער אַרבעט, נאָר אין פּעלער האָט ער געמאַכט ביים ארויסקריכן פון קבר".

וואַקסמאַנס טרופּע האָט געשפּילט אין יאָהאַנעסבורג ביז פּעבּרואַר 1906. דערנאָך האָבן זיי געשפּילט אין קייפּטאַון[7].

„די יודישע פּאָהן" (26/8/1909) האָט געמאָלדן, אז דעם 17־טן סעפּטעמבער 1909, וועט די „וואַלערשטיין אָפּערעטיק און דראַמאַטיק קאָמפּאַניע" עפענען דעם טעאַטער־סעזאָן אין „גייעטי"־טעאַטער „אַלס אַ שטענדיקער יידישער טעאַטער".

צו דער טרופּע האָט געהערט סעמועל גאָלדינבורג, דער שפּעטער אַנערקענטער אַרטיסט. אויך היגע כוחות האָבן אַנטייל גענומען: דאָראַ נייטן און די גוט־באַקאַנטע אַרטיסטן ה. הערש און סעראַ סילוויאַ. געעפנט דעם טעאַטער האָט מען מיט „בר־כוכבא" און מען האָט געשפּילט די פאָלגנדיקע פּיעסעס:

„דודס פידעלע"; „אַנאַ קאַרענינאַ"; „דער רעגענט"; „דער ישיבה בחור"; „די יודישע זאזא"; „די אייזערנע פּרוי"; „קדוש השם"; „בלימעלע" אָדער „די פּערל פון וואַרשע"; „קרייצער סאנאטא"; „דער יידישער גלח"; „דאָס אמתע גליק"; „די גאָלדענע מדינה"; „די גרינהאָרנס"; „אחשורוש"; „שרה די היטלמאַכערין"; „די ווילדע חנה" אָדער „מישקע און מאַשקע"; „גבריאל"; „די שטימע פון קבר"; „הערצעלע מיוחס"; „דער רוסישער יוד אין אַמעריקע"; „דער תלמיד חכם"; „גאָט, מענטש און טייוול"; טאָלסטאָיס „תחית המתים"; „דאָס יידישע האַרץ"; „קאַפּיטאַן דרייפוס"; „דאָס עוויגע ליד"; „שמענדריק"; „דבורהלע מיוחסת"; „די גאַסן קינדער"; „שבת קודש"; „בן הדור"; „אוריאל אקאָסטאַ"; „דער וויצע־קעניג"; „דער גר צדק"; „מירעלע אפרת"; „גבור החייל"; „דער אומבאַקאַנטער"; „יוסף און זיינע ברידער"; „מעדעא"; „דער יודישער גלויבן"; „די משוגענע ליבע"; „אסתר פון עינגעדו"; די אָפּערעטע „המן דער 2־טער"; „די פאַרפאָלגונגען אין פּאָרטוגאַל"; „דער העלד פון ירושלים"; „די געשמדטע"; „דער יידישער קעניג ליר"; „די צוויי וועלטן"; „חיים אין אַמעריקע"; „רב אַבעלע אשכנזי"; „דער יידישער האַמלעט"; „רחל די יידישקע"; „די צוויי יתומים"; „דבורה"; „די שחיטה"; „מיין ווייבס פריינד"; „די שיינע מרים"; „משיחס צייטן"; „שאפּפא" (י. גאָרדין); „סערקעלע"; „חנהלע די פינעשערין"; „די גרעפין אַלס בעטלערין"; „יהודה און ישראל"; „מאָטיע מלך דער סטאָליער"; „רחל דגל מחנה יהודה".

---

[7]) אין "S.A. Jewish Chronicle" פון 9/3/1906 ווערט געזאָגט: „מ. ד. וואַקסמאַן מיט דער טרופּע זיינען סוף פעברואַר 1906, אָנגעקומען אין קייפּטאַון נאָך דערפאָלגרייכע טעאַטער־שפּילן אין יאָהאַנעסבורג".

דעם 3־טן מיי 1907, האָט מען געשפּילט „דער ד. אַפריקאַנער יודישער וואָלונטיר", אַ פּיעסע וועגן ייִדישן לעבן אין דער בוריש־ענגלישער מלחמה, פון אַ היגן מחבר א. ל. יאַפּע („יאַפּע דער קעב־דרייווער"). די זעלבע פּיע־סע האָט מען באַאַרבעט און איבערזעצט, און עס געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע אונטערן נאָמען „ליבע אין אַפריקע".

שבת אָוונט, דעם 5־טן יאַנואַר 1910, האָט מען געשפּילט אין ייִדיש דר. לאַנדאַוס דראַמע „הורדוס"[8].

אין „די יודישע פּאָהן", דאַטירט 11/11/1909 איז דאָ אַ בריוו, אין וועלכן מען קריטיקירט שטאַרק פּאַרוואָס מען ענדיקט ייִדיש טעאַטער 12 ביינאַכט.

סוף אָקטאָבער 1909, האָט מען ס. וואַלערשטיינען אָנגעקלאָגט אין געריכט פאַרן שפּילן טעאַטער זונטאָג. כאָטש ער איז באַשטראָפט געוואָרן נאָר מיט איין פונט, איז דאָס אָבער געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַרן ייִדישן טעאַטער, ווייל זונטאָג־אָוונט פלעגט דאָס ייִדישע טעאַטער זיין זייער גוט באַזוכט. אינ־טערעסאַנט איז, וואָס ס. וואַלערשטיין האָט אין זיין עדות זאָגן אָנגעגעבן, אז ווען ער וואָלט געוווסט, אז מען וועט דאָ ניט לאָזן שפּילן זונטאָג, וואָלט ער מיט דער טרופּע ניט געקומען קיין דרום־אַפריקע. דעם פאַרבאָט צו שפּילן טעאַטער זונטאָג האָט מען אַריבערגעקוקט מיט דעם, וואָס מען פלעגט געבן אָפּערעטע־פאָרשטעלונגען מיט געזאַנג־נומערן אין דער פאָרעם פון אַ קאָנ־צערט מיט אַ רעליגיעזער באַאַרבונג, און מען פלעגט עס אָנאָנסירן ווי אַ „גראַנד סאַקרעד קאָנצערט". מען פלעגט אָנאָנסירן: „אַ גראַנד „סאַקרעד" ("Sacred") קאָנצערט פון: „יוסף און זיינע ברידער"; פון „שלמה המלך"; פון „אוריאל אַקאָסטאַ"; פון „שבת קודש"; פון „אחשורוש" א.א.

מערקווערדיק איז, וואָס מען האָט געשפּילט במשך פון וואָכן־לאַנג כמעט יעדן אָוונט אַן אַנדער פּיעסע, און מיטוואָך און געוויסע שבתים בייטאָג און ביינאַכט — צוויי פאַרשיידענע פּיעסעס. דעריבער איז טאַקע די ראָל פון סופליאָר געווען זייער אַ וויכטיקע.

ביסלעכווייז האָט דאָס ייִדיש־טעאַטער אין יאָהאַנעסבורג אָנגעהייבן גיין באַרג אַראָפּ; און אין צווייטער העלפט פון 1910 האָט זיך דאָס ייִדישע טעאַטער געשלאָסן. אין „ד.א. דזשואיש קראָניקל" פון 10־טן סעפּטעמבער, שרייבט פּערסי קאָוען אַ נעקראָלאָג איבערן ייִדישן טעאַטער אין יאָהאַנעסבורג.

ער האָט געלויבט דאָס טעאַטער און האָט באַדויערט, וואָס ייִדן האָבן ניט געגעבן די גענוגנדיקע אונטערשטיצונג עס אויפצוהאַלטן. ער גיט אויך אָן אייניקע סיבות: אַ געוויסע צאָל ייִדן זיינען געוואָרן מער פאַרמעגלעך און זיי־נען געוואָרן „סנאָבס", ווילן זיי ניט גיין אין „גייעטי"־טעאַטער, וואָס געפינט זיך אין דער אָרעמער געגנט.

---

[8]) איבערזעצט אין ייִדיש פון העבראעיש דורך ד"ר לאַנדאַו גופא.

„באָארד אָוו דעפּיוטיס“

מיט דעם, וואָס טראַנסוואַל איז געוואָרן אַ טייל פון אַן ענגלישער קאָלאָניע, איז זי געוואָרן אַנגליזירט, און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געשפּילט אַ ראָל אין ענגלאַנד, האָבן זיך אויך דאָ גענומען באַווייזן. אַזוי איז אויך געווען ביי די יידן. אין אָנפאַנג 1903 האָט זיך אָנגעהייבן אַן אַגיטאַציע אין יאָהאַנעסבורג, אַז מען זאָל דאָ גרינדן אַ רעפּרעזענטאַנץ־קערפּערשאַפט — אַ „באָארד אָוו דעפּיוטיס“, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן פאַר דער רעגירונג די יידן פון טראַנס־וואַל און, אויב מיגלעך, אויך די אַנדערע פּראָווינצן. בראש פון דער באַוועגונג זיינען געווען רבי דר. הערץ און מאַקס לאַנגערמאַן.

די ציוניסטן, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ש. גאָלדרייך, זיינען געווען, מיט ווייניק אויסנאַמען, שטאַרק קעגן דעם, ווייל דאָס — האָבן זיי גע־רעכנט — וועט געבן אַ שווערן קלאַפּ דעם פּרעסטיזש, וועלכן זיי האָבן דער־וואָרבן, און זייער האָפענונג צו פאַרנעמען אַן אויבנאָן אין דעם יידישן לעבן אין יאָהאַנעסבורג. עטלעכע פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען גערופן געוואָרן דורך רבי דר. הערץ און מאַקס לאַנגערמאַן אויפצוקלערן דעם ענין פון גרינדן דאָ אזא אָרגאַניזאַציע, זיינען אויפגעריסן געוואָרן. די וויכטיקע פאַר־זאַמלונג אין דער יידישער רעגרונג־שול, דעם 5־טן אַפּריל 1903, האָט זיך געמוזט שליסן צוליבן גרויסן טומל פון די ציוניסטן. דער וויצע־פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, רבי דר. הערץ, האָט געוואָלט איבער־צייגן די ציוניסטן, אַז הגם ער אליין איז אַ גוטער ציוניסט, דאַרף מען דאָך אַנערקענען, אַז די ציוניסטישע פעדעראַציע רעפּרעזענטירט נאָר אַ קליינעם טייל פון די היגע יידן; און, אַז עס איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די יידן פאַר דער היגער רעגירונג. זיינע טענות האָבן ניט געהאָלפן. די פאַנאַטישע ציוניסטן האָבן בשום אופן ניט געוואָלט צולאָזן צו דער גרינדונג פון אַזאַ קערפּערשאַפט. אָבער טראָץ זייערע אַלע פּראָטעסטן, האָט מען גערופן אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג, דעם 28־טן יולי 1903, אויף וועלכער עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרינדונג פון „באָארד אָוו דעפּיוטיס“. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דעם דעמאָלט גרעסטן זאָל אין שטאָט, דער וואָנדערערס־זאַל, וווהין עס זיינען געקומען אַן ערך 2500 יידן צו דער גרעסטער יידישער פאַרזאַמלונג, וואָס איז ביז דאַן ווען ניט איז פאָרגעקומען. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט באַערט די גרינדונג־פאַרזאַמ־לונג מיט זיין בייזיין. דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען מאַקס לאַנגערמאַן. ער איז, אגב, אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן ערשטן פּרעזידענט פון „באָארד אָוו דעפּיוטיס“.

מאַקס לאַנגערמאַן האָט אין זיין רעדע אונטערשטראָכן די נויט־ווענדיקייט צו שאַפן אַן איינהייטלעכע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט פון היגן יידנטום. ער האָט געלויבט ענגלאַנד און איר פאָרשטייער, דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר לאָרד מילנער, פאַר דער גוטער באַציאונג צו די יידן, און

האָט שאַרף אַטאַקירט דאָס צאַרישע רוסלאַנד פאַר די פאַרפאָלגונגען און באַר־באַרישע פאָגראָמען אויף יידן.

אויף דער פאַרזאַמלונג האָט אַ קאָלאָסאַלן רושם געמאַכט די גלענצנדיקע רעדע פון רבי דר. הערץ. דאָס איז געווען אַ רעדע, וואָס האָט געפּאַסט פאַר אַ שטאַטסמאַן. אין זיין רעדע האָט רבי דר. הערץ אָפּגעוואָרפן די אַטאַקעס אויף יידן און פאַרטיידיקט זייער כבוד. ער האָט פעסטגעשטעלט, אז דער פאָרוווּרף קעגן יידן, אז זיי אַלע פאַרקויפן בראַנפן צו די אַפריקער, איז בפירוש אַ פאַלשער. ער האָט געזאָגט, אז ער האָט געמאַכט אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג צוזאַמען מיט דער פּאָליציי, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אז פון 1־טן יאַנואַר 1901 ביזן 27־טן יולי 1903, זיינען פון 800 באשולדיקטע אין פאַרקויפן בראַנפן צו אַפריקער, געווען צווישן זיי ניט מער, ווי 39 יידן ד.ה. אַן ערך 5 פּראָצענט. ער האָט אויך פעסטגעשטעלט, אז פון די 335 אייראָפּע־אישע אַרעסטאַנטן אין די טורמעס קען מען ימים־נוראים ניט מאַכן קיין מנין. רבי דר. הערץ האָט אין זיין רעדע באַרירט די אַנגעווייטאַגטע פראַגע וועגן יידיש און האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס יידיש ווערט ניט פאַררעכנט פאַר אַן אייראָפּעאישער שפּראַך ביים אַריינלאָזן יידישע אימיגראַנטן קיין דרום־אַפריקע. ער האָט געזאָגט: „יידיש ריידן אַכט מיליאָן מענטשן. קיין ווילדע שפּראַך איז זי דאָך ניט. זי האָט א גרויסאַרטיקע ליטעראַטור, שריפט־שטעלער, פּאָעטן, צייטונגען און וואָכנטלעכע זשורנאַלן. פון דעסטוועגן האָט מען געשאַפן אַ געזעץ, אז מען זאָל אריינלאָזן קיין דרום־אפריקע נאָר מענטשן, וועלכע קענען שרייבן און לייענען אַן אייראָפּעאישע שפּראַך — און יידיש האָט מען אויסגעשלאָסן. אימיגראַנטן, וועלכע לייענען און שרייבן יידיש, נעמט מען אריין צווישן די „ניט געוווּנטשענע בירגער". מען האָט פאָרגע־שלאָגן, אז רבי דר. הערץ זאָל איבערזאָגן זיין רעדע אין יידיש. דערויף האָט דער פאָרזיצער דערקלערט, אז די רעדע וועט זיין איבערגעגעבן אין יידיש אין דער יידישער צייטונג „הכוכב".

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט באַדויערט אין זיין רעדע, וואָס ער האָט ניט געהאַט היינט די געלעגנהייט צו הערן די רעדע פון דר. הערץ אין יידיש. ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אז ער וועט דעם פאַרגעניגן האָבן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. ער האָט פאַרזיכערט, אז די יידן אין דעם לאַנד וועלן ניט ליידן פון קיינע דיסקרימינאַציעס. ער האָט רעקאָמענדירט, אז די מזרח־אייראָפּעאישע יידן זאָלן זיך באַקאָנען מער מיט דער ענגלישער שפּראַך און קולטור.

אָבער די פּאַקטישע פירערשאַפט איז נאָך אַלץ, ווי פאַר דער מלחמה, געלעגן אין די הענט פון דער חברה־קדישא. א חוץ דעם מאָטאָ פון דער חברה־קדישא: „ברויט פאַר די לעבעדיקע און תכריכים פאַר די טויטע", האָט די חברה־קדישא רעאַגירט אויף פראַגן פון לאָקאַלן געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן.

דער „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס" האָט נאָך אין 1910 קיין גרויסע ראָל ניט גע־שפּילט. אגב האָט ער קיין פאָנדן ניט געהאַט אָנצופירן די באַגרענעצטע אַר־בעט, וואָס ער פלעגט יאָ טאָן. מען פלעגט שטאַרק פאָרוואַרפן דעם „באָאַרד",

פאַרוואָס ער טוט גאָרניט. מען האָט דעם „באָארד" באַטראַכט, ווי אַ נויטיקע רעזערוו־אָרגאַניזאַציע.

דאָס זייער וויכטיקע פּראָבלעם וועגן פאַלשע „טראַפן" איז אין 1910 געוואָרן זייער שאַרף. איבערהויפּט האָט עס שטאַרק אָנגעגריפן די מזרחדיקע יידן. די רוסישע יידן האָבן אויפגעהויבן אַ ויצעקו קעגן אָט דעם סקאַנדאַל, און געפאָדערט, אַז דער „באָארד" זאָל וואָס גיכער זיך משתדל זיין מען זאָל אָפּשאַפן די פאַלשע „טראַפן". אינטערעסאַנט איז, אַז מען האָט זיך געווענדעט צום „באָארד" און ניט צו דער חברה־קדישא.

אין 1910 איז געשאַפן געוואָרן אַן אַלגעמיינער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אויך געווען פאַרטראָטן יידן צו ווענדן זיך צו דער רעגירונג, אַז מען זאָל אָפּשאַפן די „טראַפן".

„פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם"

אין דער נאָכמלחמהדיקער אימיגראַציע פון מזרחדיקע יידן, ספּעציעל אין די יאָרן 1904/5, איז געווען אַ היפּשע צאָל סאָציאַליסטיש־געשטימטע יונגע מענטשן, באַלמעלאָכעס און אינטעליגענץ, וועלכע האָבן געהערט אין דער היים צו סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען. אין מיטן פון יאָר 1905 איז אַ גרופּע פון סאָציאַליסטן און סימפּאַטיקער פון דער רוסישער פרייהייט־באַוועגונג זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ הויז אין פּאַרדסבורג, און דאָרט האָט זיך געגרינדעט די געזעלשאַפט „פריינד פון פרייהייט פאַר רוסלאַנד" (“Friends of Russian Freedom”). דעם נאָמען האָט מען פאַרגעשלאָגן אַן אַפּטייקער, וועלכער איז גראָד דאַן ניט לאַנג צוריקגעקומען פון ענגלאַנד, ווו אזא געזעלשאַפט האָט עקסיסטירט. דאָס איז די סיבה, וואָס זי האָט געהאַט אַן ענגלישן נאָמען, כאָטש די שפּראַך, אין וועלכער מען האָט גערעדט און געפירט די אַקטיוויטעטן, איז געווען יידיש. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס „די פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם" האָט אָפיציעל ניט געהערט צו קיין ספּעציעלער סאָציאַליסטישער ריכטונג, האָט זיך געפילט אַ „בונדישע" אַטמאָספער, צוליב דעם, וואָס עטלעכע פון די אָנפירערס זיינען געווען בונדיסטן.

„פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם" האָבן געהאַט זייער לאָקאַל אין ריטש־מאָנד־האָטעל, אין קאָמיסיאָנער־גאַס, קעגנאיבער פאַלמערסטאָן־האָטעל — אין סאַמע יידישן צענטער. דער זאַל האָט אריינגענומען איבער 300 מענטשן. זי האָט געהאַט פון דריי ביז פיר הונדערט מיטגלידערס, אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל. עס פלעגן דאָרט אָפּט פאָרקומען לעקציעס, דעבאַטן, קאָנצערטן און אַנדערע פאַרוויילונג־אָוונטן. פון צייט־צו־צייט פלעגט מען דאָרט דורכפירן יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. סיי די ביבליאָטעק און דער לייען־זאַל, און סיי די לעקציעס און אונטערנעמונגען פלעגן זיין גוט באַזוכט. עס האָט זיך דאָרט געפילט אַן אַטמאָספער פון אַ שפּרודלדיקער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. אַ חוץ אַ סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, האָט זי אויך פאַרמעגט אייניקע יידישע פּראָגרעסיווע קולטור־טוערס.

אויפן וואַנט פון זאַל זיינען געהאַנגען בילדער פון קאַרל מאַרקס און

פון אַנדערע באַוווּסטע סאָציאַליסטישע פּערזענלעכקייטן. אַלע זונטאָג־פרי, ווען עס פלעגט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג, און אַלע אַרבעטער יום־טובים, פלעגט אויף ריטשמאָנד־האָטעל, איבער זייער זאַל, הענגען אַ רויטע פאָן. דעם ערשטן מיי פלעגט אָט די גרופּע מאַרשירן אין דער מיי־דעמאָנסטראַציע צוזאַמען מיט די מינערן־אַרבעטער. מיטגלידערס פון „פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם" פלעגן קומען צו ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען שטעלן פראַגן. אָפט פלעגן פאָרקומען אַזעלכע היציקע דעבאַטן און אַבסטרוקציעס, אַז די ציוניסטישע פאַרזאַמלונג פלעגט זיך מוזן שליסן, און ווען די ציוניסטן פלעגן זינגען „התקוה", פלעגן די אַנדערע זינגען די „מאַרסעליעזע".

צווישן זייערע קעגנערס איז געווען אַ קליינע גרופּע אַנאַרכיסטן.

די „פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם" האָבן קאָנצענטרירט זייער הויפּט־אַרבעט אויף קלייבן געלט צו העלפן די קעמפערס פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און, הויפּטזאַכלעך, צו העלפן די יידישע זעלבסט־שוץ־באַוועגונג. ווען די כוואַליעס פון פּאָגראָמען האָבן זיך פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד, האָבן די „פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם" אָרגאַניזירט גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס זיינען אַרויסגעטראָטן ניט נאָר זייערע פירערס, נאָר אויך נישט־יידן, ווי פירערס פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי און פירערס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען זייער שאַרף פּראָטעסטירט קעגן די רציחות פון דער צאַרישער רעגירונג.

איינער פון די גלענצענדסטע רעדנערס אויף די פאַרזאַמלונגען פלעגט זיין יאַפּע דער באַלעגאָלע („קעב־דרייווער"). חוץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון דער יידישער ליטעראַטור, איז ער געווען שטאַרק באַקאַוונט אין דער רוסישער, דייטשישער און ענגלישער ליטעראַטור. ער האָט, צום ביישפּיל, זייער גוט געקענט שעקספּירן. „האַמלעט" האָט ער געקאָנט אינגאַנצן אויף אויסווייניק. ווען מען פלעגט פאַרבייגיין לעבן „פּאַרק־סטיישן" (וואָקזאַל), פלעגט מען כמעט שטענדיק זען, ווי יאַפּע זיצט זיך אויף דער „דראָזשקע" און איז פאַרטיפט אין אַ בוך.

אין מיי 1907 האָט די אָרגאַניזאַציע אַראָפּגעבראַכט סערגעי ריגער (אברהם בראַין), אַ באַוווּסטע פּערזענלעכקייט פון „בונד". אזוי גרויס איז דאַן געווען דער אינטערעס אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז דער „היס מעדזשעסטיס"־טעאַטער, וווּ סערגעי ריגער איז דעם ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן, אַ זונטאָג נאָכמיטאָג, איז שוין געווען געפּאַקט אַ לאַנגע צייט נאָך איידער דער רעדנער האָט געדאַרפט אָנהויבן ריידן. גוואַלדיק־שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן האָבן אויסגעבראָכן איידער ער האָט אָנגעהייבן ריידן און ביים פאַרענדיקן זיין רעדע. אָנגעהייבן זיין רעדע האָט ער: „איך בין דער ערשטער שליח פון „בונד" געשיקט צו אייך, יידן אין דרום־אַפריקע". ער האָט גערעדט וועגן די פאַרפאָלגונגען אין צאַרישן רוסלאַנד און הויפּט־זאַכלעך, וועגן די פּאָגראָמען אויף יידן. געענדיקט זיין רעדע האָט ער מיט די ווערטער: „דער ציל פון מיין קומען אין ד. א. איז צו זאַמלען געלט פאַר דער איינציקער יידישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע אויף דער יידישער גאַס,

וואָס שטעלט אַ ווידערשטאַנד דער צאַרישער מאַכט". אלע זיינע רעדעס אין יאָהאַנעסבורג און אין די איבעריקע שטעט האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. אין דער צייט פון זיין אויפהאַלט אין דרום־אַפריקע, אַן ערך 6 חדשים, האָט ער אויך געגעבן אַ סעריע לעקציעס וועגן „בונד" און וועגן מאַרקסיזם. פאַר־העלטנישמעסיק גרויסע סומעס געלט האָט מען צונויפגעקליבן פארן „זעלבסט־שוץ" אויף די מאַסן־פאַרזאַמלונגען און אין דער צייט, ווען סערגעי ריי־גער איז דאָ געווען. דאָס געלט איז איבערגעשיקט געוואָרן צום צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין זשענעווע.

סערגעי ריגערס באַזוך אין דרום־אַפריקע האָט זייער אָפּגעשוואַכט די אָרגאַניזאַציע און דערנאָך געפירט איר צום אונטערגאַנג. סערגעי ריגער האָט געהאַט, חוץ דעם ציל פון זאַמלען געלט פארן „זעלבסטשוץ", אויך די אויפגאַבע צו גרינדן דאָ אַ „בונדישע" אָרגאַניזאַציע. די טענות פון די פירערס פון „פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם", אז דאָ איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ „בונדישער" אָרגאַניזאַציע, און אויב ער וועט שטאַרק זיך איינשטעלן דערפאַר, וועט ער נאָך די אָרגאַניזאַציע אומברענגען, — האָט ניט געהאָלפן. עס זיינען אַנטשטאַנען שאַרפע מיינונג־פאַרשידנהייטן און רייבונגען, אָבער סערגעי ריגער האָט זיך מיט קיינעמס מיינונג ניט גערעכנט. קיין „בונדישע" אָרגאַניזאַציע איז אים ניט געלונגען צו שאַפן.

נאָך זיין פאַרלאָזן דרום־אַפריקע איז געווען אַ שאַרפע צעשפּליטערונג אין די רייען פון „פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם". אגב, איז אינטערעסאַנט צו באַ־מערקן, אז אין יאָהאַנעסבורג האָט קיינמאָל ניט עקסיסטירט קיין „בונדישע" אָרגאַניזאַציע. עס זיינען געווען בלויז „בונדישע" קליינע גרופּעס.

אַ סך מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם" זיינען געווען ביי דער מיינונג, אז די אָרגאַניזאַציע קען ניט עקסיסטירן בלויז פאַר זאַמלען שטיצע פאַר רוסלאַנד. זי דאַרף זיך אויך אינטערעסירן מיט סאָ־ציאַליסטישער אַרבעט דאָ. מאַנכע האָבן געטענהט, אז מען דאַרף אָרגאַניזירן די צוריקגעשטאַנענע אַפריקער. דער ענטפער איז געווען, אז די אַפריקער זיינען ניט קיין סטאַבילער און שטענדיקער אַרבעטער־עלעמענט אין שטאָט. זיי קומען דאָ נאָר אויף אַ באַשטימטער צאָל חדשים אַרבעטן, און — דערנאָך פאָרן זיי צוריק אין זייערע היימען, צו זייער פּרימיטיוון לעבן.

די ענערגישע, רעוואָלוציאָנערע און אַקטיווע „פרענדס אָוו ראַשיען פרי־דאָם"[9] האָט נאָך כלומרשט געלעבט ביז 1909. די הויפּטזאַך, וואָס האָט זי אויפגעהאַלטן, איז געווען דאָס שיקן שטיצע פאַרן „זעלבסטשוץ".

זי האָט זיך געשלאָסן אין 1909. איר ביבליאָטעק איז איבערגעגאַנ־גען צו דעם „סאָציאַליסטישן ליטעראַרישן פאַראיין" אין דזשערמיסטאָן, וווּ עטלעכע פון די אָנפירנדיקע מיטגלידערס פון „פרענדס אָוו ראַשיען פרידאָם" האָבן דאַן געלעבט. ווען אָט דער פאַראיין האָט זיך פאַרמאַכט, האָט מען די

[9] אַ סך אינפאָרמאַציעס און אויך מאַנכע ציטאַטן נעם איך פון אַ ניט־פּובליקירטן אַרטיקל פון פריינד ה. ערליך.

ביכער פון ביבליאָטעק איבערגעגעבן צום יאָהאַנעסבורגער ליטעראַרישן און דראַמאַטישן פאַראיין.

חברה שוחרי תושיה

דעם 13־טן יוני 1909, האָט זיך דאָ געגרינדעט אַ חברה מיטן נאָמען „שוחרי תושיה" — אַ פאַראיין צו אַנטוויקלען העברעאיש וויסן.

די תקנות און צילן פון אָט דער חברה זיינען געווען:

1) צו פאַרשפרייטן יידישע ידיעות און לימודים אין יאָהאַנעסבורג און אומגעגנט;

2) צו לערנען סיסטעמאַטיש תלמוד און העברעאישע ליטעראַטור.

אַ מיטגליד קען זיין יעדער גלויביקער ייד, וואָס איז באַקאַנט מיט תלמוד און מיט העברעאישער ליטעראַטור.

דאָס ביכל מיט די תקנות פון „חברה שוחרי תושיה" איז העלפט אין העב־רעאיש און העלפט אין ענגליש. (הגם עס איז כמעט ניט געווען קיינער פון די מיטגלידער, וועמענס מוטער־שפּראַך איז ניט געווען יידיש).

לויט די תקנות דאַרף די חברה האָבן צוויי ערן־סעקרעטאַרן — איינעם פאַר העברעאיש און איינעם פאַר ענגליש.

„שוחרי תושיה" איז געווען אַ חברה פון געוועזענע ישיבה־בחורים. דער אָנפירנדיקער טייל האָט געהאַט קענטעניש אין העברעאיש און אויך באַזיצט וויסן אין אַנדערע ליטעראַטורן. זיי זיינען געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער השכלה. די אָנפירנדיקע עלעמענטן האָבן זיך באַטראַכט פאַר די אַריס־טאָקראַטישע אויטאָריטעטן פון יידישן וויסן. כמעט אַלע זיינען געווען הייסע אָנהענגערס פון ציוניזם.

זיי האָבן באַטראַכט העברעאיש, ווי אַ הייליקע שפּראַך, ווי זייער איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך, און יידיש — פאַר אַ זשאַרגאָן, און ווי ווילד־פלייש פון גלות.

די „חברה שוחרי תושיה" האָט געגעבן די אָנפירערס און מאַנכע מיטגלי־דערס אַ גייסטיקע באַפרידיקונג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פאַר־גאַנגענהייט.

מען האָט געלערנט גמרא, ווי אַן אַליין־אויסגעקליבענעם צייטפאַרטרייב, צוליב דער הנאה, וואָס עס האָט געגעבן, אָדער צוליב דעם, וואָס מען האָט ניט געוואָלט פאַרגעסן דאָס, וואָס מען האָט געהאַט געלערנט אין די ישיבות און אין די חדרים, און גלאַט צוליב דעם, וואָס מען האָט זיך דאָרט געטראָפן מיט גמרא קענערס.

יעדן זונטאָג נאָכמיטאָג — אָדער ווי זיי פלעגן עס חכמה׳לאָגיש אָנרופן „חול המועד שבת" — און יעדן מיטוואָך אָוונט פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען אין זייער לאָקאַל לערנען אַ שיעור גמרא, שמועסן וועגן דער „אַלטער היים", „די ישיבה", די השכלה־אידעען און ליטעראַטור. מען פלעגט אויך דיסקוסירן נאַציאָנאַלע, יידישע און אַלגעמיינע קולטור־פּראָבלעמען און טעגלעכע פראַגן. מען פלעגט אידעאַליזירן און זיך באַציען מיט רעספּעקט צום עבר, און מען האָט זיך געקיבעצט איבער דעם היינט.

אָנפאַנג אַפּריל 1911, איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער „חברה שוחרי תושיה". אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען אַן ערך 60 פון אַ מיטגלידערשאַפט פון ארום 120. דער יערלעכער באַריכט איז געווען געדרוקט אין העברעאיש. דעם פאַרזיצערס באַריכט איז געווען אין העברע־איש, דעם קאַסירס באַריכט — אין ענגליש, און די פאַרהאַנדלונגען — אין יידיש. („די יודישע פּאָהן", 18/4/1911).

אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען 14/4/1912, האָט מען שטאַרק קריטיקירט די פאַרוואַלטונג, פאַרוואָס מען זאָגט ניט קיין קדיש נאָכן לערנען גמרא. מען האָט אויך קריטיקירט, פאַרוואָס די חברה טוט גאָרניט („אַפריקאַנער", 19/4/1912).

אין „אַפריקאַנער" האָט אימעצער געמאָנט, פאַרוואָס ביי אַן אָונטבערויט, אָרגאַניזירט לכבוד אַ סיום פון דער חברה, האָבן זיך ניט אלע געוואַשן די הענט צום עסן.

אויף דער קריטיק, פאַרוואָס מען זאָגט ניט קיין קדיש נאָכן לערנען דעם „בלאַט", האָט איינער געזאָגט: ביי אונדז איז די גמרא ניט טויט, דערפאַר זאָגן מיר ניט קיין קדיש. מען האָט געפרעגט דר. ב. ליקנאַיטצקי — אַ חשובן מיטגליד פון דער חברה, — סטייטש, ווי לערנט איר דאָס גמרא אָן אַ היטל? האָט ער געענטפערט: „צו לערנען גמרא דאַרף מען אַ קאָפּ ניט קיין היטל".

די חברה „שוחרי תושיה" האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק און פון צייט צו צייט פלעגט מען אויך אָרגאַניזירן אַ לעקציע. צ.ב. רבי דר. לאַנדאַו, ע. דייווידסאָן, י. ש. יודעלאָוויץ, ב. גאָלדבערג האָבן געהאַלטן לעקציעס אין העברעאיש. (אין יוני 1913, האָט דר. טשאַרלס ספּיירא געהאַלטן אַ פאָרטראַג אין ענגליש א.ד.ט: „דאָס לעבן פון קאַרל מאַרקס").

אין „אַפריקאַנער" פון 8/1/1914 ווערט געזאָגט: „די חברה „שוחרי תו־שיה" האָט געהאַט 150 מיטגלידער פון אָנפאַנג, איצט נאָר 60". אין „די יודישע פּאָהן", אָנפאַנג 1911 ווערט געזאָגט: „חברה שוחרי תושיה" — אידן אָן בערד, וועלכע שפּילן זיך אין בערד".

אין „אַפריקאַנער" פון 25/1/1917 שרייבט מ. אמיקוס וועגן דער חברה: „פון קיין לעקטשור (לעקציע), פון עטוואָס מאָדערנע, דאָס הערט מען ניט. עס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בית־עולם ווו נאָר פאַרדרייטע קענען בלאָנדזשען".

די צאָל פון די מיטגלידערס, וועלכע האָבן געלערנט און אינטערעסירט זיך מיט גמרא, איז אַלץ מער געפאַלן, ווייל די ווירקלעכקייט איז ניט געווען אין האַרמאָניע מיט דעם גייסט פון דער חברה „שוחרי תושיה". גמרא לערנען און זאָגן דעם „בלאַט" איז געוואָרן אַלץ מער באַגרענעצט בלויז פאַר די שטאַרק רעליגיעזע יידן, און זיי האָבן געלערנט און געזאָגט דעם „בלאַט" — אין די בתי־מדרשים.

די לעצטע צייט האָט די חברה ניט מער ווי „עקסיסטירט", ווייל קיינער האָט זי ניט ליקווידירט. ענדלעך, אין 1919, האָט די חברה „שוחרי תושיה" אינגאַנצן אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

זיבעטער טייל

פּרעסע

די ערשטע יידישע צייטונגען. — דער „הכּוכב“. — "S.A. Jewish Chronicle". — „די אידישע (פרייע) פרעסע“. — "Zionist Record". — „די יודישע פאָהן“. — „דער אַפריקאַנער“.

די ערשטע יידישע צייטונגען[1])

אין 1890 יאָר איז דערשינען אין יאָהאַנעסבורג די ערשטע יידישע צייטונג „דער אַפריקאַנער איזראַעליט“. דאָס איז געווען אַ וואָכנשריפט פון 8 זייטן, אויסגעפילט כמעט אינגאַנצן פון רעדאַקטאָר גופא, נ. ד. האָפמאַן. די צייטונג האָט עקסיסטירט קנאַפּע זעקס חדשים.

אַן אינטערעסאַנטע מעלדונג וועגן דערשיינען פון דעם „אַפריקאַנער איזראַעליט“ איז געווען אין „דזשואיש קראָניקל“, אין ענגלאַנד, דעם 25־טן אַפּריל 1890. אין אָט דער מעלדונג, געשריבן פון אַן אַפריקאַנער יידישן קאָרעספּאָנדענט, (ד״ר מאַנפרעד נייטן) ווערט געזאָגט: „זינט יידן האָבן זיך באַזעצט אין ד. אפריקע איז דערשינען דאָס ערשטע מאָל אַ וואָכנטלעכע צייטונג געווידמעט יידישע אינטערעסן. די צייטשריפט „דער אַפריקאַנער איזראַעליט“ דערשיינט אין יאָהאַנעסבורג. זי ווערט רעדאַקטירט און ארויסגעגעבן אין דייטש, אָבער געדרוקט איז זי מיט העברעאישע אותיות. די צייטונג ווערט ארויסגעגעבן דורך פּוילישע און דייטשישע יידן“.

פאַקטיש איז עס געווען אַן אויפטו נאָר פון איין רוסישן ייִדן — נ. ד. האָפמאַן.

נ. ד. האָפמאַן האָט געשריבן דאָס פאָלגנדיקע אין "Ivri Onouchi" פון 1/5/1925 וועגן „די ערשטע יודישע צייטונג אין זיד־אַפריקע“, וואָס איז דערשינען אין יאָהאַנעסבורג אין 1890: „איך בין דער ערשטער ייד אין אונדזער נייער היים, וועלכער האָט אריבערגעבראַכט אַהער איבער דעם ים־הגדול דעם ערשטן בלייענעם יידישן אלף־בית. איך בין דער ערשטער גרינדער פון אַ יידישע דרוקעריי און דער פּיאָנער פון דער יידישער פרעסע אין ד. אפריקע“. צום באַדויערן איז ניט פאַרבליבן קיין איין איינציקער עקזעמפּלאַר פון אָט דער ערשטער וואָכנשריפט.

---

[1]) כדי צו מאַכן פאַרשטענדלעך געוויסע אויסדרוקן, איז זייער באַדייט דערקלערט אין קלאַמערן, און דער אויסלייג — טיילווייז פאָנעטיזירט.

עס איז אויך שטאַרק צום באַדויערן, וואָס עס איז ניטאָ קיין איין עקזעמ־פּלאַר פון „די אַפריקאַנישע אידישע גאַזעטן" — אַ וואָכנשריפט ארויסגעגעבן פון א. בערמאַן אין יאָהאַנעסבורג, 1896. אָט די וואָכנשריפט האָט עקסיס־טירט אַן ערך אַ יאָר צייט. עס איז אויך נישטאָ קיין איינציקער עקזעמ־פּלאַר פון „דער עקספרעס" — אַ וואָכנשריפט ארויסגעגעבן אין יאָהאַנעסבורג פון ס. פּאָגעלסאָן אין 1898. אָט די וואָכנשריפט האָט אויך אָנגעהאַלטן אַן ערך אַ יאָר.

דער „הכוכב"[2]



Nr. 1. Vd. 1. Price 6d.

Johannesburg, June 14, 1903.

יאָהאַנעסבורג, זונטאָג, י״ט סיון, תרס״ג.

I. M. TRAUB, Editor and Publisher.

Temporary Office 4 Kerk Street P.O. Box 5378

Telegraphic Address: T r a u b .

צוליב די באַגרענעצטע און מאָגערע מאַטעריאַלן, וועלכע עס זיינען בנמצא פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין דרום־אַפריקע, זיינען זייער וויכטיק די צייטונגען, וואָס זיינען דאָ דערשינען.

אין דעם פעריאָד, ביזן סוף פון ערשטן וועלט־קריג, זיינען פון די אַלע צייטונגען, וואָס זיינען דאַן דערשינען, די וויכטיקסטע — דער „הכוכב", „דער אידישער אַדוואָקאַט", „די יודישע פאָהן" און „דער אַפריקאַנער".

---

[2]) אין לאָנדאָנער „דזשואיש קראָניקל" פון 17/7/1903 ווערט געמאָלדן, אז עס האָט אָנגעהייבן ארויסצוגיין אין יאָהאַנעסבורג אַ יידישע וואָכנטלעכע צייטונג „דער יידישער שטערן". „די צייטונג איז געדרוקט אין יידיש מיט העברעאישע בוכשטאַבן".

„דער אידישער אַדוואָקאַט״ איז דערשינען אין קייפּטאַון. די איבעריקע צייטונגען זיינען דערשינען אין יאָהאַנעסבורג.

אין יוני 1903 — אַ יאָר נאָך דער בוריש־ענגלישער מלחמה — איז דער־שינען דער ערשטער נומער „הכוכב״.

די אימיגראַציע פון רוסישע יידן קיין דרום־אַפריקע איז דאַן געווען אַרום פופציק פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אימיגראַציע אין לאַנד, וועלכע איז דאַן געווען ניט גרויס.

די באַדינגונגען און סביבה פון דעם נייעם לאַנד זיינען געווען קעגנזעצלעך צו זייערע ביז איצטיקע לעבנספאָרמען. ווי אַ רעאַקציע צו זייערע ביז איצטי־קע טראַדיציאָנעל־שטרענגע און רעליגיעזע לעבנספאָרמען, האָט זיך, ביי אַ גע־וויסן טייל פון דער אריבערגעקומענער יוגנט, וואָס האָט זיך דאָ געפילט פריי, אַנטוויקלט אַ גלייכגילטיקייט און הפקרדיקייט. אזוי ארום האָבן מאַנכע פון זיי דעמאָנסטראַטיוו זיך דערווייטערט, און אָפּגעפרעמדט זיך פון אַלץ, וואָס פלעגט זיי דערמאָנען אָן דער אַלטער באַגרענעצטער היים.

דעריבער איז די פונקציע פון אַ צייטונג פאַר אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט־גרופּע געווען — ניט נאָר נאָכצוגיין אין ריטם פון לעבן פון דער געגעבענער גרופּע, נאָר אויך צו לערנען, מאָדערניזירן דאָס גייסטיקע לעבן, און פלאַנצן אין איר אַ באַגער אויסצולעבן זיך אין איר אייגענער קולטור.

געוויינטלעך משפּט מען אַ צייטונג לויט דעם, צי איר אינהאַלט איז וואָגיק אָדער לייכט, און אויף ווי ווייט זי גייט אין טראָט מיט דער צייט און פירט פאָרויס אירע לייענערס.

שטעלט זיך די פראַגע, צי איז דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג געווען מסוגל צו דערפילן אזא שליחות.

דער רעדאַקטאָר פון „הכוכב״ איז געווען ישראל מיכל טרויב. ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה אין ליטע, און שפּעטער האָט ער באַקומען וועלטלעכע בילדונג אין אויסלאַנד.

ער איז געווען אַ קענער און אַ פאַנאַטישער ליבהאָבער פון לשון־קודש. ער האָט אויך געקאָנט דייטש און רוסיש.

אין יאָהאַנעסבורג איז ער געווען אַ בוכהאַלטער און דער סעקרעטאָר פון חברה „ש״ס״ אין גרינעם בית־המדרש.

טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען באַהעפט מיטן רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן לעבן, איז ער געווען באַווירקט פון דעם גייסט פון השכלה.

ער האָט געלעבט, גערעדט און געפילט אין יידיש. אָבער אין דער צייטונג האָט ער געשפּילט די ראָל פון קוקן אויף יידיש „פון אויבן אַראָפּ״, ווי דאָס וואָלט אים געגעבן אַ העכערן אַריסטאָקראַטישן קולטור־סטאַטוס.

עס האָט זיך געפילט אין דער צייטונג אַ מין פאַראַכטונג צו דער שפּראַך, אין וועלכער ער אליין האָט געשריבן. ער האָט געשריבן אין דער צייטונג אין אַ שלעכטן דייטשמערישן יידיש. העברעאיש איז געווען ביי טרויבן און זיין גלייכן אַ סנאָבישער אריסטאָקראַטיזם. פּונקט, ווי אַמאָל ביי דער רוסי־שער און ענגלישער אַריסטאָקראַטיע איז געווען פראַנצויזיש און ביי דער בו־

רישער אַריסטאָקראַטיע — האָלענדיש, ווייל מ'קען האָט זיך געשעמט מיט דער אייגענער פאָלקס־שפּראַך, — אזוי האָט זיך אויך באַצויגן דער רעדאַקטאָר י. מ. טרויב צו יידיש. זיין באַציאונג צו יידיש מערקט זיך כמעט אין יעדן נומער פון דער צייטונג. באַגריסונגען און מזל־טובס פון רעדאַקטאָר, י. מ. טרויב גופא, פלעגן דערשיינען אין „הכוכב" — אין העברעאיש.

טרויב האָט געדרוקט אַרטיקלען און איבערזעצונגען, ניט באַמיענדיק זיך זיי צו קאָרעגירן אפילו. ער האָט געדרוקט בריוו פון מענטשן, וועלכע קאָנען ניט קיין יידיש, אזוי „ווי זיי שטייען און גייען". צום ביישפּיל אין די נומערן „הכוכב" 1, 2, 3 און 5, האָט ער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון י. א. איזראַעלשטאַם א.ד.ט.: „די לאַגע אין טראַנסוואַל". איז עס צוליבן שלעכטן יידיש געווען זייער שווער פאַרן לייענער נאָכצופאָלגן דעם זייער אינטערעסאַנטן אַרטיקל. אגב, איז דער אַרטיקל דער איינציקער פּראָגרעסיווער אין גאַנצן יאָרגאַנג.

דער „הכוכב" איז דערשינען וואָכנטלעך, מיט עטלעכע איבעררייסן, ביז אַן ערך אויגוסט 1907.

צוליב דעם אינפאָרמאַטיוון מאַטעריאַל, וואָס דער „הכוכב" האָט פאַרמאָגט, איז צום באַדויערן, וואָס עס איז דאָ נאָר דער ערשטער יאָרגאַנג פון דער צייטונג (עס פעלט נאָר דער 10־טער נומער). (אגב, איז דער דאָזיקער קאָמפּלעט אַ ירושה פון „אידישן ליטעראַרישן פאַראיין").

דער נאָמען אַליין — „הכוכב" — ווייזט אין אַ געוויסער מאָס דעם משכילישן צוגאַנג פון רעדאַקטאָר. אין דער צייטונג גופא פלעגט טרויב אָנרופן דעם „הכוכב — „דער יודישער שטערן". ער האָט, קאָנטיק, קאָפּירט דעם נאָמען פון דער פּאָפּולערער איינציקער ענגלישער אָוונט־צייטונג "The Star".

דער לייט־אַרטיקל פון ערשטן נומער פון „הכוכב" איז פאָלגנדיקער: „אונדזער שטערן, אונדזער האָפנונג"[3]:

„מיר גיבן היינט אַרויס דעם ערשטן נומער פון אונדזער צייטונג, מיט דעם אויפריכטיקן ווּנטש און דעם אמתן ווילן צו דינען און נוצלעך זיין אונדזערע ברידער אין זיד אַפריקע, און מיר זיינען מקבל אויף זיך דעם פסוק, וואָס דינט אונז אַלס מאָטאָ: צו פאָלגן און אָן אים זיך פעסט האַלטן, דאָס דער שטערן זאָל אויפשטראַלן נור אין ליכט און וואַרהייט". „מיר ווילן ניט פאַרגרעסערן די וויכטיקייט און נויטווענדיקייט פון אונדזער אונטערנעמונג. דאָס פילט שוין דער יידישער פובליקום אין זיד אַפריקע אליין". „שוין לאַנג האָבן אונדזערע ברידער אין אַפריקע געוואַרט אויף אַ ריכטיקן יידישן פייפער, און די לעצטע צייט איז דער פאַרלאַנג נאָך דעם שטאַרקער געוואָרן. מיר קענען אונדזערע לעזער פאַרזיכערן, דאָס פון אונזער זייט וועלן מיר קיין מי ניט שפּאָרן צו באַפרידיקן זייערע פאַרלאַנגען". ...„אין די ערשטע ליניע וועט דער לעזער געפינען די נייעס פון די וואָך, הן וועלטלעכע און פּאָליטישע נייעס, הן יידישע אַלגעמיינע און ציוניסטישע נייעס. אום צו קענען ברענגען די וויכטיקסטע און אינטערעסאַנטע נייעס פון די „מייל", וואָס קומט אריין אין יאָהאַנעסבורג פרייטאָג מאָרגן, מוז די צייטונג ערשיינען זונטאָג. דאַפיר אָבער וועלן די לעזער געפינען אין אונזער צייטונג: צוזאַמענשטעלונג פון וועלטלעכע און יידישע נייעס פון די גרעסטע איי־

---

[3]) כדי עס זאָל זיין פאַרשטענדלעכער דער טעקסט פאַרן לייענער, האָב איך טיילווייז געענדערט די אָרטאָגראַפיע.

ראַפּעאישע און יידישע צייטונגען פון דער וועלט. אונזער צייטונג וועט וואַכן אויף יידישע אינטערעסן אין זיד אַפריקע. אויפצווועקן און אָנצורעגן דעם פּובליקום, צו פאַרהיטן און צו העלפן, ווו עס וועט נויטיק זיין, אויפצומונטערן און וואַך צו האַלטן דאָס אויפגעוועקטע נאַציאָנאַלע געפיל און זעלבסט־באַוווסטזיין צווישן אונזערע ברידער, צו איבערצייגן, אז אַבוואָל מיר ווערן געהאַסט און פאַרפאָלגט און מיסהאַנדעלט אין מאַנכע מדינות, זיינען מיר דאָך אַ פאָלק פאר זיך און ניט נאָר איין אַלטע פאָלק, וואָס לעבט מיט איר פאַרגאַנגענהייט, נור אַ פאָלק, וואָס איז באַלעבט און באַשטרעבט מיט די האָפענונג ווידער אויפצולעבן אין צוקונפט, אַ פאָלק, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר לאַנגע לעטאַרגיע און אזוי פול מיט פאַרלאַנגען און ענערגיע זיך אליין צו העלפן, מיט אייגענע קראַפט איר הויז אויפצובויען און איר לאַנד אויפצופרישן; זיך אויך ערוועדבן אַ פרייען פלאַץ אונטער גאָטס הימעל פריי צו אָטעמען. אונזער שטרעבן וועט זיין, די יוגנט, די פרישע קראַפט און זאַפט פון אונזער פאָלק, אויפצומונטערן, די אָנגעפאַנגענע אַרבעט, אונערמידלעך פאַרצוזעצן. קיינער זאָל ניט אָפּשטיין. קיינער זאָל זיך ניט פילן פאַרמאַטערט צו דינען אלס האַנדלאַנגער אין דעם גרויסן בוי פאַר אונדזער נאַציאָן. פון אייגענע ארבעט ערהערבט זיך אַ פאָלק. און דאָס פאָלק וואָס לעבט פון אַנדערנס חסד מוז אונטערגיין. דאָס וועט זיין אונזער ציל. מיר וועלן אויפשטעלן אין אונזער „טריבונע" פאַרן יידישן פּובליקום די פראַגן, וואָס זיינען נוגע אונזערע יידן בכלל, אַדער די קהילות אין דיזע מדינה בעזונדערס, און האָפן דורך דעם פּובליקום די ריכטיקע נאַכריכטן צו ערהאַלטן. אין די ערציילונגען און באַשרייבונגען פון יידישן לעבן פאַרצייטן און אין יעצטיקער צייט וועט דער לעזער געפינען אַנגענעמע און באַלערנטע לעזענדע שטאָף: אַ פּראַקטישן נוצן וועט אים די צייטונג ברענגען דאַדורך, וואָס ער וועט געפינען וועכנטלעכע באַריכטן פון די האַנדלס וועלט, אָרדינענסן פון דער רעגירונג, ראַפּאָרטן פון די „קאָרטס" און דאָס גלייכן.

מיר ווייסן צו גוט די שוועריקייטן פון אונזערע אַרבעט צו וועלכע מיר טרעטן צו, נור דער הייסער ווונטש, נוצלעך צו זיין, און מיט דעם בטחון אויף די אונטערשטיצונג פון דעם יידישן פּובליקום האָפן מיר אונזער אויפגאַבע צו ערפילן צום צופרידנהייט פון אונזערע ברידער".

„אינהאַלט־פאַרצייכניס פון 1־טן נומער"

צו אונזערע לעזער
אונזער שטערן, אונזער האָפפנונג
צום יודישען שטערן, פון יצחק מילנער
קייבעלס און טעלעגראַממען
ציוניסטישע נייעס
נייעס פון יודען אין רוסלאַנד
וואָס די צייטונגען זאָגען
דיא לאַגע אין טראַנסוואַל, פון י. איזראַעלשטאַם
ציוניזמוס בקיצור
דיא באָארד אָף דעפּיוטיעס
קרוגערסדאָרפער יודישע קהילה
ליסטע פון נדבות פאַר דיא קישינעווער אידען
קאַלענדער פון דיא וואָך
דברי סופרים: נצח ישראל, מאת אש"ל

אין ערשטן נומער „הכוכב" זיינען דאָ אַנאָנסן פון צוויי יידישע בוכהענד־לערס; פון מ. קאַפּלאַן: „מען קען ביי מיר באַקומען פאַרשידענע זאָרטן אידישע און רוסישע ביכער און העברעאישע צייטונגען א.א.וו." דער צוויי־טער אַנאָנס איז פון יצחק קאָוואַרסקי: „איך מאַכע באַקאַנט דעם גע־

ערטן פּובליקום, דאָס איך האָב אין סטאָק לעזע ביכער אין זשאַרגאָן פון די בעסטע פאַרפאַסערס. אויך באַקומט מען ביי מיר העברעאישע און ענגלישע ביכער". חוץ די צוויי בוכהאַנדלונגען זיינען דאָ אַנאָנסן (אין שפּעטערדיקע נומערן) אויך פון — ש. ר ע ז נ י ק, ב. מ ע נ ד ע ל אָ װ: „אַלע סאָרטן ספרים, חומש און השכלה" (7/8/1903), די אידישע בוכהאַנדלונג פון ה. װ אָ ל פ ע ר ט און ה. ק ע ב ל, מוכר ספרים, פּאָרט־עליזאַבעט.

דער צווייטער נומער האָט אַ לייט־אַרטיקל װעגן קישענעװער פּאָגראָם. אומעטום אין דרום־אפריקע האָט מען געקליבן פאַר די אומגליקלעכע אלמנות און יתומים פון קישענעװער פּאָגראָם. אין זעלבן נומער איז דאָ אַ קאַפּיטל פון אַ לאַנגן ראָמאַן „מערי" פון ג. ב א ג ר אָ װ, איבערזעצט פון רוסיש דורך ב נ צ י ו ן ז. ה ע ר ש[4]. דער ראָמאַן האָט זיך געצויגן אין המשכים אין משך פון 6 חדשים.

דער זעלבער נומער אַנטהאַלט אַן אַרטיקל װעגן שקל און נאַציאָנאַל־פאָנד פון ב נ צ י ו ן ז. ה ע ר ש און װעגן דער „שחיטה־באָארד".

אין „הכוכב" פון 5־טן יולי 1903 איז דאָ אַ בריוו כמעט אינגאַנצן אין דייטש מיט יידישע בוכשטאַבן אונטערגעשריבן „הציוני". אַ קאָרעספּאָנדענט שרייבט װעגן אַ פאַרזאַמלונג „װוהין צו שיקן די צוזאַמענגעקליבענע געלטער פאַר די געליטענע פון קישענעװער פּאָגראָם". ער באַקלאָגט זיך שטאַרק, פאַר־װאָס מען האָט באַשלאָסן צו שיקן עס דורכן ענגלישן קאָמיטעט, און פאַרוואָס אַלע רעדעס זיינען געװען אין ענגליש. „עס איז ניט געװען איינער פון די רעדנער, װאָס זאָל ערקלערן אין מאַמע־לשון". אין זעלבן נומער איז אויך דאָ אַ פּאָעמע אין העברעאיש „קול מתאבל" פון מ. א י י ד ע ל ש ט י י ן װעגן קי־שענעװער פּאָגראָם און אַן אַרטיקל פון דר. ב. ל י ק נ אַ י צ ק י אין אַ שלעכטן דייטשמערישן יידיש „הייזליכע היגיענע". (דר. ליקנאַיצקי האָט גערעדט אַ גוטן יידיש).

װעגן יאָהאַנעסבורגער יידישן גמילות־חסד שרייבט דער „הכוכב":

„דער ניי אָנגעקומענער ייד, זאָבאַלד ער קומט אין יאָהאַנעסבורג, חייס ער שוין זיכער, אז איין „אָנפאַנג" מיט װאָס צו טאָן ביזנעס, האָט ער פון גמילות־חסד. ער דאַרף נאָר האבן אַ פּאָר לאַנדסלייט װאָס זאָלן פאַר אים אונטערשרייבן (ד.ה. גאַראַנטירן)".

„די חברה אהבת חסד ציילט שוין 669 מיטגלידער" (7/7/1903). װעגן דער חברה־קדישא שרייבט „הכוכב": „דאָ מוז מען שוין האָבן אַ װיזיטן ראָק און גלאַזע האַנדשוי". (24/7/1903).

די רעדאַקציע שרייבט: „יאָהאַנעסבורג גיט צדקה צו אַלצדינג". די רע־דאַקציע װאָרנט ניט צו געבן קיין נדבות און ניט צו לאָזן אָפּרייסן און אויס־ליידיקן פושקעס הן פאַר ישיבות און הן אויף ירושלים פון „ניט אויטאָריטעטע מענטשן". אין די ערשטע חדשים איז געשריבן אין יעדן נומער פון „הכוכב"

---

[4]) בנציון הערש איז געװען די ערשטע צייט אַן אַקטיװער מיטאַרבעטער אין דער רע־דאַקציע פון „הכוכב".

וועגן געלט־זאַמלונגען און וועגן אונטערנעמונגען פאַר די געליטענע פון קישע־נעווער פאָגראָם. אויך זיינען געדרוקט ליסטעס פון די מנדבים.

כמעט ווי אַ פולער באַריכט איז געגעבן געוואָרן אין „הכוכב" וועגן דער ריזיקער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס".

כשרות, שחיטה, כשרע פלייש און דיסציפּלין אויף קצבים — פאַרנעמען אַ רעגולערן אָרט אין „הכוכב". אין „הכוכב" פון 24/7/1903 איז דאָ אַזאַ אַנאָנס: „בשר כשר אָן קאַראָבקע"; „מיר פאַרקויפן כשר פלייש צו 10 פּעניס אַ פונט אָן ביינער; מיר צאָלן ניט קיין קאַראָבקע און מיר נעמען ניט קיין קאַראָבקע". אין יולי נומער זיינען דאָ פאָלגנדיקע אַנאָנסן: „מאַרק י. גרעטש דער איינציקער רוסישער יודישער „לאָיער" און נאָטאָריוס אין טראַנסוואַל"; „דער גרעסטער רוסישער אַפּטהעק אין זיד אַפריקע". צו לאָרד מ י ל נ ע ר ס אָפּפאָרן קיין ענגלאַנד „די יודישע געמיינדע ווינטשט זיין עקסעלענץ אַ הערצ־לעכן פאַרוועל (Farewell) און גוטע ערהוילונג" (7/8/1903).

„זיד אפריקאַנישע ציוניסטישע פעדעריישן מאַכט הירמיט באַקאַנט אַלעמען, וועמען דאָס איז נוגע, אז אן אָוונטשול האָט זיך ווידער געעפנט אין די סקולרום נעבן פּאַרק־סטיישן, און די אונטעריכט אין ענגליש וועט געגעבן ווערן מאָנטאָג און מיטוואָך אָוונט פון 7 ביז 9 און דאָנערשטאָג פון 8 ביז 9. ביי אָרדער".

גוואַלדיק פיל סקאַרבאָווע בטלנות געפינט זיך אין אַ סעריע אַרטיקלען, „ארונדגאַנג ארום יאָהאַנעסבורגער צדקות".

אויף דער זיצונג פון „האָספּיטאָל באָאַרד" איז פאָרגעלייענט געוואָרן אַ בריוו פון דער חברה־קדישא, וועלכע בעט, אז מען זאָל אַנגאַזשירן צוויי קראַנקן־שוועסטערס, וועלכע קענען ריידן יידיש, „אום צו ערלייכטערן די ליידן פון די יידישע פּאַציענטן, וואָס קענען ניט ריידן ענגליש". דער שפּי־טאָל באָאַרד האָט געענטפערט „אז זי איז צופרידן אָנצונעמען זייער רעקאָמענ־דאַציע; אָבער די צוויי קראַנקן־שוועסטער דאַרפן זיין — „גוט ערצויגן, לייַ־דיס און געלערנטע" (7/8/1903).

אין „הכוכב" פון 21/8/1903 ווערט געשריבן: „די פיר גרויסע גבירים פון וועלכע די קהילה האָט געקענט קריגן געלט — איינער האָט זיך אריינגע־וואָרפן אין ים; דעם צווייטן האָט מען דערשאָסן; דער דריטער האָט זיך גע־שמדט אַלס אַ קאַטאָליק, און דער פערטער האָט זיך געשמדט אין דער ענגלי־שער קירך". אין זעלבן נומער ווערט איבערגעגעבן אַ רעדע פון אַ פאָרזיצער פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע:

„צו אונזער וויכטיקן געדאַנק ציוניזמוס, האָבן מיר ניט נויטיק קיין רעדנער צו ערקלערן ווי וויכטיק די זאַך איז וויכטיק פאַר אונדזער פאָלק. די זאַך זעלבסט רעדט פאַר זיך און צייגט, וואָס מען דאַרף טאָן. ווען אַ מענטש ווערט חס ושלום געפערלעך קראַנק, שיקט ער ניט נאָך א לעקטשורער, ער זאָל אים ערקלערן, אז ער האָט נויטיק אַ דאָקטאָר און מעדיצין. זיין אומגליקלעכע לאַגע ערקלערט אים שוין זעלבסט, וואָס ער האָט צו טאָן און צו וועמען ער זאָל זיך ווענדן נאָך הילף; מיט געלט אליין אָנע לעקטשורס קענען מיר אַלעס קריגן; מיט דעם בעסטן רעדנער אָן געלט קענען מיר ניכטס טאָן. אלזאָ ברידער אום אונזער צוועק אויסצופירן מוזן מיר איצט געלט האָבן".

ערב ימים נוראים איז דער „הכוכב" געווען פול מיט מודעות וועגן מנינים אויף ימים נוראים. עס ווערן אָנגעגעבן די נעמען פון די בעלי־תפילה.

„די זיד אַפריקאַנישע ציוניסטישע פעדעריישן. באַקאַנטמאַכונג! בתי תפילה: „אין די „חאָנדערערס האָל", אין „מאַסאָניק האָל" און אין „ציוניסטישן האָל".

אַ באַריכט פון מידעלבערג, (טראַנסוואַל): „ביי אונז זיינען פאַראַן 8 פאַמי־ליעס און 80 סינגעלליט (בחורים) — דאָ זיינען אַלע עם־הארצים, וואָס ווייסן ניט אפילו וועגן ציוניזמוס" (21/8/1903). אין אַן אַרטיקל „חטאת הקהל" (4/9/1903) שרייבט די רעדאַקציע:

„הער אין דער פערנע, האַלט עס גלויבן, אז אין אזא קהילה ווי יאָהאַנעסבורג, וואָס האָט אין זיך טויזנטער יידישע פאַמיליען און באַזיצט אַלע יידישע און מענטשלעכע אינסטי־טוציאָנען, זאָל ניט האָבן אַ ריכטיקע מקוה מיט די נייע זויבערע עלעגאַנטע איינריכטונגען"... „די יאָהאַנעסבורגער מקוה, וואָס איז די איינציקע אין אומקרייז פון פיר טעג מיטן באַן, איז אונסאַניטאַריש, אונזויבער, פאַרוואָרלאָזט און אונבאַקוועם פאַר פערזאָנען, וועלכע זיינען געוווינט צו זויבערקייט און עלעגאַנץ. אזא גוואַלד שרייענדיקן סקאַנדאַל צו פאַרשווייגן!"

אין אַ לייט־אַרטיקל וועגן די באַריכטן פון אַ יאָר טעטיקייט פון די צוויי הויפט־רבנים, רבי דר. ה ע ר ץ און רבי דר. ל אַ נ ד אַ ו, קריטיקירט שטאַרק דער רעדאַקטאָר רבי דר. הערצן, פאַרוואָס ער דערמאָנט ניט אין זיין באַריכט וועגן מקוה. „וואָלט דאָס אַ רוסישער רב אזוי געהאַנדלט?" וועגן דר. לאַנ־דאַוס באַריכט איבער דער מקוה זאָגט ער, אז „רבי דר. לאַנדאַו אינדירעקט ראָט אָפּ די פרויען צו געברויכן די מקוה, ווייל זי ליגט אין אַ ניט קיין גוטן אָרט". פרעגט דער רעדאַקטאָר: „מיט וואָס איז דאָס ניט קיין גוטער אָרט? איז דאָס אַ צוגאַנג פון אַ רב?".

עס האָבן זיך געדרוקט אין „הכוכב" זייער אַ סך בריוו וועגן דער מקוה; און מען האָט געקליבן געלט פאַר דער מקוה.

דער „הכוכב" האָט אַנאָנסירט, אז מען קען די צייטונג קריגן אין אַלע יידישע בוכהאַנדלונגען.

אין „הכוכב" ווערט דערמאָנט וועגן אַ פרויען־קרייז, וועלכער עקסיסטירט זינט 1893 „צו העלפן קראַנקע און שוואַנגערע פרויען" (4/9/1903).

אויף דעם חנוכת־הבית פון דזשעפּעסטאָונער סינאַגאָגע, וואָס איז פאָרגע־קומען דעם 6־טן סעפּטעמבער 1903, האָט רבי דר. ה ע ר ץ, וועלכער האָט גע־עפנט די שול באַמערקט, אז אויף די לוחות, איבערן ארון־קודש, איז לא תרצח געשריבן מיט אַ „כ". אין „הכוכב" פון 5/9/1903 ווערט געמאָלדן, אז די "Jewish Ladies Communal League" האָט געעפנט אַ בית־יתומים. „רבי דר. ל אַ נ ד אַ ו האָט געהאַלטן אַ דרשה שבת־שובה צו מנחה אין דייטש ביי אַ פול געפּאַקטער שול" (15/9/1903).

אין „הכוכב" פון 23/10/1903 ווערט געזאָגט, אז 95 פּראָצענט פון די רוסישע יידן האָבן ניט קיין שטימרעכט. זיי קימערן זיך אָבער ניט וועגן דעם. אין זעלבן נומער ווערט געזאָגט וועגן דעם קריזיס, וואָס האָט געהערשט די

לעצטע חדשים פון 1903, ווי אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די גאָלד־אַקציעס אויף דער בערזע זיינען געפאַלן.

דעם 20/11/1903 הייבט אָן דער רעדאַקטאָר אַ סעריע אַרטיקלען וועגן „תלמוד־תורה". אויך ווערט אין זעלבן נומער געזאָגט: „פאַר די לעצטע 6 חדשים האָט מען אויפגעבויט 5 נייע סינאַגאָגעס".

אין אַ לייט־אַרטיקל פון 4/12/1903 וועגן „יודנפריינדשאַפט" ווערט געזאָגט:

„זיד אַפריקע איז נאָך געבליבן מיט גאָטעס גנאַדע געשוינט פון אַנטיסעמיטיזם. אָבער אין די לעצטע צייט האָט מען אָנגעהייבן צו מערקן דערפון אין די קייפ־קאָלאָניע, אַזויפיל פון קריסטן אַנטיסעמיטן ווי פון יידישע אַנטיסעמיטן".

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ (18/12/1903) וועגן „יודנפריינדשאַפט" — „דער אַנטיסעמיטיזם פון יידן צו יידן":

„קומען צוויי יידן פון זעלבן שטעטל און איינער ווערט פאַרבלענדט און נתפעל פון די ענגלישע מאַנירן און לשון א.א.וו. — הייבט ער אָן האַסן זיינע אייגענע לאַנדסלייט".

דער רעדאַקטאָר אַטאַקירט רבי דר. לאנדאו, פאַר וואָס ער לערנט מיט יידישע קינדער העברעאיש אין דער קאַטוילישער אינטערנאַט־שול פון „מעריסט־בראַדערס" צוויי מאָל אַ וואָך. אָט וואָס ער זאָגט:

„די עלטערן, וועלכע שיקן זייערע קינדער צו די יעזואיטן, וועלן זיך צייט זייער לעבן ניט פאַרענטפערן פאַר גאָט און זייער נאַציאָן".

אַ לעזער באַקלאָגט זיך, פאַרוואָס אַנשטאָט דעם „הצפירה", האָט מען אים אין ציוניסטישן זאַל געגעבן דעם „המליץ". אויף דעם ענטפערט דער רעדאַקטאָר: „די נייעס איז דאָך כמעט די זעלבע — מען שלאָגט יידן. דעריבער דאַרפן זיי ארץ־ישראל". אין נאָוועמבער און דעצעמבער 1903 זיינען געווען אין „הכוכב" מעלדונגען און אַרטיקלען, אַז מען פירט אונטערהאַנדלונגען וועגן ברענגען אַהער 100 טויזנט יונגע רוסישע יידן צו אַרבעטן „קאַפער אַרבעט אין די מאַינס". „אָט די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם שווינדלער לעוויסאָן, פון בערלין, האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט" (11/12/1903). אין „הכוכב" פון פעברואַר 1904 ווערן אַנאָנסירט: „ציון ־סיגאַרעטן" געמאַכט אין יאָהאַנעסבורג. יעדער פעקל אַנטהאַלט אַ קופּאָן. פאַר 1000 קופּאָנען קריגט מען אַ פונטיקע אַקציע פון נאַציאָנאַל־פאָנד. רויכערט! פאַרזוכט נאָר! ציוניסטן רויכערט נאָר! „שאַפקיפּערס האַלט עס נאָר!" „טרייערס מיט סיגאַרעטן, טרייט נאָר ציון־סיגאַרעטן!". אין „הכוכב" פון 25/3/1904 איז געווען אַן אַנאָנס: „ציוניסטישער כשר־רעסטאָראַן אויף 10 פאָקס סטריט".

אין „הכוכב" פון 6/11/1903 ווערט געזאָגט:

„ניט לאַנג צוריק האָט פּאַסירט אַ שרעקלעכער פאַרפאַל אויף די דעלאַגאָא־בעי (לאָרענסאָ־מאַרקס)—יאָהאַנעסבורג ליניע. ווען דער צוג איז אָנגעפאָרן אויף אַ „סטיישן" (וואַקזאַל) איז אויפן פּלאַטפאָרמע געשטאַנען אַ גרויסער לייב און האָט געענדיקט אויפפרעסן דעם „סטיישנמאַסטער" (וואַקזאַל־פאַרוואַלטער).

די רעדאַקציע שרייבט: „מען שאַצט אַז 300 יידישע קינדער גייען אַרום אין יאָהאַנעסבורג אָן שום יידישע און מענטשלעכע דערציאונג" (דעצעמבער 1903); און די צייטונג פאָדערט, אַז מען זאָל עפענען נאָך אַ תלמוד־תורה.

אין „הכוכב" האָט זיך געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען פון ס. סאָלאָמאָן — דער „שער ביזנעס".

רבי דר. לאַנדאַו האָט געשריבן אין „הכוכב" אַ בריוו וועגן עפענען נאָך אַ תלמוד־תורה. דער בריוו איז געשריבן אין דייטש, נאָר מיט יידישע אותיות (8/1/1904).

אין „הכוכב" ווערט אָפּגעגעבן אַ סך אָרט קעגן דעם שענדלעכן האַנדל מיט ווייסע שקלאַפן. אין „הכוכב" פון 8/10/1904 איז דאָ אַן אַרטיקל וועגן „מענטשנהאַנדל":

„יעדער ייד ווערט רויט פאַר שאַנדע הערנדיק וועגן „מענטשנהאַנדל". מוזן מיר דעם ביטערן אמת דאָך מודה זיין, אז עס זיינען דאָ יידישע מענטשנהענדלער אין יאָהאַנעסבורג. יאָהאַנעסבורג איז אַ קאָסמאָפּאָליטישע שטאָט. עס לעבן דא קינדער פון אַלע נאַציאָנען און פאַרבן, ווייסע, שוואַרצע, ברוינע און געלע — ענגלענדער, פראַנצויזן, דייטשן, רוסן, איטאַ־ליענער, גריכן, סיריער, טערקן, אינדיאַנער, כינעזער און יאַפּאַנער. קיין נאַציאָן טראָגט ניט אויף זיך אַזוי גרויס דעם פלעק פון באַטרייבן דעם האַנדל, ווי די פראַנצויזן און יידן, און מערסטנס פוילישע און גאַליציאַנער יידן".

אָנפאַנג דעצעמבער 1903 זיינען ניט־יידישע צייטונגען ארויס מיט אַרטיק־לען: „נאָכן טויט באַשטראָפט". „די חברה־קדישא האָט באַגראָבן אַ יידן ביים פאַרקאַן פון בית־עולם אָן וועלכע ניט איז רעליגיעזע צערעמאָניע און דער זון האָט ניט געקענט זאָגן קיין קדיש, ווייל זיין טאַטע האָט געפירט אַ שלעכט לעבנסאָרט און האָט פאַרדונגען זיינע הייזער צו שענדלעכע מענטשן"... („הכוכב" 11־טן דעצעמבער, 1903).

אין „הכוכב" פון 1־טן יאַנואַר 1904, שרייבט פאַביוס שאַך (אליין אַ העברעער): „ביי אונדז יידן, אז מען רעדט אַ וואָרט איבער דעם זשאַרגאָן, ווערן געוויסע משכילים צעקאָכט און שפּייען פייער. מען איז אַ פיינט פון פאָלק, און מען קוילעט אַוועק אונדזער לשון־קודש! גוואַלד וואָס זיינען דאָס פאַר משונהדיקע מליצות?! עס זיינען דאָ 7—8 מיליאָן יידן, וואָס פאַרשטייען קיין אַנדער לשון ניט". ער פרעגט, פאַרוואָס ווילן די לשון־קודש מענטשן פאַרניכטן יידיש, און באַציען זיך מיט אזא עקל צו יידיש, ווען אַזעלכע גרויסע שרייבערס, ווי מענדעלע־מוכר־ספרים, פרץ, און אזעלכע פּאָעטן, ווי מאָריס ראָזענפעלד שרייבן אין יידיש. „האָבן מיר דען אזעלכע גדולים אין העברעאיש?"

אין „הכוכב" פון 15/1/1904 ווערט באַשריבן די געדריקטע עקאָנאָמישע לאַגע, וואָס האָט געהערשט דאָן. די צייטונג שרייבט:

„הונדערטער פון אונדזערע אידן, וואָס פלעגן זיך דערנערן אַלס בעל־מלאכות און טרייערס מיטן קליינהאַנדל, באַקלאָגן זיך, אז זיי ברעכן די פיס גאַנצע טעג און קענען ניט געפינען, ווי אַ לעבן צו מאַכן".

אין „הכּוכב" ווערט באַריכטעט וועגן דער גרויסער יערלעכער „ז' אדר"־פּייערונג, וואָס פלעגט ווערן איינגעאָרדנט דורך דער חברה־קדישא (23/2/1904).

אין משך פון יאָר האָט דער „הכּוכב" איבערגעדרוקט לידער פון אברהם רייזען, ש. פרוג און שלום־עליכמס „דער ערשטער סדר אויף דער מלחמה"[5]. אין „הכּוכב" פון 15/4/1904 ווערט איבערגעגעבן וועגן אַרטיקלען אין דער פּרעסע אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד, באַטאָנענדיק אַ שטאַרקן פאַרוווּרף קעגן דעם, וואָס דער ייִד הערי סאָלאָמאָן האָט אַריינגעטראָגן אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ־פּראָיעקט צו פאַרווערן די שוואַרצע צו פאָרן אין באַן צוזאַמען מיט ווייסע. די דייטשישע און רוסישע פּרעסע האָבן אָנגעוויזן, אַז „דאָס זיינען קעגן די פּרינציפּן פון די ייִדן".

אין אַ סך נומערן פון „הכּוכב" זיינען געווען באַריכטן און באַשרייבונגען וועגן פאַלשע „טראַפס". די סיסטעם פון „טראַפס" האָט זיך אָנגעהייבן אין אויגוסט 1903. ביז אַפּריל 1904 האָט מען 40 ייִדן „געטראַפּט" פאַרן פאַרקויפן בראַנפן צו אַפריקער. מיט ווייניק אויסנאַמען, גיט צו דער „הכּוכב", זיינען זיי געווען אומשולדיק.

אין אַ באַריכט וועגן דעם „גרינעם בית־המדרש" שרייבט דער „הכּוכב".

„פרייטאָג־צו־נאַכט צו קבלת־שבת איז דער בית־המדרש ניט אַזוי פול, חייל די ייִדן, וואָס לייגן אוועק זייערע ביזנעס פרייטאָג פאַרנאַכט, באַוויייזן קוים צו קומען דאַווענען אין בית־המדרש. שבת פרי, אָבער, קלייבט זיך אויף אַ גרויסער עולם". „שבת נאָכמיטאָג איז דער בית־המדרש געפּאַקט מיט ייִדן. מען לערנט פּרק, משניות און ש"ס ביי איין טיש, און אַלע טישן זיינען איבערפולט מיט צוהערער" (29/4/1904).

דעם 3־טן יוני 1904, איז די רעדאַקציע אַרויס מיט אַ שאַרפן ענטפער קעגן רבי דר. לאַנדאַו פאַרן באַהויפּטן, אַז „אין די בתי־מדרשים זיצן עטלעכע אַלטע לייט, וואָס ווייסן ניט וואָס בעסערס צו טאָן, וואָס האָבן ניט וואָס אַנדערש צו טאָן, ווי זיצן און לערנען אַ שטיקל עין־יעקב". דער רעדאַקטאָר שרייבט, אַז „לערנען גמרא, עין־יעקב, און לערנען אין די בתי־מדרשים, האָבן אויפגעהאַלטן און האַלטן אויף די ייִדן אין גלות".

אין זעלבן נומער ווערן געדרוקט אויסצוגן פון אַ בריוו, וואָס מאַקס לאַנגערמאַן האָט געדרוקט אין „סטאַר". אין דעם בריוו פאַרטיידיקט ער די אַריבערגעקומענע רוסישע ייִדישע אימיגראַנטן, און פאַרטיידיקט די ייִדישע שפּראַך, אין דער צייט, וואָס די רעדאַקציע פון „הכּוכב" האָט ניט נאָר קיין איינמאָל ניט פאַרטיידיקט ייִדיש, נאָר האָט אפילו ניט געפונען קיין איין גוט וואָרט פאַר דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור.

---

[5] עס איז אינטערעסאַנט דאָ איבערצוגעבן י. ד. בערקאָוויטשעס באַמערקונג (אין „שלום־עליכם־בוך"), אַז שלום־עליכם האָט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין 1905 פאַרפאַסט אין געהיים אַ סאַטיריש וויג־ליד אויף צאַר ניקאָלאַי און זיין יורש־עצר אַלעקסעי. דאָס ליד איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין יאָהאַנעסבורג אין „הכּוכב" אין 1905.

אין „הכוכב" פון 27/5/1904 שרייבט די רעדאַקציע וועגן „רעליגיאָן און תורה":

„העברעאיש, אָדער לשון־הקודש איז פאַר יידן ניט אַ שפּראַך, ווי אַנדערע פּראָפאַנע שפּראַכן, זיך צו לערנען אום צו קענען העברעאיש. זאָנדערן, אז מען לערנט תורה, נביאים וכתובים פאַרשטייט מען לשון הקודש. מען פאַרשטייט דאַדורך דעם פּירוש המלות פון דאַווענען, פון אַ ברכה א.א.וו. אָבער דער עיקר איז לערנען פון די תורה צו פאַרשטיין די תורה".

די דאָמינירנדיקע צוויי שטריכן אין דעם „הכוכב" זיינען — דאָס שטרענגע אָרטאָדאָקסישע לעבן און דער ציוניזם. מיטן עמך־מענטש בכלל, און מיטן אָפּשפּיגלען זיינע ליידן און פריידן, מיט זיין לאַגע און לעבן אין די נייע באַדינגונגען, — האָט דער „הכוכב" זיך ניט אינטערעסירט.

אין ערשטן נומער „הכוכב", ווו עס זיינען געווען געדרוקט הזכרות נשמות, אל מלא־רחמימס און אַ ליסטע פון נדבות פאַר די פּאָגראָמירטע יידן אין קישעַנעוו, — שרייבט דער רעדאַקטאָר פון „הכוכב", אין יאָהאַנעסבורג — ניט אין רוסלאַנד — וועגן רוסישן קייסער: „ירום הודו".

אויף דער 1־טער מיי־דעמאָנסטראַציע (1904) איז י. א י ז ר אַ ע ל ש ט א ם ארויסגעטראָטן אין יידיש מיט אַ סאָציאַליסטישער רעדע. איז דער רעדאַקטאָר אַרויס (6/5/1904) מיט א גרויסן לייט־אַרטיקל — „די נייע געפאַר":

„די קללה פון דער תוכחה זעען מיר בחוש, אז עס ווערט אויף אונז מקוים אין וואָרט און אין זין. די בייזע גייסטער פאַרפאָלגן און קלעפּן אָן אונזערע טריט אפילו, אז מיר אַנטלויפן איבער שבעה ימים. זיי לאָזן אונז ניט רוען. זיי גיבן אונז קיין מנוחה ניט, ווו מיר באַזעצן זיך". „קיין רעגירונג געפעלט זיי ניט, קיין אָרדנונג איז זיי ניט גוט גענוג, און אומעטום ווילן זיי אויסבעסערן. איבעראַל זוכן זיי אומצושטירצן אום אוועקצושטעלן די אָרדנונג אויף זייער שטייגער". „דער אייזערנער קאַנצלער, פירסט ביסמאַרק, האָט זיך מיט זיינע שאַרפע אויגן גוט צוגעקוקט צו די דערשיינונג פון די סאָציאַליסטישע לערע. אלס קעגנווירקונג קעגן דעם יידישן סאָציאַליסטישן איינפלוס האָט ער געשאַפן דעם אַנטיסעמיטיזם. אין רוסלאַנד איז געווים אלע צרות ארויסגעקומען אויף יידן נאָר פון די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס יידן האָבן זיך דאָרט אָן איר אנגעשלאָסן. ביים 1־טן פּאגראם אין 1881 האָט דאָס אַלעקסאַנדער דער 3־טער אָפן ערקלערט די יידישע דעפּוטאַציע, וואָס האָט געבעטן ביי אים שוץ". „75 פּראָצענט פון די רעוואָלוציאָנערן זיינען יידן".

„נאָך גרעסער איז דער אומגליק פאַרן כלל ישראל פון די סאָציאַליסטישע אידעען, וואָס עס האָט אונז געריבט און צוגענומען אונזערע קינדער פון אונזער נאַציאָן. די סאָציאַליסטן געהערן מער ניט אונז". „אין די מדינה, האָבן מיר געהאָפט, וועלן מיר זיך אָפּרוען פון די נייע מכה, פון די תוכחה. היר איז קיין אַרבעטער פראַגע ניטאָ. אויף קיין פּלאַץ אין דער וועלט ווערן אַרבעטער ניט אזוי גוט באַלוינט ווי היר. די אומצופרידענע זיינען נאָר די ליידיקגייער, וואָס ווילן ניט אַרבעטן". „עס האָבן זיך ארויסגעוויזן יידישע סאָציאַליסטן היר אין יאָהאַנעסבורג, וואָס ברענגען אלע צרות און וועקן אויף די גרעסטע שנאה אויף רוסישע יידן פון די רעגירונג און פון פאָלק צוזאַמען, דען דאָס ענגלישע פאָלק האָט פון גרונט אויס פיינט אלע אויפריהער, אלע אומשטירצער, אלע רעוואָלוציאָנערן. מיר זיינען אין געפאַר, אז די אַלע אומגליקן, וואָס יידן ליידן אין רוסלאַנד, פון דעם בייזן גייסט, דער רוח רעה, וואָס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין דער יידישער יוגנט, זאָל ניט פאַלן אויף אונז אַלעמען אין סויט־אפריקע".

„דער „סטאַר“ האָט איבערגעגעבן די רעדעס פון די סאָציאַליסטן אויפן „מאַרקעט סקווער“; דערמאָנט די רעדנער און די רעדעס „טהוט אים ניט לייד“, נור מר. איזראַעלשטאַמס רעדע אין ייִדישן זשאַרגאָן שטעכט אים אין האַרצן“.

„ברידער אין סויט־אַפריקע! עפנט די אויגן און זעט די נייע געפאַר, װאָס דראָט אונז פון די אייניגע ייִדן און די סאָציאַל דעמאָקראַטישע באַװעגונג אין די מדינה. די ערפאַ־רונג פון די דייטשישע און רוסישע ייִדן דאַרפן אייך לערנען, װאָס איר האָט באַצייטנס צו טאָן אָפּצושאַרן פון זיך די סכנה פארן ייִדישן מצב היר. ייִדישע אָנפירער! נעמט אייך צוזאַמען און ערקלערט די רעגירונג און דאָס פאָלק, אז די איינציקע ייִדישע קולות, װאָס זיי הערן, זיינען נאָר פון יחידים, װאָס מאַכן מער רעש, װי די װיכטיקייט, װאָס זיי האָבן. פאַרהיט די יוגנט אנטייל צו נעמען אין די באַװעגונג. ערקלערט עפנטלעך, אז די אייניגע ייִדישע סאָציאַליסטן געהערן ניט צום ייִדישן פאָלק, װי זיי זיינען זיך אליין מודה. װאָס זיי ריידן זיינען נור די סאָציאַליסטישע אידעען. מיט ייִדן און יודנטום זיינען זיי געשידן“. „ייִדן, גיט אַכטונג אויף די נייע געפאַר!“

אין „הכוכב“ פון 13־טן מיי 1904, איז דאָ אַ לייט־אַרטיקל װעגן „אַחדות“. די רעדאַקציע שרייבט:

„אַלע מחלוקת ביי ייִדן זיינען פון „גאָטס װעגן“. רבנים, שוחטים, חזנים, בתי־מדרשים, שולן, קלויזן, עליות־כבודים, דאָס זיינען די הויפּט מאָטיװן פון מחלוקת ביי ייִדן“. „אַלע פאַגראָמען צוזאַמענגענומען האָבן אזויפיל ניט צערויבט ייִדישע גוטס, װי ייִדן איינער דעם אַנדערן דורך די מחלוקת פון גאָטס װעגן“.

דער רעדאַקטאָר אַטאַקירט אין דעם זעלבן אַרטיקל, פאַרוואָס אַ סך ייִדן האָבן געשטימט פאר די „פּראָגרעסיװס“[6] „אין די מדינה, װו דער אַנטיסעמי־טיזם װאַקסט ניט פון טאָג, זאָנדערן פון שעה“:

„יאָהאַנעסבורג שטייט אין פלאַמען! עס ברענט דער ייִדישער קװאַרטאַל! אלע זיינען קעגן אַלע, יעדער איינציקער קעגן יעדן איינציקן, נאָר מחלוקת װו איר קערט זיך און װענדט זיך! די פעדערײַשן קעגן „באָאַרד אָװ דעפּיוטיס“, די רבנים איינער מיטן אַנדערן. די אַלטע און די נייע סינאַגאָגעס איינע קעגן די אַנדערע. דער גרינער בית־המדרש מיטן תלמודישן בית־המדרש. פאַנעװעזער בית־המדרש מיט פאָנעװעזער לינת־הצדק א.א.װ. אלע קריגן זיך ניט פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן, ניט פאר זייערע אייגענע נוצן, חס ושלום, אלע מחלוקת זיינען נאָר לשם שמים!“ „אזוי איז עס אין אלע חברות. ייִדישע כוחות װערן צעשפּלי־טערט“. „איינער זוכט דעם אַנדערן עוקר מן השורש צו זיין, און דערװייל פאַרקוקן אַלע דעם אמתן שונא־ישראל. פלישתים עליך, שמשון!“

אין „הכוכב“ פון 27/5/1904, שרייבט די רעדאַקציע, אז אויפן נייעם יאָר װעלן זיך דרוקן: יעקב דינענזאָהן, שלום אַש, מ. ספּעקטאָר, מ. מאַנאַסאָװיץ און אנדערע. און עס װערט אַנאָנסירט, אז צוליב נייע דרוק אַראַנזשירונגען װעט דער „הכוכב“ ניט דערשיינען 3 אָדער 4 װאָכן.

אין אַ לייט־אַרטיקל (3/6/1904) „צום סוף יאָר“ װערט געזאָגט: „מיט היינטיקן נומער ענדיקט זיך דער ערשטער יאָרגאַנג פון „הכוכב“. אין דעם

[6] „פּראָגרעסיװע פּאַרטיי“ פון פּראָ־ענגלישע אימפּעריאַליסטן.

אַרטיקל, ווי אין אַ סך לייט־אַרטיקלען זיינען דאָ אזויפיל פילפולים און „פילאָ־זאָפישע“ בטלנות! פונקט, ווי כמעט אין אַלע ארטיקלען, האָט די רעדאַקציע געזאָגט אין עטלעכע זייטן, וואָס זי האָט געקענט זאָגן אין עטלעכע שורות.

דער רעדאַקטאָר זאָגט אין „צום סוף יאָר“:

„פון די גאַנצע תורה איז נאָר געבליבן דער נאָמען. שבת און יום־טוב עקסיסטירט כמעט גאָרניט. טריפה און כשר ערינערט מען זיך, אז מען האָט עס געהערט אין דער יוגנט. הייראַטן גוי׳שע פרויען — אַ ערשיינונג, וואָס מען טרעפט זייער אָפט אין די קאָלאָ־ניעס. מען דערציט גוי׳שע קינדער פאַר יידן און יידישע קינדער מאַכט מען פאַר גויים. די סינאַגאָגעס זיינען אין די מייסטע קהילות געשלאָסן פון ראש־השנה צו ראש־השנה. יידן, וועלכע זיינען פון דערהיים לערנער, איידעלע מענטשן, ווערן פאַרגרעבט, און גראָבע מענטשן ווערן אמתע פויערים. דער ניי־אָנגעקומענער סאָציאַליסטישער גייסט, וואָס האָט חרוב גע־מאַכט דעם יידישן עקאָנאָמישן שטאַנד אין רוסלאַנד און גייען אונטערגראָבן דעם יידישן באַשטאַנד אין די מדינה“. „היינט גיי פריידיק השכלה צום יידישן לעזער אין זיד־אפריקע“.

אין „ד. א. דזשואיש קראָניקל“ פון 8־טן פעברואַר 1907, ווערט אָנגעדייט, פאַרוואָס דער „הכוכב“ האָט זיך פאַרמאַכט.

דער „הכוכב“ האָט אַ לאַנגע צייט געשטיצט די ''Het-Volk,, — פאָלקס־פאַרטיי, וועלכע איז באַשטאַנען, הויפּטזאַכלעך, פון בורן אונטער דער אָנפי־רערשאַפט פון פרעמיער גענעראַל ב אָ ט ה אַ און פון גענעראַל ס מ אַ ט ס. דער „הכוכב“ האָט געשריבן, אז „העט־פאָלק“־פאַרטיי האָט די פעיקסטע פי־רערס און פּאָליטיקערס“. ער האָט באַצייכנט די „פּראָגרעסיווע פאַרטיי“, ווי די פאַרטיי פון לאָרד מ י ל נ ע ר, די פאַרטיי פון די מינען־מאַגנאַטן, קאַפּי־טאַליסטן און ענגלישע פּאַטריאָטן“ („הכוכב“ 28/12/1906). אפילו דעם 18־טן יאַנואַר 1907, האָט דער „הכוכב“ געשריבן: „עס איז אין אונדזערע אינטע־רעסן, אז אונדזער ה ע ר י (ס אָ ל אָ מ אָ ן) (דער נאָמען פון דעם קאַנדידאַט פון „העט־פאָלק“־פאַרטיי אין דעם יידישן געגנט) זאָל זיין אין פאַרלאַמענט“. אין אַן ערך אַ וואָך שפּעטער האָט „הכוכב“ געביטן איר אונטערשטיצונג פון „העט־פאָלק“ אויף דער „פּראָגרעסיווער פאַרטיי“. אָט וואָס דער „הכוכב“ האָט געשריבן:

„מיר קענען זייער ווייניק דערוואַרטן פון אַ מערהייט פון בורן אין פאַרלאַמענט, ווייל זיי ווילן דאָ ניט עפענען קיין נייע וועלט פאַר אינדוסטריע. די בורן זיינען קליינע מענטשע־לעך מיט קליינע אידייען“ („הכוכב“ 25/1/1907). „יעדער ייד, וועלכער איז שטאָלץ פון האָבן פאַרדינט זיין שילינג, קען גאַנץ געוויסנהאַפטיק זאָגן, אז ער האָט פאַרדינט דעם שי־לינג דורך אונדזער מינען־אינדוסטריע“ („הכוכב“ 1/2/1907). „יעדער ייד אין פּערעיראַ מוז זיך דערקונדיקן פון ה ע ר י ס אָ ל אָ מ אָ ן, אויב ער איז מסכים מיטן בור וו ע נ צ ל, (ווענצל, דער קאַנדידאַט פון „העט־פאָלק“ פאַר דזשערמיסטאָן, איז ארויס מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן רוסישע יידן און קעגן ארייגלאָזן זיי אין לאַנד). אויב מר. ס אָ ל אָ מ אָ ן וועט עפנטלעך דערקלערן, אז ער איז קעגן „העט־פאָלק“ אַנטיסעמיטישע פּלענער, ווילן מיר אים גלויבן; ווען ניט ווילן מיר וויסן וואָס צו טאָן... דאָס וואַל־קעסטל איז געהיים און קיינער איז ניט געבונדן ביי זיין פריערדיקן צוזאָג. דער וואָס גיט זיין שטימע צו דעם בור, אָדער צו עמלקס שותף, שטימט פאַרן „פרעמדן אימיגראַציע־פּראָיעקט געזעץ“. „איר ווערט באַמערקן, אז דער „פּראָגרעסיווער קאַנדידאַט, הגם אַ קריסט, האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט שטיצן דעם פאָרשלאַג, אז יידיש זאָל אנערקענט ווערן פאַר אַן אייראָפּעישע שפּראַך“ („הכוכב“ 1/2/1907).

בנציון הערש האָט גלייך רעאַגירט אויף דער אַטאַקע פון „הכוכב" אויף דער „העט־פאָלק"־פּאַרטיי, וועלכע ער האָט שטאַרק אונטערשטיצט. ער האָט גלייך געשריבן צו גענעראַל באָטהאַ, דעם פּרעזידענט פון הויפּט־קאָמיטעט פון „העט־פאָלק"־פּאַרטיי און אויפגעוויזן אויף דעם שאָדן, וואָס ווענצל'ס ווערטער קענען ברענגען די וואַלן. ער האָט געקראָגן אַן ענט־פער פון סעקרעטאַר פון „העט־פאָלק"־פּאַרטיי און אַ קאָפּיע פון אַ בריוו, וואָס גענעראַל סמאַטס האָט געשריבן צום „העט־פאָלק"־קאַנדידאַט, הערי סאָלאָמאָן, וווּ עס ווערט געזאָגט: „זיי זיינען שטאַרק פאַרוווּנדערט, ווי אזוי ווענצל האָט געקענט מאַכן אזא באַהויפּטונג", און האָט אונטערגע־שטראָכן, אז „ווענצלס באַהויפּטונג איז אין סתירה מיט דער ריכטונג פון דער פּאַרטיי". אין גענעראַל סמאַטס בריוו ווערט געזאָגט: „די רוסישע יידן זיינען געוועזן און וועלן אויף להבא זיין האַרציק אָנגעלייגטע מיטגלידער אין אונדזער פּאַרטיי" און האָט צוגעגעבן, אז „עס איז ניט וואַרשיינלעך עס זאָלן אָנגענומען ווערן באַגרענעצונגען קעגן דער אימיגראַציע פון רוסישע יידן" („ד. א. דזשואיש קראָניקל" 8/2/1907).

זונטאָג, דעם 13־טן פעברואר 1907, אַן ערך אַ וואָך פאַר די פּאַרלאַמענט־וואַלן, האָט דער יאָהאַנעסבורגער ציוניסטישער פאַראיין איינגעאָרדענט אַ לעק־ציע פון לענאקס לאוֹאי א.ד.ט.: „די האַפּנס און אייזנבאַנען אין פּאַ־לעסטינע און זייער שייכות מיט דער יידישער קאָלאָניאַל טראַסט". דער פאָר־זיצער איז געוועזן הערי סאָלאָמאָן. דער צווייטער רעדנער אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געוועזן בנציון הערש. אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג איז ארויס בנציון הערש מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן רעדאַקטאָר פון „הכוכב", וועלכער האָט „צוליב הונדערט פונט פאַראורזאַכט אַנטיסעמיטיזם":

„אַ היגע יידישע צייטונג האָט זיך און די יידן פאַרקויפט צו אַ פּאָליטישער פּאַרטיי". „דער רעדאַקטאָר און באַלעבאָס פון דער צייטונג האָט אים גופא געזאָגט, אז אויב הערי סאָלאָמאָן וואָלט אים געגעבן הונדערט פונט, וואָלט ער געשריבן אין צייטונג צום גונסטן פון זיין קאַנדידאַטור. אבער, אזוי ווי דער קאַנדידאַט האָט זיך אַנטזאָגט צו געבן אים די הונדערט פונט, איז ער אַריבער צו דעם צד שכנגד, וועלכער האָט אים יאָ געגעבן די געלט". „עס איז אַ בזיון, וואָס יידן און יידישע צייטונגען זאָלן באַנוצן אַזעלכע מעטאָדן! און אויב לייטע קויפן נאָך די צייטונג, קומט זיי כשר דאָס, וואָס די צוקונפט קען זיי ברענ־גען" (שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן).

ניט פיל שפּעטער איז געוועזן געדרוקט אין „ד.א. דזשואיש קראָניקל" א נעקראָלאָג איבער דעם „הכוכב", וועלכער האָט אויפגעהערט ארויסצוגיין.

דורכבלעטערנדיק אויפמערקזאַם דעם יאַרגאַנג פון „הכוכב", זעט מען, אז די צייטונג האָט ניט דערפילט איר שליחות לויטן געבאָט פון דער צייט, — די דערציערישע און וועגווייזערישע עובדא, וואָס עס נעמט אויף זיך געוויינלעך אַ נאַציאָנאַל־באַוווּסטזיניקע פּרעסע. דאָס איז דאָך געוועזן אזוי נייטיק פאַרן פּיאָנערישן יידישן אימיגראַנטן־שטראָם אין יענער צייט!

"S.A. JEWISH CHRONICLE" („ד. א. דזשואיש קראָניקל״)

דעם 7־טן פעברואר 1902 איז אין קייפּטאָון דערשינען אַ צוויי־וואָכיקע צייטונג אין ענגליש אונטערן נאָמען ("S.A. Jewish Chronicle") „די ד.א. יידישע קראָניקל״.

דער נאָמען ווייזט קלאָר, אַז זי האָט געצילט צו פאַרנעמען דעם אָרט אין דרום־אַפריקע, וואָס די באַוווּסטע ענגליש־יידישע וואָכנשריפט אין לאָנדאָן, מיטן זעלבן נאָמען, האָט פאַרנומען אין דער ענגלישער אימפּעריע. די „ד.א. דזשואיש קראָניקל״ איז דערשינען אין קייפּטאָון ביזן 12־טן אויגוסט 1904. ווי אַ וואָכנטלעכע צייטונג האָט זי אָנגעהויבן דערשיינען אין יאָהאַנעסבורג דעם 5־טן מיי 1905. דאָס איז געווען די איינציקע ענגליש־יידישע וואָכנטלעכע צייטונג, וואָס איז דערשינען במשך פון אַ סך יאָרן. די צייטונג האָט זיך אָנגעגעבן פאַר די וואָרט־זאָגערין פון די היגע ענגליש־ריידנדיקע יידן. די צייטונג האָט אָפּגעשפּיגלט די אָנשויאונג פון די יאָהודים. זי איז געווען קאָנסערוואַטיוו־רעליגיעז און שטאַרק ענגליש־פּאַטריאָטיש.

„די ד.א. דזשואיש קראָניקל״ האָט אויפן שער־בלאַט געהאַט די פאָלגנדיקע אויפשריפט: „מבשר — משמיע — שלום״ און אַ מגן־דוד.

דער זשאַנער פון דער צייטונג האָט זיך אויסגעדריקט אין געבן אָפּהאַנדלונגען איבער לאָקאַלע און אויסלענדישע פראַגן פון געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעזן לעבן. די צייטונג פלעגט דרוקן סינאַגאָגע־דרשות און קורצע פּאָעמעס, געגראַמטע קאַפּיטלעך תהילים און פון צייט־צו־צייט אויך איבערזעצונגען פון שלום־עליכם, פּרץ און אנדערע. די צייטונג פלעגט דרוקן אַ סך באַריכטן און נייעס וועגן די פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען איבער די יידן אין רו־

מכשר • משמיע • שלום
The South African
JEWISH CHRONICLE
PUBLISHED IN THE INTERESTS OF THE JEWISH COMMUNITIES OF SOUTH AFRICA.
JOHANNESBURG, FRIDAY,

מעניע און רוסלאַנד. אין יעדן נומער איז געווען אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר באַריכטן איבער טעאַטער און מוזיק. עס איז אויך געווען אַן אָפּטיילונג פאַר באַשרייבונגען פון חתונות, תנאים־פייערונגען, בר־מצווה׳ס, בעלער א.א.וו., ווו מען פלעגט באַשרייבן די אונטערנעמונגען, דעם פאַסאָן און קאָליר פון די קליידער, און ווי יעדע פון די פרויען האָט אויסגעזען אין דער אויסשטאַטונג.

די ערשטע יאָרן האָט „די ד.א. דזשוּאִיש קראָניקל" זיך אויסגעצייכנט מיט אירע אָפּהאַנדלונגען און באַריכטן וועגן די פינאַנצן פון לאַנד און אַלגעמיינע פינאַנצן, בערזע־באַריכטן און אָפּשאַצונגען פון פאַרשיידענע אַקציעס. אויף ווי ווייט די פינאַנציעלע און בערזע־באַריכטן פון „די ד. א. דזשוּאִיש קראָניקל" זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה, קען דינען דער פאַקט, וואָס אין דעם פראָכטפולן און קאָסטבאַרן גרויסן בוך „טראַנסוואַאַל און אירע מינען" ("Transvaal and its Mines") אַרויסגעגעבן פון „דער מינען־קאָרפּאָראַציע" ("Chamber of Mines") אין 1906, ווערט געזאָגט: „אַז די פינאַנציעלע און בערזע־באַריכטן פון דער „ד.א. דזשוּאִיש קראָניקל" זיינען זייער אינפאָרמאַטיוו און וואָגיק, און צוליב דעם האָט זי געהאַט איינע פון די גרעסטע צירקולאַציעס אין דרום־אַפריקע".

דער פאָלגנדיקער קוריאָזאַרטיקער אַנאָנס איז דערשינען אין דער צייטונג דעם 3־טן אַפּריל 1908:

„צום פאַרקויפן! אַ שפּאָגל־נייע נאָך קיינמאָל ניט גענוצטע ספר־תורה — אַ שענהייט, געשריבן דורך דעם בעסטן היינטיקן סופר"[7].

אין 1912 האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָנפליקט צווישן דער „ד.א. דזשוּאִיש קראָניקל" און „די יודישע פּאָהן". קאָנטיק, אַז צוליב בייז־בלוט און קאָנקורענץ צווישן דיביידע צייטונגען האָט די „ד.א. דזשוּאִיש קראָניקל" געגעבן דריי און

---

7) "For sale, New "Sepher Torah" never been in use, a perfect beauty, written by the best writer of the day."

פיר־זייטיקע ביילאַגעס אין יידיש (דעם 12־טן און 19־טן יולי 1912). אין די ביידע ביילאַגעס איז געווען פאָלגנדיקע מעלדונג פון דער רעדאַקציע: „באַקאַנטמאַכונג! די יודישע אויסגאַבע ווירד פאַרגרעסערט ווערדען אין קורצער צייט". אָבער נאָכן דערשיינען פון דער 2־טער ביילאַגע אין יידיש האָבן זיך ביידע צייטונגען, ווייזט אויס אונטער דער השפעה פון „באָארד אָוו דעפּיוטיס", אַמאַלגאַמירט אויף אַ געוויסער צייט.

אין אַלגעמיין גענומען האָט די „ד.א. דזשואיש קראָניקל" זיך ניט באַצויגן צו יידיש אומפריינדלעך.

אין די מלחמה־יאָרן פון 1914—1918 האָט די „ד.א. דזשואיש קראָניקל" געוואָלט ווייזן, אַז זי איז אין איר פּאַטריאָטיזם „מער פּויפּסטלעך ווי דער פּויפּסט אליין". האָט זי אַטאַקירט די אָנפירערס פון דעם געגרינדעטן „יידישן רעליף־פאָנד" — אַ פאָנד, וואָס איז געווען טייער און הייליק ספּעציעל די רוסישע יידן. זי איז ארויס מיט אַ מסירה, אז די פירערס זיינען דייטשע יידן. זי איז אויך ארויס מיט אַ שאַרפער אַטאַקע אויף די רוסישע יידן: „רוסישע געזונטע יונגעלייט שפּאַצירן זיך ארום איבער די גאַסן פון יאָהאַנעסבורג און אויפן „ריף", נעמענדיק דאָס בעסטע, וואָס דאָס לעבן קען געבן, אַנשטאָט זיך אָנשליסן אָן דער אַרמיי". (קיין צוואַנג־מיליטער איז ניט געווען אין דרום־אפריקע). זי האָט זיי אָנגערופן פּחדנים און פּאַראַזיטן, וואָס ווילן נעמען פון לאַנד, און גאָרנישט אים געבן צוריק. די פּערזאָנען, וועלכע האָבן רעקרוטירט סאָלדאַטן, האָבן עס אויסגענוצט, ווי אַן אבן־טוב. עס איז אַנטשטאַנען אזא האַס און פיינדשאַפט, אז מען האָט פּשוט מורא געהאַט, אז עס זאָל ניט אויסברעכן קיין פּאָגראָם אויף רוסישע יידן.

דער כעס פון דער יידישער באַפעלקערונג קעגן דעם רעדאַקטאָר פון „ד.א. דזשואיש קראָניקל" איז געווען זייער גרויס. אויף פאַרזאַמלונגען פון „באָארד אָוו דעפּיוטיס" און „רעליף־פאָנד" האָט מען געהייסן דעם רעדאַקטאָר פאַרלאָזן דעם זאַל. „דער אַפריקאַנער" האָט אָנגערופן דעם רעדאַקטאָר פון „דזשואיש קראָניקל" פאַר זיין האַנדלונג — אַנטיסעמיט. דער רעדאַקטאָר פון „ד.א. דזשואיש קראָניקל" האָט אָנגעקלאָגט דעם רעדאַקטאָר פון „אפריקאַנער" אין געריכט. דער משפּט האָט ארויסגערופן שפּאַנונג ביי די יידן פון יאָהאַנעסבורג, און בכלל פון יידן אין דרום־אפריקע, באַזונדערס, ווען מען האָט געלייענט, וואָס די עדות האָבן געזאָגט. בעתן גאַנג פון פּראָצעס, אין אויגוסט 1918, האָט דער שופט ענדלעך ארויסגעגעבן דעם אורטייל, אז „דער אַפריקאַנער" איז געווען באַרעכטיקט אָנצורופן דעם רעדאַקטאָר פון „ד.א. דזשואיש קראָניקל" אַנטיסעמיט. שפּעטער האָט מען אין אַפּעלאַציע־געריכט מבטל געמאַכט דעם פּסק צוליב אַן אינטערפּרעטאַציע פון דעם באַגריף אַנטיסעמיט. דאָס הויך־געריכט האָט צוגעמשפּט דעם רעדאַקטאָר פון „אַפריקאַנער" צו באַצאָלן שטראָף פינף פונט. (דאָס איז געווען גאָר אַ קליינע שטראָף פאַר אַזאַ ערנסטער באַשולדיקונג). דער „באָארד אָוו דעפּיוטיס" האָט געעפנט אַ געלט־זאַמלונג צו באַצאָלן די שטראָף און דעקן די געריכט־הוצאות.

די „ד.א. דזשואיש קראָניקל" האָט זינט 1910 אַרויסגעגעבן יערלעך אַ פּראַכטפולן גרויסן „ראש־השנה־בוך". דאָס „יאָר־בוך" פלעגט באַשטיין פון באַגריסונגען צו יידן פון מלוכה־לייט, פירערס פון פּראָווינץ־ראַט, מוניציפּאַליטעט, אָרטיקע רבנים און פירערס, און אויסלענדישע יידישע פּערזענלעכקייטן. דאָס „ראש־השנה־בוך" פלעגט האָבן ספּעציעל באַשטעלטע פּאָפּולערע אַרטיקלען פון באַקאַנטע רבנים און זשורנאַליסטן און איבערגעדרוקטע אַרטיקלען. צוליב דער גרויסער צאָל אַנאָנסן האָט דאָס פּערמאַנענטע אַרויסגעבן דעם „ראש־השנה־בוך" אַריינגעבראַכט גרויסע פּראָפיטן דעם אַרויסגעבער. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס דאָס אַרויסגעבן ספּעציעלע ראש־השנה־אויסגאַבעס איז געוואָרן אַ טראַדיציע ביי אַלע היגע יידישע צייטונגען — אַ „מנהג", וואָס עקסיסטירט עד היום.

די „ד.א. דזשואיש קראָניקל" עקסיסטירט נאָך ביז איצט. זינט 1929 איז זי געוואָרן דער אָרגאַן פון דער קייפּטאַונער אָפּטיילונג פון דער ד.א. ציוניסטישער פעדעראַציע.

„די אידישע (פרייע) פּרעסע"

דעם 26־טן יאַנואַר 1904 איז דערשינען אין יאָהאַנעסבורג „די אידישע (פרייע) פּרעסע" — אַ וואָכנטלעכע צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון ב. לעוויצקי.

בנציון ז. הערש איז געווען דער געהילף־רעדאַקטאָר און שפּעטער — דער רעדאַקטאָר.

די צייטונג האָט עקסיסטירט אַן ערך 5 חדשים. אין יאָר 1907 האָט בנציון ז. הערש פּרובירט ווידער אויפצולעבן איר. אָבער זי האָט אָנגעהאַלטן גאָר אַ קורצע צייט.

קיין איין איינציקער עקזעמפּלאַר איז ניט בנמצא.

"ZIONIST RECORD"

(ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה[8])

דער ערשטער נומער פון „זייאָניסט רעקאָרד" (אויך באַקאַנט ווי „דער רעקאָרד") — דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע איז דערשינען אין יאָהאַנעסבורג דעם 15־טן נאָוועמבער 1908. אין 1924 איז עס

[8]) כדי צו געבן אַ פולערן בילד פון דעם „זייאָניסט רעקאָרד" און פון „די יודישע פּאָהן", איז דאָ געגעבן געוואָרן דער מאַטעריאַל ביז אַ שפּעטערדיקער דאַטע, ווי די צייט פון „יוניאָן".

פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוויי־וואָכיקער צייטונג, און אין 1926 — אין אַ וואָכנטלעכער, און דערשיינט עד היום יעדע וואָך.

פון 29/8/1924 אָן גיט דער „זייאָניסט רעקאָרד" אַן אונטערקעפּל: „דער אָרגאַן פון דעם דרום־אַפריקאַנער יידנטום". אַלע פּרווון צו בייטן דעם נאָמען פון „זייאָניסט רעקאָרד" אויף אַ מער אַלגעמיין־יידיש, זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן צוליב דער שטאַרקער אָפּאָזיציע.

דער ערשטער נומער האָט געהאַט 16 זייטן; די שפּעטערדיקע — פיל מערער. אַנדערע נומערן, פון אַן ערך 60 זייטן, פלעגן דערשיינען פאַר און נאָך ציוניסטישע קאָנפערענצן.



The Zionist Record.

Issued by
The South African Zionist Federation.

Vol. I. No. 1. Johannesburg, November 15, 1908. Heshvan 21. [illegible]

The Zionist Record is issued by the South African Zionist Federation with the object of offering facilities to all Zionists of becoming acquainted with the work of the Federation, and of its affiliated societies.

It will be published monthly and will contain an abstract of the Minutes of the Executive Council, together with reports from the Societies.

A copy will be sent free of charge to every Secretary, and will replace the cumbersome method of issuing the Minutes hitherto in use.

The Executive is prepared, however, to send a number for distribution upon receipt of a contribution towards the expenses.

The Council trusts that this venture will receive the cordial co-operation and support of all Zionists, so that its columns may serve as a medium for the interchange of local opinions and ideas, and so act as a bond of union between the busy centres of activity and the most distant and isolated villages.

Communications for insertion must reach the office not later than the 10th of each month, and be addressed in the usual way, to the Secretary of the South African Zionist Federation.

CONFERENCE REMINDERS.

At the special request of M. Alexander, Esq., M.L.A., of Cape Town, and in recognition of the urgent necessity that the Cape Peninsula should be worthily represented, *the date of the Conference has been altered to Sunday and Monday, January the 3rd and 4th.* Secretaries are requested immediately to notify this alteration to their committees.

Contributions to the conference account should be forwarded immediately.

A list of Federation Dues contributed to the Executive Council will be printed for circulation and consideration at the Conference. All societies who have not yet paid their dues for the current year are reminded to forward them at once so that they may be included.

In the next issue of the "Zionist Record" a full list of societies will be published, together with the number of delegates which they are entitled to send.

Societies are requested to send their flags, so that the Conference Hall may be suitably decorated.

Resolutions for Conference should be sent immediately, so that they may be included in the agenda which is being prepared.

PERSONAL.

Mr. Harry Graumann, a member of the Executive Council of the South African Zionist Federation, has been elected Deputy-Mayor of Johannesburg.

Mr. Advocate M. Alexander, M.L.A., of Cape Town, is to be one of the delegates for the Cape Peninsula to the forthcoming Conference.

Mr. A. M. Abrahams, vice-president of the Executive Council, returns by the Walmer Castle, which sails from Southampton on December 12th. He will, therefore, be able to attend the Conference.

WORDS FROM OUR LEADERS.

Dear Brethren and Fellow Zionists,

I take this opportunity of the first issue of the *Zionist Record*, to appeal to you for greater interest and activity in our National Cause.

Events, transpiring at the present moment in Eastern Europe, give hope that the "Ideal" for which we have been striving since our National instincts were awakened into life by our late Leader, Dr. Theodore Herzl, may be nearer realisation than the most optimistic person could have dreamt of twelve months ago.

The Basle Congress has laid down, that for the uplifting and regeneration of our downtrodden and poverty-stricken co-religionists, we can hardly say being—but dragging out a miserable existence—in countries such as Russia

אין די דאָזיקע גרויסע נומערן פלעגן זיין געדרוקט די אויפרופן צו די קאָנפערענצן, באַריכטן פון דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און פון די ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן.

אָבער איבערהויפּט פאַרגרעסערטע אויסגאַבעס פון „זייאָניסט רעקאָרד" פלעגן זיין די ראש־השנה־נומערן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איבערן גאַנצן לאַנד פלעגט אָרגאַניזירן גרויסע „קאַמפּיינס" צו קריגן ראש־השנה־באַגריסונגען, וועלכע פלעגן אריינטראָגן גרויסע הכנסות פאַרן „רעקאָרד".. אזוי, צ.ב., האָבן ראש־השנה־באַגריסונגען אין „זייאָניסט רעקאָרד" פון 5/9/1918 פאַרנומען 47 זייטן, און אין דעם ראש־השנה־נומער פון 19/9/1919 — 52 זייטן.

ביזן 15־טן אַפּריל 1909 פלעגט מען שיקן דעם „זייאָניסט רעקאָרד" אומזיסט. פון דער דאַטע אָן האָט ער געקאָסט 6 פּעניס. פון אָנפאַנג 1919 האָט מען גערעכנט 9 פּעניס, און שפּעטער — ווידער 6 פּעניס. (דער פאָרמאַט פון „זייאָניסט רעקאָרד" איז "8×"$10\frac{1}{2}$).

קיין לייטאַרטיקלען זיינען ניט געווען ביזן 15/3/1910. אין ערשטן נומער, גלייך ביים אָנהויב, ווערט געזאָגט פון דער רעדאַקציע:

„דער „זייאָניסט רעקאָרד" איז ארויסגעגעבן פון דער דרום־אפריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע מיטן ציל צו געבן די מיגלעכקייט אַלע ציוניסטן צו באַקאָנען זיך מיט דער טעטיקייט פון דער פעדעראַציע און מיט די ציוניסטישע גרופּירונגען, וועלכע זיינען אָן איר אָנגעשלאָסן. ער וועט ארויסגעגעבן ווערן מאָנאַטלעך און מען וועט דרוקן אַ פאַרקירצונג פון די פּראָטאָקאָלן פון דעם עקזעקוטיוו־ראַט. עס וועלן אויך געדרוקט ווערן באַריכטן פון אירע אָפּטיילונגען.

דער עקזעקוטיוו־ראַט גלויבט, אז די אונטערנעמונג וועט קריגן די פריינדלעכע קאָאָפּעראַציע און שטיצע פון אַלע ציוניסטן, כדי די שפּאַלטן פון דעם „זייאָניסט רעקאָרד" זאָלן דינען, ווי אַ מיטל פון מיינונגען־ און אידעען־אויסטויש, כדי צו שאַפן אַ פאַרבינדונג צווישן די היגע אַקטיווע צענטרען און די ווייטע איזאָלירטע דערפער".

אין די ערשטע נומערן פלעגן געגעבן ווערן אויפרופן „פון אונדזערע (היגע) פירערס". דער ערשטער איז געווען פון היימאַן מאָריס: —

„טייערע ברידער און בריוער ציוניסטן, די איצטיקע געשעענישן אין מזרח־אייראָפּע גיבן האָפנונג, אז דער „אידעאַל", צו וועלכן מיר האָבן געשטרעבט זינט אונדזערע נאַציאָנאַלע אינסטינקטן זיינען דערוועקט געוואָרן אין לעבן דורך אונדזער פאַרשטאָרבענעם פירער דר. טעאָדאָר הערצל, זיינען אפשר נאָענטער פאַרווירקלעכט צו ווערן, ווי דער גרעסטער אָפּטימיסט האָט געקענט חלומען מיט 12 חדשים צוריק.

„דער באַזעלער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן אויפצוהייבן און אויפצולעבן אונדזער גוואַלדיק אונטערדריקטע און אָרעמע גלויבנסגענאָסן — וועמענס טרויעריקע עקסיסטענץ קען מען קוים אָנרופן לעבן — אין אזעלכע לענדער, ווי רוסלאַנד און רומעניע. די איינציקע מיגלעכע ליי־זונג איז צו שאַפן פאַרן יידישן פאָלק אָן אָנערקענטע לעגאַלע און געזיכערטע היים אין פּאַלעסטינע. העלפט אונדז צוזאַמענגעמען אין זייער אייגענער היים די אונטערדריקטע יידן.

„מיר וועלן נאָך זען טויזנטער פון אונדזערע אונטערדריקטע און דערשלאָגענע גלויבנס־גענאָסן פון רוסלאַנד און רומעניע אימיגרירן אין דער פרייער פּאַלעסטינע". און ער פאַרענ־דיקט: „ציון דערוואַרט, אז יעדער ייד זאָל טאָן זיין פליכט".

אין צווייטן נומער „רעקאָרד“ שרייבט דר. מאַנפרעד נייטן, איינער פון די היגע ציוניסטישע פירערס:

„מיר גלויבן אין דער גרינדונג פון יידישן שטאַאַט אָדער היים אין פּאַלעסטינע, ווייל ערשטנס ווילן מיר העלפן אין באַפרייען די אונטערדריקטע יידן, און צווייטנס, (וואָס איז ניט ווייניקער וויכטיק), — ווילן מיר ווידער זען אַ צענטער פאַר יידישע טראַדיציעס, אידעאַלן און ענטוזיאַזם“.

דר. מאַנפרעד נייטן זאָגט אויך אין „רעקאָרד“ פון 5/9/1911:

„וואָס איז ציוניזם ? ציוניזם איז ניט נאָר אַ פראַגע פון רעליגיע — כאָטש, ווען ציוניסטן וואָלטן ניט געווען רעליגיעזע, וואָלטן זיי אויפהערן צו זיין ציוניסטן. עס איז איינע פון די שליחות פון ציוניזם, ווי אַ ווירקנדיקער כוח פאַר דער אויפלעבונג פון דעם יידישן לעבן, צו העלפן און רעהאַבילימירן די סינאַגאָגע“. „איז עס אַ ווילדער חלום צו האָפן אויף דעם טאָג, ווען אַלע אונדזערע פאַרפאָלגטע ברידער אין מזרח־איראָפּע וועלן באַזעצט ווערן אין אַ פרייען שטאַאַט, זיך אליין רעגירן, זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאר זייערע אַנגעלעגנהייטן און אָן מורא פאר אימעצן ?“

איינער פון די פירערס און, אַ געוויסע צייט, פּראָפּאַגאַנדיסט ביי דער ציוניסטישער פעדעראַציע — מאָריס אַלעקסאַנדער (געווען אַ דעפּוטאַט אין פאַרלאַמענט), האָט געזאָגט: „ציוניזם איז די שטאַרקסטע פאַרזיכערונג פאַר דער סינאַגאָגע“.

אָט וואָס עס האָט געזאָגט דר. ה. גודמאַן, אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע (אין יאַנואַר 1910):

„אַ רעליגיעזער ייד איז במילא אַ נאַציאָנאַלער ייד. ער בעט דאָך דריי מאָל אַ טאָג אין זיין דאַוונען, אז מען זאָל אומקערן זיין פאָלק אין הייליקן לאַנד“.

ווי מען קען זען לויט די אויבנדערמאָנטע ציטאַטן, לויט דעם גייסט און לויט דעם אינהאַלט פון „רעקאָרד“, האָבן די ציוניסטישע פירערס אין דרום־אפריקע, וועלכע זיינען געווען הויפּטזאַכלעך מערב־איראָפּעאישע יידן, באַטראַכט דעם ציוניזם, ווי אַ נאַציאָנאַלע באַרעמהאַרציקייט־באַוועגונג פאַר די אונטערדריקטע, דערשלאָגענע און פאַרפאָלגטע „גלויבנסגענאָסן“ פון רוסלאַנד און רומעניע, און אויך ווי אַ באַוועגונג צו שאַפן אַ רעליגיעזע מעקאַ, פאַר גאָטס אתה־בחרתנו־פאָלק אין אַלטן, הייליקן ביבל־לאַנד — פּאַלעסטינע.

אין ערשטן נומער „רעקאָרד“ איז דאָ אַ פאַרקירצטער פּראָטאָקאָל פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און עס זיינען געדרוקט רשימות פון בייטראָגן צו פאַרשיידענע ציוניסטישע פאָנדן. דאָס האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין יעדן נומער. עס איז אויך דאָ אַן אויפרוף:

„די ציוניסטישע פאַראיינען זיינען געבעטן שיקן זייערע פאָנעס, כדי די קאָנפערענץ, וועלכע קומט פאָר דעם 3־טן און 4־טן יאַנואַר 1909, זאָל זיין פּאַסיק דעקאָרירט“.

אין צווייטן נומער (15/12/1908) אין רוף „פון אונדזערע פירערס“ שרייבט ש. גאָלדרייך:

„עס איז נאָך צו פרי פאַר אונדז צו זאָגן, וואָס פאַר אַ ווירקונג די רעוואָלוציע אין טערקיי וועט האָבן אויף אונדזער באַוועגונג“.

עס איז אויך דאָ אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַרטיקל פון נחום סאָקאָלאָוו אי־בערזעצט פון דייטש, אין וועלכן ער שרייבט: „אַנדערע ייִדישע קרייזן הויבן שוין אויך אָן צו אַנערקענען, אַז דער מזרח איז היסטאָריש און געאָגראַפיש נאָענטער דעם ייִדן איידער די ריזיקע געטאָס פון אַמעריקע". דאָס איז דער איינציקער אַרטיקל פון עבר־לים, און עס ווערט גאַרנישט דערמאָנט וועגן די ייִדן פון אויסלאַנד, פּונקט ווי דער „רעקאָרד" וואָלט געווען אָן אינדזל ארומ־געריינגלט נאָר פון ציוניזם, אָן דער אַלגעמיינער וועלט, אָדער וועלט־ייִדנטום, וואָס ווערט אין „רעקאָרד" אבסאָלוט ניט אָפּגעשפּיגלט.

עס איז אויך דאָ אַ פאָרשלאַג פון עקזעקוטיוו, אַז „פאַר יעדע עקסטרע הונדערט פונט, זאָל יעדע אָרגאַניזאַציע זיין באַרעכטיקט צו שיקן נאָך אַ דע־לעגאַט צו דער קאָנפערענץ". אָט דער פאָרשלאַג איז אריין אין קראַפט אָנ־פאַנג 1911. עס ווערט אויך איבערגעגעבן, אַז אין 1907 האָט מען אין דרום־אַפריקע פאַרקויפט 4505 שקלים און אין 1908 — 3190 שקלים. עס ווערט אויך געזאָגט: „דרום־אפריקע, לויט דער גרויס פון דער ייִדישער באַפעלקע־רונג, שטייט אין דער שפּיץ מיט אירע ביישטייערונגען פאַר ציוניסטישע פאָנדן".

דער דריטער נומער פון „רעקאָרד" איז געווידמעט דער דריטער ציוניס־טישער קאָנפערענץ. דער באַריכט צו דער קאָנפערענץ איז פון 23/11/1906 ביז 31/12/1908. עס ווערט אָנגעגעבן, אַז 85 פאַראיינען זיינען אָנגעשלאָסן אָן דער פעדעראַציע; אָבער 37 פון זיי האָבן קיינע פינאַנציעלע שטיצע ניט געגעבן. עס ווערט באַריכטעט, אַז פאַר די לעצטע צוויי יאָר איז געווען אַ שטאַרקע עקאָנאָמישע דעפּרעסיע. אין 7־טן נומער „רעקאָרד" איז שוין דאָ אַ רובריק „דרום־אפריקאַנער נייעס". אָבער געמיינט האָט עס נאָר דרום־אַפריקאַנער ציוניסטישע נייעס. צום 60־יאָריקן געבורטס־טאָג פון מאַקס נאָרדוי האָט מען געשאָפן אַ „נאָרדוי־פאָנד". עס איז דאָ אין „רעקאָרד" אָן אַנאָנס וועגן (''Kopecka Pamphlets'') „קאָפּיקע ביכלעך" אין ייִדיש — אָן אויסגאַבע פון ייִדישע ביכלעך פאַר צוטריטלעכע פּרייזן. דאָס איז כמעט דער איינציקער אַנאָנס וועגן ייִדישע ביכער.

דעם 12־טן מיי 1910 איז בעלא פּעווזנער אָנגעקומען אין דרום־אַפריקע, אָנצופירן אָן אַקציע פאַר דער בצלאל־שול. זי איז געפאָרן איבערן גאַנצן לאַנד און געהאַלטן ציוניסטישע רעדעס. אין אירע רעדעס האָט זי שטענ־דיק אונטערגעשטראָכן די טענדענץ אין אַ סך לענדער, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם באַגריף — „יודע הערויס". זי האָט געהאַלטן אין אוידטסהאָרן דריי רעפעראַטן. צו דעם ערשטן רעפעראַט זיינען געקומען 350 צוהערערס, צום צווייטן — 400, און צום דריטן — 500 (31/12/1910). פרוי פּעווזנער האָט צוזאַמענגעקליבן פון ייִדן און ניט־ייִדן £2800. זי האָט פאַרלאָזן ד.־אַפריקע דעם 28/12/1910. קאָנטיק, אַז פרוי פּעווזנערס זיין דאָ האָט איבערגעלאָזן א ביי־טעם, ווייל אין „רעקאָרד" פון 30/6/1911 ווערט געזאָגט: „אינדערצייט, וואָס זי איז אַ פּעאיקע פּלאַטפאָרמע־רעדנערין, האָט איר געפעלט טאַקט און דיסקרע־

ציע. אירע מעטאָדן און אופן פון קלייבן געלט האָבן זיך שלעכט אָפּגערופן אויף אונדזער באַוועגונג". צוליב דעם האָט דער עקזעקוטיוו באַשלאָסן, אַז איידער מען שיקט אַ דעלעגאַט, דאַרף ער האָבן די צושטימונג פון וועלט־עקזעקוטיוו און פון דער דרום־אפריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע.

בנציון הערש

אין „רעקאָרד" פון 31/12/1910 ווערט געמאָלדן, אַז בנציון הערש איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון דעם עקזעקוטיוו פון דער ציוניסטישער פעדעראציע. זיין אריינקומען אין דעם עקזעקוטיוו האָט זיך גלייך געגומען פילן אין „רעקאָרד", הגם אָפיציעל איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אין דעם פרעסע־קאָמיטעט אין אָקטאָבער 1913, (שפּעטער איז ער געווען דער פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט). דער פרעסע־קאָמיטעט האָט אויך אָנגעפירט מיט דעם „רעקאָרד". דערנאָך איז אָט דער אַקטיווער און אַגרעסיווער בנציון הערש געווען איינער פון די טאָן־געבערס פון „זייאָניסט רעקאָרד".

ער האָט גענומען שרייבן אונטער פאַרשידענע נעמען. ער פלעגט אויספילן אַ גרויסע רובריק אונטערן נאָמען „דאָ, דאָרטן און אומעטום" ("Here, there and everywhere") אונטערן פסעוודאָנים „דבורהזאָהן". ער פלעגט אין זיינע אַרטיקלען רעאַגירן אויף היגע געשעענישן. ער פלעגט שטאַרק קריטיקירן די גלייכגילטיקייט צום ציוניזם, און פלעגט שטאַרק פאָרוואַרפן פאַר וואָס די ציוניסטישע אָוונטן טראָגן ניט קיין ציוניסטישן כאַראַקטער; פאַרוואָס מען שפּילט ניט די התקוה. אגב באַקלאָגט זיך אַ לעזער אין „רעקאָרד" פון 15/10/1917, אַז אויף א קאָנצערט, אָרגאַניזירט פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך גאָרנישט געפילט, אַז עס איז אַ יידישער אָוונט. אפילו דעם איינציקן נומער, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי העברעישע לידער, האָט מען דאָס אויך אַנאָנסירט פאַר אָריענטאַלישע לידער.

ווי שוין פריער געזאָגט, איז בנציון הערש געווען אַ מיטאַרבעטער פון „הכוכב". שפּעטער האָט ער זיך, קאָנטיק, צעקריגט מיטן רעדאַקטאָר און האָט מער ניט אַנטייל גענומען דאָרט. דעם 26־טן יאַנואַר 1904, האָט ב. לעוויצקי ארויסגעגעבן אין יאָהאַנעסבורג „די יודישע פרייע פרעססע", אין וועלכער בנציון הערש האָט אנטיילגענומען, און איז שפּעטער געוואָרן איר רעדאַקטאָר. בנציון הערש איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער „ד.א. דזשואיש קראָניקל". ער פלעגט דאָרט דרוקן אין ענגליש איבערזעצונגען פון שלום־עליכם, גאָר אָפטע בריוו און קאָרעספּאָנדענצן. ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון יידישע צייטונגען אויסער דרום־אפריקע. ער פלעגט אָפט שרייבן בריוו, וואָס פלעגן געדרוקט ווערן אין די היגע טעגלעכע ענגלישע צייטונגען.

ביי די טראַנסוואַל פּאַרלאַמענט־וואַלן, אין פעברואר 1907, האָט די ציוניסטישע פעדעראַציע ארויסגעשיקט בריוו צו אַלע קאַנדידאַטן, אויפפאָדערנ־

דיק יעדערן צו געבן זיין שטעלונג צום ציוניזם. אַז אין דעם ענין האָט בנציון הערש געהאַט אַ גרויסן חלק — איז גאָר קיין צווייפל ניט. אין דעם „ד.א. דזשואיש קראָניקל" פון 15/2/1907 זיינען שוין געווען געדרוקט אַ סך ענטפערס פון קאַנדידאַטן. קעגנערס פון ציוניזם האָבן ניט געענטפערט.

בנציון הערש האָט אויך שטאַרק אַגיטירט, אַז דער „רעקאָרד" זאָל פאַרגרעסערט ווערן, און ווערן אַ וואָכנטלעכע אויסגאַבע. אין „רעקאָרד" פון 18/2/1911 איז דאָ אַן אויפרוף פון אים, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם שקל-„קאָמיסיאָנער" — איינע פון די וויכטיקסטע אַמטן אין דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער אויפרוף זאָגט:

„איך שטעל זיך פאָר, וואָס פאַר אומבאַגרענעצטע קראַפט דער שקל באַזיצט. דאָס לעבן פון דער יידישער נאַציע הענגט אָפּ פון אונדזער מאַכט. זייט איר יידן? זייט איר מיטגלי־דער פון דער אַלטער און גלאָריפיצירטער יידישער נאַציע? צאָלט דעם שקל און פאַר־שטאַרקט און האַלט־אַן אייער נאַציאָנאַלע מאַכט! געדיינקט דעם שקל!"

אין „רעקאָרד" פון 5/1/1912 שרייבט ער אין זיין רובריק וועגן די דריי מינען-מאַגנאַטן — לייאָנעל פיליפּס, דזשאָרדזש אַלבו און ס. ניומאַן, וועלכע זיינען פון ענגלישן קיסר באַערט געוואָרן מיטן טיטול „סער" (Sir). „סער לייאָנעל איז געווען דער פּאָפּולערסטער צווישן די דריי ציוניסטן". „סער לייאָנעל איז געווען אין דער שפּיץ פון דער ליסטע מיט אַ באַשטייערונג פון צען טויזנט פראַנק פאַר פּרוי פעווזנערס קאָמפּאַניע". (אגב האָט „סער" לייאָנעל און זיין משפחה זיך געשמדט).

אין „רעקאָרד" פון 15/2/1912, שרייבט בנציון הערש, אַז „אַ חוץ דעם אַלפאַבעט, וואָס ווערט גענוצט אין יידיש איז גאָרנישט ניטאָ אַזוינס, וואָס פאַרבינדט העברעיש מיט יידיש. יידיש איז פאַקטיש נאָענטער צו דייטש, ווי אַפריקאַאַנס צו האָלענדיש".

אין „רעקאָרד" פון 30/6/1911 ווערט געזאָגט, אַז „די צאָל מיטגלידערס אין די ציוניסטישע פאַראיינען אין יאָהאַנעסבורג איז נאָר אַן ערך 200". אין „רעקאָרד" 16/11/1919 ווערט געמאָלדן, אַז פאַר יעדערן, וועלכער שאַפט 6 אַבאָנענטן, וועט מען פלאַנצן אין זיין נאָמען אין איילבערט-בוים אין פּאַלעס־טינע, און אַז פאַר 25 נייע אבאָנענטן — 5 ביימער; ער וועט אויך קריגן אַ „דיפּלאָם". אין „רעקאָרד" (23/1/1913) ווערט געמאָלדן, אַז א. מ. אַבראַ־האַמס, דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע האָט געזאָגט: „ווי קען אימעצער, וועלכער רופט זיך ייד, ניט זיין קיין ציוניסט?"

אין מערץ 1913 איז דר. קרעטשמאַר איזראַעלי אָנגעקומען אין דרום־אַפריקע — און אַ צווייטן מאָל אין 1914 — אָנצופירן פּראָפּאַגאַנדע און אַקציעס פאַרן ציוניזם.

אין 1913 האָבן זיך אָנגעהייבן באַווייזן באַריכטן אין „רעקאָרד" וועגן דעם ביילים-פּראָצעס. די באַריכטן האָבן אָנגעהאַלטן ביז נאָכן פּראָצעס. בנ־

ציון הערש האָט אָרגאַניזירט אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג צו פּראָטעסטירן קעגן ביילים־פּראָצעס. באַוווּסטע ניט־יידישע פּערזאָנען זיינען ארויסגעטראָטן אויף אָט דער פאַרזאַמלונג (5/11/1913).

אין 1917 האָט פּערסי קאָועין געגומען שרייבן אין „רעקאָרד״ אונ־טערן קעפּל „אין אַנדערע לענדער״ וועגן רעליף־פאָנד און אנדערע ענינים.

אויסער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע זיינען אין די ערשטע יאָרן געווען געדרוקט און איבערגעדרוקט שבתדיקע דרשות פון רבי דר. לאַנדאו, רבי דר. הערץ, רעוו. בענדער, רעוו. כהן (בולאַוואַיאָ), אויך רבי דר. גאַסטער א.א.

שפּעטער האָבן זיך גענומען באַווייזן, אַ חוץ די „סערמאָנס״, אַרטיקלען פון רבי דר. לאַנדאו אויף פאַרשיידענע טעמעס, ווי צ.ב. וועגן „תלמוד״ (אין פאָרזעצונגען), „נביאות״, „ירמיהו און יאָסעפוס״, „דערינערונגען וועגן דר. הערצל״ און אויך אַרטיקלען וועגן יידישע רעליגיעזע יום־טובים.

א. ראַבינאָוויץ (פּרעטאָריע) האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן „גרויסע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע״.

עס זיינען אויך געווען געדרוקט אין „רעקאָרד״ דריי ארטיקלען א.ד.ט. „דער ייד אין דער ענגלישער ליטעראַטור״ פון סאַראַ גערטרוד ליב־סאָן (די איצט באַוווּסטע שריפטשטעלערין סאַראַ גערטרוד מילין). עס זיינען אויך געווען אַרטיקלען פון בערטאַ גודוויס און איבערזעצונ־גען פון דייטש, יידיש און העברעיש פון שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, יהודה שטיינבערג, מרדכי ספּעקטאָר, פּרץ סמאָלענ־סקי, „שפּריצן פון יידישן הומאָר״ (פון דייטש).

אין „רעקאָרד״ פון 15/2/1914 ווערט אויף אַ פּראָמינענטן אָרט ספּעציעל אויסגעטיילט אין אַ רעמל אַ בריוו פון דעם „הייפעלד ציוניסטישן פאַראיין :“Highveld Zionist Association”

„דער פּרעזידענט און דער קאָמיטעט פון הייפעלדס ציוניסטישן פאַראיין, ווילן אויס־דריקן זייער אַנערקענונג פאַרן נאָבעלן אופן, ווי אזוי די יידישע פּריוויליקע האָבן זיך אָפּ־גערופן אויף דער ווענדונג פון דער רעגירונג בשעת די לעצטע אומרוען אין דער אינדוס־טריע[9]. זיי האָפן, אז ווען דער רוף פון ארץ־ישראל וועט קומען, וועלן זיי אויך פּונקט אזוי דערפילן זייער פליכט״.

די ציוניסטישע פאָנדן

אַ גאָר פּראָמינענטן אָרט אין „רעקאָרד״ פאַרנעמען די ציוניסטישע פאָנדן און די באַשטעטיקונגען פון קבלות אויף די געקליבענע געלטער פאַר די דאָזיקע פאָנדן. ציוניסטישע פאָנדן זיינען געווען אַ סך : צ.ב. „דער נאַציאָנאַל־פאָנד״,

---

[9] די רעגירונג האָט אויפגעפּאָדערט די פּויערים און דאָרפישע באַפעלקערונג זיי זאָלן קומען העלפן אונטערדריקן דעם גרויסן שטרייק.

„נאַציאָנאַל־פאָנד־פושקעס", „נאַציאָנאַל־פאָנד־מאַרקעס", „דאָס גאָלדענע בוך", „איילבערט־ביימער־פאָנד", „יער־הערצל", „דונאַם־פלאַן", „טעלעגראַמע־בלאַנקען", „פעני וואולפסאָן־פרדס־פאָנד", „אָפּענהיימער־פלאַן־פאָנד", „אַקציעס־קלוב" ("Share Club") „פעדעראַציע־פאַרם־פאָנד" (אין 1913). אַ חוץ די פאָנדן פלעגן פון צייט־צו־צייט געשאַפן ווערן אויך אַנדערע פאָנדן, ווי צ.ב „קעניג עדוואַרד־אָנדענק־פאָנד", „מענדל בייליס־פאָנד" א.א.

יעדער ביישטייער אָדער נדבה פאַרן ציוניזם אין דרום־אַפריקע — ווי קליין דאָס זאָל ניט זיין — ווערט אָנגעגעבן אין „רעקאָרד" דער נאָמען, פון וועמען מען האָט עס געקראָגן.

דאָס האָט שטאַרק אימפּאָנירט. איבערהויפּט איז עס געפעלן געוואָרן די קליינשטעטלשע יידישע פּרויען און מענער, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געזען זייערע נעמען געדרוקט. זיי האָבן געפילט, אַז מען גיט זיי אָפּ כבוד; זייער אייגנליבע האָט געקראָגן אַ באַפרידיקונג. מען האָט גענומען אויסבייטן די מאיר־בעל־הנס־פושקעס אויף נאַציאָנאַל־פאָנד־פושקעס. מען האָט גענומען אַראָפּנעמען געלט פון קאָרטן־שפּילן פאַר דער נאַציאָנאַל־פאָנד־פושקע, כדי צו ווייזן אין „רעקאָרד", אַז זייער פושקע האָט געזאַמלט אַ גרע־סערע סומע.

פליסיק האָבן די יידן גענומען קלייבן און געבן געלט, כדי אָפּטער צו זען זייערע נעמען אין „רעקאָרד" — אַ ציטונג, וואָס אַ סך האָבן ספּעציעל אַבאָ־נירט צוליב דעם, וואָס זייערע נעמען זיינען געווען געדרוקט דאָרטן.

מיט דעם, וואָס יעדער נאָמען פון די ביישטייערערס איז געדרוקט געוואָרן אין „רעקאָרד", האָט די ציוניסטישע פעדעראַציע אָנגערעגט און גלאָריפיצירט די געבערס פאַר די ציוניסטישע פאָנדן. די געבערס האָט שטאַרק הנאה געטאָן דער פאַקט, וואָס פאַר דעם געלט, וואָס זיי גיבן פאַר ציוניסטישע פאָנדן, ווערן זיי געשעצט, מען מאַכט פון זיי אַ גאַנצן וועזן; והראיה, — זייערע נעמען ווערן דאָך געדרוקט אין „רעקאָרד".

דאָס דרוקן די נעמען פון די געבערס האָט אַזוי אָנגעלאָקט אַ סך יידן, אַז עס האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט אַ גאַנצער „קולט" צו ווערן „געבערס" און „קלייבערס" פאַר ציוניסטישע פאָנדן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן אַנדערע פאָנדן דאָס נאָכגעטאָן. אַזוי, אַז דאָס איז געוואָרן דער געזעלשאַפט־לעכער לייטער, אויף וועלכן מען „קריכט אַרויף" אין דער אָדער יענער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, אָדער אין אַ פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט, פאַראיין, אָדער תלמוד־תורה.

דער עיקר איז ניט געווען די באַציאונג פון דער באַטרעפנדיקער פערזאָן, דער ביישטייער אין אַרבעט, געזעלשאַפטלעכע אינטעליגענץ, אָדער דער קולטו־רעלער ביישטייער, נאָר — וויפל און ווי אָפט האָט ער, אָדער זי געגעבן געלט, אָדער באַאיינפלוסט אַנדערע צו געבן געלט פאַרן ציוניזם.

דער „לייטער" פון דעם „נאַציאָנאַלן", „געזעלשאַפטלעכן", פילאַנטראָפּישן און רעליגיעזן לעבן אין יאָהאַנעסבורג און אין דרום־אַפריקע בכלל, איז „אויס־געקלעפּט" געוואָרן מיט נעמען פון געלט־געבערס און געלט־נעמערס.

אזוי ארום האָט זיך אין דרום־אַפריקע אַנטוויקלט אַ משונהדיקער געלט־מעסיקער צוגאַנג צו נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע, פילאַנטראָפּישע און רע־ליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און פאַראיינען. דער געלט־ציפער איז געוואָרן די מאָס און מדרגה פון אקטיווקייט ביי נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט־לעכקייט.

יידיש און דער „זייאָניסט רעקאָרד"

שוין אין דריטן נומער „רעקאָרד" ווערט אָנגעגעבן, אז עס איז דאָ אַ פאָר־שלאַג פאַר דער ציוניסטישער קאָנפערענץ, אז דער „רעקאָרד" זאָל זיין גע־דרוקט אויך אין יידיש. עס זיינען אויך געווען בריוו אין „רעקאָרד" וועגן דעם.

כמעט אויף אַלע ציוניסטישע קאָנפערענצן פלעגט ווערן פאָרגעבראַכט אָט דער פאָרשלאַג. די פירערשאַפט און די פאַנאַטישע העברעער זיינען געווען שטאַרק קעגן דעם. דאָך האָט מען דעם וווּנטש ניט געקענט איגנאָרירן. דעם פאָרשלאַג האָט מען דיפּלאָמאַטיש ניט אָפּגעוואָרפן. מען האָט אָנגעגעבן, אז די סיבה איז דאָס, וואָס עס איז נישטאָ גענוג געלט ארויסצוגעבן אַ יידישע ביילאַ־גע. אויף איין ציוניסטישער קאָנפערענץ האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אז מען זאָל דורכפירן אַ רעפערענדום ביי אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, צי זיי זיינען באַרייט צו געבן געלט אויף ארויסצוגעבן אַ יידישע ביילאַגע. אין „רע־קאָרד" פון 15־טן מערץ 1914 איז דאָ אין איינעם פון די לייטאַרטיקלען אַ גאָר קליינע מעלדונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אז בקרוב וועט דערשיי־נען אַ יידישע ביילאַגע. דער „בקרוב" איז געווען דער קומענדיקער נומער פון „רעקאָרד".

דער נאָמען פון דער ביילאַגע איז געווען „דער ציוניסט" און דער רעדאַק־טאָר — י. ש. י ו ד ע ל אָ ו י ץ.

„דער ציוניסט" איז געווען געדרוקט אין אַפּריל, מיי, יוני און אין אויגוסט־נומערן פון „רעקאָרד". דער אויגוסט־נומער פון „דער ציוניסט" איז געווען אַ דאָפּלטער נומער (תמוז־אב), ווייל עס איז געווען אַ הערצל־נומער, און עס האָט געהאַט 16 זייטן אין יידיש — אַן ערך צוויי מאָל אזויפיל זייטן, ווי די פריערדיקע.

די וועלטלעכע דאַטע ווערט ניט אָנגעגעבן אין „דער ציוניסט". די חדשים פון „דער ציוניסט" זיינען געווען דאַטירט: ניסן, איר, סיון און תמוז־אָב תרע"ד. דער אינהאַלט פון אַפּריל־נומער פון „דער ציוניסט" איז: צילן און אויפגאַבן פון „דער ציוניסט", „די לעצטע זיצונג פון אקציאָנס־קאָמיטעט", „פסח", „דער שפּראַכן־קאַמף און דער נצחון", „דר. קרעטשמאַר איזראַעליס רייזע", „די 4 עפּאָכן פון די אידישע שפּראַכן" (אין המשכים) פון י. ש. יודע־

לאָוויץ, „אַ גרינע" — אַ סקיצע פון „אַ יודישער אינגעל" (י. מ. שערמאַן), „וואָס פרעגן זיי" — א. קרעטשמאַר איזראַעלי, אַ וויכטיקע אסיפה און — אַנאָנסן אין יידיש.

דער אינהאַלט פון מיי־נומער פון „דער ציוניסט" איז געווען: „די 6־טע זיד אַפריקאַנישע ציוניסטישע קאָנפערענץ אין בלומפאָנטיין", „נאַציאָנאַלע קולטור אין א"י און די אידישע חברות אין גלות", „די 4 עפּאָכן פון די אידישע שפּראַכן", „דריי געסט אין א"י", „דער ציוניזם אין יאָהאַנעסבורג" און „די אידישע קולטורעלע חברות אין יאָהאַנעסבורג". דער יוני־נומער האָט געהאַט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „די 6־טע זיד אַפריקאַנער ציוניסטישע קאָנפערענץ", „די טעריטאָריאַליסטן צוריק צום ציוניזם", פּאָעמע „צום נייעם לעבן" — רחל רבקה פייפערט, „זיין איינציקער פריינד" — אַ יודישער אינגל (י. מ. שערמאַן), אַ בריוו צום רעדאַקטאָר. דער אויגוסט־נומער איז געווען געווידמעט הערצלס 10־טן יאָרצייט און איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקן אינהאַלט: „דער וואַנדערנדער כותל־מערבי", „דר. הערצל", „פון הערצלס ירושה", „אויב הערצל וואָלט נאָך איצט געלעבט", „ביבליאָגראַפיע — נייע ווערק וועגן הערצלען", „דער געמבלער" — סקיצע פון ראָבערט יאַפע, בריוו צום רעדאַקטאָר, „יובילייען און נעקראָלאָגן (הערצליסטן און אַנטי־הערצליסטן)", „דער ציוניזם אין יאָהאַנעסבורג און אומגעגנט", און „דער אידישער ליטעראַרישער און דראַמאַטישער פאַראיין".

אָן קיין שום מעלדונג אין אויגוסט־נומער פון „רעקאָרד", אז „דער ציוניסט" וועט מער ניט דערשיינען, און אויך אָן קיין שום דערקלערונג צו די לעזערס אין דעם סעפּטעמבער־נומער „רעקאָרד" פאַרוואָס „דער ציוניסט" הערט אויף דערשיינען — איז די אויגוסט־אויסגאַבע געווען דער לעצטער נומער. עס איז נאָר געווען דערמאָנט אין דעם סעפּטעמבער־נומער „רעקאָרד" אין אַלגעמיינעם פאַרקירצטן פּראָטאָקאָל־באַריכט פון די עקזעקוטיוו־אַקטיוויטעטן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אז — „צוליב דער נויטווענדיקייט שטאַרק צו פאַרקלענערן ביוראָ־הוצאות אין די געשאַפענע אומשטענדן, איז באַשלאָסן געוואָרן צו געבן אינסטרוקציעס דעם „פּרעסע־קאָמיטעט", אז עס איז ניט ראַטזאַם פאָרזעצן ארויסצוגעבן די יידישע ביילאַגע".

איבערלייענדיק די פיר נומערן „דער ציוניסט", פילט מען, אז אין „דער ציוניסט" איז געווען אַ נאַציאָנאַל־פולסירנדיקע לעבעדיקייט — דער היפוך, ווי אין „רעקאָרד" גופא.

* * *

אין „רעקאָרד" פון 14/7/1919 ווערט איבערגעגעבן, אז: „אויפן 3־טן באָאַרד אָוו דעפּיוטיס־קאָנגרעס (וואָס איז פאָרגעקומען דעם 25־טן און 26־טן מיי 1919), האָט י. מ. ס ע וו י ץ, אין נאָמען פון אידישן ליטעראַרישן און דראַמאַטישן פאַראיין פאָרגעבראַכט: „אזוי, ווי יידיש איז די שפּראַך פון די יידישע מאַסן, באַשליסט דער קאָנגרעס, אז יידיש זאָל ווערן די אָפיציעלע

שפראַך פון באָארד אָוו דעפּיוטיס". רבי דר. לאַנדאַו האָט אפּאָנירט. בנציון הערש האָט אריינגעבראַכט די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דעם קאָנגרעס, אז "דער קאָנגרעס פאַרלאַנגט פון דעם עקזעקוטיוו, ער זאָל מאַכן באַקאַנט, אז קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם "באָארד" קען מען פירן אויך אין העברעיש און יידיש אויסער די אָפיציעלע שפּראַכן פון לאַנד".

אין אַן איבערבליק איבער די אַקטיוויטעטן פון דרום־אַפריקאַנער יידן פאַרן יאָר שרייבט דזשעק אַלעקסאַנדער — דער אַלגעמיינער סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע — וועגן אַלע אָרגאַניזאַציעס און פאַראייַנען, אריינרעכענדיק גאָר קליינינקע אָרגאַניזאַציעס. נאָר די וויכטיקסטע קולטור־אָרגאַניזאַציע — דעם אידישן ליטעראַרישן און דראַמאַטישן פאַראיין — האָט ער ניט דערמאָנט (19/6/1917).

ווען י. ל. פּרץ איז געשטאָרבן (3/4/1915) האָט דער "רעקאָרד" ניט געווידמעט אפילו איינעם פון זיינע לייטאַרטיקלען. ווען, צ.ב. פעלדמאַרשאַל קיטשענער איז געשטאָרבן, האָט אים דער "רעקאָרד" געווידמעט דעם הויפּט־לייטאַרטיקל. עס איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אז ניט דער רעדאַקטאָר און ניט דער גאַנצער יאָהאַנעסבורגער עקזעקוטיוו פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אויסער בנציון הערש האָבן געקאָנט פּרצ'ן. ערשט דעם 15/6/1915 איז דערשינען אַ לאַנגער אַרטיקל וועגן פּרצ'ן פון י. ש. יודעלאָוויץ. דער אַרטיקל פאַרנעמט גענויע צוויי זייטן. דער נעקראָלאָגאַרטיקל — "יצחק לייבוש פּרץ" איז אין אַ שוואַרצן רעמל. אָט, ווי פּרץ ווערט איבערגעגעבן:

"דער גרעסטער שריפטשטעלער, וואָס האָט ווען געלעבט צווישן די פּוילישע יידן, לעבט שוין מער ניט".

"פּרץ איז געווען דער איינציקער פון די אָפּגעשלאָסענע פּוילישע יידן, וועלכער איז געווען גענוג שטאַרק זיך צו אַנטפּלעקן פאַר אונדז. פּרץ איז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט אריינגעדרונגען אין דער דאָזיקער אָפּגעשלאָסענער וועלט, און האָט אַנטדעקט פאַר אונדז די פאַרבאָרגענע טיילן פון פּוילישן יידנטום". "אַ באַדייטנדיקער טייל פון פּרצעס ווערק וועט אויף אייביק בלייבן אין אונדזער נאַציאָנאַלן מוזעאום".

דאַן ווערט איבערגעגעבן פּרצעס ביאָגראַפיע.

"זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוון זיינען געווען געדרוקט אין "השחר" און "הבוקר", פון וועלכע די סאַטירע "השותפים" איז נאָך עד היום איינגעקריצט אין מיין זכרון".

"זינט דאַן האָט פּרץ געשריבן כמעט אין אלע העברעישע זשורנאַלן. זיין אַרטיקל וועגן היינטיקע ענינים אין סאָקאָלאָווס יאָר־בוך "האסיף" און זיין באַלאַדע "מאָניש" אין שלום עליכמס פאָלקס־ביבליאָטעק אין 1888, האָבן איבערגעלאָזן אַ רושם". דערנאָך ווערט געזאָגט וועגן פּרצעס ארויסגעבן "די יודישע ביבליאָטעק" און די באַרימטע "יום־טוב־בלעטלעך" וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער יידישער (Jewish) ליטעראַטור און

אויך אין דער ייִדישער דעמאָקראַטיע". „...אין יענע צייטן איז פּרצעס שטעלונג צו ייִדיש געווען אַ נעגאַטיווע". „זיין גאַנצער טאַלאַנט אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין די פאָלקסטימלעכע געשיכטן, ספּעציעל אין באַצוג צו דעם חסידישן לעבן. אָט די פאָלקסטימלעכע געשיכטן זיינען, אָן צווייפל, די צירונג פון דער העברעישער שיינער ליטעראַטור". „פּרץ האָט געוואָלט, אַז העברעיש זאָל אָנגענומען ווערן, ווי די איינציקע ייִדישע נאַציאָנאַלע שפּראַך".

וועגן פּרצעס נעגאַטיווער שטעלונג צום ציוניזם ווערט געזאָגט: „פּרץ האָט זיך גופא כאַראַקטעריזירט: „איך בין געווען, וואָס מען רופט אָן אַן עלוי; געהאַט אַ פלינקן לאָגישן שכל און געווען גלייכגילטיק (Light hearted)''. ווי גייען אָט די אייגנשאַפטן האַנט ביי האַנט? זיי גייען ניט האַנט ביי האַנט. אַ פּראָצעס פון צוויי עלעמענטן — אַ לאָגישער שכל און אַ האַרץ פון גלייכגילטיקייט, — אין איין מענטשן? אָט דער פּראָצעס איז געווען קאָנטיק אין אַלע פּרצעס ווערק. די דיסהאַרמאָניע פון די שלעכט־געפּאָרטע עלעמענטן, דער „לאָגישער שכל" און דאָס האַרץ פון „לייכטער באַציאונג" — גלייכגילטיקייט, האָבן ניט האַרמאָנירט. און דאָס דערקלערט זיין שטעלונג צו אונדזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג"[10].

דער „זייאָניסט רעקאָרד" אין די קריג־יאָרן

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה פון 1914—1918, האָט זיך קוים געפילט אַן ענדערונג אין „רעקאָרד".

עס איז אינטערעסאַנט צו ציטירן די נעמען פון אַ לייטאַרטיקל, וואָס איז באַשטאַנען פון זיבן קלענערע קאַפּיטלעך (14/8/1914): 1) „די הצטרכותן פון דער ציוניסטישער יוגנט", 2) „די פּאָזיטיווע פּראָבלעם", 3) „ווי צו לייזן דאָס", 4) „וואָס האָט צו זאָגן די געשיכטע", 5) „און איר ציל", 6) „די דרום־אַפריקאַנער באָאַרד אָוו דעפּיוטיס", און ערשט דער 7־טער אַרטיקל — „די מלחמה", אין וועלכן עס ווערט צווישן אַנדערן אָט וואָס געזאָגט:

„וואָלט העלפט פון דעם פּאַטריאָטיזם, וואָס ווערט (פון ייִדן) אַזוי פרייוויליק געגעבן פאַר די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן — אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דעם לאַנד פון זייער אורשפּרונג, וואָלט ציוניזם שוין היינט געווען דערגרייכט".

---

[10]) אַז יצחק לייבוש פּרץ האָט זייער ליב געהאַט ייִדיש, וואָס איז אַ דאַנק אים אויסגעוואַקסן פון אַ פאָלקס־שפּראַך צו א נאַציאָנאַלער שפּראַך מיט העכערע קולטור־ווערטן און קינסטלערישע ליטעראַרישע שאַפונגען — וועגן דעם ווערט אין דעם גאָר גרויסן נעקראָלאָג־אַרטיקל איבער פּרצען ניט דערמאָנט.

עס ווערט אויך ניט דערמאָנט, אַז פּרץ איז געווען דער פאָן־טרעגער פון דער מאָדערנער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. עס ווערט אויך ניט דערמאָנט, אַז פּרץ איז דער פאָטער פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, און, אַז ער האָט געשאַפן גרויסע ליטעראַרישע ווערק, כמעט אויסשליסלעך אין ייִדיש. עס ווערט אויך ניט געזאָגט, אַז בלויז אַ דאַנק זיינע מאָנומענטאַלע שאַפונגען אין ייִדיש, ווערט פּרץ פאַררעכנט פאַר דעם גרעסטן קלאַסיקער אין אונדזער ליטעראַטור.

עס האָבן זיך גענומען באַוויזן אויפרופן און ליסטעס פון מנדבים פאַרן הילפס־פאָנד. שפּעטער איז דערשינען אַ ספּעציעלער רוף נאָך שטיצע פאַר די יידן אין פּאַלעסטינע, וועלכע האָבן שטאַרק געליטן פון דער מלחמה.

ווען טערקיי, צו וועמען פּאַלעסטינע האָט געהערט, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער מלחמה אָן דייטשלאַנד, איז דערשינען אַ לייטאַרטיקל אונטערן נאָמען „דער קריזיס". עס זיינען אויך געווען אַרטיקלען וועגן שאַפן א יידישן באַ־טאַליאָן, און „יידן און די מלחמה", „די מלחמה און יידן"; רעוו. כהן האָט געשריבן „דער קריג און דער ציוניזם". עס איז אויך געווען איבערגעדרוקט אין „רעקאָרד" (4/15/1915) אַן אַרטיקל פון א. פרומקין „פּאַלעסטינע נאָך דעם קריג" און ליסטעס פון דרום־אַפריקאַנער יידן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער דרום־אַפריקאַנער ארמיי.

נאָך דעם, ווי די אַליאירטע פעלקער האָבן געמאַכט די דעקלאַראַציע, אז יעדע קליינע נאַציע האָט דאָס רעכט פאַר זעלבשטענדיקייט, האָט די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע, כמעט אין אַלע לענדער, אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע, אז יידן, ווי אַ נאַציע דאַרף געגעבן ווערן פּאַלעסטינע. אין „רעקאָרד" ווערט אָט די פאָדערונג שטאַרק אָפּגעשפּיגלט. לויט דער איניציאַטיוו פון דער ציוניסטי־שער פעדעראַציע איז דאָ גערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינער יידישער קאָנגרעס צו באַהאַנדלען די פאָדערונג פון פּאַלעסטינע פאַר יידן. אין מיי־נומער פון „רעקאָרד" 1916, ווערט איבערגעגעבן, אז דער קאָנגרעס האָט איינשטימיק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אז נאָך דער זיגרייכער מלחמה זאָלן יידן קריגן פּאַ־לעסטינע. דערנאָך זיינען פאָרגעקומען מאַסן־פאַרזאַמלונגען, פאָדערנדיק פּאַ־לעסטינע פאַר יידן.

אין „רעקאָרד" פון 15/11/1917 איז דאָ אַ מעלדונג מיט גרויסע אותיות וועגן באַלפור־דעקלאַראַציע.

עס איז דערשינען אַ לייטאַרטיקל „לשנה־הבא". בנציון הערש איז ארויס מיט אַ פייערדיקן אַרטיקל „מי ומי ההולכים?!" „ציוניזם האָט אויפגע־הערט צו זיין אַ חלום און ציוניסטן באַטראַכט מען שוין ניט ווי בעלי־חלומות. ערשט נעכטן פלעגן זיי ווערן באַטראַכט מיט פאַראַכטונג, רחמנות און מיט גלייכגילטיקייט".

די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע איז ארויס פון איר ביז איצטיקע ענגע דלד אמות. גרויסע דעמאָנסטראַטיווע מאַסנפאַרזאַמלונגען זיי־נען גערופן געוואָרן. אַ גרויסער באַנקעט לכבוד דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז פאָרגעקומען 28/11/1918, אויף וועלכן עס זיינען בייגעווען באַוווסטע ניט־יידישע פּאָליטישע פירערס. אין „רעקאָרד" פון 18/6/1919 איז שוין דאָ אַן אַר־טיקל פון דר. מ. ד. עדער „וואָס די יידישע רעגירונג טוט".

מען האָט געשאַפן אַ רעסטאַווראַציע־פאָנד. א גרויסע קאָמפּאַניע איז אָרגאַניזירט געוואָרן צו שאַפן גרויסע פאָנדן. אַ ספּעציעלער בולעטין, ווי אַ ביילאַגע צום „רעקאָרד", אונטערן נאָמען „דער יידישער רעסטאָווראַציע־

פאָנד־בולעטין", האָט גענומען דערשיינען רעגולער. אין נומער 20/2/1918 האָט געהאַט זעקס זייטן אין יידיש, רעדאַקטירט פון בנציון הערש. „דער רעסטאָווראַציע פאָנד" האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן פון די אַקטיוויטעטן אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע. גרויסע סומעס געלט פאַר דעם פאָנד ווערן אין בולעטין באַשטעטיקט.

* * *

אין יאַנואַר־נומער „רעקאָרד" פון יאָר 1919 הייבן זיך אָן דרוקן נייעס וועגן פאָגראָמען אין רוסלאַנד און פוילן. אָט די פאָגראָם־נייעס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן.

אין זיין איבערבליק פאַרן יאָר שרייבט בנציון הערש אין „רעקאָרד" פון 19/9/1919: „אויב נישט דער ציוניזם, וואָס האָט אונדז דאָס פאַרגאַנגענע יאָר געבראַכט?" אין „קלייניקייט" האָט בנציון הערש נישט באַמערקט — דעם שלום.

* * *

ווען מען בלעטערט דעם „רעקאָרד", הויפּטזאַכלעך ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מען דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט ניט געווען קיין צייטונג, נאָר אַ פאַרצייכנונג־בולעטין ביי אַן אָפּטיילונג פון אַ פירמע, וואָס קלייבט געלט פון יידן אין דרום־אפריקע, פאַרן צענטער, וואָס געפינט זיך אין אייראָפּע. דאָס לעבן און די טעטיקייט פון יידישן לעבן סיי אין דרום־אַפריקע און סיי אויסער דרום־אפריקע, ווערן ניט אָפּגעשפּיגלט און ווערן קוים דערמאָנט. וועגן די מיליאָניקע רוסישע, פוילישע, רומענישע און ליטווישע יידישע מאַסן, וועלכע האָבן געשאַפן אַ גוואַלדיקן אויפברויז אין יידישן פּראָגרעסיוון, נאַציאָנאַלן און קולטורעלן לעבן — ווערט כמעט, ווי גאָרנישט דערמאָנט. דעם איינציקן איינדרוק, וואָס מען קען קריגן, לייענענדיק דעם „רעקאָרד" וועגן די מזרח־איירָאפּעאישע יידן, איז, אז דאָרט האָט נאָר געהערשט אַ באַרבאַרישער אַנטיסעמיטיזם.

ניט אומזיסט האָט מען געשריבן אין „אַפריקאַנער" פון 7/6/1917 וועגן „רעקאָרד": „מיר האָבן דאָ אַן אידיש־ענגלישן מאָנאַטלעכן זשורנאַל, וועלכן די ציוניסטישע פעדעראַציע גיט ארויס. וועגן אים איז כמעט נישטאָ וואָס צו שרייבן, ווייל עס איז נאָר אַ שטימע פון בית־הקברות. דאָרט זיינען נישטאָ קיין לעבעדיקע מענטשן מיט דעם היץ, מיט דעם ברען פון אידן און פון אידישקייט".

„די יודישע פאָהן"

„די יודישע פאָהן" איז דערשינען דעם 25־טן פעברואַר 1909, אַן ערך צוויי יאָר נאָך דעם, ווי דער „הכוכב" האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער רעדאַקטאָר און באַלעבאָס פון אָט דער צייטונג איז געווען בנציון־זונדל הערש.

Vol. I. "The Jewish Standard." No. 2.

די

יודישע פאהן

Johannesburg, March 11th, 1909.

יאזעף הײמאַנס

די „יודישע פאהן"

די ייִדיש־ריידנדיקע באַפעלקערונג אין יאָהאַנעסבורג האָט דאַן געהאַלטן אין וואַקסן צוליב דעם שטענדיקן, הגם קלײנעם, צופלוס פון אימיגראַנטן.

בנציון הערש איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר מיט אַ סטאַזש פון אַן אַקטיוו־פּראָדוקטיוון זשורנאַליסט און פּובליציסט (אין ייִדיש). ער איז געווען אַ דינאַמישע פּערזאָן, זײער אימפּולסיוו, אַגרעסיוו און קאָנסערוואַטיוו. ער איז אויך געווען אַ טעמפּעראַמענטפולער רעדנער. בנציון הערש איז געווען אַ גרויסער חסיד פון ייִדישער טראַדיציע און ייִדישע מנהגים.

אין אַ לייט־אַרטיקל שרייבט ער:

„אין פאַרלויף פון דער שמחה־וואָך, צוליבן סיום על ש״ס אין אָרטאָדאָקסישן בית־המדרש, האָט מען אויסגעפירט פאָלגנדיקע צערעמאָניע: מען האָט אויסגעלאָשן די לאמפּן, מען האָט זיך געזעצט אויף דער ערד, געזאָגט „על נהרות בבל" און, אגב, געזאַמלט צווישן זיך פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד... ווי פיין און ווי שיין אזא צערעמאָניע איז — שווער צו באַשרייבן! קיין זאַך קען נאָך אזוי דעם עבר מיטן עתיד צוזאַמענבינדן ווי דאָס!" („די יודישע פאָהן" 29/2/1912).

ער האָט געהאַט זייער אַ שאַרפע און בייסיקע פעדער. אין עטלעכע פאַלן האָט זי אים געבראַכט צו משפטים, וועלכע האָבן אים געקאָסט אַ סך געלט און זײנען, אָן צווייפל, געווען די סיבה פון דעם אונטערגאַנג פון „די יודישע פאָהן" אין אויגוסט 1913.

בנציון הערש איז געווען זייער אַן אַמביציעזער מענטש. ער האָט זיך און „די יודישע פאָהן" באַטראַכט, ווי אַ וואָרט־זאָגער און טאָן־געבער פאַר די ייִדן, אויב ניט פון גאַנץ דרום־אַפריקע, איז ,לכל הפחות, פון טראַנסוואַל. ער האָט רעאַגירט אויף יעדער זאַך און דערשיינונג, וואָס האָבן ניט געשטימט מיט זײנע אַנשויאונגען.

ער האָט פאַרוואַנדלט „די יודישע פאָהן" אין דעם פּראָפּאַגאַנדע־אָרגאַן פון ציוניזם. בנציון הערש האָט שאַרף באַקעמפט אַלץ, וואָס איז ניט געווען אין איינקלאַנג מיטן ציוניזם. למשל, אין נאָוועמבער 1908 איז אין „ד.א. דזשוּאיש קראָניקל" געווען געדרוקט אַ ווענדונג פון „בונד" אין רוסלאַנד נאָך הילף פאַרן "זעלבסט־שוץ". אויף דעם האָט בנציון הערש רעאַגירט מיט אַ שאַרפער אַטאַקע, „ווייל דער „בונד" איז אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי" (27/11/1908). וועגן זאַנגווילס טעריטאָריאַליזם האָט ער זיך אויסגע־דריקט: „זאַנגווילס קראַנקע פאַנטאַזיע". ווען דער רעדאַקטאָר פון „אידישן אַדוואָקאַט" אין קייפּטאָון, דוד גאָלדבלאַט, האָט אין זיין צייטונג מילד אָנגעגריפן דעם ציוניזם, האָט ער אים אָנגערופן: „אַ געוויסער דוד גאָלד־בלאַט, אַ דרוקער" און האָט אים שאַרף אַטאַקירט.

ווען „די יודישע פאָהן" איז דערשינען, זיינען איבער די גאַסן אין דער יידישער געגנט אומגעלאָפן קליינע שוואַרצע יינגלעך, פאַרשפּרייטן „די יודישע פאָהן" אומזיסט. די צייטונג האָט מען פאַרשפּרייט אומזיסט ביזן סוף פון יאָר. צוערשט איז זי דערשינען, ווי אַ צוויי־וואָכיקע צייטונג, און פון 17/8/1909 — ווי אַ וואָכנטלעכע. פון 2־טן מיי 1913 ביזן 1־טן יולי 1913 איז זי דערשינען טעגלעך. שפּעטער איז זי ארויסגעגאַנגען 2 מאָל אַ וואָך ביז 22/8/1913, ווען זי האָט זיך געשלאָסן. דער טיראַזש פון „די יודישע פאָהן" איז געווען צווישן 500 און 800. דער פאָרמאַט — "13×"8. זי פלעגט ארויס־גיין אין 16 זייטן און מערער (אויסער דער הילע). פאַר די וואַלן און ערב די יום־טובים פלעגט זי האָבן ביז 32 זייטן.

דער ערשטער נומער איז דאָ ניט בנמצא. עס פעלן אויך אַ סך פון די שפּעטערדיקע נומערן.

Advertisement Tariff:
Full Page ... £6 0 0
Half " ... 3 0 0
Standing Advertisements at Special Rates.
Subscription Rates:
Yearly 10/-
Half-Yearly ... 6/-
Payable in Advance.
Office:
Primrose Bldgs., Fraser Street,
P.O. Box 4168. 'Phone 3870
Johannesburg.

THE
"JEWISH STANDARD."
Published Every Thursday in the Interests of the Jewish People in South Africa.
Editor: Benzion S. Hersch, J.P.

„דיא יודישע פאהן."

No. 55.

L. SHEAR, 48a Main Road. Fordsburg.

פון 2־טן נומער „די יודישע פאָהן" איז ווערט איבערצוגעבן דאָס פאָלגנ־דיקע: אויף דער ז׳ אָדר פייערונג, וואָס די חברה־קדישא האָט איינגעאָרדנט, האָט רבי הערץ געזאָגט:

„אַמאָל איז דאָס יידנטום געווען אַן עמוד־האש, אַ ליכטיקער וועג־ווייזער פאַר דער וועלט. עס איז געווען א ליכט־יידנטום, היינט אָבער איז עס אַ צדקה־יידנטום. די יידישקייט פון יאָהאַנעסבורג באַשטייט פון ביידערליי: דאָס צדקה־יידנטום אַרבעט אויסגעצייכנט, הלוואי וואָלט מען אזוי געקענט ריידן וועגן ליכט־יידנטום".

די רעדאַקציע־באַמערקונג איז:

„ברענגען די ז׳ אדר רעספּשיאָנס נוצן? אונדזער מיינונג איז, אז אָט די רעספּע־שיאָנס איז אויך איינע פון די גרויסע זאַכן, וואָס די חברה־קדישא טוט. זי ווייזט אונדז קלאָר, ווי מיאוס מיר זעען אויס; און ניט נאָר דאָס — עס דערמאָנט אונדז אויך, וואָס מיר האָבן צו טאָן. זאָל קיינעם ניט איינפאַלן צו טאָן, ווי יענע מיאוסע מויד האט געטאָן בשעת זי האט געקוקט אין שפּיגל — זי האָט צעבראָכן דעם שפּיגל! דאָס האָט איר שענער ניט געמאַכט. כל־זמן דער שפּיגל ווייזט אונדז ווי מיר זעען אויס — וועלן מיר זיך פוצן!"

דער אינהאַלט פון נר. 2 איז:

1) רעדאַקציאָנעלע באַמערקונגען; דער אָפּרוף וועגן 1־טן נומער „די יודישע פאָהן", ז׳ אדר רעספּשיאָן; 2) סודות פון רוסישן הויף; 3) ציוניס־טישע און אַלגעמיינע יידישע נייס; 4) יאָהאַנעסבורגער נייס; 5) אונדזער „קייק" גיבן מיר דעם שקל־קאָמיסיאָנער און זיין ביוראָ[11]; 6) בריוו אין רע־דאַקציע; 7) דער שקל־טאָג; 8) קליינער פעליעטאָן (אַ פּאַרשפּעטיקטער שלח־מנות) פון א. דבורהזאָהן (בנציון הערש׳ס פּסעוודאָנים); 9) „דעם דאָק־טאָרס גלייכן", אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן איבערזעצט פון ענגליש; 10) לעצטע נייס.

דער אינהאַלט פון 3־טן נומער, דאַטירט 25/3/1909, איז: —

1) לייט־אַרטיקל: „יוניאָן", אונטערגעשריבן „ה"; 2) רעדאַקציאָנס־באַ־מערקונגען; 3) דער קלוגער שווינדלער; 4) ציוניסטישע און אַלגעמיינע יידי־שע נייס; 5) קליינער פעליעטאָן: „אַ יידישער טשינאָווניק" פון א. דבורהזאָהן; 6) יאָהאַנעסבורגער נייעס.

אין זעלבן נומער איז דאָ אַ פעליעטאָן פון דבורהזאָהן: „אַ פּאַרשפּעטיק־טער שלח־מנות", אין וועלכן ער שיקט „שלח־מנות" צו 44 אָרגאַניזאַציעס און יחידים. צווישן אנדערע:

---

[11] „די יודישע פאָהן" האָט נאָכגעמאַכט די „ד.א. דזשואיש קראָניקל", וואָס פלעגט געבן יעדע וואָך אַ טאָרט, ווי אַן אויסצייכענונג פון אַ געשעעניש אין דער וואָך, אָדער אָפּט־מאָל ווי אַ שטאָך אַ קעגנער. מיט אַ פאַר יאָר שפּעטער האָט די „יודישע פאהן געגעבן אַ „קייק" און געשריבן: „די פּאַרק־סטיישן קאָנגרעגיישן ווייס ניט, ווי עס שיינט, אז אין יאָהאַנעסבורג איז פאַראַן אַ יידישע צייטונג. זיי האָבן קיינמאָל ניט געפונען פאר נויטיק צו אַדווערטייזן אין „די יודישע פאָהן" וועגן זייערע מיטינגס אָדער אנדערע אָנגעלעגנהייטן. מיט דעם אבזיכט צו דערמאָנען די פּאַרק־קהילה און זייער רב, אז א יידישע צייטונג עקסיס־טירט, גיבן מיר די וואָך די „קייק" די פּאַרק־קהילה און זייער רב" (27/4/1911).

„די בנות־ציון — אַ גילדענע מצבה; דעם נאַציאָנאַל־פאָנד — א סך, אַ סך שמחות (אויף יעדער שמחה פלעגט מען זאַמלען געלט); דעם הערצל־ציוניסטישן פאַראיין — אַ „באַטעלע“ אָדעקאַלאָן אויף אויפצוכאפּן זיך; אלע שולן — געלט אָפּצוצאָלן זייערע „באָנדס“, אָדער ווייניקסטנס: פיר מאָל אַ יאָר ימים־נוראים; די כשרע „קיטשן“ — בעלנים אויף כשרות; די יידישע סאָשייבלס — אַן ערד־ציטערניש; דר. לאַנדאַון — צוויי שבתים: איינעם אויף צוזאָגן, און דעם צווייטן — אויף צוריקצוציען; דר. הערץ — אַ סעריע לעקציעס אין יידיש; די יידישע קהילות — אחדות.

אין דעם נומער פון 10־טן יוני 1909, האָט „די יודישע פּאָהן“ אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג פון שלום־עליכם, וועלכער ווערט אַן אָפּטער מיטאַרבע־טער אין דער ציטונג. שלום־עליכם האָט פאַרעפנטלעכט אין „די יודישע פּאָהן“: „גזלנים — אָדער דעם רבינס תפילה“ און אייניקע אַנדערע דערציי־לונגען. פון די אַרטיקעל שרייבערס האָט זיך אָפּט באַטייליקט אין „די יודישע פּאָהן“ י. מ. שערמאַן.

אין דער מעלדונג סוף דעצעמבער 1909, זאָגט בנציון הערש:

„אין יאָר 1910 וועלן אַנטיילנעמען קאָרעספּאָנדענטן פון אייראָפּע, אַמעריקע און פּאַ־לעסטינע. אויסער די שטענדיקע פעליעטאָנען פון דבורהזאָהן וועט זיך דרוקן אַן ערך אַ האַלב יאָר „חיים חייקל“ פון „יודישן יינגל“ (י. מ. שערמאַנס פּסעוודאָנים), און יעדער איינציקער אין סויט־אַפריקע וועט אַ שטיק פון זיין אייגענער ביאָגראַפיע אין דער דער־ציילונג געפינען“.

בנציון הערש איז געווען אַ ציוניסט בלב ונפש. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין „די יודישע פּאָהן“. ווען דער ענגלישער קעניג עדוואַרד איז געשטאָרבן, דעם 6/5/1910, איז בנציון הערש ארויס אין „די יודישע פּאָהן“ מיט אַ קול־קורא וועגן „אָליוו־טרי מעמאָריאַל פאָנד“ (אַן איילבערט־אָנדענק־פאָנד). „קעניג עדוואַרד איז געווען אַ גרויסער פריינד פון יידן, און מיר יידן געדענקן שטענדיק אַזעלכע פריינדשאַפט און שעצן עס אפשר פיל מער, ווי אימעצער אַנ׳אַנדערער“. „דאָ האָבן מיר יעצט די געלעגנהייט צו ערן דעם אָנדענק פון דיזן גרויסן פריינד אונזערן אויף עוויק. קיין ייד זאָל ניט פאַרפעלן עפּעס ביי־צוטראָגן פיר דעם צוועק“. „אַ גרויסאַרטיקער און אַן עוויגער מאָנומענט פירן פאַרשטאָרבענעם קעניג אין דער הייליגער לאַנד“. אזא פאָנד איז טאַקע גע־גרינדעט געוואָרן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און געהאַט אַ גאַנץ וואַ־רעמען אָפּרוף ביים יידישן עולם.

אין „די יודישע פּאָהן“ פון 29־טן פעברואר 1912, איז געווען געדרוקט אַן אַרטיקל „פורים און דער שקל“, ווו עס ווערט געזאָגט, אז „אנשטאָט המן־דרייערס“ — קויפט אַ שקל פאַר זיך און אייערע קינדער. דער שקל וועט גיכער המנ׳ען און זיינע נאָכפאָלגער צוטומלען און זייערע פּלענער צו גאָרנישט מאַכן די דער דרייער“. אויפן נייעם יאָר פון 1912 איז ער ארויס מיט אַ רוף כדי צו שאַפן נייע אבאָנענטן:

„צו ציוניסטישע לעזער! דונאַם לאַנד און איילביימער (איילבערט) אין פּאַלעסטינע! פיר יעדע 3 יערלעכע אָדער 6 האַלב־יערלעכע סובסקרייבער (אַבאָנענטן) — 1 איילבוים;

פיר יעדע 6 יערלעכע אָדער 12 האַלב־יערלעכע סובסקרייבערס — 2 איילבוימער, א.א.װ. װי באַװוסט איז דער פרייז פון יעדן איילבוים זעקס שילינג און פון אַ דונאַם לאַנד צװיי פונט. פאַר 5 איילביימער — װערט ארויסגעגעבן אַ גרויסאַרטיקע דיפּלאָמאַ צום איינפּריימען (איינפּאַסן) װעלכע צירט יעדע יידישע הויז. פיר יעדן דונאַם לאַנד װערט ארויסגעגעבן אַן אַרטיסטישע דיפּלאָמאַ, װעלכע איז באזונדערס שיין און כאַראַקטעריסטיש" („די יודישע פּאָהן", 4־טן יאנואר 1912).

דעם 29/9/1910 שרייבט דער רעדאַקטאָר :

„גאַנץ אַנדערש װי אומעטום, װו נאָר יידן געפינען זיך, איז סויט־אַפריקע אין שייכות מיטן ציוניזם : אויב עס איז פאראן אַ פּלאַץ אין דער װעלט װו יידן בכלל זיינען סימפּאַטיש געשטימט און נאָענט צו דער באַװעגונג, װו דער צאָל אַנטי־ציוניסטן איז בכלל נאָך קלענער װי קליין, װו איבערצייגטע און באַװוסטזיניקע אָפּאָנענטן עקסיסטירן ניט — איז עס סויט־אַפריקע. מיטן קליינעם אויסנאַם פון אַ טייל ענגלישע יידן, זיינען דאָ אַלע געניגט סימפּאַטיש צו אונדזער באַװעגונג".

„די סויט־אַפריקאַנישע ציוניסטישע פעדעראַציע האָט געפונען ערלייכטערונג און שטיצע אין זייערע אויפגאַבן אַ דאַנק די צװיי ציוניסטישע אָרגאַנען : דער „זייאָניסט רעקאָרד", אַ מאָנאַטלעכע צייטשריפט אין ענגליש און „די יודישע פּאָהן", װעלכע איז דורכאויס ציוניסטיש געזאָנען און איבערגעגעבן" (29/9/1910).

אין אַ לייט־אַרטיקל (דעם 27/4/1911) שרייבט דער רעדאַקטאָר :

„אין יאָהאַנעסבורג האָבן כלומרשט עקסיסטירט עטלעכע ציוניסטישע פאַראיינען. די װיכטיקסטע איז דער יאָהאַנעסבורגער ציוניסטישער פאַראיין, דר. הערצל ציוניסטן פאַראיין (די „אינטעליגענץ" װעלכע האָט זיך ניט געװאָלט מישן מיטן המון), דער פאַראיין בנות ציון און דער נאַציאָנאַל פאָנד קלוב. די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זיך די אַרבעט אינגאַנצן קאָנצענטרירט ארום דעם אויפהאַלטן דעם ציוניסטישן האָל (זאַל)".

אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין 1911 האָבן דעלעגאַטן פון 4 שטעט אריינגעבראַכט רעזאָלוציעס, אז דער „זייאָניסט רעקאָרד" זאָל אויך געדרוקט װערן אין יידיש. מאַנכע דעלעגאַטן האָבן געזאָגט, אז „די יודישע פּאָהן" איז מער ציוניסטיש װי דער „זייאָניסט רעקאָרד". (6/7/1911).

פון „די יודישע פּאָהן" דערװיסן מיר זיך װעגן יידישן טעאַטער אין דרום־אפריקע. דאָס „גייעטי־טעאַטער", אין קאָרט־גאַס, פּערעיראַ, איז געװוען באַקאַנט װי דאָס יידישע טעאַטער.

קוריאָזן

„די יודישע פּאָהן" האָט געדרוקט מודעות. אייניקע פון זיי זיינען באמת אינטערעסאַנט :

אַנאָנס פון א. סיראַדזקי און קאָ. (3/9/1909) „פּעלן פון אַלערליי חיות" א.א.װ. דער אַנאָנס ענדיקט זיך : „לייבן און טיגער נעגל — ריכטיקע און „אימיטיישן".

„אַ געלערנטער מוהל װוכט פּראַקטיקע"..

צווישן די אַנאָנסן איז דאָ אַ באַריכט אונטערן קעפּל: „אַ שיינער ברית מילה״.

„אַ קאָנצערט און אַ באַל צום גונסטן פון אַן אלמנה מיט 7 קינדער. איינצעלהייטן וועגן דער אלמנה און קינדער וועט געגעבן ווערן אויפן פאַרלאַנג״ (21/1/1912).

אַ סיגאַרעטן־פירמע, אַנאָנסירנדיק „אַפּיסערס מעס״ **פּאַפּיראָסן מעלדעט** (3/3/1910): „מיר האָבן דערהאַלטן אַן אויסוואַל פון די בעסטע זשאַרגאָנישע ביכער געבונדן, וועלכע מיר בייטן אויס פיר יעדע 100 „פּראָנטס״ פון די „אָפּיסערס־מעס סיגאַרעטן״.. מענדעלע מוכר ספרים: „פישקע דער קרומער״; „די טאַקסע״; „יודל״; „דאָס קליינע מענטשעלע״; „דער פריזיוו״; „שלמה רב חיימס״; „דאָס ווינשפינגערל״ א.א.וו. גראַף טאָלסטאָי׳ס: „תחית המתים״; „מיין ודוי״; „צוויי דורות״ א.א. א. טענענבוימס: „שוואַרצע קונסט״; „טריל־בי״; „אַ רייזע אין אומבאַקאַנטע געגנטן״ א.א.וו. הערמאַלינס: „פּרוכט פון זינד״; „די צוויי פאָרלעך״; „די ווילדע מענטשן״; „מחמד״; „ליבעס־נאַכט״ א.א.וו., ווי אויך פאַרשיידענע ביכער פון פ. סמאָלענסקי, ב. גאָרין, זשול ווערן, זעליקאָוויץ, גאָרקי, אַנדרעיעוו, איבסען, שמ״ר און אנדערע״. **דאָס ווייזט אויף וויפיל די מסחר־וועלט האָט זיך שוין גערעכנט מיט דעם יידיש־ריידנדיקן עולם.**

דעם 6־טן אַפּריל 1911, **איז דאָ אַזאַ אַנאָנס אין** „די יודישע פאָהן״: —

אייער! **אייער!**

כשר לפסח!

אויב איר ווילט הנאה האבען פון די סדרים קומט

קויפען אייער, כשר לפסח מיט א הכשר, אין שאפ פון

א. ראבינאוויטץ, 26 מארשאל סטריט

(נעגענאיבער בעקער סטריט)

ווען מען בלעטערט דורך די יאָרגענג „די יודישע פאָהן״, **זעט מען, אז די צייטונג האָט באַזונדערס אַ סך אָרט אָפּגעגעבן: 1) מוניציפּאַלע און פּאַרלאַמענט־וואַלן; 2) ציוניסטישע קאָנגרעסן, לאָקאַלע ציוניסטישע קאָנפערענצן, פאַרזאַמלונגען, ציוניסטישע טעטיקייט־באַריכטן; 3) די יום־טובים; 4) בריוו פון רוסלאַנד פון א. מצרי (א. קאַץ), וועגן בלוט־בלבולים, פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און סאַלאָניקע, וועגן אַנטעסימיטיזם און שרפות אין די יידישע שטעטלעך; 5) תלמוד־תורה׳ס, סינאַגאָגעס, שחיטה א.א.וו.**

אין דער צייט פון ערב די וואַלן האָט די צייטונג געהאַט זייער פיל אַנאָנסן פון די קאַנדידאַטן. דאָס האָט אריינגעטראָגן אַ סך ריווח.

פלעגן קומען די ימים־נוראים — פלעגט „די יודישע פאָהן״ **אין משך פון וואָכן לאַנג זיין פול מיט מעלדונגען וועגן מנינים, חזנים און בעלי־תפילות.**

כמעט אַלע זאַלן אין יאָהאַנעסבורג פלעגן ווערן פאַרוואַנדלט אין מנינים. די יידישע בוכהענדלערס פלעגן אָנבאָטן אין זייערע אַנאָנסן טליתים, מחזורים א.א.וו.

אַ לאַנגע צייט נאָך פאַר פסח פלעגן זיך נעמען באַווייזן אַנאָנסן וועגן אַמעריקאַנער, ענגלישע און, הויפּטזאַכלעך, היגע מצות. איין אַנאָנס זאָגט: „קויפט ניט קיין טוכלע מצות, נאָר קויפט אונדזערע פרישע מצה, וועלכע דאַרפן ניט געבראַכט ווערן איבערן ים פון אויסלאַנד". עס זיינען געווען אויך אַנאָנסן וועגן כשר לפסח'דיקן וויין, אַנדערע משקאות און אַ סך אַנדערע ספּע־ציעלע אַרטיקלען פאַר פסח.

זייער אָפט פלעגן זיך באַווייזן מעלדונגען פון שחיטה־באָארד און פון רבנים וועגן קצבים, וועלכע מען האָט געכאַפּט פאַרקויפן ניט־כשרע פליש. עס פלעגן פאָרקומען מחלוקת צווישן שוחטים, קצבים און רבנים. ס'איז פאָר־געקומען א בשר־כשר־משפט אין געריכט („די יודישע פאָהן" 5/9/1912).

אַן אנאָנס פון „בית המדרש דאורטודוקסים" זאָגט:

„באַקאַנטמאַכונג: עס ווערן אַנגענומען שטרענגע מאַסרעגלען ניט אריינצולאָזן אין בית־המדרש קיינעם, וועלכע האָבן פריער זייערע „סיטס" ניט געבוקט (באַשטעלט)".

עס פלעגן פאָרקומען רייבונגען צווישן איין קהילה און דער צווייטער, און בכלל רייסערייען, ניט „לשם שמים", נאָר צוליב כבוד און געזעלשאַפטלעכער מאַכט. געוויסע רבנים, הויפּטזאַכלעך, די וועלכע פלעגן אַהער קומען אויף אַ קורצער צייט, פלעגן געבן, פאַר גוט באַצאָלט, חופּה וקדושין צו געמישטע חתונות. דאָס פלעגט ארויסרופן סקאַנדאַלן.

עס זיינען כמעט שטענדיק געווען אַנאָנסן אין „די יודישע פאָהן" וועגן געלט־זאַמלונגען פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד, און שפּעטער אויך פאַר די תלמוד־תורה'ס, אויף בריתן, בר־מצוות, תנאים, חתונות און סתם שמחות. אָפט פלעגן פאָרקומען מחלוקת צווישן די איבערגעגעבענע זאַמלערס פון נאַציאָנאַל־פאָנד און תלמוד־תורהס.

אַ וויכטיקער קוואַל פון הכנסה פאַר ציוניסטישע פאָנדן, ווילטעטיקע חברה'ס און לאַנדסמאַנשאַפטן, פלעגן זיין זייער אָפט טאַנץ־אָוונטן. אין דאָס רוב נומערן פון „די יודישע פאָהן" פלעגן זיין אַנאָנסן וועגן טאַנץ־אָוונטן, בע־לער, „קאַליקאָ"־טענץ און אויך פון צייט צו צייט וועגן „פּיקניקס" (אויספלוגן). אַן אַנאָנס וועגן א ציוניסטישן „פּיקניק" לייענט זיך אזוי: „דער פּראָפיט גייט פאַר אייך אליין — פאַרן יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד".

אין דער אויסגאַבע פון 31/8/1911 איז געדרוקט אַ גענויער פּראָיעקט פון ה. מ. מ י ל ע ר (פון אַפּינגטאָן), אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער ד.א. ציו־ניסטישער פעדעראַציע, וועגן גרינדן אין פּאַלעסטינע אַ שטרויסן־פאַרם דורך די ד.א. יידן.

„די פאָהן" רעאַגירט

אין נומער פון 28/12/1911 ווערט געשריבן: „די געשיכטע פון אַפריקאַנער יידנטום קען צימלעך קלאָר איבערצייגן, אז די יידישע מאַסע קען אויך אזוי ליפערן פיאָנערן, פאַר וועמען קיין הינדערנישן זיינען ניט צו גרויס, ווי יעדער אַנדער נאַציאָן... יעדער ייד אין ד. אפריקע, אָן אויסנאַם, קען אייך אָנשרייבן אַ יאָרנלאַנג מאַרטיראָלאָגיע פון הונגער, נויט און דחקות". אזוי שרייבט בן־עס (ב. סעגאל). אגב האָט בן־עס געשריבן אַ ריי וואַגיקע און אינטערעסאַנטע אַרטיקלען אין „די יודישע פאָהן", ווי צ.ב. וועגן דער וויכטיקייט, אז יידן אין ד.א. זאָלן זיך נעמען צו פראָדוקטיווער באַשעפטיקונג — מלאכה און ערד־אַרבעט. ער האָט אָנגעוויזן די יידן אויף די גרויסע מיגלעכקייטן פאַר פאַרמעריי אין דרום־אפריקע. (בן־עס האָט אויך געדרוקט אין „די יודישע פאָהן" אַ ראָמאַן „מאַשאַ", אונטערן פסעוודאָנים ב. הלוי).

אין „די יודישע פאָהן" האָט מען געקענט געפינען אַזעלכע אינפאָרמאַציעס: דער מילאָנער לייאָנעל פיליפס לייקנט אָפּ, אז ער האָט זיך געשמדט. פאַרקערט, גיט צו די רעדאַקציע, ער האָט מנדב געווען פאַרן בית־היתומים און אָרטאָדאָקסישן בית־המדרש גרויסע סומעס געלט (29/9/1910).

דער מיליאָנער גוסטאַוו נימראַט האָט אין 1912 געעפנט די נייע געבײַדע פון אָרטאָדאָקסישן בית־המדרש.

דער מיליאָנער דזשאָרדזש אלבו האָט געעפנט די נייע געביידע פון תלמוד־תורה אין וואָלמאַראַנס־גאַס[12].

אין די ערשטע 9 חדשים פון 1911 זיינען אריינגעקומען אין לאַנד 2.600 אימיגראַנטן; פון דער צאָל — 1.600 יידן. אַן ענגלישע צייטונג איז ארויס מיט אַ שטאַרקן פראָטעסט קעגן אריינלאָזן אזויפיל רוסישע יידן" (5/2/1912).

אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון דער חברה־קדישא האָט מען אָנגענומען נייע תקנות. תקנה 6 זאָגט: „אויסשליסן לייטע פון דער חברה, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אוממאָראַלישע געשעפטן".

אין סעפּטעמבער 1911, האָט מען אין קייפּטאַונער אוניווערסיטעט אָנגענומען העברעיש ווי אַ קעגנשטאַנד. די צייטונג איז ארויס מיט אַ לייט־אַרטיקל אונטערן נאָמען: „אַ גרויסער זיג פון די היגע ציוניסטן". פאַר דעם צוועק האָט מען אָרגאַניזירט אַ געלט־זאַמלונג איבערן גאַנצן לאַנד.

אַן אַרטיקל פון בנציון הערש אונטערן נאָמען „אַנטאַידישט", אין וועלכן ער זאָגט, אז „די בנות ציון איז אָריגינעל געגרינדעט געוואָרן דורך אריבערגעקומענע רוסישע יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט רעפעראַטן און געשאַפן אַ ביבליאָטעק. דערנאָך זיינען אריין ענגלישע און פאַרענגלישטע „ליידיס", איז געוואָרן אויס לעקציעס און אויס ביבליאָטעק. מען מאַכט „סאָשיעלס", בעלער, „פּיקניקס" א.א.וו.

---

[12]) צוויי פון זיי זיינען אַריבער צום קריסטנטום.

אַ סענסאַציע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די שפּאַלטן פון „די יודישע פּאָהן“ צוליב דעם, וואָס וואַלמאַראַנס־תלמוד־תורה האָט אַנגענומען צו לערנען „אשרי“ אין ענגליש. „דבורהזאָהן“ איז ארויס קעגן דעם מיט אַ בייסיקן און אָפּשפּאָטיקן פּעליעטאָן אונטערן נאָמען „גאַריאַט“. דערויף האָט דער קאָמיטעט פון תלמוד־תורה אים שאַרף געענטפערט אין דער „ד.א. דזשואיש קראָניקל“. דאָס האָט געפירט צו אַ סענסאַציאָנעלן פּראָצעס אין געריכט, וואָס איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1911.

אין 1911 „האָט די חברה־קדישא געהאַט איבער 2500 שטענדיקע מיט־גלידערס. ד.ה. כמעט יעדער דערוואַקסענער איז געווען אַ מיטגליד פון דער חברה־קדישא“.

ער האָט שטאַרק קריטיקירט „שוהל־אידישקייט“. „מיר זיינען יידן נאָר אין שוהל און זינגען יגדל און אדון עולם, טענהן די יאַהודים“.

„צוליב פּרנסה! די ערשטע צייט האָבן יידן זיך געפילט משונהדיק, זעענדיק ווי יידן רויכערן און האַלטן אָפן די קראָמען אום שבת. מחלל שבת בפרהסיה! אָבער, עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און זיי גופא האָבן דאָס אויך געטאָן“.

דעם 26־טן יאַנואַר 1911, איז „די יודישע פּאָהן“ ארויס מיט אַ לייט־אַרטיקל: „די שוואַרצע געפאַר“, צוליב דעם, וואָס עס זיינען פאָרגעקומען פאַלן, ווען אַפריקער האָבן פאַרגוואַלדיקט ווייסע פרויען.

אין דער אויסגאַבע פון 15/2/1912 לייענען מיר, אז עס איז פאָרגעקומען אַ געריכט־פּראָצעס פון אַ יידישן רעווערענד קעגן דער ארבעטער־צייטונג "The Voice of Laboour". די צייטונג האָט, לויט דער אינפאָרמאַציע פון היגע בונדיסטן, פאַרגעוואָרפן דעם רעווערענד (18/1/1912), אז ער איז, זייענדיק אין רוסלאַנד, געווען אַ שפּיאָן פון דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי. דער פּראָצעס האָט ארויסגערופן אַ גוואַלדיקן אינטערעס. צוליב ניט קיין גענוגנדיקע באַווייזן קעגן דעם רעווערענד האָט "The Voice of Laboour" פאַרלוירן דעם פּראָצעס.

דעם 23/11/1911 איז געדרוקט „אַ בריוו פון בלומפאָנטיין“. אין בריוו ווערט געשריבן:

„אונדזער רעווערענד האָט געהאַלטן אַ לעקציע א.ד.ט. „די יידישע היסטאָריע פון שפּאַניע“. עס איז געווען א גרויסער עולם. נאָר 25 פּראָצענט פון עולם האָבן געקאָנט פאַרשטיין“. „אין שול האלט דער רעוו. דרשות אין ענגליש. פאַרשטייט אים אויך אַ קליינער פּראָצענט. ווען דער זעלבער רעווערענד האָט געהאַלטן אַ דרשה אין יידיש, דעם 2־טן טאָג פּסח, האָט ער באַמערקט: „איצט שטייט די טיר אָפן און קיינער רירט זיך ניט פון אָרט“; און ווען ער האָט געזאָגט צו שחרית, אין ענגליש, איז איינער געשטאַנען ביי דער טיר און די טיר איז געווען פעסט געשלאָסן; דאָך האָט מען געזען — עס רוט ניט: איינער אריין און דער צווייטער ארויס. וואָלט דער רעווערענד זיך צוגעקוקט צו די פּנימער פון די פּשוטע יידן אין דער צייט, וואָס ער האָט געדרשנט אין יידיש: וואָס פאַר וואַרהאַפטיקייט, תמימות

עס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף יעדן צוהערערס פּנים, ווען זיי האָבן אים געהערט דרשנדיק אין זייער אייגן, זיסן, געשמאַקן לשון, און אלע האָבן פאַרשטאַנען זיין דרשה".

* * *

בנציון הערש האָט דערמוטיקט צו שרייבן אַ גאַנצע ריי יונגע יידישע שריפטשטעלערס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דרום־אַפריקע: אויסער י. מ. שערמאַן, (וועלכער האָט זיך געדרוקט אונטער פאַרשיידענע פסעוודאָנימען, ווי: „א יודישער יינגל", „שמ"י" און „מ. מ. זינגער") אויך — ה. ל. שטערנפעלד, דר. הירש בריל (פסעוודאָנים: י. אוריאל), הלל לוריע און צום סוף אויך י. מ. סעוויץ, ש. קאַרטון און אנדערע. קיין האָנאָראַר האָט מען קיינעם פון די היגע שרייבערס ניט געצאָלט.

אָבער אין דער צייטונג האָט געפעלט די אינערלעכע באַציאונג צו יידיש. בנציון הערש האָט געניצט יידיש, ווי אַ מיטל, דורך וועלכן ער האָט געקענט גוט פּראָפּאַגאַנדירן ציוניזם.

ער האָט געהאַלטן, אז די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז נאָר העברעיש. „ציוניזם איז געווען אין בנציון הערש'ס בלוט" — שרייבט מאַסיאַ גיטלין אין איר בוך "The Story of S.A. Zionism".

אין זיין רובריק פון „די יודישע פּאָסט" אונטערן קעפּל „דאָ דאָרט און אומעטום" פלעגט מען גאָר זעלטן טרעפן באַריכטן וועגן דערשיינענע נייע יידישע ביכער, אָדער וועגן יידישע שרייבערס. דאַקעגן וועגן העברעישע שרייבערס, ביכער און זשורנאַלן פלעגן זיין אָפטע באַריכטן. צ.ב. דאָס ערשטע מאָל, ווען „די יודישע פּאָסט" דעמאָנט מאָריס ווינטשעווסקין, איז נאָר דאַן, ווען ווינטשעווסקי איז געוואָרן אַ „בעל־תשובה" (לויט בנציון הערש) — ווען ער האָט אָפּגעדרוקט אַ בריוו אין ירושלימער „התאחדות", אין וועלכן ער דערקלערט ליבשאַפט צו העברעיש.

אויף דער 5־טער ד.א. ציוניסטישער קאָנפערענץ, ווי עס ווערט באַריכטעט אין „די יודישע פּאָסט" 16/1/1913, איז „דער גרעסטער טייל פון צווייטן האַלבן טאָג פאַרנומען געווען מיט דער פראַגע וועגן דרוקן דעם „זייאָניסט רעקאָרד" אויך אין יידיש. בנציון הערש, ווי אַ רעדאַקטאָר פון א יידישער צייטונג, האָט ניט נאָר ניט אונטערשטיצט דעם פאָרשלאַג, נאָר אָט, ווי ער באַריכטעט דעם ענין אין „די יודישע פּאָסט": „ערוועקט די פראַגע האָט מר. מעלאַמעד פון קווינסטאַן. אָבער ער האָט עס אונטערשטיצט מיט ווייניק ענטוזיאַזם. מען האָט באַשלאָסן אָנצופרעגן די אָפּטיילונגען, צי זיי זיינען באַרייט צו גאַראַנטירן פינאַנציעלע שטיצע פאַר די עקסטרע הוצאות וואָס דאַרף קאָסטן". עס איז, פאַרשטייט זיך, דערפון גאָרנישט ניט געוואָרן דאַן. אגב ווערט באַריכטעט, אַז אַ דעלעגאַט האָט זיך באַקלאָגט אויפן רעדאַקטאָר פון „זייאָניסט רעקאָרד", אז ווען מען שיקט אריין אַ באַריכט אין יידיש, שיקט מען עס צוריק דערפאַר, ווייל עס איז געשריבן אין יידיש.

ווען בען־עס האָט געשריבן (8/8/1912) א.ד.ט. „צו אונדזער שפּראַכן־קאַמף", אז 8 מיליאָן יידן ריידן יידיש (זשאַרגאָן רופט ער עס), שטעלט ער פעסט, אז די קעגנערשאַפט צו יידיש איז ניט דעמאָקראַטיש און אַנטי־נאַציאָ־

נאָל מצד די יידישע נאַציאָנאַליסטן (מיינענדיק די ציוניסטן), וועלכע באַשמוצן יידיש און האַלטן, אז קיין אַנדער נאַציאָנאַלע שפּראַך איז נישטאָ פאַר זיי, א חוץ העברעיש. ער פאַרענדיקט: „די געשיכטע האָט אונדז נאָך ניט געגעבן קיין ביישפּיל, ווען פעלקער זאָלן פרייוויליק אָננעמען אַ קינסטלעכע שפּראַך". בנציון הערש האָט געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן פאָלגנדיקע באַמערקונג: „ניט מיט אַלע אויסגעשפּראָכענע מיינונגען פון אונדזער געערטן מיטאַרבעטער איז די רעדאַקציע איינפאַרשטאַנד".

בנציון הערש האָט ניט ארויסגעוויזן קיין סימפּאַטיע, אָדער אינטע־רעס פאַר מאָדערנע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געפירט זייער טע־טיקייט אין יידיש.

ווען עס האָט זיך געגרינדעט דער יידישער ליטעראַרישער און דראַמאַטי־שער פאַראיין, וועלכער האָט געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן די מאָדערנע יידישע קולטור, האָט „די יודישע פאָהן" אים איגנאָנצן איגנאָרירט.

אינטערעסאַנט איז, וואָס „דער אַפריקאַנער" פון 10/7/1913 שרייבט וועגן דעם: „אין די קורצע צייט, וואָס דער פאַראיין עקסיסטירט האָט ער זיך גע־געבן די מי צוצוציען די בעסטע עלעמענטן פון דער אידישער יוגנט אין יאָהאַ־נעסבורג. ניט אַלע לעקטשורס און ניט אַלע פאָרשטעלונגען זיינען געווען גרויסאַרטיקע. אָבער אין דעם איז דער פאַראיין, דאַכט זיך, ניט שולדיק. שולדיק איז אונדזער אָרעמקייט אין אינטעליגענטע קרעפטן. „די יודישע פאָהן" האָט געמאַכט דעם „פאַראיין" מיט זיינע גרינדער מיט דער בלאָטע צו־גלייך און אפילו קיין „קליינעם פעליעטאָן" האָט זי ניט געווידמעט דעם „פאַר־איין". „די פאָהן" האָט געליאַרעמט, אז אין פאַראיין זיינען דאָ עם־הארצים, גראָבע יונגען, פלאַגיאַטאָרן א.א.וו." אין זעלבן אַרטיקל ווערט אויך געזאָגט: „איך ווייס ניט, ווי מען זאָל דאָס רופן, ווען אַ מענטש שטעלט זיך אַוועק און זאָגט, פון קיינעם באַפולמעכטיקט, אז זיין צייטונג איז דער אָרגאַן פון דרום־אַפריקאַנער יודנטום".

„די יודישע פאָהן" האָט ניט רעפּרעזענטירט דעם פאָלקסטימלעכן עמך'דיקן און פּראָגרעסיוון עלעמענט.

„דער אַפריקאַנער", אונטער דער רעדאַקציע פון ס. פאָגעלסאָן[13])

דעם 10־טן נאָוועמבער 1911 איז אין יאָהאַנעסבורג דערשינען, אונטער דער רעדאַקציע פון ס. פאָגעלסאָן, אַ וואָכנשריפט מיטן נאָמען „דער

[13]) הגם דער פאָרגעבראַכטער מאַטעריאַל דערגרייכט ביז דער צייט פון „יוניאָן" (1910), ווערט דאָ אויך איינגעשלאָסן אַ פּעריאָד פון אַן ערך 8 יאָר פון דער צייטשריפט „דער אַפרי־קאַנער", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין 1911. די דאָזיקע צייטונג רעפלעקטירט דאָס יידישע לעבן אַ סך בולטער, ווי די פריערדיקע צייטונגען. דאָס, וואָס ווערט אָפּגע־שפּיגלט אין „אַפריקאַנער", איז אויך חל, אין אַ גרויסער מאָס, אויף דעם היגן יידישן לעבן ביז „יוניאָן", און גיט אויך אַן אָנדייטונג, ווי דאָס יידישע לעבן האָט זיך גענומען פאָרמירן נאָך „יוניאָן".

אפריקאַנער". „אַ וועכנטלעכער זשורנאַל פאַר פּאָליטיק, ליטעראַטור און וויסנ־שאַפט".

אָן „אַ גוט־מאָרגן", אָן אַ „ווער איך בין", און אָן אַ „וואָס איך וויל".

אָט ווי דער ערשטער נומער הויבט זיך אָן:

„פּאָליטישער איבערבליק"; „דער גאָט פון קריג איז זייער טעטיק געוואָרן אין די לעצטע צייט: קריג אין מאַראָקאָ, קריג אין טריפּאָלי, רעבעליאָן אין כינע..."

וואָס זיינען געווען ס. פאָגעלסאָנס קוואַליפיקאַציעס צו זיין דער רעדאַקטאָר? ; און וואָס זיינען געווען די מאָטיוון, וועלכע האָבן אים באַוויגן ארויסצוגעבן דעם „אַפריקאַנער"?

ס. פאָגעלסאָן איז געווען אַ וויטעבסקער ייד, וועלכער איז געקומען אַהער פאַרן בוריש־ענגלישן קריג. שוין אין יאָר 1898 האָט ער ארויסגעגעבן אין יאָהאַנעסבורג אַ וואָכנשריפט „דער עקספּרעס", וועלכע האָט אָנגעהאַלטן בערך אַ יאָר.

מיר דערוויסן זיך מער פון ס. פאָגעלסאָנען ערשט נאָך זיין טויט. אין דעם נעקראָלאָג נאָך אים ווערט געזאָגט (29/7/1920): „ער האָט געשמט אַלס גוטער תלמודיסט און העברעער". ער האָט געקראָגן הויכשול־בילדונג אין רוסיש. ס. פאָגעלסאָן האָט אויך געקענט פראַנצויזיש, דייטש און ענגליש. ער איז געווען גוט באַלעזן און „פאַרליבט" אין דער רוסישער שפּראַך. ער איז געווען — וואָס מען האָט דאַן אָנגערופן — „אַ רוסישער אינטעליגענט". כאָטש זיין מוטער־שפּראַך איז געווען יידיש, איז אָבער זיין פען־שפּראַך געווען

רוסיש. ניט ער האָט געקענט גוט שרייבן אין יידיש, און ניט ער האָט ארויס־געוויזן אינטערעס פאַר דער כסדר וואַקסנדיקער מאָדערנער יידישער ליטע־ראַטור.

ער האָט געהערט צו די אינטעליגענטן, וועלכע האָבן נאָר פאַרגעטערט די רוסישע, פראַנצויזישע, דייטשע און ענגלישע ליטעראַטורן.

אין די יאָרן, ווען ער איז געווען רעדאַקטאָר, האָט ער קיינמאָל ניט ציטירט, אָדער ארויסגעוויזן, אז ער קאָן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור.

די שפּראַך פון זיינע לייט־אַרטיקלען, אָדער סתם ארטיקלען און איבער־זעצונגען, איז געווען כמעט די ערגסטע אין „אַפריקאַנער".

אידעאָלאָגיש איז ס. פּאָגעלסאָן געווען פאַרכאַפּט דורך דעם ראָמאַנ־טישן אינטעלעקטואַליזם פון אַנאַרכיזם. ער — פּונקט, ווי דאָס רוב פון די ווייניק רוסיש־יידישע אַהער־אַריבערגעקומענע פּאַסיווע אינטעליגענטן און אידעאַליסטן — האָט זיך דאָ געפונען, ווי איבעריק, און מיט דער צייט געוואָרן „צעמאָלן" אין די גרויסע רעדער פון די „גאָלד־מילן".

אין פּריוואַטן לעבן איז ער געווען אַנטוישט, איינזאַם און פאַרלאָזן, ווייל ער איז געווען צעשיידט מיט זיין פאַמיליע. ער האָט ווייניק גערעדט, איז גע־ווען אַ שטילער, אַ גוטער צוהערער, און אינדיווידואַליסט, אַ סקעפּטיקער און עקשנותדיק.

ס. פּאָגעלסאָן האָט כמעט קיין אָנטייל ניט גענומען אין געזעלשאַפט־לעכן און קולטורעלן לעבן פון יאָהאַנעסבורג. אַ געוויסע צייט איז ער געווען, צוזאַמען מיט רעוו. ליפּשיץ, אַן ערן־עקזאַמינירער אין תלמוד־תורה׳ס, און איז געווען דער ערן־סעקרעטאַר פון דער חברה גמילות־חסדים.

עס ווערט געזאָגט אין דעם נעקראָלאָג איבער אים: „זיין איינציקער פאַר־געניגן איז באַשטאַנען אין פאַרברענגען מיט די ביכער פון זיין ווערטפולער ביבליאָטעק".

הגם ער איז ניט געווען רעליגיעז, האָט ער אין זיין צייטונג שטאַרק גע־שטיצט די תלמוד־תורה׳ס און רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע יידישקייט.

ס. פּאָגעלסאָן איז געווען אַ שוואַך־גופיקער מענטש. ער פלעגט שטענדיק האַלטן אין מויל אַ סיגאַרעטן־שפּיץ און כסדר רויכערן. די אויבער־שטע ליפּ איז געווען שטאַרק איינגעביסן, ווי ער וואָלט רויכערן אַ פּיפּקע.

לויט דער באַשעפטיקונג איז ער געווען אַ בוכהאַלטער. ער פלעגט פירן ביכער פאַר אַ סך קרעמערס און געשעפטן אין שטאָט און אין אומגעגנט. מען פלעגט אים פאַרטרויען סודות און אים פרעגן עצות. אזוי ארום איז ער געווען באַקאַנט און נאָענט מיט די קרעמערס, הויפּטזאַכלעך, מיט די, וועלכע האַנדלען מיט די אַפריקער. מען האָט אים רעספּעקטירט, ווי אַ רוסישן אינטעליגענט, און ווי זייער אַן ערלעכן מענטשן. אין דעם נעקראָלאָג האָט מען אונטער־שטראָכן זיין „ערהאַבנקייט און ריינקייט פון כאַראַקטער, וועלכע מען געפינט זעלטן", און, אז „ער איז געווען אַן איש אמת".

די מאָטיוון, וועלכע האָבן געטריבן ס. פּאָגעלסאָנען ארויסצוגעבן דעם „אַפריקאַנער", זיינען געווען פאָלגנדיקע:

אים האָט באַוויגן ארויסצוגעבן אַ צייטונג דאָס געפיל פון קענען פריידיקן צו די רוסישע יידן, אז זיי זאָלן זיך ניט לאָזן שפייען אין פנים, סיי פון די מערב־אייראָפּעאישע יאַהודים און סיי פון די ענגלענדער; און, ווי עס ווערט געזאָגט וועגן אים איז „זיין ווונטש געווען צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן און דעם נאָמען פון די רוסישע יידן"; צו לערנען די רוסיש־יידישע מאַסן, וועלכע זיינען דאָס רוב געקומען אָהער אָן וועלטלעכער בילדונג; ער האָט ארויסגעגעבן דעם „אַפריקאַנער", ווי אַ פּראָטעסט קעגן „די יודישע פּאָהן", וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע־צייטונג; ער האָט געזוכט אַן אָנשפּאַר, אינהאַלט און אינטערעס אין לעבן.

דער „אַפריקאַנער" איז געווען ביי אים, „ווי אַ קינד". ער האָט ניט געזוכט פון „אַפריקאַנער" קיין פינאַנציעלע רווחים. ער האָט גאָר צוגעלייגט געלט צו דער צייטונג. ער האָט אויך ניט געזוכט קיין כבוד, נאָר — באַפרידיקונג.

ווען „דער אַפריקאַנער" האָט גענומען דערשיינען, זיינען דאַן ארויסגעגאַנגען אין דרום־אַפריקע צוויי צייטונגען אין יידיש: „די יודישע פּאָהן" אין יאָהאַנעסבורג און אַ חודש־צייטונג „דער אַפריקאַנער" אין קייפּטאַון, אונטער דער רעדאַקציע פון נ. ד. האָפמאַן.

אַ געוויסע צייט איז „דער אַפריקאַנער" געווען די איינציקע יידישע צייטשריפט אין דרום־אַפריקע.

אויף ווי וויית ס. פּאָגעלסאָן האָט ניט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס און באַציאונג צו דער יידישער ליטעראַטור, זשורנאַליסטיק און אויך ניט צו דער ריינקייט פון דער שפּראַך אין „אַפריקאַנער", קען באַווייזן דאָס פאָלגנדיקע:

נאָך דעם, ווי „דער אַפריקאַנער" איז דערשינען, האָט נ. ד. האָפמאַן געשריבן צום רעדאַקטאָר: „סטייטש, ווי גיט איר דאָס אַרויס אַ וואָכן־צייטונג מיטן זעלבן נאָמען ווי מיין חודש־צייטונג, וועלכע גייט שוין ארויס זינט אָנפאַנג יאַנואַר 1909?" דערויף האָט אים ס. פּאָגעלסאָן געענטפערט: „איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך האָב גאָרניט געוווסט, אז אין קייפּטאַון גייט ארויס אזא צייטונג"[14].

דער בוכהאַלטער, ס. פּאָגעלסאָן, רעדאַקטאָר פון „אַפריקאַנער", פלעגט, ווי אַן אַפּטייקער מאַכט אַ רעצעפּט, אַכטונג געבן, אז יעדער נומער זאָל אַנטהאַלטן, וואָס ער האָט אָנגערופן: „פּאָליטיק, ליטעראַטור און וויסנשאַפט".

„פּאָליטיק" איז געווען פּאָליטישע נייעס מעבר־לים און היגע נייעס, די רעגולערע אַרטיקלען „אַ בריוו פון רוסלאַנד פון בן־אמוץ", פּאָליטישע אַרטיקלען, „פון צייט־צו־צייט", לייט־אַרטיקלען וועגן אַלגעמיינע און היגע פּאָליטישע פראַגן.

„ליטעראַטור" איז געווען, ווי עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין „אַפריקאַנער", אין יעדן נומער אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן, „דער שטאָט־קאָכלעפל", „אַ פּעקל תחינות", פעליעטאָנען פון היגן לעבן פון „זעליג שרייבער", אַרטיקלען און אי־

---

[14]) א. שאַבאַן „45 יאָר יידישע פּרעסע", „יודישער עקספּרעס" 23/1/1936.

בערזעצונגען פון העברעיש פון אברהם צבי ראַבינאָוויץ (אויך גע־שריבן אונטערן נאָמען „בן־צבי") ; ערנסטע אַרטיקלען און קליינע פעליעטאָנען פון מ. אַמיקוס (הלל לוריע) ; „פון וואָך צו וואָך" און „פונקען" — רעדאַק־ציאָנעלע באַמערקונגען ; פּאָעמען און ארטיקלען פון אברהם קימעל ; נאַציאָנאַלע און ביבלישע פּאָעמען און אַרטיקלען פון פסח גאָרדאָן ; פּאָ־עמען פון יצחק מילנער, נ. לעוויטאַן און אנדערע ; י. מ. שער־מאַן האָט גענומען שרייבן אין „אַפריקאַנער" פון 1915 זיינע מאָנאָלאָגן „טאָדרעס דער שדכן". י. מ. סעוויץ האָט גענומען דרוקן אין „אַפריקאַנער" פּאָעזיע און אַרטיקלען אין דער צווייטער העלפט פון 1917.

אין די לערך 9 יאָר, וואָס ס. פּאָגעלסאָן איז געווען דער רעדאַקטאָר, האָבן זיך אין „אַפריקאַנער" ניט געדרוקט, מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען, שאַפונ־גען פון אויסלענדישע יידישע פּאָעטן און שרייבערס.

אינטערעסאַנט איז צו דערמאָנען די נעמען פון הייםאַן פּאָלסקיס ראָמאַנען, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין „אַפריקאַנער" : „ריינע נשמות", „אַפריקאַנער גליקן" (ביידע אין פּאָרזעצונגען), „גיטעלע" (אין 18 פאָרזעצונגען), „דער פרעמדער" אָדער „יודעלס לעבן" (אין 42 פאָרזעצונגען), „ישראלקע" (אין 31 פאָרזעצונגען), „די געבראָכענע הערצער" (אין 29 פאָרזעצונגען), „דעם לאָרדס געהיימעניש" — אַ ראָמאַן פון יידיש־ענגלישן לעבן, איבערזעצט פון הייםאַן פּאָלסקי (אין 49 פאָרזעצונגען).

די וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען פון „אַפריקאַנער" זיינען געווען געשריבן פון רעדאַקטאָר גופא. ניט קיין אָריגינעלע אַרטיקלען, נאָר איבערזעצונגען — „פריי באַאַרבעט", אָדער „פריי איבערזעצט" פון ס. פּאָגעלסאָן, ס. פּ. און אַנדערע אָן אַ נאָמען. די אַרטיקלען, וועלכע פלעגן זיך ציען אין לאַנגע פאָר־זעצונגען זיינען געווען : „דער גרעזעלשאַפטלעכער קאָנטראַקט" פון זשאַן זשאַק רוססאָ, „די ערד און די לבנה", „די געשיכטע פון זאָאָלאָגיע", „אַ ביאָגראַפיע פון אַ קערנדל קאָרן" (אָדער די געשיכטע פון אַ שטיקל ברויט), „די היסטאָריע פון זיד־אַפריקע", וואָס האָט זיך געצויגן אין המשכים איבער צוויי יאָר, און אַנדערע.

ס. פּאָגעלסאָן האָט געהאַט צוויי געטרייע איבערגעבענע מיטאַרבע־טערס : יעקב עזריאל דייווידסאָן און הייםאַן פּאָלסקי.

י. עזריאל דייווידסאָן האָט געשריבן כמעט אין יעדן נומער א.נ. „דער שטאָט־קאָכלעפל", און אַנדערע פסעוודאָנימען.

י. ע. דייווידסאָן האָט אין אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, אַרויסגע־וויזן אַ למדנותדיקע שאַרפזיניקייט, זאַפטיקן הומאָר און שאַרפע סאַטירע איבער דעם היגן יידישן לעבן. געוויסע אַרטיקלען פון „שטאָט־קאָכלעפל" און אַ „פּעקל תחינות" האָבן אַרויסגערופן בייז־בלוט קעגן רעדאַקטאָר און א שאַרפע קעגנער־שאַפט צו דעם „אַפריקאַנער".

י. עזריאל דייווידסאָן איז געשטאָרבן אין דער ערשטער העלפט פון 1914.

הײמאַן פּאָלסקי האָט מיט זיין ראָמאַן „ריינע נשמות" (ערשטער קאַפּיטל „דעם פּראָפעסאָרס ווייב"), וואָס האָט זיך געצויגן אין פאָרזעצונגען, גע־מאַכט דעם ערשטן אריינטריט אין „אַפריקאַנער", דעם 23־טן פעברואַר 1912. ער איז געווען דער הויפּט־מיטאַרבעטער, אָדער בעסער געזאָגט, ער איז גע־וואָרן אַ וויכטיקער אינטעגראַלער טייל פון „אַפריקאַנער" אַ דאַנק זיינע ראָמאַ־נען, וועלכע פלעגן זיין געדרוקט אין יעדן נומער, און אויך דורך זיין מילדער סאַטירע אין זיינע אַרטיקלען וועגן היגן לעבן אונטער דעם נאָמען „זעליג שריי־בער", „ר' יודל" און אַנדערע פּסעוודאָנימען.

אַלע דריי — סיי פּאָגעלסאָן, סיי דייווידסאָן און סיי פּאָלסקי זיינען ניט געווען קיין פּראַקטישע און געניטע צייטונג־מענטשן. ווען מען האָט קריטיקירט פּאָגעלסאָנען צוליב געוויסע שלעכטע אַרטיקלען אין „אַפרי־קאַנער", האָט'ער געזאָגט — „וואָס מיינט איר, איך בין דורכגעגאַנגען אַ שול צו זיין אַ רעדאַקטאָר?"

פון 26־טן יולי 1917 האָט „דער אַפריקאַנער" גענומען דרוקן אַ קליינע ביילאַגע אין ענגליש (עטלעכע זייטן). אָט די ענגלישע ביילאַגע האָט זיך גע־רופן "S.A. Jewish World". זי איז געוואָרן אַ פּערמאַנענטער טייל פון „אַפרי־קאַנער". דער רעדאַקטאָר פון אָט דער ביילאַגע איז געווען פּערסי קאָוען.

ביז זיין טויט, דעם 23־טן יולי 1920, איז געווען דער רעדאַקטאָר (אויך דער גרינדער און אייגנטימער) סאָלאָמאָן פּאָגעלסאָן; און נאָך זיין טויט איז געווען דער רעדאַקטאָר הײמאַן פּאָלסקי. נאָך ס. פּאָגעל־סאָנס טויט ווערט ניט אָנגעגעבן אויפן שער־בלאַט דער נאָמען פון רעדאַק־טאָר ה. פּאָלסקי, ווייל ער איז געווען צו באַשיידן צו דרוקן זיין נאָמען אויפן שער־בלאַט.

דער לעצטער נומער פון „אַפריקאַנער" איז דערשינען דעם 29־טן דע־צעמבער 1933, און פון 1־טן יאַנואַר 1934 איז „דער אַפריקאַנער" אינקאָרפּאָ־רירט געוואָרן אין „אַפריקאַנער אידישע צייטונג", וועלכע דערשיינט ביז היינט.

ווען דער נומער איינס וואָלט ניט געווען אויפן שער־בלאַט, וואָלט קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז דער ערשטער נומער. דערפאַר געפינען מיר אַ יאָר שפּעטער אין אַ לייטאַרטיקל (נומער 53):

„מיט דעם פאָרליגענדען נומער „אַפריקאַנער" פאַנגט זיך אָן דער צווייטער יאָר פון זיין עקסיסטענץ". „מיר האָבן אָנגעפאַנגען ארויסצוגעבן דעם „אַפריקאַנער" ניט ווי אַנדערע רעכענען „נור צו ברענגען ישועות פאַר אידען". מיר האָבן געוואָלט געבן דעם אידישן לעזענדן פובליקום עטוואָס וויכטיקערעס, עטוואָס בעסערס איידער ער האָט געהאַט פון דער אידישער פּרעסע ביז דאַן. אין דעם הינזיכט האָט אונדז געלונגען אויף אַזוי ווייט, דאָס „דער אַפריקאַנער" איז פאַרשפּרייט אין גאַנץ סויט־אַפריקע, מער וויפל מיר האָבן אליין גערעכנט. מיר קאָנען מיט שטאָלץ זאָגן, דאָס מיר האָבן געשאַפן אַ אידישע פּרעסע אין סויט־אַפריקע". „אונדזער פּראָגראַם וועט זיין די זעלבע: טאָלעראַנט — אָרטאָדאָקס; קריטיק אָן פּערזענלעכקייטן".

אין נומער פון 24/12/1914:

„פיר יאָר זיינען פאַריבער זינט „דער אַפריקאַנער" איז דערשינען. פיר שווערע יאָרן, פול מיט אַנטוישונגען, פול מיט עגמת־נפש. דער „אַפריקאַנער" עקסיסטירט, און מיר האָפן

אויך, דאָס ער וועט עקסיסטירן. זיין עקסיסטענץ האָט ער צו פאַרדאַנקען די איינפּאַכע מאַסע״ ; דער „אַפריקאַנער״ איז „פון די אידישע מאַסע, פאר דער אידישער מאַסע און דורך דער אידישע מאַסע״.

דער אינהאַלט פון 1־טן נומער :

פּאָליטישער איבערבליק : „מוניציפּאַלע עלעקשיאָנס (וואַלן) ; „די פרויען־פראַגע״ פון פראָפ. ביוכנער (איבערזעצט פון רעדאַקטאָר) ; „אַ תחינה פאַר אַ כלה״ ; „קלוגע אָפּאָ־ריזמען״ ; „אויסלענדישע נייעס און היגע נייעס״ ; „די בלוט־באָד אין טריפּאָלי״ ; „דייטש־לאַנד און פראַנקרייך״ ; „די רעוואָלוציע אין כינע״ ; „לעצטע קייבל־נאַכריכטן״ ; „אידן אין טריפּאָלי״ (אַרטיקל) ; „קאַקאָוצעווס פּאָליטיק״ ; „טאָלמאַטשאָוו אָלס געהילף־מיניס־טער״ ; „אַ בריוו פון רוסלאַנד״ — פון בן־אמוץ ; פּאָעמע „וועק נישט״[15] ; „נייעס פון מלחמה צווישן איטאַליע און טערקיי״ ; אַ קאַפּיטל פון „דער גזעלשאַפטלעכער קאָנטראַקט״ און „אַ נייע דערפינדונג ווי אזוי צו געפינען אַ קרימינאַל״.

אינהאַלט פון 2־טן נומער :

אַ לייטאַרטיקל „דער איד אלס בירגער״ ; „פּאָליטישער איבערבליק״ ; „אַ בריוו פון רוסלאַנד״ ; „אידישע נייעס פון דער גאַנצער וועלט״ ; „דער אייביקער וואַנדערער״ ; „אַ רייזע איבער כינע״ ; „אַ פעקל תחינות — אַ תחינה פאַר אַ חתן״ ; „די פרויען־פראַגע״ ; אַ קאַפּיטל פון „דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראַקט״ ; שלום־עליכמס „דעם מלאך המות׳ס אויסרייד״ ; „אַלגעמיינע און מלחמה־נייעס״ ; „נייעס פון סויט־אַפריקע״ ; „פּערל געשטיגן״ (אַ סקיצע).

די לייטאַרטיקלען פון 3־טן און 4־טן נומער זיינען געווען : „תלמוד תורות״ און „לאַנדאַרבעט״. אין 5־טן נומער איז דאָ אַן אַרטיקל וועגן דער יידישער ליטעראַטור — איינע פון די גאָר ווייניקע אויף דער טעמע. עס איז אויך גע־ווען, אין עטלעכע פאָרזעצונגען, „דער פּראָטעסט״, איבערזעצט פון העברעיש.

„דער שטאָט־קאָכלעפל״ האָט געשריבן „תחינות״ — אַ תחינה פאַר יידישע מלמדים, אַ תחינה פאַר „דער באָארד אָוו שחיטות״, אַ תחינה פאַר אַ יידישן „מערטשענט״, אַ תחינה פאַר יידישע „ספּאָרטלייט״, אַ תחינה פאַר היימישע בעלי־עגלות, שוסטערס, קאַראַבעלניקעס, באָד־רופערס, פאַרשטשיקעס און גראָבע יונגען פון אַלערליי מינים, אַ תחינה פאַר די יידישע בחורים, וועלכע אַרבעטן אין „קאָנסעסאָנס״ און „קאַפּער־שאָפּס״ א.א.וו.

דער פאָרמאַט פון דעם „אַפריקאַנער״ איז געווען "8×"$12\frac{3}{4}$. די ערשטע חדשים איז „דער אַפריקאַנער״ געווען געדרוקט אין 18 זייטן (אויסער די טאָוו־לען), שפּעטער — אין מערער זייטן. אין „אַפריקאַנער״ פון 20/1/1916 ווערט אָנגעגעבן אז איבער 5 טויזנט יידן לייענען דעם „אַפריקאַנער״.

אַ שאַרפער קריטיקער

„דער אַפריקאַנער״ האָט זייער שאַרף קריטיקירט געוויסע דערשיינונגען און פּאָזן פון היגן לעבן, וועלכע ער האָט אַנערקענט פאַר שעדלעך, ווערטלאָז

---

[15]) אגב איז אין נומער 15 „אַפריקאַנער״ דאָ אַ בריוו וועגן אָט דעם ליד „וועק־נישט״. „סטייטש, ווי נעמט מען עס זיך די חוצפּה אָפּצודרוקן אברהם רייזענס אַ ליד און אונטער־שרייבן דעם אייגענעם נאָמען ?״. ער רופט אָן דעם „פּאָעט״ — „פּלאַגיאַט״, און ער זאָגט, אז עס איז אַ ליטעראַרישע גנבה״.

און לעכערלעך. דאָס האָט פאַרשאַפט אַ שטאַרקע בייזקייט צו דעם „אַפריקאַנער". די רעדאַקציע האָט זיך באַקלאָגט אויף דעם, אין „אַפריקאַנער" פון 6/1/1916 צ.ב., שרייבט ס פּאָגעלסאָן „איך האָב געקעמפט גאַנץ אליין קעגן אַ גרויסער צאָל שונאים".

אין אַן אַרטיקל „ציוניזם און ציוניסטן אין זיד־אַפריקע" זאָגט מ. אַמיקוס:

> „די היגע ציוניסטן שעמען זיך ניט צו רופן דעם „אפריקאַנער" אַנטיסעמיט און אַנטי־ציוניסט, ווייל ער זאָגט, אַז אַ איד דאַרף האָבן אויסער אַ אידישע האַרץ אויך א אידישע קאָפּ, און א אידישן מאָגן, אידישע הענט פאַר צדקה און אַ אידישן געפיל צו רחמנות און אידישע בושה". (10/8/1916).

הגם ס. פּאָגעלסאָן איז ניט געווען קיין שאַרפער קעגנער פון ציוניזם, האָט ער דאָך שטאַרק אָנגעגריפן דעם דרום־אַפריקאַנער ציוניזם און די דרום־אַפריקאַנער ציוניסטן, אין א גרויסער מאָס, דורך די אַרטיקלען וועגן היגן יידישן לעבן פון מ. אַמיקוס. „דער אַפריקאַנער" האָט אָנגעגריפן אויף אזא אופן:

> „דער ציוניזם אין סויט־אַפריקע וואָלט געקאָנט שפּילן אַ גרויסע ראָל. ליידער, אָבער, באַשטייט די ציוניסטישע טעטיקייט נאָר פון פאַרקויפן שקלים" (11/9/1912). „אין וואָס באַשטייט דער ציוניזם אין יאָהאַנעסבורג, אויב ניט אַראַנזשירן א טאנץ, א באַל און קאָנצערטן למען ציון ?" (29/7/1915). „דער ציוניסטישער זאָל איז געווען אַן אינדזל אויף פּראָפּאַגאַנדע פארן ציוניזם און די איבעריקע פראַגן האָט זיי ניט אינטערעסירט" (25/4/1915). „דער ציוניזם איז געוואָרן די שענסטע און שטאַרקסטע פאַרטיי — פאַר דער אויסערלעכער וועלט"(24/10/1915). „ציוניזם איז געוואָרן דאָ אַ נייע רעליגיאָן און פאַנאַטיזם. פאַנאַטיזם איז א פעסט, וואָס פאַרשפּרייט אבערגלויבן, האַס און קנאה" (1/6/1916). „ליידער האָט די אידישע מאַסע אויסגעביטן זייער אידישקייט אויף ציוניזם און מיר שטייען ביי דער מער־קווירדיקער דערשיינונג: וואָס מער ציוניסט אַלץ ווייניקער ייד" (4/8/1917). „ציוניזם אָן אידישקייט איז לעכערלעך. דעריבער זעען מיר אָפט אין פלעצער אין זיד־אַפריקע, וו מען שטייט אימער מיט אַ פאָכער און מינטערן, דער גאַנצער ציוניזם זאָל ניט אונטערגיין" (20/6/1918).

אין אַ לייטארטיקל „פּאָליטישער ציוניזם", שרייבט דר. ב. ליקנאַיצקי (29/1/1914):

> „עס איז געווען אַ צייט אין יאָהאַנעסבורג, אז מען האָט געמוזט האָבן אַ קאָלאָסאַלע דאזע פון קוראַזש אַ ביסל די ציוניסטן צו קריטיקירן. איך גיב צו, דאָס די מאַסע פון ציוניסטן באַשטייט פון העכסט אַנשטענדיקע פערזאָנען, אָבער די אונגעהויער פרעכהייט און אַראָגאַנץ פון מאַנכע, איז געווען אונדעטערגלעך"; „די צייטן האָבן זיך געענדערט און יעצט איז די באַוועגונג אזוי טויט, דאָס עס איז גאָרנישט דאָ, וואָס און וועמען צו קריטיזירן". „ווען מען נעמט אין אָנבעטראַכט די אומגעהויערע ענערגיע, וואָס עס איז פאַרשפּענדעט געוואָרן דאָ פאַר די באַוועגונג פון ענטוזיאַסטן און ענטוזיאַסטינען איז ווירקלעך צו ערשטוינען צו זען ווי קליין און אומבאַדייטנד זיינען די פּראַקטישע רעזולטאַטן"; „די גרויסע מאַסע איז געבליבן אינדיפערענט".

די רעדאַקציע האָט שאַרף אָנגעגריפן אויך די ענגליש־דייטשישע יידן. און אָט איז, ווי זי האָט עס געטאָן:

„די אידישע יעקילס" אָדער „יאָקעלס", „פּעטיקאָט־ליינער", „די רוסישע אַנגליזירטע אידן זיינען געוואָרן מער פּויפּסטלעך ווי דער פּאָפּ גופא", „די רוסישע אידן, וועלכע זיינען אריבער צו די פּעטיקאָטליינער", „די רוסישע אידן שפּרינגען קדוש פאַר די אידישע יאָקעלס", „די ענגלישע יאַהודים און אויף זיי קוקנדיק אונדזערע אַנגליזירטע רוסישע אידן קוקן אויף לאָנדאָן ווי די פרומע מאַכמעדאַנער אויף מעקא" (10/7/1916). „מיר געדענקען נאָך, ווי ניט לאַנג צוריק האָט זיך די יאָהאַנעסבורגער תלמוד־תורה דערנידעריקט און געגעבן דעם כבוד צו עפענען די תלמוד־תורה דעם מאַן, וואָס האָט געגעבן גענוג געלט אויסצובויען אַ דייטשי־שע קירך" (15/12/1911). „מאַנכע ענגלישע יידן, אז מען פרעגט זיי: בינסטו אַ איד ? ענטפערט ער אייך: געווים, איך קויף דאָך אַלע פרייטאָג דעם „דזשואיש קראָניקל" און איך וויים יגדל און אדון עולם" (8/12/1911). „רוסישע אידן האָבן געקראָגן אומצוטרוי און פאַראַכטונג צו די ענגלישע אידן און צו די רוסישע אידן, וועלכע האָבן זיך פולשטענדיק אַנגליזירט — האַסן אויך זייערע רוסישע ברידער" (20/1/1916).

די רעדאַקציע ווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון די לעזערס אויף אַ בריוו, וואָס אַן ענגלישער ייד האָט געשריבן אין „סטאַר" (18/2/1915) וועגן די רוסי־שע יידן „די אידישע געטאָ — פּערעירא־אידן — זיינען א גרויסע מאַסע פון אומוויסנדע, אומטריי צו דער לאַנד אין וועלכן זיי לעבן, ווילן ניט פאַרטיידיקן זייער קעניג און קאָנען ניט זיין געטרייע בירגער".

אַ פאַרקטאַונער איד האָט געשריבן אין „סטאַר", אז „דער וויכטיק־סטער צוועק פון די „יונייטעד סינאַגאָגעס" איז — צו בילדן די „ראַנד" געטאָ אידן, וועלכע שטייען ווייט הינטער דעם שטראָם פון מאָדערנער פּראָגרעס" (17/5/1917); „אין די סינאַגאָגעס רואיק, שטיל רעספּעקטאַביל, צערעמאָניעס — עס שמעקט מיט קירכע" (12/11/1914).

„דער אַפריקאַנער" האָט אויך אָנגעגריפן די רעווערענדס מיט די „פאַרקער־טע קראַגנס", געשריבן קעגן „באָאַרד אָוו שחיטה", „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס", קעגן באַשטימען אַ „טשיף־ראַבאַי" (הויפּט־רב).

„אידן האָבן ניט קיין בערד, און אזוי ווי אידישקייט דאַרף האָבן אַ באָרד — האָט מען אָנגעטשעפּעט צו די קלינגענדיקע נעמען „שחיטה באָאַרד", „באָ־אַרד אָוו דעפּיוטיס" (אויגוסט 1913). וועגן די צוויי הויפּט־סינאַגאָגעס — פּרעזידענט־גאַס און פאַרק־סינאַגאָגע — שרייבט די רעדאַקציע:

„די אַלטע שוהל און די נייע שוהל האָט שטענדיק געפירט אַ מלחמה. קיינמאָל ניט געווען פריינדלעך איינע צו די אַנדערע" (18/2/1915), „די צווייליידיקע שוהלן וועלן זיך „אַמאַלגעמייטן" (פאַראייניקן זיך) אונטער איין „טשיף ראַבאַי" (26/3/1914).

וועגן דער „דזשואיש גילד" וואָס האָט געהאַט לויט „דער אַפריקאַנער" אַן ערך 700 מיטגלידערס אין 1918, שרייבט די רעדאַקציע: „איז דאָ אין יאָהאַ־נעסבורג אַ טאַנץ „סאָסייעטי" מיט אַן ענגלישן קלינגענדיקן נאָמען „די דזשואיש גילד" (9/12/1915); און 2 און אַ האַלב יאָר שפּעטער — „איז עס מעגלעך, אז מען זאָל, אלס קאָנטראַבאַנד, אריינגעמען אין דער „דזשואיש גילד" אַ לעק־ציע אין יידיש אָדער העברעיש ? אַ סך רוסישע אידן געהערן צום „גילד", זיי האָבן זיך אָבער געשעמט מיט אידיש" (23/5/1918).

ווען מען לייענט דעם „אַפריקאַנער" באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דער „אַפריקאַנער" האָט ניט געהאַט קיין קאַרעקטער. אזויפיל גרייזן געפינט מען דאָרט! (אין די געבונדענע יאָרגענג פון „אַפריקאַנער", וואָס היימאַן פּאָל־סקי האָט געהאַט, געפינט מען אין פּאָלסקיס אַרטיקלען ביז צען פּראָצענט גרייזן, וואָס ער האָט מיט זיין אייגענער האַנט שפּעטער אַליין צורעכטגעמאַכט).

קוריאָזן

אָבער כמעט אין יעדן נומער געפינט מען אַרטיקלען אין אַ גוטן זאַפטיקן יידיש, און אין דער זעלבער צייט זיינען אויך דאָ אַרטיקלען אין אַ צעקאַלע־טשעטן יידיש. געוויסע ענגלישע ווערטער, זאַצן און געדאַנקען זיינען אזוי אומפּאַראַנטוואָרטלעך איבערגעזעצט, אַז עס קלינגט משונהדיק, און עס איז מער ענגליש, ווי יידיש; צ.ב. די פאָלגנדיקע: „די סלופּעס פון אידישקייט" (גע־מיינט: „זיילן פון יידישקייט") פעב. 1913; „וועט האַלטן די טשעהר", „אַ וואָוט אויף דאַנקס" (אין אַן אַנדער פּלאַץ — „טהאַנקס"); „איז פּראָפּאָוזד גע־וואָרן" (אין אנדערע פּלעצער — „איז געפּאַסט געוואָרן"); „פאַר זיין קינסטלע־כע רעדע" (21/11/1912); „פּאַרגעזעסן" (געמיינט: געוועזן פּאָרזיצער); „ברי־ליאַנט דערפאָלג"; „האַלף האָלידיי; „חנוכה פעסט"; „סעריאָזנע אומרוען; „אַד־וואָקאַטירן"; „בעריטענע פּאָליצייי" (געמיינט: רייטער־פּאָליציי) (20/11/1913); „לאָרד ראָטשילד טויט — די קאָפּ פון דער ענגלישער אידישע קאָמיו־ניטי"; „אַ מיניסטער ווערט פאַרלאַנגט, מוז אויך זיין אַ שוחט, לערער און חזן" (8/8/1918); „זיי לעבן אויף די פעט פון לאַנד" (15/10/1916); „אַ חזן, מוהל און טיטשער"; דער מלחמה אַפּיל האָט געשאַפן „די גיפט קאָמיטע" (געמיינט: מתנות־קאָמיטעט); רבי דר. לאַנדאו האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג גע־זאָגט, אַז „די שולן זיינען גאַנץ ליידיק, עס קומט אויס צו דאַוונען פאַר איינ־געפאַלענע אידן" (31/1/1918); אַלע מודעות פון לאַנדסמאַנשאַפטן און אנדע־רע חברות פלעגן זיך פאַרענדיקן מיט „האָנ־סעק", אָדער „האָן סעקרעטאַר" (געמיינט: ערן־סעקרעטאַר); אַ מודעה פון דר. ב. ליקנאַיצקי: „פון צייט צור צייט ווירד זיין דער נאָמען פון דעם אידישן זאַמעלבוך (מאַגאַזין), וועלכע היזיגע פּראָמינענטע פּערזאָנען און גוטע שרייבער בעאַבזיכטיגען קירצלעך אַרויסצוגעבן. עס ווירד דאָרום העפליכס געבעטן ביי לאָקאַלע און זאָנסטיגע שרייבער, וועלכע פילן זיך דאָס זייער פּעדער איז רייך גענוג אום צו קענען געבן דעם אידישן פּובליקום אַ געשמאַקן גייסטיקן שפּייז" (3/7/1913).

די שפּראַך אין די אַנאָנסן: „אַלטע ראַבבער" און אין קלאַמערן „גומי"; „פּייער וואָוד"; „מעבלירטע און ניט מעבלירטע צימערן צו פאַרלאָזן" (גע־מיינט: צו פאַרדינגען); „דאַמפּ דער סויט קינג" — "Damp the Suit King". „אורדאַנגס קאַפּע", „די בעסטע טאַססע קאַפּע דעם מאָרגענס".

עס איז כדאי איבערצוגעבן אויך פאָלגנדיקע קוריאָזן און אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציעס:

די רעדאַקציע שרייבט: „מיר מוזן צושטימען צו די באַמערקונגען פון פּרעזידענט פון דער אָרטאָדאָקסישער בית־המדרש, מר. קופּער, אַז קיין צדיקים זיינען ניט געקומען און קומען ניט אין זיד־אַפריקע" (9/1/1913);
אַדוואָקאַט מאָריס אַלעקסאַנדער, ריידנדיק וועגן ציוניזם אין ציוניסטישן זאַל האָט געזאָגט „אין די פרייע לענדער פון אַסימילאַציע, ווו אידן באַגייען נאַציאָנאַלע זעלבסטמאָרד, וואָס דאָס איז פיל ערגער ווי פּאָגראָמען" (21/11/1912);

דעם 28/9/1912 האָט זיך געגרינדעט „אַ יונגמען דזשואיש אַסאָסיאיישן" „פון אינטעליגענטע יונגעלייט";

„דזשו ביי הארט" — „אַ פּוסטע פּראַזע";

אין מערץ 1913, שרייבט די רעדאַקציע, אַז אין יאָהאַנעסבורג און אומגעגנט זיינען דאָ אַן ערך 15 טויזנט יידן (13/3/1913) און אין „אַפריקאַנער" פון 14/10/1915 ווערט געזאָגט, אַז אין דרום־אַפריקע זיינען דאָ אַן ערך 50 טויזנט יידן;

אין אַ לייטאַרטיקל „דער בלוט־בלבול" (6/11/1913) וועגן בייליס־פּראָצעס ווערט געזאָגט: „קיין ווילדע חיה איז ניט אַזוי בלוט דורשטיק ווי אַ רעליגיעזער פאַנאַטיקער";

„ווו דו גייסט און ווו דו שטייסט הערט מען נאָר ווי צו מאַכן געלט: אַ קלעפּיקע קרענק — די לופט איז פול מיט גאָלד" (18/5/1914);

בנציון הערש האָט געזאָגט: „מיר זיינען אתה בחרתנו'ניקעס און, וואָס עס איז שייך אונדז איז ניט שייך צו קיינעם" (11/3/1915);

אין „אַ משונהדיקע טראַגעדיע" באַשרייבט היימאַן פּאַלסקי מיט אַלע דעטאַלן, זייער געלונגען און ליטעראַריש, אַ טראַגעדיע, וואָס האָט געטראָפן אין יאָהאַנעסבורג: אַ ייד, וועלכער האָט קוים דערלעבט די שעה צו גיין אויפן וואָקזאַל דערוואַרטן זיין פרוי און דריי טעכטער, ווען ער האָט ניט געזען איבער 10 יאָר, איז אַרעסטירט געוואָרן ביים ווערענדע פון זיין צוגעגרייט הויז, ווען ער האָט געבראַכט זיין ווייב און קינדער — פאַרן קויפן רוי־גאָלד. ער מאָלט „דעם געוויין, פאַרלאָרנקייט און עלענד פון דער משפחה" (24/6/1914);

ביים אויסברוך פון דער מלחמה, אין 1914, האָט מען אריינגעזעצט אין די דייטשישע לאַגערן ליטווישע יידן, ווייל זיי האָבן, אריבערקומענדיק אַהער פאַלש אָנגעגעבן, אַז זיי קומען פון דייטשלאַנד;

„זעליג שרייבער" — ה. פּאַלסקי — „אין בילדער און סצענעס פון דער אידישער גאַס" שרייבט: „צייט מענדל האָט אַ פערד איז ער געוואָרן אַ מענטש" און „צייט ער האָט דעם פערד האָט ער אָנגעהויבן מאַכן אַ לעבן" (8/4/1915);

„פּרעטאָריע היברו קאָנגרעגיישן" זוכט אַ צווייטן חזן פיר ימים נוראים, ער דאַרף זיין מוזיקאַליש. ער מעג זאָגאַר זיין ניט לאַנג פון רוסלאַנד" (10/5/1912)؛

אין אַן אַרטיקל ווערן שטאַרק קריטיקירט די יידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע קומען פון ליטע און „קנאַקן אומעטום רוסיש".

„דער אַפריקאַנער" רעאַגירט אויף געשעענישן

דער ביילים בלוט־בלבול־פּראָצעס האָט פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין „אַפריקאַנער". ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג קעגן דעם ביילים־בלוט־בלבול, אויף וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען אויך פירערס פון דער ענגלישער און בורישער קירך און באוווסטע ניט־יידישע פּערזענלעכקייטן. (4/11/1913)؛

אויף דער טראַנסוואַלער ציוניסטישער קאָנפערענץ, דעם 30־טן נאָוועמבער 1913, איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז מען זאָל צוטרעטן שאַפן אַ פאָנד צו שטעלן אַ דענקמאָל ביילסן (4/12/1913)؛

די נייעס וועגן דער רעוואָלוציע אין כינע האָבן זיך געצויגן אין „אַפריקאַנער" אַן ערך צוויי יאָר.

די הערן פּאָלאַק און קאַלענבאַך, גאַנדי'ס אָנפירנדיקע מיטהעלפערס, האָט מען פאַרמשפּט אין נאָוועמבער 1913 צו דריי חדשים טורמע. גאַנדי האָט פאַרלאָזן יאָהאַנעסבורג אין יולי 1914. צווישן זיינע אָנפירנדיקע פאַרערערס זיינען געווען דריי יידן — פּאָלאַק, קאַלענבאַך און פרל. שלעזין؛

מיטוואָך, דעם 7־טן פעברואר 1912, איז פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן די נייע אימיגראַציע־באַגרענעצונגען, וואָס האָבן געצילט, הויפּטזאַכלעך, קעגן יידן. „דער אַפריקאַנער" פּראָטעסטירט קעגן דער גלייכגילטיקייט, וויל זייער ווייניק יידן זיינען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג (16/12/1912)؛

אויף אַ בית־המדרש־זיצונג (12/1/1913) לויט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל באַפרידיקן דעם חזנס פאַרלאַנג צו האָבן אַ „קווייער" (כאָר), האָט ש ל ע ז י נ ג ע ר געזאָגט, „אַז ווען ער גיט אַ צווייטן „באַנד" אויף דער געביידע מיינט ער ניט, אַז עס זאָל גיין אויף מוזיק" (16/1/1913).

„דער שפּראַכן קאַמף אין פּאַלעסטינע איז פאַרענדיקט, אַ זיג פאַר דער העברעישער שפּראַך". „נאָך 7 יאָר זאָל מען איינגאַנצן אַריבער פון דייטש אויף העברעיש אין חיפהער טעכניקום" (26/3/1914)؛

עס איז געווען פאַרעפנטלעכט אַ רוף צו פּראָטעסטירן קעגן די פאַרפאָלגונגען פון יידן אין רומעניע און צו העלפן זיי (27/11/1913)؛

אַ ספּעציעלע „באַקאַנטמאַכונג פון „באָארד אָוו דעפּיוטיס״, אַז עס איז אַבסאָלוט וויכטיק דאָס אימיגראַנטן אײדער זײ קומען אָן אין קייפּטאַון זאָלן זיך אָנטאָן יום־טובדיק און זיך מאַכן אויסקוקן וואָס אַמבעסטן״ (2/4/1914);

דעם 5־טן אַפּריל 1914 האָט דר. קרעטשמאַר־איזראַעלי געהאַלטן אַ לעקציע פאַר דער „חברה שוחרי תושיה״. „מיט פּראַכטפולע פאַרבן האָט דער רעפערענט געמאָלן און געצייגט דעם אידישן פּובליקום ווי אַזוי אַ הייפּעלע גלות־אידן, וועלכע זיינען טויזנטער יאָר געוועזן געשמידט אין אייזערנע שווערע קייטן; ווי אַזוי אַ הייפּעלע גלות־אידן, וועמענס קערפּערס זיינען געוועזן צוקיילט און צובייליט, פול מיט ווונדן פון די שווערע האַנט פון זייערע פּרעה׳ס; ווי אַזוי די הייפּעלע אידן דורך ענערגיע, איבערגעבנקייט און ליבע צו זייער פאָלק האָבן זיך געקאָנט אַנטוויקלען. יעדער איינער איז אַ היסטאָרישער העלד, יעדער איינער זאָל מאַכן אַן עפּאָכע אין דער אידישער היסטאָריע אין פּאַלעסטינע״ (9/4/1913);

„וויניק פון די אָרטאָדאָקסן דאָ זיינען קרומע רוקנס״; „שבת שטאַמט פון די כאַלדעער, זייערע שטערנזעער האָבן אויסגעפונען, אַז שבת הערשט דער שטערן סאַטורן און דער שטערן ווירקט זייער שעדלעך אויף אַלע אונטערנעמונגען פון מענטשן. זיי האָבן דעריבער פאַרבאָטן אַלע אַרבעט סיי אין הויז און סיי אין דרויסן. מען האָט זאָגאַר קיין מעדיצין ניט געטאָרט געבן אַ קראַנקן אום שבת. מען האָט ניט געטאָרט מאַכן קיין פייער און קאָכן שפּייז אום שבת״ (7/11/1918);

„לויט דער „דזשוּאיש קראָניקל״ אין ענגלאַנד איז די ניקאַראַגוּאַ רעפּובליק באַרייט אריינצונעמען אַ גרויסע יידישע אימיגראַציע און געבן יעדן פּערזאָן 140 אַקער ערד און אויב עס וועט זיך שאַפן אַ היבשער ישוב איז זי באַרייט צו געבן אליין הערשאַפט״ (7/11/1911);

זעליג שרייבער אין „טיפּן, בילדער און סצענעס פון דער יידישער גאַס״ שרייבט: „אַז גאָט וויל שטראָפן אַ אידן, געוועוונלעך, ווייל ער האָט אים ליב, האָט ער אַ סך שלוחים. עס איז דאגת חיונה, צער גדול בנים, שריפות, גנבות, אריינפאַלן אין גויאישע הענט פאַר אַן אמתן אָדער שקר־בלבול, אַמאָל פאַר מאַכן אַ פאַלשן באַנקראָט, אַמאָל פאַר צונעמען לינקע סחורה, אַמאָל פאַר קויפן אַ ביסל גאָלד, אַמאָל פאַר פאַרקויפן משקה״ (27/5/1915);

„דער שטאָט־קאָכלעפל״, אין „אַ תחינה פאַר אידישע ווייבער״, באַרירט די פראַגע פון: „אידישע ווייבער, וועלכע זיינען שוין עטלעכע יאָר אין אַפריקע און וועלכע ווייסן שוין, אַז די רעכטע מענטשהייט ליגט אין קליידער, „העטס״, טעאַטער, „באַלן״, קאָנצערטן און וויזיטן. וויזיטן בייטאָג און וויזיטן ביינאַכט, כסדר וויזיטן. וואָרום, אַז ניט קליידער, „העטס״, טעאַטערס, באַלן, קאָנצערטן, וויזיטן, וואָס טויג זיי אַפריקע? אינדערהיים האָבן זיי געלעבט ווי גראַפינעס און, אַז ניט אויסבייטן אויף בעסער, וואָס דאַרפן זיי אזא קלאָג ווי אַפריקע?״

אָפּשפּיגלונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן

„דער אַפריקאַנער" שפּיגלט אָפּ דעם פּראָטעסט פון די מער באַוווסטזיניקע רוסישע יידן קעגן דער פּאַסיוויטעט, גלייכגילטיקייט און קעגן דעם אונטערוואַרפן זיך פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן צו דער מערב־אייראָפּעאישער דאָמינירונג, פירערשאַפט און הערשאַפט אין יידישן לעבן דאָ.

„מיר — די דאָ געקומענע רוסישע יידן. זיי — די דאָ געבוירענע און דאָ געקומענע ענגלישע יידן, זיינען די מנהיגים אונדזערע, די טאָן־געבערס, די רעדל־פירערס! קומען זיך צונויף שניפּישקער לאַנדסלייט און גרינדן אַ חברה ארויסצוהעלפן אַן אָרעמען ברודער אין אַן עת־צרה — בעט מען אַ „מיסטער" ער זאָל אזוי גרויסמוטיק זיין און באַוויליקן אָנצונעמען דעם טיטל פון ערן־פּרעזידענט, אויך לייגן דעם ערשטן שטיין פאַר אַ שוהל, פאַר אַ תלמוד־תורה. פאַרוואָס קומט זיי דער כבוד? דערפאַר ווייל זיי ריידן גוי'איש און קאָנען ניט קיין עברי? דאַכט זיך מיר, שטענדיק, אז אין אונדז ליגט נאָך די אַלטע שענדלעכע מורא און רעספּעקט פאַרן פּריץ און פאַרן קנעפּל!" מאַהיקאַן (24/1/1918);

„דער באַלעבאָס פלעגט זאָגן די גלייכע, די אָרנטלעכע און אומפּאַרטייאישע דעה און דער איינפאַכער מענטש פלעגט געבן די געלט, וועלכע מען האָט געמוזט האָבן אום אויסצופירן די דעה אין פּראַקטישן לעבן. אזוי האָט עס זיך געפירט פון דור־דורות און איבער דער גאַנצער וועלט".

„איצט ווי עס שיינט האָט זיך די גאַנצע וועלט געביטן. דער געלט זעקל איז געוואָרן דער מיוחס, דער למדן, דער שיינער מענטש, דער קלוגער, דער מבין, דער בר־דעת". „אין יאָהאַנעסבורג איז עס נאָכמער בולט". „די ענגלישע און פאַרענגלישטע יידן זיינען געווען די געלט־זעק. די ענגלישע יידן זיינען געווען די טאָן־געבער און „די רוסישע שנאָרערס" זאָלן געבן די געלט".

„די געשיכטע פון די יאָהאַנעסבורגער קהילות איז אַ גאַנץ קורצע: זיי האָבן זיך כמעט אלע געגרינדעט פון קריג־מחלוקת". „אייניקע „מעמבערס" פון אַ קהילה האָבן זיך צעקריגט אָדער ניט געקענט איינשטימען מיט די אַנדערע, האָט מען גלייך געגרינדעט אַ נייע קהילה" (פון אַ לייטאַרטיקל, דאַטירט דעם 13/5/1915).

אין „פונקען" (16/7/1914) אויפן 19 יאָריקן געבורטס־טאָג פון פּאַנעוועזשער בית־המדרש האָט הערי גראָסמאַן (אַן ערן־מיטגליד פון פּאַנעוועזשער לינת־הצדק) געהאַלטן די הויפּט־רעדע, „מיט וואָס ער האָט פאַרדינט די ערע קענען מיר ניט פאַרשטיין. איבער זיין תורה, געוויס ניט, אויך ניט צוליב זיין יראת־שמים, נאָך ווייניקער צוליב זיין צדקה, די איינציקע זאַך מיט וואָס ער האָט געקאָנט פאַרדינען די ערע איז, ווייל ער קען קיין אידיש ניט ריידן. ווי מיר וייסן פון דערפאַרונג, איז עס אַ גרויסע חשיבות, ווען אַ איד קאָן קיין אידיש ניט ריידן. די מעלה אליין איז שוין גענוג צו מאַכן אים פאַר אַ פּרעזידענט אין אַ ציוניסטישע „סאָסייעטי" און ערן־פּרעזידענט אין אַ „סיק בענעפיט סאָסייעטי", אָפּטמאָל אויך פּרעזידענט אין שוהל".

„דער צוקונפטיקער היסטאָריקער, וועלכער וועט וועלן שרייבן די אידישע געשיכטע פון זיד־אַפריקע, וועט האָבן זייער ווייניק מי, ווען ער וועט קומען

אין אַ שוהל וועט ער גלייך וויסן, אז דאָס איז פון מחלוקת. צו אנדערע אינס־טיטוציעס — אַנדערע מחלוקת״ (יולי, 1915).

„אויב מיר וועלן זיך ניט אויפכאַפּן אין צייט און זען אַ מיטל, וואָס צו טאָן, וועט דער יודנטום אין סויט־אַפריקע זיין טויט און פאַרלאָרן״ (8/1/1914) ;

„אין אפריקע איז דער יידישער לעבן פוסט, כאַאָטיש, תהו ובוהו און פאַר־פוילט״ (9/2/1912) ;

„מיר וואָלטן וועלן וויסן, פאַרוואָס די באַריכטן פון די צוויי שולן זאָלן אייגנטלעך געגעבן ווערן אינגאַנצן אין די ענגלישע פרעסע ?״ „ עס איז טרויע־ריג ווי אזוי די אידישע געמיינדען פאַרהאַלטן זיך דאָ צו דער אידישער פרעסע ווערנד 95 פראָצענט פאַרשטייען דאָ קיין אַנדער שפּראַך ווי יידיש״ (9/10/1913).

„צען חתונות, פון היימישע יידישע זין און טעכטער, און ניט איינע איז אַנאָנסירט אין אַ יידישן צייטונג — נאָר אין ניט־יידישע צייטונגען (2/7/1914). „דער אַפריקאַנער״ באַקלאָגט זיך, וואָס אידישע אינסטיטוציעס שיקן ניט קיין אַנאָנסן צו אידישע צייטונגען וועגן ענינים, וועלכע זיינען נאָר אידישע אַנגע־לעגנהייטן. אַנאָנסן וועגן שוחט, מוהל, חזן א.א.וו., ווערן נאָר אַנאָנסירט אין ענגלישע צייטונגען״.

אין אַ פעליעטאָן — „קהלשע אַרבעט״ (22/6/1916) ווערט געזאָגט: „דאָרט, ווו די לופט איז פול מיט הפקרות, עם־הארצות, איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר באַשיידנקייט און אידעאַליזם און קולטור״. „מיין יוגנטלעכער פייער מיטן האַרציקן אידעאַליזם איז ביסלעכווייז, שטופנווייז אָפּגעשטאָרבן״. „די איינ־ציקע קוואַליפיקאַציעס פון אַ קהל׳שען טוער איז דער פונט און דער ניט קענען ריידן קיין אידיש, און צו דעם זיין אָנגעטאָן אין אַ פיינעם אַנצוג און פיינע שיך. אזוי גיך ווי איר רעדט יידיש געהערט איר שוין צו אַן אַנדער קאַטעגאָ־ריע״ (22/6/1916) ; „וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דאָ דער רוסישער ייד מיט זיין יידישע פרעסע ?״ (10/2/1916) ;

וועגן „די אידישע פרעסע״ שרייבט מ. אַ מ י ק ו ס : „ביי אונדז קענסטו געפינען מענטשן, וועלכע זאָלן וויסן אויסגעצייכנט די העכערע בילדונג אָן פריער צו זיין עלעמענטאַריש פאַרבאַרייטעט. ביי אונדז אידן וועסטו געפינען באַרימטע תלמודיסטן, וועלכע קאָנען פשוט ניט קיין עברי, וועלכע האָבן ניט קיין באַגריף פון דקדוק. ביי אונדז וועסטו געפינען גרויסע מאַטעמאַטיקער, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געלערנט די איינפאַכע רעגלען פון אַריפמעטיק״.

„גלייכגילטיקייט, נאַכלעסיקייט ! די צופרידנקייט פון אלע סעקציעס און טיילן פון דער געזעלשאַפט און אין פריוואַטן לעבן״. „פעלט דען וואָס יידן אין ד.־אפריקע בכלל און יאָהאַנעסבורג בפרט ?״ „זיי האָבן רבנים, חזנים, שמשים, שוחטים, היברו לערער א.א.וו. אויף די עטלעכע טיכטיגע אַרבעטער ליגט אַ שווערער יאָך״. „עס פעלט דאָ געזעלשאַפטלעכע אַרבעטער״ (4/7/1918). „קריגן זיך יידן אין די שוהלן, אין די בתי־מדרשים און אין גאַס״.

אַ סך אָרט גיט אָפּ די רעדאַקציע פאַר תלמוד־תורהס. אַ סך לייטאַרטיקלען זיינען געווידמעט די תלמוד־תורהס. אַ סך תלמוד־תורהס זיינען געגרינדעט געוואָרן. אין 1918 האָט מען געעפנט צוויי נייע תלמוד־תורהס אין פאָרדס־בורג און אין דאָרנפאָנטיין. כמעט אויף יעדער שמחה פלעגן זיין קלייבערס פאַר תלמוד־תורהס. „פאַרשיידענע קונצן פלעגט מען אויסקלערן, ווי צו קריגן געלט. צ. ב. די פּערעירע תלמוד־תורה האָט אָנגענומען אַ „ביי־לאָו״: אויף אַ מאַרמאָרנעם טאָוול זאָל מען אויסקריצן די נעמען פון די, וועלכע גיבן 50£, און אַלס צוגאָב — „באַקשיש״ — „לאחר מאה שנה — אין טאָג פון זייער יאָרצייט זאָל מען זיי ערמאָנערן מיט תהילים און קדיש זאָגן״ (20/6/1918).

דער אידישער נאַציאָנאַל פאָנד און „ציוניסטישע סאָסייעטי״ האָבן אָרגאַ־ניזירט אַ חנוכה־אָוונט פאַר קינדער אין גראַנד־טעאַטער. עס זיינען געווען אַן ערך 1500 קינדער (12/12/1912); עס איז פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער אָוונט דורכגעפירט מיט אָנטייל פון 60 קינדער. די פּראָגראַם איז געווען אין אידיש אײנשליסנדיק י. ל. פּ ר ע צ׳ ס „דער הויקער״ (אין 3 אַקטן) ביי אַ גע־פּאַקטן זאַל. „דער ליטעראַרישער אָוונט האָט זייער אויסגענומען ביים עולם״ (24/8/1916);

דעם 21/2/1915 האָט מ ש ה ק ר י י ן געעפנט אַ דעבאַטע אין „ליטעראַ־רישן און דראַמאַטישן פאַראיין״ א.ד.ט. „אידישע פאָלק־שול״. ער האָט אויפ־געוויזן די וויכטיקייט פון עפענען אַזעלכע שולן.

„אַ קינדער־קאָנקורס־אָוונט פאַר לעזן און דעקלאַמירן העברעיש און אידיש״ (29/10/1916);

דעם 3־טן מיי 1916 — „אַ גראַנדיעזער קאָנצערט־אָוונט פון 75 שילערס און שילערינס פון פאָרדסבורג־תלמוד־תורה״. „די גאַנצע פּראָגראַם אין אי־דיש — מאַמע־לשון. אַ זעלטענע דערשיינונג!״ „דער גרויסער עולם איז געווען אַנטציקט און באַגייסטערט און יעדער נומער האָט ארויסגערופן שטור־מישע אַפּלאָדיסמענטן״.

אין אַ באַריכט פון די עקזאַמינירערס פון פאָרדסבורגער תלמוד־תורה ווערט געזאָגט: „זאָגן אַלע געלייפיק און ריכטיק עברי, שרייבן און לעזן גוט אידיש״ (9/12/1915); „יעדער לא־יוצלח ווערט אַ פּריוואַט־אידישער לערער״ (17/5/1917);

עס איז געגרינדעט געוואָרן אַן „אגודת המורים העברים בטרנסבל״ (20/4/1916). י. ש. י ו ד ע ל אָ ו י ץ האָט געגעבן אַ לעקציע אין העברעיש פאַר „אגודת המורים העברים בטרנסבל״ א.ד.ט. „ח. נ. ביאַליק״ (25/6/1916);

„די מלמדים האָבן געקנעלט מיט די קינדער און די עלטערן מיט די מלמ־דים״. אימעצער באַקלאָגט זיך, אז עלטערן, וועמענס קינדער גייען אין די תלמוד תורהס, ווילן אפילו ניט צאָלן 3 פּעניס אַ וואָך פאַר זייערע קינדער (14/11/1912);

אין אַ לייטאַרטיקל ווערט געזאָגט, אַז אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון דער תלמוד־תורה זיינען גאָר ווייניק מענטשן געקומען. אויף דער פאַר־זאַמלונג האָט מען זיך באַקלאָגט, וואָס דער באַריכט איז ניט אין יידיש (13/3/1913); אויף אַ „דזשענעראַל" (יערלעכן) מיטינג פון תלמוד־תורה קומען 44 פון 800 „מעמבערס", און אונטער זיי געפינען זיך 15 „מעמבערס", וואָס זיי־נען קאָמיטעט־לייטע און 15, וואָס ווילן ווערן קאָמיטעט־לייט" (31/10/1912).

וועגן יידיש אין „אַפריקאַנער"

דער העברעישער לערער און מלמד מ. דיימאָנד, האָט געשריבן עט־לעכע אַרטיקלען וועגן „העברעיש און יידיש", „תפילה און תורה" און א לייט־אַרטיקל „די שפּראַכן־פּראַגע". פּראָטעסטירט ער קעגן די עלטערן, וועלכע ווילן ניט אַנדערש, אַז מען זאָל לערנען מיט די קינדער אין די תלמוד־תורהס העברעיש און תורה אין יידיש. ער זאָגט, אַז מען דאַרף לערנען מיט די קינ־דער העברעיש און תורה אין ענגליש (3/12/1912).

אין עטלעכע פאָרזעצונגען א.ד.ט. „צו די פּראָבלעמען פון אידיש־נאַציאָ־נאַלער דערציאונג" שרייבט א. מלמד[16]: „איך ווייס פון אַ גרויסע שטאָט אין דער קייפּ, ווו עס האָט עקסיסטירט נאָר איין תלמוד־תורה און געלערנט האָט מען אין איר, לויט דעם סיסטעם פון „עברית באידיש" און, אלע זיינען געווען צופרידן. פאַרוועלט זיך עטלעכע פון די פירערס — דורך דער איני־ציאַטיוו פון אַ נייעם לערער — אַז מען זאָל מאַכן אַ פאַרזוך צו לערנען אַ ריין עברית־בעברית מעטאָדע. דערוויַיל איז געגנוג דער פאַקט, אַז די גרעסטע טייל עלטערן, האָבן צוריקגענומען זייערע קינדער און האָבן געגרינדעט אַ נייע תלמוד־תורה ווו מען זאָל לערנען „עברית־באידיש" און די „עברית בעברית" תלמוד־תורה איז געוואָרן „עברית־בענגליש" (6/4/1916).

„אַ געוויסער רעוורענד ביי וועמען די אידישע שפּראַך איז טריף, און קען אַ „פּאָרעינעם" (אַ פרעמדן) אידן גלייך אין די אויגן ניט קוקן, איז אין אַ תלמוד־תורה, ווו בענאַ אַלע עלטערן און „מעמבערס" זיינען רוסישע אידן. ווי אַזוי ערוועלט מען דאָס נאָר אַזעלכן, וועלכער האָסט זייער מוטער־שפּראַך און שעמט זיך מיט זיי?" „פאַר „פאַרקערטע קראַגנס" האָט מען גרויס יראת־הכבוד".

„דער שטאָט־קאָכלעפל", אין אַ פעליעטאָן שרייבט: „אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַן „עם חכם ונבון" ווייס איך, אַז אידן זיינען אתה בחרתנו׳ניקעס — דאָס ווייס איך געוויס און, אַז אידן זיינען די זעמל־מעל פון אַלע אומות, און אַז צוליב זיי איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, דאָס האָט מיר מיין רבי אין חדר געזאָגט. אָבער עס טרעפט צייטן, ווען איך שטעל מיר די פראַגע, ווו איז די גרויסע חכמות מיט וואָס זיי נעמען זיך איבער? מיט וואָס זיינען זיי אַזעלכע „אתה בחרתנו׳ניקעס"? און ווו זיינען די צייכנס פון זעמל־מעל? דאַכט זיך

[16]) רעוו. י. פרידמאַן.

גאָר — פּראָסטע קלאָיען. איך קוק זיך מיר צו צו דעם קאַמף, וואָס עס גייט אָן צווישן די פאָרשטייער פון די בורן און צווישן די יוניאָניסט־פּאַרטיי וועגן שפּראַכן־פראַגע? איך רעספּעקטיר דזשענעראַל הערצאָג און דזשענעראַל סמאַטס פאר זייער טאַפּערקייט און מוט אויפצוהאַלטן זייער אייגענע שפּראַך. דאָס וואָרט „אייגענע" — איז גענוג, דאָס זיי זאָלן געווינען די סימפּאַטיע ביי יעדן מענטשן. זיי, די פירערס פון די בורן, ווייסן גאַנץ גוט, אַז די ענגלישע שפּראַך איז פיל שענער און רייכער פון זייער שפּראַך — „דער טאַאַל". אָבער „דער טאַאַל" איז דאָך אייגענע. קיין מענטש אין דער וועלט וועט דאָך ניט וועלן אויסבייטן זיין מאַמען. אָבער מיר? מיר מיט אונדזערע חכמות...״!

„אידן פון דריבישאָק און סאַפּיזישאָק קומען זיך צוזאַמען אויף אַ מיטינג, אידן וועמענס מאַמע־שפּראַך איז אידיש, זייער אומגאַנג־שפּראַך איז אידיש, זייער חוטם אידיש, זייערע וויצעלעך אידיש, דאַכט זיך אַלצדינג אידיש, גאַנץ שיין און פיין! אָבער אויף א מיטינג, ווי פּאַסט עס, אז מען זאָל ריידן אין אידיש? די וועלט קען חס ושלום אונטערגיין פון אזא נבלה. נעמט מען זיך צו ענגליש. אָבער ענגליש קאָן מען דאָך ניט, ווערט מען געשטרויכלט און מען רעדט זיך ארויס גאָרישקייטן, וואָס קריצן אין אויער, אַבי ענגליש און ניט אידיש. אזוי טוען מיר! מיר מיט אונדזערע חכמות... און אזוי טוען מיר אפילו אויף די ציוניסטישע מיטינגען. אין פלוג דאַרפן דאָך ציוניסטן זיין די ערשטע, וועלכע זאָלן שעצן און אַכטן „אייגענע", אין פלוג דאַרפן דאָך ציוניסטן זיין די ערשטע קעמפער קעגן „פרעמדעס". עס קומען זיך אידישע פרויען צו־זאַמען אויף אַ מיטינג פון די יאָהאַנעסבורגער „ליידיס זייאָניסט סאָסייעטי" ווערן זיי אויך געכאַפּט מיט דעם מנהג פון ניט אנדערש ווי ריידן אין אַ פרמעדער שפּראַך, און דווקא ניט אין אידיש". „ארויסגעטריבן די מאַמען, ווייל זי איז מיאוס און אָרעם און אויסגעביטן אויף אַ שענערע, רייכערע פרעמדע גויע". „וואָלטן מיר יידן ניט געווען קיין איבערגעשפּיצטע קעפּ און געווען פּשוטע מענטשן, וואָלטן מיר אויך געוווסט ווי די איינפאַכע בורן, אז „אייגענע" איז דאָס בעסטע, און מיר וואָלטן ניט געזוכט כסדר „פרעמדע". אָבער פאַר אַן „עם חכם ונבון" איז גאָר נישטאָ איינפאַך, אויף יעדע זאַך זיינען דאָ 20 קשיות און תירוצים. יעדער איז אַ גרויסער פילאָלאָג צו געבן אַ קרים מיטן נאָז — „עך מיר אַ שפּראַך יידיש" (12/7/1912).

אין אַ בריוו צו דער רעדאַקציע (16/4/1913) ווערט געזאָגט: „עס זיינען אָבער דאָ נפשות, וועלכע קומען און שרייען, אז אידיש טויג ניט, אז אידיש איז ניט קיין שפּראַך, אז עס איז אַ גלות־שפּראַך, אז עס האָט ניט קיין „גראַמער" און נאָך אַזעלכע באַהויפּטונגען, אז כאָטש נעם און גיב אַרויס אַ באַפעל צו צען מיליאָן אידן זיי זאָלן אוועקוואַרפן זייער שפּראַך, זייער ליטעראַטור און זאָלן ווערן שטום אַמווייניקסטן אזוי לאַנג ביז אַ געוויסער מר. בן יהודה, און ועד הלשון, וועלן אויסגעפינען די גויטיקע ווערטער און אויסדרוקן אין העב־רעיש". „איינער האָט אפילו געהאַט די העזה צו זאָגן דאָס מיר זיינען שטום. מען האָט ביי אונדז אויסגעשניטן דעם צונג. מיר קענען ניט ריידן מיר קענען

זיך ניט מאַכן פאַרשטענדיק (קרעטשמאַר איזראַעלי — ל. פ.), נאָך איינער האָט געהאַט די נאַרישקייט צו באַהויפּטן דאָס אידיש וועט אונטערגיין און גאַנץ גיך אויך, דען וואָס איז אידיש פאַר אַ שפּראַך?" (דר. לאַנדוי — ל. פ.). אין „אַפּ־ריקאַנער" פון 24/6/1914, האָט בנציון הערש אין אַ האַלב הומאָריסטישן אַרטיקל „יודיש און יודיש", אריינמישנדיק זיך וועגן דער מחלוקת פון יידיש און העברעיש, פשוט אויסגעלאַכט יידיש";

אין אַ פעליעטאָן „די יידישע אָרטאָדאָקסיע", פון מ. אַמיקוס, 12/7/1912 ווערט געזאָגט:

„עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, דאָס אַ סך, „מיטגלידער פון דער היגער אָרטאָ־דאָקסישער קהילה" האַלטן אָפּן זייערע קראָמען אום שבת". „אזעלכע קענען ניט פאַר קיין אָרטאָדאָקסישע אידן ניט פאַררעכנט ווערן, בפרט א סך אזעלכע אידן וועלכע האַלטן אָפן זייערע קראָמען אום שבת ניט דווקא צוליב פּרנסה, נאָר צוליב די פאַר פונט שבתדיקע לייזונג". „דער היגער לעבן, וואָס מאַכט פון יעדן איינציקן פּרט אַ גאַרנישט, מאַכט א תל פון אַלסדינג. מען דערציילט אויף אַנטאַקאַלסקין דעם באַרימטן סקולפּטאָר, דאָס ער פלעגט מאַכן פון יעדער שטיקל איינפאַכע, פּראָסטע ליים אַ מענטש. דער היגער לעבן טוט אָבער דעם היפוך און מאַכט פון יעדן מענטשן אַ שטיקל פּראָסטע ליים";

„די פרומע רייכע בעלי־בתים האָבן אויפגעהייבן קולות: סטייטש, אַזאַ יקרות אויף „אתרוגים". די זעלבע רייכע פרומע בעלי־בתים האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אז סך־הכל מיט איינציגע וואָכן פריער האָבן זיי געהייבן די פרייזן אויף מעל, צוקער, מילך א. א. וו." (8/10/1914).

„דער אַפריקאַנער" האָט אָנגעגריפן דעם „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס" פאַר וואָס ער טוט גאָרנישט.

וועגן דער חברה קדישא: „עס איז די איינציקע חברה, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט קיין שפּאַלטונג ווי אויסערלעך אזוי אויך אינערלעך". „די חברה קדישא שטעלט פאַר די אידן אַלס עטוואָס גאַנצעס" (23/1/1913); „יאָ־האַנעסבורג איז זייער פיל שולדיק דער חברה קדישא פאַר אָפּראַמען דעם שמוץ ביי אידן איבער דעם ווייסן־שקלאַפן־האַנדל. אויף א ז' אדר־פייערונג האָט מען זיך באַקלאָגט וואָס די יודישע יונגעלייט זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין דער אַרבעט פון דער חברה קדישא" (20/2/1915);

דער שחיטה־באָאַרד האָט זיך געגרינדעט אין 1910. די קצבים האָבן גע־דאַרפט געבן אַן אָפּצאָל פאַר יעדער בהמה און שעפּס. עס איז געווען אַ מין קאָראָבקע. עס ווערט געשריבן וועגן שחיטה־באָאַרד דאָס פאָלגנדיקע: „אין די דריי יאָר, וואָס די שחיטה־באָאַרד עקסיסטירט איז ניט פאַרביי איין טאָג, וואָס זאָל ניט זיין קיין מחלוקת צווישן די „האָלסייל און ריטייל" „בוטשערס" (קצבים) און צווישן די „בוטשערס" און „שחיטה־באָאַרד" און צווישן פּובליקום און „שחיטה־באָאַרד" (4/9/1913); „בשר כשר"; עס קען גאַנץ מעגלעך זיין, אז איינער זאָל אסרן, וואָס דער צווייטער האָט כשר געמאַכט" (12/2/1914);

„יידן האָבן זיך אָפּגעגאָלט די בערד, זיינען מחלל שבת און פירן מחלוקת וועגן שחיטה לשם שמים". „שחיטה באָאַרד מיינט אַ קאָמיסיע אכטונג צו געבן

אויף שחיטה, עס זאָל זיין כּשר. אינדערהיים האָט מען עס ניט גערדאַרפט" (4/1/1917) ; „פיל פון אונדזערע שוחטים פייפן אונטער, און קצבים פייפן אויך אונטער". „השגחה אויף בשר כשר, צו וואָס דאַרף מען עס? מיר זיינען דאָך אין אפריקע" (11/2/1915) ; דר. לאַנדאַו האָט געזאָגט אין זיין יער־לעכן באַריכט, אַז „מען פאַרקויפט טריפה וורשט פאַר כשרע, און פלייש איז אויך אונטער אַ פראַגע צייכן. מיר זיינען אין אַ צושטאַנד פון גייסטיקן און רעליגיעזן באַנקראָט" (6/6/1918) ; „דער שטאָט־קאָכלעפל" אין אַ תחינה פאַר אַ אידישן כשר „בוטשער" זאָגט: „מיינע עברות זיינען פיל מער וויפל פליגן אין „בוטשערי!"

אַז עס פלעגן אָנקומען די ימים־נוראים, פלעגט ווערן אַ יריד! מען פלעגט לאָזן וויסן, אַז דאָ און דאָרט וועט זיין אַ מנין, אַז די און די חזנים וועלן דאַוונען, און יעדער חזן איז אַ וווּנדערבאַרער זינגער, וועמענס געבעט גאָט וועט געוויס אויפנעמען. עס פלעגן געגעבן ווערן אזוינע אַנאָנסן: „אונדז איז געלונגען צו קריגן דעם בעסטן בעל־תפילה". „מיר האָפן, אַז יעדער וועט קומען ביי אונדז דאַוונען". „דער באַוווּסטער בעל־מוסף און בעל־תקיעה" (8/8/1918).

אין אַ פעליעטאָן „רבנים, חזנים און שמשים, שרייבט מ. אַמיקוס:

„ווען יעמאַנד וואָלט איצט געקומען אין יאָהאַנעסבורג און צוקוקן זיך צו דער יידישער געמיינדע, וואָלט ער געדיינקט, אַז אַלע יידן אין יאָהאַנעסבורג באַשעפטיקן זיך נאָר מיט איין זאַך, נעמלעך, מיט דאַוונען! ווו מען גייט און ווו מען שטייט זעט מען אַלץ אַ „בית תפילה", אַ „מנין", אַ באַקוועמלעכער „האַלל" צום דאַוונען. „אַ בעל־שחרית, אַ „בעל־מוסף" דאַוונען איז אפילו א גרויסע זאַך אָבער אויסנאַרן דעם רבונו־של־עולם מיט די דריי טעג איז צו נאַריש". „דער גאַנצער ירידל מיטן גאַנצן אָנשטעל לשם שמים — צו פאַרזאָרגן דעם אידן אַ פלאַץ צו דאַוונען".

„דער אַפריקאַנער" פון 25/1/1917 שרייבט: „די אינסטיטוציעס ווי לע־כערלעך זיי זאָלן ניט זיין, היט מען אָפּ מיט אַלע פּינטלעך, ווען דער עבר איז אַ צערעמאָניע, איז די צוקונפט ניט מער ווי אַ נאַרישע קאָמעדיע".

די רעדאַקציע האָט זייער פיל אָרט אָפּגעגעבן וועגן מגייר זיין ניט־יידישע מיידלעך. דעם 26־טן אַפּריל 1914, איז די רעדאַקציע ארויס שאַרף קעגן דעם, וואָס רבנים זיינען מגייר ניט יידישע מיידלעך. „אַ מלמד האָט געפונען א נייע פרנסה „מגייר זיין גויעס", אויך געווען אַ חזן פאַר ימים נוראים און אויך גע ווען אַ שדכן" (18/3/1915) ; „דער משולח פון מוראַוויאַנקאַ — א רב — האָט מגייר געווען אַ שיקסע צוליב געלט, און איר געפירט אין מקוה אָן דעם וויסן פון די בעלי־בתים" (1911).

עס איז געווען פאַרעפנטלעכט אַ לייטאַרטיקל: „וואצו דאַרפן מיר גרים" (25/3/1915) ;

צוויי יידישע בוכהענדלערס האָבן זיך אַנאָנסירט אין „אַפריקאַנער": „קאַפּלאַנס" און „מ. סגל".ביידע — אין קאָמישיאָנער־גאַס.

באַריכטן וועגן יידיש טעאַטער אין „אַפריקאַנער״

אין דער באַטרעפנדיקער צייט האָט מען געשפּילט די פאָלגנדיקע פּיעסן, לויט דעם „אַפריקאַנער״ : „מאָטיע מלך דער סטאָליער״ (29/11/1911), „חנהלע די פינעשערין״ (20/12/1911), „די וואַרהייט״ (3/4/1912), „רחל דגל מחנה יהודה״ (18/8/1912); „דער ליטעראַרישער און דראַמאַטישער פאַראיין״ האָט דורכגעפירט אַ ריי פאָרשטעלונגען, ווי צ.ב. „די יתומה״ (12/10/1913), „די וואַרהייט״ (13/11/1913), „אָן אַ היים״ (21/6/1916), „דער אומבאַקאַנטער״ (15/10/1916), „גאָט, מענטש און טייוול״ (1/4/1917).

אין 1917 האָט אַ גרופּע פון היגע, און אויך פון קייפּטאַון, טאַלאַנטפולע יידישע שוישפּילערס געשאַפן אַ טרופּע „היברו אָפּעראַטיק קאָמפּאַניע״. די טרופּע האָט אויפגעפירט אַ ריי פאָרשטעלונגען, אריינרעכענענדיק „דאָס אידי־שע האַרץ״ (פון י. לאַטיינער) און „געלד״ (פון מאָריס גיסנעט); דעם 21־טן נאָוועמבער 1918, באַקלאָגט מען זיך אין אַ בריוו אין „אַפריקאַנער״, פאַרוואָס עס קומען ניט קיין אידישע טעאַטער־טרופּעס. „דער עולם גאַרט נאָך אידישע טעאַטער״.

דעם 21־טן יאַנואַר 1913, האָט אָנגעפאַנגען דערשיינען אַ נייע טעגלעכע אידישע צייטונג — „די נייע היים״. „מיר גראַטולירן די אונטערנעמער״ — האָט געשריבן די רעדאַקציע (23/1/1913).

דער אידישער ליטעראַרישער און דראַמאַטישער פאַראיין האָט ארויסגע־געבן אַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „דאָס נייע וואָרט״ (2/7/1916).

„עס טוט מיר לייד״ שרייבט דער רעדאַקטאָר, וואָס איך דאַרף פאַרצייכע־נען דעם טויט פון צוויי אידישע זשורנאַלן אין קייפּטאַון: „דער אידישער אַדוואָקאַט״ (פון מר. גאָלדבלאַט) און דער מאַנאַטשריפט „דער אַפריקאַ־נער״ (פון נ. ד. האָפּמאַן) (2/7/1914). „די יודישע פאָהן״ איז אונטער־געגאַנגען אין אויגוסט 1913).

אין אַן אַרטיקל „דער 3־טען בית־עולם אין יאָהאַנעסבורג״ (10/7/1913) ווערט געזאָגט: „דער בית עולם פון קברים מיט מצבות, דער בית עולם פון קברים אָן מצבות און אין אידישן קוואַרטאַל — אַ בית עולם אָן מצבות״. „געדיינקט איר ווי מען פלעגט אין דער אַלטער היים מאַכן אַ לוויה פון שמות? די טויזנדע מענטשן פלעגן נאָכגייץ, מוזיק פלעגט שפּילן און דער טאָג פלעגט זיין א „היסטאָרישער״ טאָג אין דעם אידישן לעבן. אין יאָהאַנעסבורג קומען פאָר אַזעלכע לוויות „אָן זאַנג און קלאַנג״. „פיר מצבות הייגען אין דעם אויבערשטן קוואַרטאַל זייט מאַנאַטן, זייט יאָרן, וועלכע דערציילן שטום וועגן דעם פריצייטיקן טויט פון פאַרשיידענע זשורנאַלן און צייטונגען״.

„די ערשטע, וועלכע טראָגט דעם מאָדערנעם נאָמען איז — „די נייע צייט״ — אַ מאָנאַטלעכער זשורנאַל (ארויס צוויי זשורנאַלן און דערנאָך ווי אַ וועכנט־לעכע ארויס 4 נומערן). געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיע און טעריטאָריאַליזם,

געהאַט אַ קאָלעגיום רעדאַקטאָרן און שטיל אויסגעלאָזן זיין נשמה. די צווייטע מצבה איז די „יודישע שטימע".. געוואָלט קעמפן, דאַכט זיך, קעגן דעם יודנטום פון זייאָניסט „האָל". האָט אין אָנפאַנג גאָרניט געקאָסט און אויך געשטאָרבן. די דריטע איז די מצבה פון „די נייע היים", אַ 5 מאָל אין וואָך טאָג־בלאַט, גע־קאָסט אַ פּעני. געוואָלט קעמפן קעגן עם־הארצות, צוציען די אינטעליגענץ צו זיין „גרויסע טעגלעכע צייטונג" און געשטאָרבן. די נעקסטע מצבה איז פון יאָהאַנעסבורגער „טאַגעבלאַט" — „דער פּיאָנער פון די אידישע טעגלעכע פּרע־סע". אַ ריכטיקער טאַגעבלאַט. פּונקט זעקס מאָל אַ וואָך ארויסגעגעבן. שטענדיק מער ניט געקאָסט ווי אַ פּעני. דער פּאָרמאַט — פון אַ שיר המעלות, שטריינג אומפּאַרטייאיש. דער גאַנצער טאָג בלאַט איז געשריבן געוואָרן און געשאַפן געוואָרן פון איין איינציקן מענטשן און (לעצטן) פרייטאָג איז אַרויס זיין נשמהלע".

דעם 16/7/1918 האָט זיך געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע פון שוחטים און העברעישע לערערס.

ווען דער אַלגעמיינער שטרייק האָט אויסגעבראָכן אין 1913, איז „דער אַפריקאַנער" ארויס מיט אַ פּראָטעסט אין אַ לייטאַרטיקל קעגן דער ברוטאַלער האַנדלונג פון דער רעגירונג קעגן די שטרייקערס: „די מלחמה אין יאָהאַ־נעסבורג!", „סאָלדאַטן שיסן אויף די מאַסן", „דער מלאך המות שעכט — און בלייבט גערעכט" (3/7/1913).

אַכטער טייל

די באַציאונג פון יידן צו אַפריקער

די באַציאונג פון יידן צו די אַפריקער

אָרעמקייט, שלעכטע גערעטעניש, שטייערן און דאָס ווען אָנקלייבן וואָס גיכער געלט פאַר „לאַבאָלאַ״ חתונה צו האָבן, אָדער צו נעמען זיך נאָך אַ ווייב, — האָט געטריבן די אַפריקער קומען קיין יאָהאַנעסבורג אַרבעטן פאַר די ווייסע אויף אַ יאָר צייט, אָדער לענגער.

אויף ווי ווייט זיי זיינען ניט באַטראַכט געוואָרן, ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דער באַפעלקערונג אין יענע יאָרן, קען דינען דער פאַקט, וואָס דער גרעס־טער טייל ווייסע פלעגט אָנגעבן אויף דער פראַגע „ווי גרויס איז די באַפעלקע־רונג פון יאָהאַנעסבורג?״ — בלויז די צאָל פון די ווייסע.

די אַפריקער, וועלכע האָבן יאָ געלעבט פּערמאַנענט אין יאָהאַנעסבורג, האָבן געוווינט, הויפּטזאַכלעך, אין דעם טייל פון שטאָט, וווּ עס האָט געלעבט די גרעסטע אָרעמקייט — „אָפּגרונט־אָרעמקייט״ — אין שרעקלעכע באַדינ־גונגען. אגב, איז עס געווען דאָס איינציקע אָרט אין יאָהאַנעסבורג, ווו עס איז ניט געווען קיין ראַסן־אָפּזונדערונג. דאָרט האָבן געלעבט חוץ די אַפריקער, ווייסע, ברוינע, אינדיער, כינעזער א.א.וו.

כמעט אָן באַגאַזש, מיט צעריסענע בגדים, אָדער מיט אַ פּאַטשיילע איבער זייערע קערפּערס פלעגן די שוואַרצע קומען קיין יאָהאַנעסבורג זוכן אַרבעט, ניט קאָנענדיק די באַדינגונגען פון שטאָט און ניט דעם לשון פון די ווייסע. אַלץ איז זיי געווען פרעמד און ניט פאַרשטענדלעך — גאָר אַן אַנדער וועלט.

גאָר ווייניק פון די אַפריקער, וועלכע פלעגן קומען אין יאָהאַנעסבורג, פלעגט די אינדוסטריע אַבסאָרבירן, ווייל די אינדוסטריע איז נאָך געווען זייער קליין און ניט אַנטוויקלט.

דער גאָר גרעסטער טייל — צענדליקער טויזנטער — פלעגן זיין באַשעפ־טיקט, ווי הויז־דינערס — „דינסטן״ אין די הייזער פון די ווייסע, (שוואַרצע פרויען זיינען געווען גאָר ווייניק אין יאָהאַנעסבורג[1]). טויזנטער אַפריקער זיי־נען געווען באַשעפטיקט ביי דער מוניציפּאַליטעט צו מאַכן וועגן, טראָטואַרן, און ביים רייניקן קלאָזעטן. (עס זיינען נאָך ניט געווען גענוג מאָדערנע סאַניטאַרע איינריכטונגען) און ביי אַלגעמיינער אַרבעט צו האַלטן די שטאָט ריין.

---

[1]) לויט דעם צענזוס פון 1911 זיינען געווען אין יאָהאַנעסבורג 103.922 אַפריקער. פון דער צאָל זיינען געווען בלויז 4910 אַפריקער־פרויען. אין אָט דער סטאַטיסטיק איז איינ־גערעכנט בלויז אַ קליינע צאָל אַפריקער מינען־אַרבעטער, ווייל דער שטח פון די גאָלד־מינען איז ניט געווען איינגעשלאָסן אין דער יאָהאַנעסבורגער מוניציפּאַליטעט.

יעדע קראַם, האָטעל, געשעפט, אַנשטאַלט, אונטערנעמונג און ביוראָ האָבן געהאַט זייערע אַפריקער באַדינערס.

צוליב דעם, וואָס די אַרבעט־קראַפט פון די אַפריקער איז געווען אַזוי ביליק, און די אַרבעט־שעהן זייער לאַנגע, האָבן פיל פון די ווייסע אַרבעטער און אָרעמע אויך געהאַט שוואַרצע באַדינערס.

דאָס רוב פון די ווייסע האָבן ניט באַטראַכט די הינטערשטעליקע אַפריקער פאַר מיט־מענטשן.

מען האָט זיי פאַראַכטעט, און די האַלטונג צו זיי איז געווען, ווי צו שקלאַפן. דער אַפריקער האָט ניט געדאַרפט גיין אויפן טראָטואַר; ער האָט ניט געטאָרט (אויך איצט) גיין אין גאַס נאָך אַכט אַזייגער אין אָוונט אָן אַ דערלויבעניש פון באַלעבאָס. די דערלויבעניש פלעגט אָפט געגעבן ווערן פון דעם באַלעבאָס אַ קליין קינד.

יעדן אַפריקער פלעגט מען אָנרופן (און אויך איצט) „באָי" — יינגל, באַדין־יונג. עס קלינגט משונהדיק, ווען מען הערט קליינע קינדער רופן אַפילו אַלטע אַפריקער: „באָי".

ביים פאַרלאָזן אַ שטעלע פלעגט דער באַלעבאָס, אָדער באַלעבאָסטע געבן אויפן אַפריקערס פּאַספּאָרט אַן אָנווייזונג און מיינונג וועגן זיין אַרבעטזאַמקייט און ערלעכקייט. דאָס פלעגט אָפט זיין אָפּהענגיק פון דער באַלעבאָסטעס שטימונג און קאַפּריזן; אויב די באַלעבאָסטע פלעגט זיין אין כעס אויפן אַפרי־קער, פלעגט זי געבן אַ שלעכטע רעפערענץ. דאָס האָט שטאַרק פאַרשווערט אים צו קריגן אַן אַנדער שטעלע.

געוויסע אייראָפּעאישע אימיגראַנטן פלעגן, ביים אָנקומען אַהער, מוסרן די היגע ווייסע פאַר זייער ניט הומאַניטאַרישער באַציאונג צו אַפריקער. אָבער, אָפּזייענדיק אין לאַנד אַביסל צייט, זיינען זיי גופא אָנגעשטעקט געוואָרן מיט די היגע ראַסן־פאַראורטיילן.

קומענדיק פון זייערע פרימיטיווע היימען, זיינען די אַפריקער ניט געווען צוגעגרייט און ניט גענוג אַנטוויקלט צו פאַרשטיין און צו באַגריפן די ווייסע און זייער אָרט־לעבן. אַלץ איז געווען פאַר זיי ניי און פרעמד. זיי האָבן ניט געקענט גיך אויפכאַפּן, וואָס די ווייסע ווילן פון זיי, און ווי זיי זאָלן אויספירן דעם ווייסנס פאַראָרדנונגען. דאָס פלעגט ארויסרופן בייז־בלוט און פאַראַכ־טונג צו די אַפריקער. איינער האָט ניט געקענט די שפּראַך פון דעם אַנדערן. אויסערדעם האָבן אויך ארויסגערופן פאַראַכטונג צו די אַפריקער זייער אונ־טערטעניקייט, זייער קינדישע־זאָרגלאָזיקייט, די שמאַטעס אין וועלכע זיי זיינען געווען אָנגעטאָן און דער שווייס גערוך, וואָס פלעגט זיך טראָגן פון זיי צוליב דעם, וואָס נאָך דער שווערער אַרבעט אין די היצן האָבן זיי זיך ניט געוואַשן (זיי האָבן ניט געהאַט קיין באַדינגונגען צו וואַשן זיך, אַגב — אַ באַדערפעניש, צו וועלכער זיי זיינען אָפּט ניט געווינט אין זייערע פרימיטיווע היימען). דאָס

אַלץ האָט שטאַרק בייגעטראָגן צו דעם, וואָס די ווייסע האָבן אָנגענומען די באַקוועמע ליניע — באַטראַכטן די אַפריקער נאָר ווי אַן אַרבעט־קראַפט.

צו דער קליינער צאָל האַלב־געבילדעטע און געבילדעטע אַפריקער האָט מען זיך באַצויגן מיט אַ ניט־גלייכגילטיקער פאַראַכטונג. מען האָט זיי באַטראַכט פאַר אַ ניט געוווּנטשענעם עלעמענט. באַוווּסטזיניק, אָדער ניט באַוווּסטזיניק, האָט מען זיך געשראָקן פאַר זיי. זיי זיינען שוין ניט געווען אַזוי אונטערטעניק פאַרן ווייסן; און דאָס האָט די ווייסע פאַרדראָסן. מען האָט זיי באַטראַכט פאַר „איבערגעפירטע".

אָפט פלעגט מען זאָגן: „זעט ווי די מאַלפּעס ווילן אונדז נאָכמאַכן און נאָכטאָן" און „ס'איז געוויס בעסער אויסצוקלייבן דעם „רויען" און ניט „איבערגעפירטן".

מען האָט שטאַרק ניט געוואָלט ליידן, וואָס די אַפריקער גייען אויף דעם וועג פון ציוויליזאַציע, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן „נאָר פאַר די ווייסע".

די קליינע צאָל געבילדעטע אַפריקער פלעגן ווערן גלחים, לערערס (פאַר אַפריקער קינדער), איבערזעצערס און אָנגעשטעלטע ביי די גאָלד־מינען־געזעלשאַפטן.

סיי די ענגלישע און סיי די דייטשע ייִדן, ווי גלייכבאַרעכטיקטע בירגערס פון אימפּעריעס, וואָס האָבן געהאַט קאָלאָניעס אין אַפריקע, האָבן אָנגענומען די זעלבע באַציאונג צו די אַפריקער, ווי די ניט־ייִדישע, וועלכע געוועלטיקן איבער די שוואַרצע. זיי האָבן אָבער ניט געפילט די זעלבע פאַראַכטונג צו די אַפריקער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די הי־געבוירענע ווייסע. די ווייסע קינדער האָט מען געלערנט אין די שולן וועגן „די אַכט קאַפער־מלחמות", ווי אַזוי ד י נ ג אַ ן — דער זולו־קעניג — („טשיף") — האָט דערהאַרגעט דעם פּירער־פּיאָנער, פּ י ט ר ע ט י ף מיט זיין גרופּע, וועלכע האָבן באַזוכט ד י נ ג אַ נ ע ן; מען האָט זיי דערציילט וועגן דעם קאַמף ביים „בלוט־טייך" א.ד.ג.

דאָך האָט זיך געמערקט, אַז ענגלישע און דייטשישע ייִדן זיינען פּראָפּאָרציאָנעל געווען פאַרטראָטן מערער, ווי ניט־ייִדן ביי פילאַנטראָפּישער טעטיקייט צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון די אַפריקער.

זייער אָנטייל אין דער הילף־אַרבעט איז ארויסגעקומען פון אַ רחמנות־געפיל און פון רעליגיעזער פילאַנטראָפּיע.

אַנדערש איז עס געווען מיט די ליטוויש־רוסישע ייִדן, וועלכע האָבן אימיגרירט אין דרום־אַפריקע.

אין חדר, אין דער ישיבה און אין די שטעטלעך בכלל, האָט מען דאָך מיט זיי ניט געלערנט וועגן די שוואַרצע מענטשן, קאָלאָניאַל־הערשאַפט א.ד.ג. גלייך ביים אָנקומען אין דער וואַרעמער און כמעט שטענדיק זוניקער טראַנסוואַל, זיינען זיי, אַ דאַנק זייער ווייסהויטיקייט, אריינגענומען געוואָרן צווישן

דעם הערשנדיקן טייל פון דער באַפעלקערונג. זיי זיינען אויטאָמאַטיש געוואָרן אַ טייל פון די, וועלכע הערשן איבער די איינגעבוירענע רעכטלאָזע.

מען איז געגאַנגען אין דעם באַקוועמען אויסגעטראָטענעם וועג; ניט זיי האָבן געוואָלט און ניט זיי האָבן געקענט איבעראַנדערשן דעם וועג. אין דער באַציאונג צו די אַפריקער האָט מען זיך אויסערלעך געפירט, ווי דער גאַנצער ארום — מען איז געוואָרן אַ טייל פון דער סביבה. מען האָט אָנגענומען די פריווילעגיעס „מיט ביידע הענט", און מען האָט, ווי די אַנדערע פון דער ווייסער באַפעלקערונג, זיך געלאָזט באַדינען פון די אַפריקער.

די רוסישע יידן זיינען געקומען פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע, און — פאָרן צוריק אהיים. אזוי ארום האָבן זיי זיך ניט געפילט באַרופן צו זאָגן דעות און קריטיקירן די מאַכט פאַר דער ניט יושרדיקער באַציאונג צו די אַפ־ריקער, און פונקט ווי די אַנדערע, האָבן זיי עקספּלואַטירט די אַפריקער. עס איז געווען „אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך". אַלע האָבן געטאָן אזוי.

די רוסישע יידן זיינען צום ערשטן מאָל געקומען פנים־אל־פנים מיט אָט די שוואַרצע מענטשן וועלכע זיינען אזוי אַנדערש מיט זייער אויסזען. זיי האָבן ביי די יידן אין די אויגן געהאַט איין פנים. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און מען האָט גענומען אונטערשיידן איינעם פון דעם צווייטן און מען האָט זיך „צוגעוווינט" צו זיי.

אין אַלגעמיין גענומען זיינען די מזרח־אייראָפּעאישע יידן געקומען אין אָפטן קאָנטאַקט מיט די אַפריקער, ווייל זיי זיינען געווען קונדן.

דער האַנדל מיט געניצטע בגדים, שיך, כלים, וועלאָסיפּעדן, מעבל א.ד.ג. איז געווען כמעט אויסשליסלעך אין די הענט פון די רוסישע יידן. אזוי איז אויך געווען מיט די „קאָפּעריטעס".

דער גאָר גרעסטער טייל פון די רוסישע יידן זיינען נאָך דאַן געווען בחו־רים, אָדער מענער, וועמענס פרויען זיינען געווען אין דער אַלטער היים. די אַפריקער פלעגן רייניקן זייערע צימערן, צוגרייטן און קאָכן זייערע מאָלצייטן, וואַשן זייערע וועש א.ד.ג.

אזוי האָט זיך געשאַפן אַ מער פריינדלעכע באַציאונג צווישן די איינזאַמע יידן און די עלנטע שוואַרצע. ניט קענענדיק קיין ענגליש, האָבן די יידן אָנגעהויבן ריידן אַ „קיך־זולו" און די אַפריקער האָבן אין אַ סך פאַלן גערעדט יידיש. אָפטמאָל האָבן זיי אויך אויסגעלערנט זיך זינגען יידישע לידער. ביי רעליגיעזע יידן פלעגן זיי זאַלצן פלייש פאַר די באַלעבאַטים און שטרענג אָפּהיטן כשרות. זיי פלעגן אפילו וויסן די ספּעציפישקייט פון יעדן יידישן יום־טוב.

עס זיינען געווען פאַלן, ווען נאָכן אָפּאַרבעטן אין יידישע הייזער עטלעכע יאָר האָבן זיי, צוריקקומענדיק אין זייערע היימען, גערעדט יידיש, מיינענדיק, אַז דאָס איז ענגליש.

די עלנטע, פאַרזאָרגטע יידן, מידע פון דער אַרבעט, פלעגן אָפּט שמועסן מיט זייערע שוואַרצע באַדינערס. מען פלעגט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן.

ווען עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען לאַנדסלייט, פלעגט מען שמועסן וועגן זייערע שוואַרצע באַדינערס, אָדער וועגן לעבן פון די שוואַרצע בכלל.

ווען איינער פלעגט דערציילן וועגן דער געטרייקייט און ערלעכקייט פון זיין „שחורדיקן“, פלעגט דער אַנדערער צוגעבן: „וואָלסטו זען און פאַרזוכן, וואָס פאַראַ געשמאַקע געפילטע פיש און אַנדערע מאכלים מיין שחורדיקער מאַכט, און ווי ער היט אָפּ כשרות“...

אַ קרעמער, ווידער, האָט דערציילט, ווי אַזוי זיין שוואַרצער פירט פונאַנ־דער פינקטלעך די באַשטעלונגען צו די קונדן און מאַכט קיינמאָל ניט קיין טעות ניט אין די נעמען און ניט אין די אַדרעסן, הגם ער קען ניט לייענען און ניט שרייבן. דער קרעמער האָט צוגעגעבן: „ווען דער שוואַרצער וואָלט געהאַט בילדונג, וואָלט ער געווען אַ גאון“.

עס דערמאָנט זיך אַ שמועס מיט לאַנגע יאָרן צוריק צווישן חברים פון אידישן לעטעראַרישן פאַראיין וועגן דער ווירקונג פון דער סביבה אויף דער אַנטוויקלונג פון מענטשן. האָט איינער אַ פרעג געטאָן: „וואָס וואָלט געוואָרן פון שעקספּירן, ווען ער וואָלט געבוירן געוואָרן צווישן די זולוס?“ דער־רויף האָט ה׳ י. ש. יודעלאָוויטש אַ זאָג געטאָן: „ווען שעקספּיר וואָלט געבוירן געוואָרן צווישן די זולוס, וואָלט ער געווען דער בעסטער „קיטשן־באָי“ (קיך־באַדינער) אין לאַנד“.

עס איז אויך אומגעגאַנגען אַ ווערטל, ווען מען האָט „געכאַפּט“ אַ יידישן בחור מיט אַ זולו[2]־מיידל, האָט ער זיך „פאַרענטפערט“ „גם זולו טובה“[3].

עס זיינען געווים געווען רוסישע יידן, וועלכע פלעגןריידן מיט פאַראַכ־טונג און שפּאָט וועגן די אַפריקער. זיי פלעגן זיי אָנרופן מאַלפּעס, אייזלען א.ד.ג. אַנדערע, ווידער, האָבן געמיינט, אז וואָס מער זיי דערנידעריקן די אַפריקער — אַלץ מער שטייגט זייער אייגענער מהות.

אין אַלגעמיין גענומען האָט דער גרעסטער טייל פון די רוסישע יידן ניט באַטראַכט די אַפריקער פאַר נידעריקע באַשעפענישן — ווי מצורעים (Lepers). די רוסישע יידן האָבן ניט געהאַט דעם אַריסטאָקראַטישן אָנשטעל בנוגע די שוואַרצע. זיי זיינען ניט געווען אין דער ראָל פון ציוויליזאַטאָרן אָדער קאָלאָ־ניזאַטאָרן, וועלכע „מיינען“, אז גאָט אליין האָט זיי באַשטימט צו געוועלטיקן איבער די אַפריקער.

---

[2]) זולוס — אַ שבט פון די אַפריקער.

[3]) דאָס ווערטל האָט פּאָפּולאַריזירט ד״ר ע. אלשוואַנגער. ער האָט עס פאַרצייכנט אין זיין בוך „רויטע פּאָמעראַנצן“.

זייער באַציאונג צו די אַפריקער איז געווען מער פשוט און מער הומאַ־ניטאַר.

* * *

עס איז כדאי אָנצוווייזן, אז צווישן די יאָהאַנעסבורגער פּראָגרעסיווע און סאָציאַליסטן זיינען פּראָפּאָרציאָנעל געווען אַ גרויסע צאָל רוסישע יידן. אָבער אין יענע יאָרן האָבן די פּראָגרעסיווע ניט ארויסגעוויזן קיין אַקטיוון אינטערעס צו קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען פאַר די אַפריקער.

נייענטער טייל

1910

1910

דער 31־טער מיי 1910 — „יוניאָן־טאָג“ איז אַ וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פון דרום־אַפריקע.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען צווישן די פּראָווינצן איז מען געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס, הויפּטזאַכלעך, אויפן חשבון פון די רעכטן פון דער ניט־ווייסער באַפעלקערונג אין קאַאַפּ און נאַטאַל.

דעם טאָג איז פאַרגעקומען די באַהעפטונג פון די פיר פּראָווינצן. עס איז געשאַפן געוואָרן „די יוניאָן פון דרום־אפריקע“.

מיט דער פאַראייניקונג האָט זיך געשאַפן פון די פיר פּראָווינצן אַן איינס. עס האָט זיך געשאַפן אַ מדינה־פּרצוף.

מיט דער אַנטשטייאונג פון „יוניאָן“ האָבן זיך גענומען שאַפן אויך איינהייטלעכע אימיגראַציע־געזעצן. מיט דעם זיינען באַזייטיקט געוואָרן שוועריקייטן און קאָמפּליקאַציעס, וועלכע יידישע אימיגראַנטן האָבן געהאַט.

אויך פריער איז אין לעבן פון די יידן אין דרום־אַפריקע — ווי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע — ניט געוועזן קיין מחיצה צווישן די פּראָווינצן: צ.ב. די צוויי „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס“ — טראַנסוואַל־נאַטאַל און די „קאַאַפּ“, און די ציוניסטישע פעדעראַציע — האָבן אָנגעפירט זייער טעטיקייט צווישן יידן אין גאַנץ דרום־אַפריקע.

די הויפּט־מחיצה צווישן די צוויי וויכטיקסטע יידישע ישובים אין דרום־אפריקע — יאָהאַנעסבורג און קייפּטאַון — איז געווען די געאָגראַפישע דיסטאַנץ פון טויזנט מייל.

* * *

די לאַגע אין יאָהאַנעסבורג איז דאַן געווען אומגעפער אזא: — די שטאָט גופא האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און צעשפּרייטן זיך. פאַרזשאַווערטע בלעכענע און הילצערנע הייזער האָט מען איבערגעבויט. אויף ליידיקע פּלעצער האָט מען אָנגעבויט איינציקע און מער שטאָקיקע געביידעס.

אין יאָהאַנעסבורג פּלעגן כסדר צוקומען הייזער, קראָמען און געביידעס. דאָס מאַכן און מאָדערניזירן גאַסן, טראָטואַרן און סאַניטאַרע איינריכטונגען האָט זיך געמערקט אומעטום.

עס זיינען נאָך דאַן, כמעט ווי ניט געווען קיין סאַניטאַרע קאַנאַליזאַציע־איינריכטונגען אין די פאַרשטעט.

אַן ערך עלף אזייגער אין אָוונט פלעגן אין אַלע פאַרשטעט באַווייזן זיך גרויסע וועגענער (געשלעפּט דורך פיר אָדער זעקס פּאָר מויל־אייזלען) אָנגעלאָדן מיט גאָר אַ סך עמערס אויסגעשמירט מיט שוואַרצן פעך. די עמערס פלעגן פונאַנדערגעטיילט ווערן דורך אַפריקער הינטער די הייזער און מען פלעגט אָפּנעמען די עמערס, וואָס מען האָט אַ נאַכט פריער איבערגעלאָזן.

דער ברוינער „גאָלדענער" באָדן פון די גאַסן און די טראָטואַרן, מיט ווייניק אויסנאַמען פון קליינע שטחים אין סאַמע צענטער, האָבן ניט געהאַט קיין צודעק פון אַספאַלט אָדער צעמענט.

פלעגט אַן אויטאָמאָביל פאַרבייפאָרן — פלעגט זיך אויפהייבן אַ שטויביקער ווירבל־ווינט.

דער שטויב אין יאָהאַנעסבורג, ספּעציעל אין די ווינטער־חדשים, פלעגט קומען פון די זאַמד־בערג ביי די גאָלד־גרובן פון די ניט־געפלאַסטערטע וועגן, וואָס האָבן געפירט קיין יאָהאַנעסבורג, און פון די ניט־אַספאַלטירטע גאַסן און טראָטואַרן פון יאָהאַנעסבורג גופא.

אָט דער שטויב האָט זיך באַזעצט אויף אַלץ און אַלעמען — אויף די הייזער, אין די הייזער און אויף די מענטשן גופא.

פאַרשטויבטע טונקל־ברוינע בלעכענע וועגענער מיט וואַסער, וואָס פלעגן געפירט ווערן פון מויל־אייזלען אָדער פערד, פלעגן זיך ציען איבער די הויפּטגאַסן און פלעגן באַשפּריצן די שטויביקע גאַסן. דער שטויב פלעגט צום שטאַרקסטן בושעווען אין די חדשים צווישן יולי און אָקטאָבער — ביז די ערשטע פרילינג־רעגנס פלעגן אָנקומען און באַנעצן די אויסגעטריקנטע ערד, גאַסן און טראָטואַרן, וואָס האָבן שוין זינט דעם מיטן פון האַרבסט ניט געהאַט קיין רעגן.

אַלע האָבן געוואַרט אויף די ערשטע פרילינג־רעגנס.

די חבלי־לידה פון די ערשטע רעגנס פלעגן קומען מיט גוואַלדיק־גרויסע און שטאַרקע בליצן און דונערן, ווי האַרמאַטן־שאָסן. די סעמי־טראָפּישע רעגנס, וואָס פלעגן נאָכפאָלגן, פלעגן קומען אין אַ גוס.

מען האָט זיך געפרייט מיט די ערשטע רעגנס אויך דערפאַר, ווייל דער ווינטער איז אַ סעזאָן, וואָס איז אַלעמען איבעריק — אַן אָפּקומעניש פאַר אַלעמען. ער ברענגט קיינעם ניט קיין פרייד.

אין ווינטער ציען זיך מאָנאָטן פון וואָלקנלאָזע טעג און נעכט; ניט עס רעגנט, ניט עס שנייט; טרוקענע טעג און הויכע הימלען מיט אַ סך שטערן; די טעג זיינען קירצער, אָבער ניט קורץ. מאַנכע טעג זיינען האַרבסטיק וואַרעמלעך; אָפּטמאָל ווערן די פאַרוועלקטע לאָנקעס פון אַ פאַרזשאַווערטן גאָלדקאָליר באַדעקט דורך נאַכט מיט אַ ווייסן פרעסטל.

דער ווינטער טוט אויס אַ סךביימער פון זייערע בלעטער. דאָך זעט מען צו יעדער צייט אין ווינטער טונקל־גרינע סאָסנעס און אַנדערע ביימער. אויך בונטע ווינטער־בלומען זעט מען אין גערטנער און אין די פּאַרקן.

בייטאָג איז שטענדיק דאָ אַ סך זונענשיין. עס איז וואַרעמלעך אין זון און שטאַרק קיל אין שאָטן. ווערט קאַלטלעךביים זונען־אונטערגאַנג און קאַלט — ביינאַכט. צוליבן גרויסן קאָנטראַסט אין וואַרעמקייט פון טאָג און קעלט ביינאַכט, קריגן אַ סך יאָהאַנעסבורגער איינוווינערס שאַרפע פאַרקילונ־גען. די הייזער זיינען געבויט פאַרן זומערדיקן קלימאַט.

צום מערסטן ליידט פון די ווינטער־קעלטן די שוואַרצע באַפעלקערונג, וועלכע לעבט אין בלעכענע און ליימענע חורבה־כאַטקעס, וווהין עס בלאָזן אריין די קאַלטע ווינטן. די אַפריקער, וועמען מען רעקרוטירט פאַר אַרבעט אין די גאָלד־מינען, פאַרטראָגן שלעכט די קעלטן. אַ סך פון זיי קריגן לונגען־אָנצינ־דונגען. אַט וואָס אַ קאַבינעט מיניסטער האָט געזאָגט אין פּאַרלאַמענט:

„די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו פאַרווערן אריינצוקומען אַהער די שוואַרצע פון די טראָפּישע געגנטן, וועלכע קומען דאָ אַרבעטן אין די מינען, ווייל זיי שטאַרבן דאָ אויס אין די מאַסן" („דער אַפריקאַנער" 6/11/1913).

אַ סך פון די אַפריקער פון יאָהאַנעסבורג פלעגן אין די ווינטער חדשים פאָרן צוריק צו זייערע וואַרעמע היימען. אויך אַ סך פאַרמעגלעכע ווייסע „עמיגרירן" פון יאָהאַנעסבורג אין די ווינטער־חדשים צו וואַרעמע געגנטן. די גאָר פאַרמעגלעכע פאָרן קיין אייראָפּע, ווו עס איז גראָד דאַן זומער.

אין דעם פאַרהעלטנישמעסיק ראַשיקן גאַסנפאַרקער פון יאָהאַנעסבורג זיי־נען געווען אַ סך „דראָזשקעס" (פורלעך — ווי איצט „טעקסיס" — אָנגעטריבן דורך די דאַן אַלעמען באַוווסטע „קעב־דרייווערס"), צוויי און פיר רעדלדיקע פורלעך, אויטאָמאָבילן, טראַמווייען, וועגענער געפירט פון מויל־אייזלען און „ריקשאָס". באַזונדערס, אויפן וועג צום מאַרק פלעגט מען זען גרויסע וועגע־נער מיט 16 אָדער 18 „אין פּאָר געשפּאַנטע" אָקסן, אָדער אייזלען אָנגעפירט פון אַ צופוס־גייענדיקן אַפריקער יינגל "Touleier". דער אָנטרייבער אויפן פור פלעגט אונטעריאָגן מיט אַ סווישטשענדיקן קנאַק פון לאַנגן בייטש דעם אָקסן־ אָדער אייזלען־שפּאַן. דער פייפן־קלאַנג פון קנאַק פון בייטש איז גוט באַקאַנט כמעט יעדערן אין דרום־אַפריקע.

אין די גאַסן, האַרט ביי די טראָטואַרן, פלעגן גיין די שוואַרצע. אויס מורא פאַר די ווייסע האָבן זיי זיך געשראָקן צו גיין אויף די טראָטואַרן.

די באַפעלקערונג, וואָס האָט באַלעבט די גאַסן פון יאָהאַנעסבורג, איז גע־ווען ניט ווייניקער פאַרשידנאַרטיק, ווי די קאָמוניקאַציע־מיטלען, אין אַט דער מערקווערדיקער שטאָט — ווייסע, שוואַרצע און קאָלירטע; די ווייסע — ענג־לענדער, בורן, יידן פון פאַרשיידענע טיילן פון אייראָפּע, דייטשן, האָלענדער, פּאָרטוגעזער, גריכן, איטאַליענער, אַמעריקאַנער און פון נאָך פאַרשידענע לענ־דער; אזוי אויך די אַפריקער פון פאַרשידענע שבטים, מולאַטן („קאָלירטע"), אינדיער און כינעזער.

יאָהאַנעסבורג איז געווען דער גרעסטער צענטער פון גאָלד־פּראָדוקציע אין דער וועלט, און דער וויכטיקסטער קאָמערץ־און האַנדל־צענטער אין דרום־אַפריקע. יאָהאַנעסבורג איז געווען דער צענטער, וואָס האָט צוגעשטעלט

סחורה פאַר טראַנסוואַל און פּריישטאַאַט. אָט דער אַקטיוויסטער און ברויזנ־דיקסטער פונקט אין דרום־אפריקע — די יינגסטע שטאָט אין לאַנד — איז ניט געווען אין איינקלאַנג מיטן ריטם און לעבנשטייגער פון לאַנד. דאָס אַפריקאַ־נער לעבן, אויסערהאַלב יאָהאַנעסבורג, איז נאָך אַנגעגאַנגען און זיך אַנטוויקלט מיט אַ קאָנסערוואַטיוון, פּאַמעלעכדיקן טראָט, ענלעך צום נאַציאָנאַל־סימבאָ־לישן ריטם פון אָקסן־וואָגן.

יאָהאַנעסבורג האָט מען ניט געשעצט און גאָר ווייניק רעספּעקטירט איבערן לאַנד. מען האָט זיך באַצויגן צו יאָהאַנעסבורג און אירע איינוווינערס, ווי צו אַ מענטשן, וועלכער האָט אַ סך געלט, אָבער פאַרמאָגט ניט קיין מענטשלעכע ווערטן און טראַדיציעס. מען האָט געקוקט אויף יאָהאַנעסבורג, ווי אויף אַ צו־זאַמענגעפּאַרענע שטאָט, אַ צעלאָזענע, אַ גאָטלאָזע, אַן אויסגעלאַסענע שטאָט.

יאָהאַנעסבורג איז געווען אַ שטאָט, וווּ מען „געמבלט" אַ סך אין קאָרטן און אַנדערע אַזאַרט־שפּילן; אַ שטאָט, וווּ מען ספּעקולירט אַ סך; מענטשן ווערן רייך און אָרעם „איבערנאַכט". אין יאָהאַנעסבורג האָט געהערשט הפקרות, סענסאַציעס, פאַרברעכנס, שווינדלערייען. דער שיקזאַל פון שטאָט איז געווען אָפּהענגיק הויפּטזאַכלעך פון דער בערזע.

דער גאָר גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט נאָך ניט געהאַט קיין טיפע וואָרצלען אין יאָהאַנעסבורג, כאָטש אַ סך פון זיי האָבן דאָ, פאַר־העלטנישמעסיק געלעבט עקאָנאָמיש פיל בעסער, ווי אין זייערע פריערדיקע היימען.

דער זוניקער, טרוקענער זייער גוטער און מילדער קלימאַט איז שטאַרק געפעלן געוואָרן. די ווייסע אין יאָהאַנעסבורג האָבן געהאַט זייער פיל באַ־קוועמלעכקייטן צוליב די גאָר ביליקע שוואַרצע באַדינערס און אַרבעטער. גייסטיק, אָבער, האָבן זיי געלעבט מיט דער פריערדיקער היים און ראָמאַנטיש פאַרהערלעכט די טראַדיציעס פון דער אַלטער היים.

דאָס רוב ענגלענדער אין יאָהאַנעסבורג האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז יאָהאַנעסבורג איז פאַר זיי אַ דירה אין דער גרויסער און מעכטיקער ענגלי־שער אימפּעריע. אפילו היגע געבוירענע ענגלענדער פלעגן, ווי זייערע עלטערן, לעבן מיט די באַגריפן פון „מוטער ענגלאַנד" און פון דער אַלטער „היים".

די בורן האָבן זיך דאָ געפילט ניט גוט, — ווי זיי וואָלטן געווען אין דער פרעמד, ווייל יאָהאַנעסבורג איז אַן ענגלישע שטאָט און ענגליש איז געווען די דאָמינירנדיקע שפּראַך. זיי האָבן שטאַרק געבענקט נאָך דעם בורישן צולאַנד־לעבן.

דער גרעסטער טייל פון די אייראָפּעער האָבן געמאַכט זייערע היימען דאָ, אָבער זייער גייסטיקע היים איז ניט געווען יאָהאַנעסבורג.

די אַפריקער זיינען געצוווּנגען געווען צו קומען אַהער אַרבעטן צוליב עקאָנאָמישע סיבות, און אויך צוליב „לאַבאָלאַ". דאָ האָבן זיי זיך געפילט שטאַרק אין גלות אונטערן יאָך פון די ווייסע באַלעבאַטים. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס פאָלגנדיקע: אין אַ לייטאַרטיקל קעגן אימפּאָרטירן כינעזישע אַרבע־טער פאַר די מינען ווערט אין „ד.א. דזשוּאיש קראָניקל" פון 29/12/1905 גע־

זאָגט: „די אָנוועזנהייט פון די שוואַרצע — אומאָפּהענגיק פון דעם, צי זיי זייַנען ניט־גלויביקע אָדער קריסטן — איז ניט קיין אונטערשייד פאַר דעם ווייסן, ווייל עס איז דאָ אַ מין פאַרשטענדיקונג צווישן זיי, אַז די שטאָט געהערט צום ווייסן, און די שוואַרצע זיינען אין שטאָט בלויז ווי פרעמדע, וועמען מען טאָלערירט". אָט די דאָזיקע באַציאונג צו די אַפריקער איז געווען, אין אַ גרויסער מאָס, אויך אין יאָר 1910.

די אַפריקער פלעגן חלומען וועגן דער היים אין די „קראַאַלן". דאָס רוב פלעגן זיי שיקן זייערע הי־געבאָרענע קינדער צו זיך אין דער אַלטער היים צו זיין אונטער דער אויפזיכט פון זייערע עלטערן.

די מולאַטן, איבערהויפּט פון קאַאַפּ, האָבן געבענקט און געחלומט וועגן קאַאַפּ, ווו זיי זיינען אין גרויסע קאָמפּאַקטע מאַסן, און לעבן זיך אַ ספּעציפישן אַרט לעבן מיט טראַדיציעס און פייערלעך־לוסטיקע יום־טובים.

די אינדיער און כינעזער, וועלכע האָבן דאָ געלעבט — דאָס רוב קרעמערס און הענדלערס — האָבן פאַרדינט אַ סך בעסער, ווי אין דער אַלטער היים. אָבער די ווייסע האָבן זיי באַטראַכט, ווי צווייט־ראַנגיקע בירגערס מיט באַגרענעצטע רעכטן.

דער אַלגעמיינער קולטור־מצב

אָפיציעל האָט געהערשט די ענגלישע קולטור, ענגלישע מינהגים און יום־טובים. די איינציקע צוויי טעגלעכע צייטונגען (אַ פרימאָרגן־ און אָוונט־צייטונג) זיינען געווען אין ענגליש.

ניט נאָר די ענגלענדער, אָדער פאַרענגלישטע האָבן געגעבן דעם טאָן פון קולטורעלן לעבן. אויך אַנדערע אייראָפּעאישע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן געוווינט אין יאָהאַנעסבורג האָבן בייגעטראָגן צום באַגרענעצטן קולטור־לעבן.

סיי די ענגלענדער, סיי די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן און ראַסן, האָבן געלעבט פון דעם קולטור־באַגאַזש, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך. אויך די היגע געבוירענע האָבן געלעבט פון די עלטערנס באַגאַזש — ווי קליין און אָרעם דאָס זאָל ניט האָבן געווען.

קיין שטאַרק איינגעפונדעוועט היים־לעבן איז נאָך דאַן ניט געווען. די מער קולטורעלע פלעגן לייענען ביכער, גיין אין טעאַטער, אָדער צו מוזיקאַלישע אָוונטן, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט ווערן איינגעאָרדנט; מען האָט אָנגעהייבן גיין אין קינאָ און צו וואָדעוויל־פאַרשטעלונגען, אָדער מען פלעגט גיין אין די אָוונטן צו די „פריי־מאַסאָנען" (Free Masons), וועלכע זיינען געווען שטאַרק פּאָפּולער. קאָרטן־שפּיל איז געווען זייער שטאַרק פאַרשפּרייט. אַנדערע פלעגן „פאַרברענגען" די אָוונטן אין שענקען, שפּילן ביליאַרד, גיין צו „באָקסינג מעטשעס" א.ד.גל.

עס זיינען דאַן געווען צוויי שטענדיקע טעאַטערס (חוץ די „גייעטי", ווו מען פלעגט שפּילן יידיש טעאַטער). עס פלעגן קומען די בעסטע ענגלישע

טעאַטער־טרופּעס. שעקספּירן האָבן כמעט רעגולער אויפגעפירט באַרימטע ענגלישע אַרטיסטן. עס איז אויך געווען אַ וואָדעוויל־טעאַטער, ווו עס פלעגן קומען באַוווּסטע ענגלישע וואָדעוויל־שפּילערס. די צאָל פון קינאָס פלעגט האַלטן אין וואַקסן.

עס פלעגן אָנקומען צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער פון ענגלאַנד און אַנדערע לענדער אין פאַרשידענע שפּראַכן.

די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועמען די ענגלישע קולטור האָט ניט געקענט באַפרידיקן, האָבן געפירט זייער אייגנאַרטיק קולטור־לעבן. זיי פלעגן פון צייט צו צייט אויפפירן אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען, ליטעראַרישע אָוונטן און פאַרווײַלונגען אין זייער מוטער־שפּראַך.

הגם די בורישע שפּראַך — אַפריקאַאַנס — און קולטור האָט ניט געשפּילט קיין ראָל אין אַלגעמיינעם קולטור־לעבן אין יאָהאַנעסבורג, האָט זיך, אָבער, גענומען מערקן אַ קולטורעלער אויפשטייג צווישן די בורן, וואָס איז גע־ווען באַקאַנט ביי זיי ווי „די צווייטע אַפריקאַנישע באַוועגונג „Die Tweede Afrikaanse Beweging''.

די אַפריקער האָבן קיין קולטור־ווערטן ניט געבראַכט. זיי האָבן דאַן גע־לעבט מיט „דער היים" און „קראַאַל", מיט דעם גייסט פון זייערע פּרימיטיווע אַבערגלויבנס און מינהגים. זיי פלעגן פון צייט צו צייט טאַנצן זייערע נאַציאָ־נאַלע און קריגס־טענץ. די קליינע צאָל, וועלכע האָבן שוין דאַן געהאַט ביל־דונג, זיינען געווען מערסטנטייל גלחים, אַנגעשטעלטע אין מינען און אין ביור־ראָען, וואָס האָבן צו טאָן מיט זייעריקע. אַ קליינע צאָל זיינען געווען באַ־שעפטיקט, ווי איבערזעצערס און לערערס.

אין אַלגעמיין האָבן די אַפריקער ניט געשפּילט קיין ראָל אין דעמאָלטדיקן יאָהאַנעסבורגער קולטור־לעבן.

די שאַרפע דרום־אַפריקאַנער זונען־שטראַלן האָבן זיך שטאַרק גענומען אָפּשפּיגלען אויף דער רעאַלער און מיראַזשירטער „עלדאַראַדאָ" פון יאָהאַנעס־בורג. דאָס האָט גענומען שטאַרק ווירקן אַזוי, אַז דער קולטורעלער באַגאַזש, וואָס מען האָט געבראַכט, זאָל פאַרבלאַסט און אָפּגעקראָכן ווערן. אויך דאָס באַוווּסטזיין, אַז יעדער ווייס־הויטיקער געהערט אויטאָמאַטיש, צוליבן קאָליר פון זיין הויט, צו דעם פּריווילעגירטן טייל פון דער באַפעלקערונג, — האָט גע־שאַפן דאָס געפיל, אַז אָט די לאַגע איז, ווי „פון גאָט אליין באַשטימט".

צוליב קאָלעקטיווער עגאָצענטרישער באַקוועמלעכקייט האָבן די ווייסע אָנגענומען אָט די סיטואַציע אָן אַ „פּאַרוואָס", ווי אַ באַזע פאַר דער עקסיסטענץ פון דעם ווייסן ישוב אין דרום־אַפריקע.

דאָס אַלץ אינאיינעם האָט געפירט צו דער אַטראָפירונג פון דעם קולטו־רעלן מהות פון דער „אויסדערוויילטער" ווייסער באַפעלקערונג. אַנשטאָט שטרעבן צו אַן אַלגעמיין שענערן, בעסערן, מער יושרדיקן לעבן, איז, צוליב דער געשאַפענער עקאָנאָמישער קאָניונקטור, זייער עגאָ געוואָרן היפּאַטראָפירט.

מען איז געוואָרן מער אינדיווידואַליסטיש, ווייל אזוי איז באַקוועמער, און עס באַצאָלט זיך בעסער.

אַנשטאָט גייסטיקער קולטור האָבן די רייכע און דער מיטל־קלאַס — וואָס איז געווען אַ גאָר באַדייַנדיקער טייל פון דער אייראָפּעאישער באַפעלקערונג — געשאַפן זיך אַ קולט פון קלעטערן אויפן לייטער פון העכערן עקאָנאָמישן ווילזיין. עס האָט געהערשט דער צוגאַנג: „מאַמאָן פאַרקויפט דאָך אַלע באַ־קוועמלעכקייטן". דער מאַגנעט פון וועלן רייך ווערן איז געוואָרן אַלץ שטאַר־קער און שטאַרקער. אָט דער צוגאַנג פון עקסטרעמער גיריקייט צו גרענעצ־לאָזער רייכקייט איז אילוסטרירט אין אַ שמועס צווישן גרויסן מיליאָנער באַרני באַרנאַטאָ מיט זיינעם אַן אינטימען פריינד. ווען באַרנאַטאָ האָט פאַרטרויט זיין פריינד, אז ער פאַרמאָגט שוין 20 מיליאָן פונט, האָט אים זיין פריינד געראָטן אויפהערן צו פירן געשעפטן. דערויף האָט באַרנאַטאָ געענטפערט „איך גיי מיין פאַרמעגן פאַרגרעסערן ביז 25 מיליאָן פונט"[1].

אַנדערש איז געווען אין די רייען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אין דער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז דאַן געווען אונטער דער פירערשאַפט פון ענגלענדער. צווישן זיי זיינען געווען באַוווסטזיניקע אַרבעטער־פירערס און סאָציאַליסטן מיט טראַדיציעס פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. חוץ זיי זיינען אויך געווען באַוווסטזיניקע סאָציאַליסטן צווישן די אריבערגעקומענע ניט־ענגלענדער, וועלכע האָבן זיך אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן קולטור־לעבן אין יאָהאַנעסבורג.

יידן אין יאָר 1910

קיין סטאַטיסטיק פון דער באַפעלקערונג פון יאָהאַנעסבורג פאַרן יאָר 1910 איז נישטאָ.

לויט דער פאָלקסציילונג אין מיי 1911 (די ערשטע איז פאָרגעקומען אין 1904) איז די באַפעלקערונג פון יאָהאַנעסבורג געווען 240.581 (76.213 אונטער 21 יאָר אַלט). פון דער צאָל זיינען געווען 122.071 ווייסע (69.041 מענער און 53.030 פרויען), 103.922 אַפריקער (99.012 מענער און 4910 פרויען) און 14.588 קאָלירטע און אַזיער, ווי צ.ב. אינדיער, כינעזער א.א. (9.020 מענער און 5.568 פרויען).

פאַר די זיבן יאָר פון דער ערשטער פאָלקציילונג איז די באַפעלקערונג פאַרגרעסערט געוואָרן מיט 84.939 נפשות — 38.708 ווייסע און 46.231 אפרי־קער, קאָלירטע און אַזיער.

ווען מען נעמט אַראָפּ פון דער צאָל נפשות פאַרן יאָר 1911 איין זיבעטל פון דער צוגעקומענער צאָל פון דער באַפעלקערונג זינט 1904 — באַקומט זיך, אז די באַפעלקערונג אין יאָהאַנעסבורג אין 1910 איז געווען (אַן ערך) 228.447 — 116.541 ווייסע און 111.906 — אפריקער, מולאַטן און אַזיער.

---

[1] "Reminiscences of Johannesburg and London" by Louis Cohen.

געוועזן אין יאָהאַנעסבורג בשעת „יוניאָן" — גענוי וויפל יידן עס זיינען געוועזן אין יאָהאַנעסבורג בשעת „יוניאָן" — ווייס מען ניט, ווייל עס איז ניטאָ קיין סטאַטיסטיק פאַר דעם יאָר.

אין דער פאָלקסציילונג מיט אַ יאָר שפּעטער, מיי 1911, ווערט ניט אָנגעגעבן די צאָל יידן אין יאָהאַנעסבורג. יידן ווערן אריינגערעכנט אין דער אַלגעמיינער צאָל פון אייראָפּעער (ווייסע). אין דער פאָלקסציילונג פון 1911 ווערט אָבער אָנגעגעבן, אז אין דעם יאָר זיינען געווען אין יאָהאַנעסבורג 17.299 (10.200 מענער און 7.099 פרויען) „ווייסע ניט־קריסטן". אָט דאָס איז וואַרשיינלעך געווען די צאָל יידן אין יאָהאַנעסבורג אין 1911, ווייל אין דער פאָלקסציילונג פון 1918 און 1921, ווו די צאָל יידן אין יאָהאַנעסבורג ווערט יאָ אָנגעגעבן, איז דער אונטערשייד פון דער צאָל יידן און דער צאָל „ווייסע ניט־קריסטן" זייער אַ קליינער. (דער אונטערשייד אין יאָר 1918 איז נאָר אין 16 נפשות).

אזוי אַרום קען מען אָננעמען, אז די צאָל יידן אין יאָהאַנעסבורג אין יאָר 1911 איז געווען איבער 17 טויזנט נפשות, ד.ה. איבער 7 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און איבער 14 פּראָצענט פון דער אייראָפּעאישער באַפעלקערונג פון יאָהאַנעסבורג.

אגב, האָבן 1291 ווייסע אין יאָהאַנעסבורג, בשעת דער פאָלקסציילונג אין יאָר 1911, ניט אָנגעגעבן זייער רעליגיעזע אָנגעהעריקייט, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער פאָראָרדנונג אָנצוגעבן די רעליגיעזע אָנגעהעריקייט. די מערהייט פון אָט דער צאָל איז אָן ספק באַשטאַנען פון יידן.

אין יאָר 1904 זיינען געווען 34 יידן אויף יעדע 1000 ווייסע מענטשן אין לאַנד; אין יאָר 1911 — 37 אויף יעדע 1000.

אין יאָר 1904 זיינען געווען 52 יידן אויף יעדע 1000 ווייסע מענטשן אין טראַנסוואַל; און אין יאָר 1911 — 62 יידן אויף יעדע 1000[2].

לויט דער פאָלקסציילונג פון 1911, זיינען געווען אין דרום־אפריקע 46.911 יידן „אָנגעהעריקע צו דער יידישער רעליגיאָן". (עס ווערט אויך אָנגעגעבן 7 ניט ווייסע יידן).

אין די זיבן יאָר זינט דער פריערדיקער פאָלקסציילונג (1904), איז די יידישע באַפעלקערונג אין דרום־אפריקע געוואַקסן מיט 1956 מענער און 6882 פרויען. אַראָפּרעכענענדיק דעם נאַטירלעכן צוזוקס, האָבן פאַר די 7 יאָר פון 1904 אימיגרירט אַן ערך 1000 נפשות אַ יאָר.

דער פּראָצענט פון מערב־אייראָפּעאישע יידן, וועלכע זיינען אַהער געקומען מיט זייערע פאַמיליעס, אָדער אַראָפּגעבראַכט די משפחות ניט לאַנג נאָך זייער אָנקומען אַהער, איז געווען גרויס אין פאַרגלייך מיט די מזרח־אייראָפּעאישע יידן.

דער מערבדיקער ייד איז אַהערגעקומען, ווי צו אַ היים — אַ צייטווייליקע, אָדער שטענדיקע. דאַקעגן, דער מזרחדיקער יידישער אימיגראַנט איז געקומען „צייטווייליק".

2) לויט ל. האָטץ אין "S.A. Jewish Year Book", 1929.

די עקאָנאָמישע מיגלעכקייטן, די ביליקע באַדינערס, אויך די גוטע קלימאַטישע באַדינגונגען — האָבן גענומען שטאַרק אָנלאָקן דעם מזרחדיקן ייד ער זאָל זיך שאַפן זיין היים אין דרום־אַפריקע. דער פאַקט, וואָס עס האָבן אין 7 יאָר (1904—1911) אימיגרירט קיין דרום־אַפריקע מער ווי דריי מאָל אַזויפיל יידישע פרויען ווי מענער, ווייזט גאַנץ בולט, אַז אַ סך מזרחדיקע יידן האָבן ענדלעך באַשלאָסן צו מאַכן זייער היים אין דרום־אַפריקע. מען האָט גענומען אַראָפּברענגען די פרויען און קינדער, און בחורים — כלות. אַזוי ארום האָט זיך דאָס לעבן פון די יידן אין יאָהאַנעסבורג, און אין דרום־אַפריקע בכלל, גענומען נאָרמאַליזירן. זיי זיינען געוואָרן שטענדיקע בירגערס פון דרום־אַפריקע; און די יידישע באַפעלקערונג אין יאָהאַנעסבורג האָט גענומען וואַקסן.

הגם די יידן אין יאָהאַנעסבורג זיינען געוועזן, אַן ערך, נאָר 14 פּראָצענט פון דער ווייסער באַפעלקערונג, האָט עס אָבער געמאַכט דעם איינדרוק ביים היגן תושב און ביים נייגעקומענעם, אַז די יידן זיינען אַ סך מערער אין צאָל. עס האָט אויך געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זייער אַקטיווער אָנטייל אין כמעט אַלע צווייגן פון לעבן אין יאָהאַנעסבורג איז גאָר אַ גרויסער. אַזאַ איינדרוק פלעגט זיך שאַפן צוליב דעם, וואָס דער גרעסטער טייל יידן זיינען געווען זייער באַוועגלעכע יונגע מענער, באַשעפטיקטע אין קאָמערץ און האַנדל. אַ סך פלעגן ארומגיין פאַרקויפן זייערע סחורות. אויסער דעם איז דאָס געווען אַן עלעמענט אָן אַן איינגעזעסענעם פאַמיליע־לעבן. מען פלעגט אויסמיידן, ווי ווייט מעגלעך, צו „ליגן" אין די קליינינקע אָרעמע אומעטיקע צימערלעך. פלעגט מען כסדר ארומשפּאַצירן אין די גאַסן און שטענדיק „געגאַנגען צו אימעצן".

אַ חוץ אין די יידישע געגנטן, ווי פערעיראַ, פאָרדסבורג, מעיפער, דאָרנפאָנטיין[3], אין דעם מערבדיקן טייל פון קאָמישיאָנער־גאַס, און אויך אין די הויפּט־גאַסן פון יאָהאַנעסבורג — האָבן די באַוועגלעכע יידישע פנימער אומעטום זיך געוואָרפן אין די אויגן.

יידישע הענדלערס האָבן געשפּילט אַ הויפּט־ראָל אויפן האַנדלס־מאַרק און אויך אויף דער בערזע. אויף יעדן טריט און שריט האָט מען געזען יידישע נעמען אויף שילדן פון יידישע געשעפטן און ביוראָען. די גאָר פיל געשעפטן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די אַפריקער, האָבן געהערט צו יידן. „קאַפעריטעס" אין און אַרום יאָהאַנעסבורג זיינען געווען יידישע. שניידערס, שוסטערס, זייגערמאַכערס, דער גאָר גרעסטער טייל פון די באַלעגאָלעס („קעב־דרייווערס") — זיינען געווען יידן. עס זיינען אויך געווען אַ סך יידישע אָנגעשטעלטע.

נאָך די ענגלענדער האָבן די יידן געשפּילט „די צווייטע פידל" אין דעם לעבן פון יאָהאַנעסבורג, און אין מאַנכע צווייגן פון לעבן — אפילו די ערשטע.

---

[3]) אין 1910 האָט מען שוין בולט געקענט זען, ווי יידן פון פערעיראַ און פאָרדסבורג האָבן זיך אַלץ מער און מער גענומען אריבערציען קיין דאָרנפאָנטיין, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די יידישע געגנט און צענטער פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין יאָהאַנעסבורג. היינט־צו־טאָג פאַרלאָזן די יידן דאָרנפאָנטיין און קלייבן זיך אריבער אין אַנדערע טיילן פון שטאָט.

אַ גאַר אומבאַדייטנדיקע צאָל יידן זיינען געווען באַשעפטיקט ווי מינען־אַרבעטער, אייזנבאַן־אַרבעטער, אָדער רעגירונגס־אָנגעשטעלטע. עס זיינען אויך געווען זייער ווייניק יידן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, מיטן אויס־נאָם פון שניידער־פאַראיין, וועלכער איז באַשטאַנען הויפּטזאַכלעך פון יידישע מיטגלידערס.

אויף ווי ווייט די יידן האָבן דאַן געשפּילט אַן אַקטיווע ראָל אין לעבן פון יאָהאַנעסבורג, איז צו זען דערפון, וואָס ראש־השנה — באַזונדערס דעם ערשטן טאָג — און יום־כיפור, זיינען געווען פאַרמאַכט גאַר אַ סך קראָמען און גע־שעפטן, אויסער אין די יידישע געגנטן, אויך אין צענטער און אין אַנדערע געגנטן. די באַוועגונג אין די גאַסן יענע טעג איז געווען באַדייטנדיק קלענער. די בערזע פלעגט זיין געשלאָסן. אויך אַ גרויסער טייל פון די קינאָס פלעגט זיין פאַרמאַכט. עס האָט זיך געפילט, אז אַ סך וויכטיקע רעדער, וואָס באַוועגן דאָס לעבן אין יאָהאַנעסבורג, זיינען געבליבן שטיל. די גאַנצע באַפעלקערונג, איבערהויפּט די ווייסע, האָט געוווסט, אז „היינט איז דער יידישער ניי־יאָר־טאָג", אָדער, אז עס איז דער טאָג, ווען יידן גייען אין סינאַגאָגע און פאַסטן.

אגב, איז דער בירגערמייסטער פון יאָהאַנעסבורג אין 1910, הערי גראומאַן, געווען אַ ייד (דער ערשטער יידישער מעיאָר).

* * *

אין 1910 איז דערשינען אין יאָהאַנעסבורג רעגולער איין יידישע וואָכנטלע־כע צייטונג („די יודישע פאָהן"), איין וואָכנטלעכע צייטונג "The S.A. Jewish Chronicle" און איין חודש־צייטונג "The Zionist Record".

אין 1910 האָט נאָך ש. וואַלערשטיין מיט זיין טרופּע געשפּילט רע־גולער יידיש טעאַטער.

ביזן סוף 1910 פלעגט מען, מער אָדער ווייניקער, רעגולער שפּילן יידיש טעאַטער. פון סוף 1910 זיינען אין יאָהאַנעסבורג ניט אויפגעטראָטן קיין אויס־לענדישע יידישע טרופּעס אין משך פון 10 יאָר. עס פלעגן אויפפירן טעאַטער־פאָרשטעלונגען אַמאַטאָרן. אָפט פלעגן אָרגאַניזירן טעאַטער־פאָרשטעלונגען אָרטיקע טאַלענטירטע אַרטיסטן, ווי צ.ב. דאָראַ נייטן, סעראַ סילוויאַ, חנן הערש, ב. בערמאַן (ביילי) און אַנדערע (מיט דער הילף פון אַמאַ־טאָרן).

אין יאָהאַנעסבורג האָבן עקסיסטירט אין דער צייט פון „יוניאָן" די פאָלגנ־דיקע אינסטיטוציעס און חברות: חברה קדישא, ציוניסטישע פעדעראַציע, ציוניסטישע חברות, „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס", סינאַגאָגעס, תלמוד־תורהס, גמי־לות־חסדים־חברות, פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן, יידישע לאָדזשעס, פריי־מאַסאָנען, חברה שוחרי תושיה, בית־יתומים א.א.

אַ סך חברות און פאַראיינען פלעגן געגרינדעט ווערן, אָנהאַלטן אַ קורצע צייט און — אונטערגיין. עס זיינען אויך געווען די רעגירונג־שול פאַר יידי־שע קינדער "The Jewish Government School" און די „היברו היי־סקול־תלמוד־תורה "Hebrew High School". אין דער ערשטער האָט מען איינמאָל

אַ וואָך געלערנט „היברו" ווי אַ קעגנשטאַנד, און אין דער צווייטער האָט מען געלערנט „היברו" אין אַ רעליגיעזער פאָרם יעדן טאָג.

די חשובסטע און די וואָגיקסטע אינסטיטוציע אין 1910 איז געווען די חברה קדישא. מען האָט איר באַטראַכט, ווי די קהילה־פאָרשטייערשאַפט, מיט וועמענס מיינונג מען האָט זיך שטאַרק גערעכנט. אַ גרויסן אינטערעס פלעגן ארויסרופן די יערלעכע פאַרזאַמלונגען און די וואַלן צו דער חברה־קדישא. די חברה־קדישא איז אויך געווען די גרעסטע צדקה־אינסטיטוציע. זי פלעגט געבן דעם טאָן אַלע אַנדערע פילאַנטראָפּישע חברות. די צאָל פון פילאַנטראָפּישע חברות איז געווען גרויס. זיי פלעגן כסדר זיך פאַרמערן. אויף ווי וויט עס זיינען געווען אַ סך צדקה־חברות, קען ווייזן דער פאַקט, וואָס שוין אין 1906 האָט מען זיך באַקלאָגט, וואָס אנשטאָט איין חברה — די חברה־קדישא — זאָל טאָן די צדקה־אַרבעט, זיינען דאָ אַן ערך 50 חברות. אזוי איז אויך געווען אויף אַנדערע געביטן פון יידישע אַנגעלעגנהייטן[4].

פילאַנטראָפּיע איז געווען די אַקס, ארום וועלכער עס האָט זיך געדרייט דאָס געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן אין יאָהאַנעסבורג.

די ציוניסטישע פעדעראַציע און די ציוניסטישע פאַראיינען אין יאָהאַנעס־בורג האָבן געשפּילט אַן אַקטיווע ראָל צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט עטלעכע איבערגעגעבענע זייער ענערגישע טוערס, וועלכע האָבן אריינגעבראַכט באַגייסטערונג פאַר זייער אַרבעט. פאַר אַ גרויסן טייל פון די רוסישע יידן איז עס געווען אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

די „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס" האָט דאַן נאָך ניט געשפּילט קיין פירנדיקע ראָל.

* * *

אין 1910 איז די יידישע באַפעלקערונג אין יאָהאַנעסבורג געווען בולט צעטיילט אין מזרח־ און מערב־אייראָפּעאישע יידן. די מזרחדיקע יידן זיינען געווען מער ווי 85 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די פירערשאַפט, אָבער, איז געלעגן, כמעט אויסשליסלעך, אין די הענט פון די מערבדיקע יידן.

די מערבדיקע יידן זיינען ניט נאָר געווען די „קאַזיאָנע", — אויסערלעכע פירערס — נאָר אויך די באַלעבאַטים. זיי האָבן געוועלטיקט אין דער חברה־קדישא, „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס", ציוניסטישע פעדעראַציע; אין רעליגיעזן לעבן — אין די סינאַגאָגעס, אין די תלמוד־תורהס (אויסער די ספּעציעלע מזרח־דיקע אָרטאָדאָקסישע סינאַגאָגעס און תלמוד־תורהס), אין די פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, בית־יתומים, פריי־מאַסאָנען, „לאָדזשעס" א.א.

די שפּראַך, אין וועלכער מען האָט אָנגעפירט די טעטיקייט פון די אַלע אָרגאַניזאַציעס, איז געווען נאָר ענגליש. דאָס, וואָס דער גאָר גרעסטער טייל פון די מיטגלידערס פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אונטער זייער פירער־שאַפט, האָבן גערעדט און געטראַכט נאָר אין יידיש — האָט זיי ווייניק אינטע־

---

4) 14/4/1906 "S.A. Jewish Chronicle".

רעסירט. פאַרקערט, זיי האָבן געטראַכט, אז זייער מיסיע איז צו ווירקן אויף די רוסישע יידן, אז זיי זאָלן ריידן ענגליש, און דורך דעם זיך באַפרייען פון זייער געטאָ־שפּראַך און געוווינהייטן; דאָס וועט זיי פירן צו ווערן געטרייע בירגערס פון דער גרויסער דעמאָקראַטישער ענגלישער אימפעריע — האָבן זיי געטראַכט.

די מערבדיקע יידן — ווי די ענגלענדער גופא — האָבן זיך געפילט, ווי באַלעבאַטים און די אַריסטאָקראַטן פון יאָהאַנעסבורג; אַזוי אַרום האָבן זיי געהאַלטן, אז זיי זיינען באַרופן צו זיין די באַלעבאַטים איבער די מזרחדיקע יידן.

די יידן אין יאָהאַנעסבורג זיינען געווען צעטיילט ניט נאָר אויף מזרח־ און מערב־אייראָפּעאישע יידן, נאָר אויך אין גאַנץ בולטע קלאַסן־גרופּעס — אָרעמע און רייכע. די מזרחדיקע יידן — די אָרעמע, און די מערבדיקע — די רייכע און אַריסטאָקראַטן. צווישן די מערבדיקע יידן זיינען געווען די מיליאָנערן (עס איז געווען איין אויסנאַם, סעמי מאַרקס, אַ ליטוויש־יידישער מיליאָנער און מאַגנאַט. אָבער ער האָט געלעבט אין פּרעטאָריע), די גאָלד־ און דימענטן־מאַגנאַטן, די גרויסע פינאַנציסטן, די גרויסע גבירים, די גרויסע אַקציע־ און בערזע־לייט, די גרויסע לייט אין קאָמערץ און האַנדל, און אַקטיווע אַנטיילנעמערס אין „רייסעס" (פערד־געיעג) א.א.וו.

די מערבדיקע יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם באַגרענעצטן אַלגעמיינעם קולטור־לעבן פון יאָהאַנעסבורג. אויך אַ פּראָמינענטן אָנטייל האָבן זיי גענומען אין מוניציפּאַלן און פּאָליטישן לעבן פון יאָהאַנעסבורג. אין קורצן — די מערבדיקע יידן האָבן געשפּילט אַ גאָר פּראָמינענטע ראָל אין אַלע צווייגן פון אַקטיוון לעבן אין יאָהאַנעסבורג. מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען, זיינען זיי געווען ענגלענדער און דייטשן פון יידישן גלויבן. זיי האָבן געהערט צו דער יידישער געמיינדע, געגאַנגען אין דער סינאַגאָגע, געשטיצט די תלמוד־תורהס און יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, ווייל זיי זיינען אויפגעבראַכט געוואָרן אין גייסט צו זיין אָנהענגערס פון דעם געדאַנק, אז די יידישע רעליגיע האָט אַ מיסיע. אַ סך פון זיי האָבן געהאַט אַ רעליגיעז־פילאַנטראָפּישע באַציאונג צו זייערע „גלויבנס־גענאָסן" פון מזרח־אייראָפּע, ווי צו מענטשן פון דער זעלבער רעליגיע, אָבער פון אַ נידעריקער מדרגה פון ציוויליזאַציע. זיי האָבן זיך געהאַלטן, ווי זיי וואָלטן געווען „די אויבערשטע פון שטויסל", אין באַצוג צו די מזרחדיקע יידן.

מען האָט די מזרחדיקע יידן טאָלערירט נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן צו זייער הערשאַפט. זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אז זיי טוען אַ טובה די מזרחדיקע יידן דערמיט, וואָס זיי פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין אַלע וויכטיקע אינסטיטוציעס.

ווען אימעצער פון זיי האָט חתונה געהאַט מיט אַ מזרח־אייראָפּעאישן בחור, אָדער מיידל, איז דאָס געווען באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ דערנידעריקונג. אָבער מען פלעגט זאָגן, אז די באַטרעפנדיקע פערזאָן איז שוין אַנדערש, ווי די איבעריקע. כמעט אין אַלע פאַלן, ווען אַ ייִדיש־ריידנדיקע פערזאָן פלעגט

חתונה האָבן מיט אַן ענגליש־ אָדער דייטש־ריידנדיקער, פלעגט די היים־שפּראַך ווערן ענגליש.

דאָס רוב מערבדיקע יידן האָבן זיך געשעמט מיט זייערע גלויבנגענאָסן פון מזרח־אייראָפּע צוליב זייער אָרעמקייט, קליידונג, מאַנירן, שלעכטן ענגליש און זייערע נעמען.

ווען איך מיט מיין ייִנגערן ברודער, האָבן אין יאַנואַר 1911 אָנגעהויבן באַזוכן די Jewish Government School, האָט דער פּאַרוואַלטער אונדז אריינגענומען אין זיין ביוראָ און געפרעגט אונדזערע נעמען. ער האָט מיט פּאַראַכטונג געזאָגט: „מיר ווילן דאָ ניט קיין רוסיש־יידישע נעמען", און האָט אונדז ביידן געגעבן „כשרע" ענגלישע נעמען. ווען איך בין פון שול אַהיים געקומען, האָב איך דערציילט מיין פאָטער וועגן דעם. „דער פּאַרוואַלטער איז אַן אַנטיסעמיט" האָב איך צוגעגעבן. מיין פאָטער האָט מיר מיט אַ שמייכל געזאָגט, אז „דער פּאַרוואַלטער פון אָט דער רעגירונג־שול איז דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע".

עס האָט געהערשט אַ גרויסער קאָנטראַסט און מחיצה צווישן ביידערליי יידן. עס פלעגן פאָרקומען קאָנפליקטן צווישן מערב־און מזרח־אייראָפּעאישע יידן.

* * *

גאָר אַנדערש זיינען געווען די באַציאונגען פון די ליטוויש־יידישע יידן צו די מערבדיקע יידן.

בכלל גענומען איז די באַציאונג געווען אַ קאַלטע און גלייכגילטיקע, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פּאַראַכטונג, ביטול און קנאה.

פאַרן דורכשניטלעכן מזרחדיקן שטעטלשן ייד, וועלכער איז אויפגעבראַכט געוואָרן אין אַ רעליגיעזער סביבה, איז דער מערב־אייראָפּעאישער ייד געווען ניט פאַרשטענדלעך. מיט ביטול פלעגן זיי זאָגן „וואָס ווייסן די ענגלישע „חיות" פון יידישקייט?". אין זייערע אויגן האָט די האַלטונג און באַציאונג פון די מערבדיקע יידן צו דער סינאַגאָגע אויסגעזען מער ענלעך צו אַ קירך, ווי צו אַ בית־המדרש. זיי זיינען דאָך אין דער סינאַגאָגע פּאַסיוו. מיטן מיטזינגען מיטן חזן יגדל און אדון־עולם מיינען זיי, אז זייערע רעליגיעזע פליכטן זיינען דערמיט דערפילט. ווען ליטוויש־רוסישע יידן פלעגן זען ענגלישע, אָדער דייטשישע יידן עסן טרפות, אַרבעטן און רויכערן אום שבת, פאַרן אום שבת און ראש־השנה, אָדער יום־כיפור צו דער סינאַגאָגע — פלעגט זיי דאָס אויסקומען משונהדיק; „ווי אזוי קענען די דאָזיקע יידן האַלטן זיך פאַר אָרטאָדאָקסישע יידן?" דאָס רוב פון די מזרחדיקע יידן אין יאָהאַנעסבורג — ליטווישע, אַ קליינע צאָל פּוילישע און רוסישע יידן — זיינען געקומען אַהער פון שטעטלעך. זיי האָבן מיטגעבראַכט וויניק בילדונג און מאָדערנעם יידיש־וועלטלעכן וויסן און קולטור. זיי זיינען באַשטאַנען הויפּטזאַכלעך פון אָרעמע און שווער־אַרבעטנדיקע מיטל־קלאַס־מענטשן.

אַריבערקומענדיק אַהער, האָבן זיי געפונען, אַז קיין „פּסיכאָלאָגישע" און „טראַדיציאָנעלע" אָרעמקייט האָט אין דער יונגער „גאָלד־שטאָט" ניט גע־הערשט. דער מיטל־קלאַס האָט געזען, אַז אין דער גיך אויפשטייגנדיקער על־דאָראַדאָ־ און געלט־יחוס־שטאָט ווערט אָרעמקייט ניט פאַררעכנט, ווי אַ רע־זולטאַט פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען און אומשטענדן, נאָר עס ווערט באַ־טראַכט, ווי אַ מום — אַ „מום", אין וועלכן יעדע פּערזאָן גופא — ניט די באַ־דינגונגען — איז שולדיק. אַזוי אַרום האָבן אַ סך פון מיטל־קלאַס געווידמעט זייער מוח, ענערגיע און צייט צו באַפרייען זיך פון אָט דעם „מום".

אַ סך פון אָט דעם אָרעמען מיטל־שטאַנד האָט אָט דער „אָרעמקייט־מום" פאַרפאָלגט אפילו דאַן, ווען זיי זיינען שוין מער ניט געווען אָרעם. דער „אָרעמקייט־מום" האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמפּלעקס פון וועלן ווערן רייך און רייכער — זיין וואָס ווייטער פון „מום".

דער אָרעמער מיטל־קלאַס האָט געזען, אַז די געוווינהייטן, טראַדיציעס און רעליגיעזער באַגאַזש, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, פּאַסן זיך ניט אַריין אין די היגע באַדינגונגען. אין דעם יאָהאַנעסבורגער לעבן ווערט פאַרלוירן דער ווערט און באַדייט פון זייער היימישן אינהאַלט.

דערצו־נאָך זיינען אים געווען פרעמד די לאַנד־שפּראַכן. אגב, איז די מזרח־דיקע יידן אָנגעקומען ניט לייכט דאָס אָריענטירן זיך אין די עקאָנאָמישע און אין די אַלגעמיין־נייע באַדינגונגען פון דעם לאַנד. זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף שאַפן מיטלען צו שטיצן די משפּחות אין דער אַלטער היים. דערנאָך האָבן זיי געשטרעבט אַראָפּצוברענגען די נאָענטסטע און שאַפן אַ היים אין דעם נייעם לאַנד. דאָס אַלץ האָט אין דאָס רוב פאַלן געמיינט שווערע האָרעוואַניע.

דאָס אַלץ אינאיינעם האָט גורם געווען דערצו, אַז דאָס רוב פון מיטל־שטאַנד האָט זיך געפילט געזעלשאַפטלעך שפּל, און איז געווען ניט בכוח צו זיין געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. דעריבער האָבן די מזרחדיקע יידן איבערגעלאָזן די אָנפירערשאַפט צו די דייטשישע און ענגלישע יידן, צו וועמען זיי האָבן, אין אַ געוויסער מאָס, געהאַט צוטרוי און רעספּעקט, ווי אין זייער אַלטער היים פאַרן רייכן, פאַרן פריץ און געבילדעטן.

עס איז געווען אַ „כבוד" פאַר אַ סך מזרחדיקע יידישע אַנשטאַלטן, סינאַ־גאָגעס און תלמוד־תורהס, ווען אַ מערבדיקער יידישער גביר פלעגט זיי באַערן מיטן קומען, מיטן ארויסטרעטן אויף זייערע פאַרזאַמלונגען, אָדער מיט ווערן אַ מיטגליד. דייטשישע יידן, וועלכע האָבן כמעט קיין שום שייכות ניט גע־האַט מיט רוסישע יידן, האָט מען באַערט מיטן לייגן דעם גרונטשטיין פון אָר־טאָדאָקסישע סינאַגאָגעס, הגם זיי האָבן קוים געקענט עברי. מען האָט עס גע־טאָן דערפאַר, וואָס דער דאָזיקער גביר האָט, אגב, אויך געגעבן אַ גרויסע נדבה.

דאָס רוב פון די ליטווישע קליינשטעטלשע יידישע אימיגראַנטן פון מיטל־קלאַס זיינען ניט געווען קיין קעמפערס אויף דער היגער יידישער גאַס. זיי האָבן ניט רעוואָלטירט קעגן דעם באַליידיקנדיקן צוגאַנג צו זיי אויף יעדן טריט און שריט. זיי האָבן כמעט ניט רעוואָלטירט קעגן דעם איגנאָרירן זייער מוטער־שפּראַך א.ד.גל. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען פּאַסיוו, נאָכגעבעריש

און פלעגן זיך אונטערוואַרפן דער ביוראָקראַטישער פירערשאַפט פון די מערבֿ־דיקע יידן.

נאָר געציילטע פערזענלעכקייטן פון צווישן די מערבֿדיקע יידן האָבן זיך דערנענטערט צו די מזרחדיקע און האָבן געשפילט אַן אָנפירנדיקע געזעל־שאַפטלעכע ראָל אין געמיינשאַפטלעכן לעבן פון די יידן אין יאָהאַנעסבורג. צו דער דאָזיקער קליינער צאָל קען מען פאַררעכענען די פאָלגנדיקע נעמען: רבי דר. הערץ, ש. גאָלדרייך, מאַקס לאַנגערמאַן און בער־נאַרד אַלעקסאַנדער.

די באַגרענעצטע צאָל אַריבערגעקומענע באַוווסטזיניקע און קולטורעלע מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וועלכע זיינען געווען דאָס רובֿ משכּילים, האָט גע־קוקט אויף די מערבֿדיקע יידן מיט פאַראַכטונג. זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די דייטשישע און ענגלישע יידן איז פרעמד דער גייסט און די שטרעבונגען פון דעם גייסטיקן רענעסאַנס, וואָס קומט פאָר אויף דער יידישער גאַס, הויפּט־זאַכלעך, אין מזרח־אייראָפּע. אָט די משכּילישע אינטעליגענץ איז אָבער געווען געזעלשאַפטלעך ניט אַקטיוו. זיי זיינען ניט געווען בכּוח צו פירן אַ קאַמף קעגן דער ממשלה פון די מערבֿדיקע יידן אויף דער היגער יידישער גאַס.

* * *

אין 1910 זיינען די יידן אין יאָהאַנעסבורג געווען אַ גאַנץ בולטע נאַציאָ־נאַלע גרופּע. זיי זיינען געווען אַ נאַציאָנאַלע גרופּע מיט אַן אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן פּרצוף, און געפילט זיך, ווי יידן און ווי דרום־אַפריקאַנער בירגערס.

די מערהייט פון זיי האָט געלעבט קאָנצענטרירט אין געוויסע געגנטן, און גערעדט זייער מוטער־שפּראַך — יידיש.

דער פעסט איינגעזעסענער אָנגעיחסנטער מערבֿדיקער ייד איז געווען שטאַרק קעגן דער אידעאָלאָגיע, אַז יידן זיינען דאָ אַ נאַציאָנאַלע גרופּע. ער איז אויך געווען קעגן דעם צוזאַמענמישן זיך מיט די רוסישע יידן. אָבער קעגן זייער ווילן — דירעקט און ניט דירעקט — זיינען זיי אריינגעצויגן געוואָרן צוזאַמען מיט די מזרחדיקע יידן אין איין נאַציאָנאַלער גרופּע, ווי — יידן פון יאָהאַנעסבורג.

הגם די ענגלישע און דייטשישע יידן פלעגן פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס מען פאָרט זיי צוזאַמען מיט די רוסישע יידן, האָט אָבער די פירערשאַפט איינ־געזען, אַז דאָס איז ניט אויסצומיידן. האָבן זיי גענומען אויסנוצן די מאַכט פון זייער פירערשאַפט. זיי האָבן געשטרעבט צו „ציוויליזירן“ די רוסישע יידן, וועלכע זאָלן כאָטש אויסערלעך זיין ענלעך צו זיי און „אויסוואָרצלען“ זייער „פאַרקריפּלטע“ פאַרגאַנגענהייט.

מען האָט גענומען שטאַרק אויסנוצן דעם איינפלוס אויף די רוסישע יידן אין יעדן צווייג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער וויכטיקסטער פאַקטאָר איז געווען די שפּראַך. אין אַלע אינסטיטוציעס, ווו די מערבֿדיקע יידן זיינען נאָר געווען פאַרטראָטן, איז אַלץ געפירט געוואָרן בלויז אין ענגליש. ענגליש איז

געוואָרן די אָפיציעלע שפּראַך אויך אין יידישן לעבן גופא — אַ זאַך, וואָס האָט דאָ ניט עקסיסטירט דאַן ביי קיין איין אַנדערער נאַציאָנאַלער גרופּע.

(דאָס רוב דייטשישע יידן האָבן אין זייערע אייגענע היימען, און ביי גע־זעלשאַפטלעכע צוזאַמענטרעפן מיט אַנדערע דייטשישע יידן, גערעדט דייטש).

טראַגי־קאָמיש פלעגט אויסזען, ווען רוסישע יידן פלעגן אויף יידישע פאַרזאַמלונגען פּרובירן „איבערזעצן" זיך אין ענגליש.

די דייטשישע און ענגלישע יידן האָבן געווירקט, אז די ענגלישע שפּראַך זאָל אריינדרינגען אין יידישן פאָלקסלעבן.

מען האָט עס גענומען פילן אומעטום — אויף בריתן, תנאימס, חתונות און לוויות. משונהדיק־טראַגיש פלעגט אויסזען אויפן בית־עולם, ווען מען פלעגט מקבר זיין אַ רוסיש־יידישן מת. די אבלים זיינען אַלע געווען יידיש־ריידנדיקע. אָבער די חברה־קדישא און דער רעוורענד פלעגן אָנפירן די צע־רעמאָניעס אין ענגליש און לשון־קודש. גאָר ווייניק פון די אָנוועזנדיקע האָבן געקענט פאַרשטיין.

די רבנים און די רעוורענדס פלעגן האַלטן זייערע דרשות אין די גרויסע סינאַגאָגעס אין ענגליש, הגם זיי האָבן גוט געוווסט, אז, ווען זיי וואָלטן ריידן אין יידיש, וואָלט זיי דער עולם אַ סך בעסער פאַרשטאַנען.

עס פאַרשטייט זיך, אז אין די אינסטיטוציעס, ווו די מערבדיקע יידן זיינען ניט געווען פאַרטראָטן, ווי צ.ב., אין „גרינעם" בית־המדרש, אין פּאָנעוועזשער־און חסידישער שול, אין די תלמוד־תורהס, ביי די לאַנדסמאַנשאַפטן, אין „סאָ־ציאַליסטישן זאַל" און אין „זייאָניסט האָל" — פלעגט אַלץ געפירט ווערן אין יידיש.

אָבער דער איינפלוס פון דער ענגלישער שפּראַך און ענגלישע מינהגים, האָט גענומען אריינדרינגען אומעטום.

די רוסישע יידן האָבן ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד קעגן דער שטאַר־קער אויסערלעכער ענגלישער שפּראַך און קולטור. מען האָט געוואָלט „אויס־גרינען" זיך.

די אָפיציעלע רעגירונג־שפּראַך איז געווען ענגליש. אין די עלעמענטאַרע שולן, אין מיטל־שולן און אין אוניווערסיטעט האָבן דאַך די קינדער געלערנט אַלץ אין ענגליש. אויסערדעם האָט געווירקט דער שטאַרקער חוש פאַר אַן עקאָנאָמישן תכלית און „אַריסטאָקראַטישער" קאַריערע. דאָס אַלץ האָט גע־פירט צו ענגליש. ענגליש איז פאַר אַ סך געוואָרן אַ מיטל צו דערגרייכן עקאָ־נאָמישן וווילזיין און רייכקייט; און — מ'האָט גענומען פאַרבייטן מאַמע־לשון אויף „מאַמאַן"־לשון.

אַ חוץ די דערמאָנטע אויסערלעכע פאַקטאָרן האָבן די רוסישע יידן נאָך געדאַרפט שטעלן אַ ווידערשטאַנד אויך קעגן דער פירערשאַפט פון די מערב־דיקע יידן, וועלכע האָבן געטריבן אין אינערלעכן יידישן לעבן צו שפּראַכלעכער אַסימילאַציע.

וואָס מער דער רוסישער ייד האָט זיך שפּראַכלעך אַנגליזירט, אַלץ מער האָט זיך אָפּגעשוואַכט זיין אייגנאַרטיקייט און זיינע קולטורעלע אייגנשאַפטן.

בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון די רוסישע יידן האָבן באַהערשט גרינט־לעך די ענגלישע שפּראַך. דער גרעסטער טייל האָט אויפגעכאַפּט דעם ענגליש פון גאַס און דורך די טעגלעכע צייטונגען.

דער יחוס פון אויסערלעכער באַקאַנטשאַפט מיט דער ענגלישער שפּראַך האָט אימפּאָנירט און אָנגעלאָקט א סך אימיגראַנטן. עס האָבן זיך שוין געווויזן שפּראַכלעך אַנגליזירטע רוסישע יידן, ווי אַ רעזולטאַט פון זייער שוואַך באַשיצט קעגן שטאַרקן שטראָם פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע.

די טראַדיציאָנעלע און רעליגיעזע מינהגים האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן זייער ווערט ביי די אימיגראַנטן צוליב דעם אויסערלעכן דרוק און עקאָנאָמישע באַ־דינגונגען. ווי אַן אילוסטראַציע קענען דינען די פאָלגענדיקע באַשרייבונגען פון ב. אבראהמס, וועלכער איז געקומען אין יאָהאַנעסבורג אין 1903, אין זיין בוך „מיינע זיבעציק יאָר״[5]:

„די ערשט־געקומענע אימיגראַנטן זיינען נאָך געווען אָפּגעהיט מיט שבת, ניט גע־האַנדלט, אָפּט זיך שווער געמאַטערט מיט מאַכן אַ לעבן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט מחלל שבת זיין. לאַנגזאַם האָט זיך עס אָבער אָנגעפאַנגען ברעכן און באַלד פאַרכאַפּט אלעמען, אויסער יחידים, אויסנאַמען". „דער חילול שבת איז אריין אויך אין יידישן געטאָ, אין דער אייגענער הויז״[6].

* * *

אָפּשטעלן די שפּראַך־אַסימילאַציע וואָלטן געקענט מאָדערנע יידישע קול־טור־מענטשן און אַקטיווע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוערס צוזאַמען מיט אַן אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט. אָבער קיין יאָהאַנעסבורג זיינען אין יענער צייט געקומען גאָר ווייניק מאָדערנע פּראָגרעסיווע קולטור־מענטשן און אַקטיווע קולטור־ און געזעלשאַפטלעכע טוערס, וואָס זאָלן אָנפירן מיט קולטור־אַרבעט צווישן די מזרחדיקע יידן.

דער מאַנגל אין אזעלכע קולטור־טוערס דאָ האָט זיך געפילט אויף יעדן טריט. דאָס האָט אָפּגעשוואַכט דעם ווידערשטאַנד קעגן דעם פּראָצעס פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, וואָס די מערבדיקע יידן האָבן אין אַ גרויסער מאָס פאַראורזאַכט, הגם פיזיש האָבן די מזרחדיקע יידן, בכלל גענומען, גאָר ווייניק זיך אַסימילירט.

דער מאַנגל אין קולטור־קרעפטן האָט אויך געווירקט אויף די געציילטע יונגעלייט, וועלכע האָבן געהאַט פעאיקייטן צום שרייבן. עס האָט געפעלט, ווער עס זאָל צוזאַמענעמען די צוזאַגנדיקע ליטעראַרישע כוחות, לערנען זיי און דערמוטיקן זיי פאַרצוזעצן מיט זייער שרייבן. אַזוי, אז מיט געציילטע אויסנאַמען, זיינען אָט די פונקען אויסגעלאָשן געוואָרן.

עס זיינען געווען געציילטע צווישן די מזרחדיקע יידן, וועמען עס האָט געוויטאָקט דער פאַקט, פאַרוואָס עס איז ניט געווען קיין גענוגנדיקע צאָל

[5] „מיינע זיבעציק יאָר״, יאָהאַנעסבורג 1953.

[6] זייט 129.

ווירקזאַמע פאָלקס־מענטשן. זיי וואָלטן דאָך געקעמפט קעגן דער ווירקונג פון די ענגליש־דייטשישע יידן, וועמענס השפעה עס האָט געפירט צו נאַציאָנאַל־קולטורעלער אָרעמקייט אין דעם יידישן יאָהאַנעסבורג.

* * *

אזוי, אַן ערך, האָט אויסגעזען דאָס יאָהאַנעסבורגער יידישע לעבן ביז דער צייט פון יוניאָן — 1910, ווען אין דער שטאָט האָט נאָך געשוועבט דער גייסט פון מינען־„קעמפ".

צענטער טייל

נאָך 1910

„דער אידישער ליטעראַרישער פאַראיין״. — די ערשטע וועלט־מלחמה און נאָכדעם (ווי עס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין „אַפריקאַנער״). — די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. — די באַלפור דעקלאַראַציע. — דער „הילפס־פאָנד״. — דאָס ערשטע יידישע זאַמלבוך.

דער אידישער ליטעראַרישער פאַראיין

אז דער דרום־אַפריקאַנער יידיש־ריידנדיקער עולם האָט זיך גאָר ווייניק אידענטיפיצירט מיט דעם אַלגעמיינעם יידיש־שאַפנדיקן לעבן אויפן ליטעראַרישן און קולטורעלן געביט, ווייזט בולט דער פאַקט, וואָס דאָ האָבן עקסיסטירט גאָר ווייניק און שוואַכע קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרשפּרייטן און זיין די טרעגערס פון דער מאָדערנער יונגער יידישער ליטעראַטור, און וועלכע האָבן געדאַרפט ווייזן, וואָס פאַר אַ גרויסן קולטור־ווערט זי שטעלט מיט זיך פאָר.

איין איינציקער אויסנאַם איז געווען. דאָס איז דער אידישער ליטעראַרישער און דראַמאַטישער פאַראיין (אָדער, ווי ער איז געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „דער פאַראיין״) אין יאָהאַנעסבורג.

אין „אַפריקאַנער״ פון 18/10/1912 ווערט געזאָגט, אז אויף אַן איניציאַטיוו־פאַרזאַמלונג צו גרינדן דעם ליטעראַרישן און דראַמאַטישן פאַראיין, דעם 15־טן אָקטאָבער 1912, האָט מען אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון שפּילן בעסערן יידישן טעאַטער, „ווייל מען קאָרמעט דעם עולם מיט כינקע־פּינקע און אַנדערע דראַמען פון דעם סאָרט״.

„דעם יאָהאַנעסבורגער דראַמאַטיש־ליטעראַרישן פאַראיין״ האָט מען געגרינדעט דעם 27־טן אָקטאָבער 1912. ביי דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג זיינען בייגעווען נאָענט צו הונדערט מענטשן. די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן: „דער פאַראיין שטעלט זיך די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן די אידישע ליטעראַטור און שטעלן איר אויפן הויכן שטאַפּל, וועלכן זי פאַרדינט״. „דער פאַראיין נעמט אריין אין זיין פּראָגראַם אַלצדינג, וואָס איז יידיש״. „מיט נאָך אַ גרעסערן ענ־

טוזיאַזם ווערט אויך אָנגענומען דער פונקט", אַז: „אַלעס מוז זיין אין אידיש — די דעבאַטן, „לעקטשורס" און אלערליי מיטגלידער־פאַרהאַנדלונגען זאָלן זיין נאָר אין אידיש" („אַפריקאַנער", 31/10/1912).

אין „אַפריקאַנער" פון 14/11/1912 ווערט געזאָגט:

„מיר זיינען געבעטן פון דעם היגן ליטעראַריש־דראַמאַטישן פאַראיין אָפּצודרוקן פאָל־גענדע:

„צילן און אויפגאַבן: א) צו פאַרשפּרייטן די אידישע ליטעראַטור און דראַמע; ב) פאָרצופירן (אויפצופירן) אידישע פּיעסן, וועלכע האָבן אַ ליטעראַרישן ווערט; ג) צו אַנט־וויקלען אידישע געזאַנג און איינצושטעלן כאָרן, וועלכע וועלן ארויסטרעטן, ווי אָפט עס איז מעגלעך מיט אידישע שירים און געזאַנג.

„מיטלען: א) איינצואָרדענען פאַרזאַמלונגען; ב) געבן לעקציעס; ג) האַלטן ליטע־ראַרישע דעבאַטן; ד) אידישע דעקלאַמאַציעס; ה) אַ פאָלקס־ביבליאָטעק; ו) טעגלעכע צייטונג (אויך אין ענגליש).

„די קאָרעספּאָנדענץ־שפּראַך, מיטגלידער אונטערהאַנדלונגען, אלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, קאָמיטעט פאַרזאַמלונגען, באַריכטן און רעפעראַטן מוזן געפירט ווערן אין דער איינציקער שפּראַך — אידיש".

צוליב דעם, וואָס די ציוניסטישע עלעמענטן זיינען געווען אַ מערהייט ביים גרינדן דעם פאַראיין, און אויך אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג, איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָלגנדער צוגאָב: „אַז העברעיש זאָל פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויב מעגלעך". פאַקטיש אָבער, איז עס געווען אַ „יידישיסטישער פאַראיין".

אין „אַפריקאַנער פון 26/12/1912 ווערט באַריכטעט, אַז דער „פאַראיין" האָט געהאַט אַן אָוונט. „מען האָט דורכגעפירט אַן איינאַקטער, דעקלאַמאַציעס און געזאַנג. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. אַזאַ גלענצנדן אָוונט האָט יאָהאַ־נעסבורג נאָך ניט געהאַט".

עס פלעגן דאָרט פאָרקומען דעבאַטן, לעקציעס און קעסטל־אָוונטן. „די גרויסע צאָל באַזוכער, מיט וועלכן דער „האָל" (זאַל) פון דעם „פאַראיין" איז איבערפולט ביי יעדע ארויסטרעטונג, באַווייזט, אַז אַלעס וואָס עס ווערט פאָר־געבראַכט אויף דער פּלאַטפאָרמע פון „פאַראיין" איז נאָענט און טייער יאָהאַ־נעסבורגער אידישער געזעלשאַפט" (3/7/1913).

אַ וואָך שפּעטער (10/7/1913) שרייבט דער „אַפריקאַנער":

„אין דער קורצער צייט וואָס דער פאַראיין עקסיסטירט האָט ער זיך געגעבן די מי צוצוציען די בעסטע עלעמענטן פון דער אידישער יוגנט אין יאָהאַנעסבורג". „ניט אַלע „לעקטשורס" און ניט אַלע פאָרשטעלונגען זיינען געווען גרויסאַרטיק. אָבער אין דעם איז דער פאַראיין, דאַכט זיך, ניט שולדיק. שולדיק איז אונדזער אָרעמקייט אין אינטעליגענטע קרעפטן".

דעם 9־טן יולי 1914, האָט דער ליטעראַרישער און דראַמאַטישער פאַראיין געעפנט אין זיין לאָקאַל אַ ביבליאָטעק און לייען־זאַל. אין מיטן מיי 1917, האָט מען איינגעאָרדנט אַ שלום־עליכם יאָר־צייט־אָוונט. עס האָבן אנטייל גענומען: י. מ. סעוויץ, משה קריין, ב. שטיין און ה. ערליך. עס איז ביי־

געווען זייער אַ גרויסער עולם. אין פעברואַר 1918, האָט דער פאַראיין איינגעאָרדנט אַ הזכרה־אָוונט נאָך מענדעלען און באַראָכאָוון.

„דער פאַראיין" האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו, אז מען זאָל אריינגעמען אידישע און העברעישע ביכער אין יאָהאַנעסבורגער שטאָט־ביבליאָטעק. אַן ענגליש־אידישער ראַטמאַן, (שפּעטער געווען דער מעיאָר), וועלכער איז געווען איינער פון די אָנפירערס און אַ געוויסע צייט דער פאָרזיצער פון דער „דזשואיש גילד", האָט שטאַרק אַפּאָנירט דעם פאָרשלאַג („אַפריקאַנער" 18/4/1918).

דער פאָרזיצער פון פאַראיין (ה. עהרליך) אין זיין האַלב־יערלעכן באַריכט גיט איבער, אז אין ביבליאָטעק (פון פאַראיין) זיינען שוין דאָ אַן ערך 500 ביכער, און, אז אין 6 חדשים האָט מען צו 130 מיטגלידערס ארויסגעגעבן 900 ביכער. ער מערקט אָן, אז די שטאָט־פאַרוואַלטונג מאַכט שוועריקייטן אריינצונעמען אידישע און העברעישע ביכער אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק (11/7/1918).

די ערשטע יאָרן האָט דער פאַראיין געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ סאָציאַלער פאַרוויילונג־אָרגאַניזאַציע פאַר ליבהאָבערס פון דעם יידישן וואָרט. עס פלעגן אָפט פאָרקומען ליטעראַרישע פאָרלעזונגען, הומאָריסטישע אָוונטן, קאָנצערטן מיט איינאַקטערס, און קעסטל־אָוונטן.

דער פאַראיין איז געווען אַן אָרט, ווו מען פלעגט היימיש און אָנגענעם פאַרברענגען אַן אָוונט. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט, אַ דאַנק דעם אָנקומען פון אייניקע מער קולטורעלע כוחות אין פאַראיין, די טעטיקייט גענומען טראָגן אַ מער ערנסטן און מער ליטעראַרישן כאַראַקטער.

דעם 2־טן יולי 1916, האָט דער פאַראיין ארויסגעגעבן אַ חודש־זשורנאַל, „דאָס נייע וואָרט", וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף יאָר. אין לעצטן נומער שרייבט די רעדאַקציע צו די לעזערס: „אַלע מיטאַרבעטער פון זשורנאַל האָבן באמת דערוויזן, אז אויך דאָ איז מעגלעך ארויסצוגעבן אַן אָנשטענדיקן זשורנאַל, און שרייבן אויף אַ ריינער יידישער שפּראַך". וועגן אונטערגאַנג פון זשורנאַל איז דאָ די פאָלגנדיקע נאָטיץ: „דער זשורנאַל גייט אונטער, ווייל עס פעלן די ליטעראַרישע און — נאָך מער — די מאָראַלישע כוחות".

דער פאַראיין האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק פון איבער פופצן הונדערט פון די בעסטע יידישע ביכער, וועלכע זיינען אָן ספק געלייענט געוואָרן דורך טויזנטער מענטשן. טראָץ די באַגרענעצטע ליטעראַרישע כוחות, האָט דער פאַראיין דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס, רעפעראַטן און דעבאַטן אויף ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טעמעס. דער פאַראיין פלעגט פון צייט צו צייט איינאָרדענען „לעבעדיקע צייטונגען" און קאָנצערטן פון יידישע לידער.

די דראַמאַטישע סעקציע ביים פאַראיין פלעגט דורכפירן טעאַטער־פאָרשטעלונגען און אויפפירן איינאַקטערס. דער פאַראיין האָט עטלעכע מאָל איינגעאָרדנט אַ לייען־צימער ביי זיך אין לאָקאַל, ווו מען פלעגט קענען קריגן, אַ חוץ לאָקאַלע, אויך יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון אַמעריקע און אייראָ־

פע. אָבער דאָס פלעגט לאַנג ניט אָנהאַלטן. אזא לייענזאַל איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך הוצאות, און עס האָט געפאָדערט, אז אַ סך מענטשן זאָלן זיך אָפּגעבן דערמיט. ביידע זאַכן האָבן געפעלט.

דער פאַראיין האָט געשטיצט יידישע פאָלק־שולן אין ליטע און פוילן. די וואָכנטלעכע אָוונטן און דעבאַטן זיינען געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע קול־טור־אינסטיטוציע אין יאָהאַנעסבורג. מאַנכע פון די סעריעס וואָכנטלעכע לעקציעס, ליטעראַרישע אָוונטן און דעבאַטן האָבן אָנגעהאַלטן אָן איבעררייס עטלעכע יאָר — אַ זאַך, וואָס אַפילו קיין ניט־יידישע אָרגאַניזאַציע האָט עס ניט באַוויזן דורכצופירן. נעמענדיק אין אַכט די זייער באַגרענעצטע כוחות, איז דאָס געווען אַ גרויסער אויפטו[1].

אין 1922, ווען עס איז געקומען אַהער פ ר ץ ה י ר ש ב י י ן מיט זיין פרוי, די דיכטערין, א ס ת ר ש ו מ י אַ ט ש ע ר — דער ערשטער באַזוך פון אַ יידישן שרייבער אין דרום־אַפריקע — האָט דער פאַראיין אָרגאַניזירט אַ פייערלעכן קבלת־פנים און פ. ה י ר ש ב י י נ ס עפנטלעכע ארויסטרעטונגען. דער פאַר־איין האָט דערפאָלגרייך פאַרוואַנדלט ה י ר ש ב י י נ ס באַזוך אין אַ מאַניפעס־טאַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור. די גרויסע זאַלן, אין וועלכע ער פלעגט ארויסטרעטן, זיינען געווען געפאַקט.

זשורנאַל „דרום־אַפריקע" — צוויי פרוון

אין דעצעמבער 1922, האָט דער פאַראיין אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל „דרום־אַפריקע". אין דער הקדמה ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן:

„ווי יונג אונדזער ישוב איז דאָ אין דעם לאַנד, ווי קליין אונדזערע כוחות זיינען דאָ, פילן מיר אָבער, אז ערגעץ ווו זיינען באַהאַלטן איינצלנע פונקען פון שאַפנדן גייסט. אָט די פונקען ווילן מיר קאָנצענטרירן", „דאָס יידישע גייסטיקע לעבן אינעם לאַנד איז אָרעם און דער יונגער ייד פילט עס". „מיר האָבן ניט בדעה זיך אָפּצושליסן אין די ענגע ד' אמות פון יידישן לעבן. מיר זיינען בירגער פון דעם לאַנד און די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינ־גונגען פון דעם לאַנד וועלן שטענדיק געפינען אַן אָפּקלאַנג אין אונדזער זשורנאַל".

צוליבן מאַנגל אין ליטעראַרישע כוחות און מאָראַלישער שטיצע איז דער אויגוסט־נומער פון 1923 געווען דער לעצטער.

אין יולי 1928, איז געמאַכט געוואָרן נאָך אַ פרווו ארויסצוגעבן אַ ליטעראַ־רישן זשורנאַל, און — „דרום אפריקע" איז באַנייט געוואָרן. אין דעם פאַר־וואָרט ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן: „דרום אפריקע" וועט פרובירן אָפּ־שפּיגלען דאָס פּאָליטישע, סאָציאַלע, קולטורעלע לעבן פון די ענגלענדער און בורן אין דעם לאַנד, און באַלויכטן פיל זייטן פון דעם פאַר אונדז אזוי פרעמדן לעבן פון די מיליאָנען שוואַרצע, וועלכע לעבן אויף דעם קאָנטינענט". אָבער

[1]) די אקטיווע מיטגלידערס פון פאַראיין זיינען געווען, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אויך נאָכדעם, די אַקטיווסטע טוערס אין דער אַקציע פאַר הילף, רעקאָנס־טרוקציע און קאָלאָניזאַציע־פאָנד.

צוליב די זעלבע סיבות האָט דער באַנייטער זשורנאַל „דרום אַפריקע" אויפגע־הערט דערשיינען מיט דעם פעברואַר־נומער 1929.

די ערשטע ייִדישע פאָלק־שול

אין יאַנואַר 1929, האָט דער פאַראיין מיט גרויס ענטוזיאַזם געעפנט די ערשטע מאָדערנע ייִדישע נאָכמיטאָג־פאָלק־שול אין דרום־אַפריקע. די לימו־דים זיינען, פאַרהעלטנישמעסיק, אָנגעגאַנגען נאָרמאַל. די גרינדונג פון דער פאָלקשול (די פאָלקשול און קינדערגאָרטן האָבן געהאַט נאָר 60 קינדער) האָט ארויסגערופן אַ קעגנערשאַפט מצד די תלמוד־תורהס און פון ציוניסטן, וועלכע זיינען געווען אידעישע קעגנערס פון ייִדיש. די קעגנערשאַפט איז געווען ניט אזוי צוליב דעם, וואָס מען לערנט נאָר ייִדיש, נאָר צוליב דער עצם אידעע פון אַ פאָלקשול אויף ייִדיש. מען האָט געזען אין דער ייִדישער פאָלקשול אַ קאָנ־קורענץ צו די רעליגיעזע תלמוד־תורהס. אין יאַנואַר־נומער פון יאָר 1929, איז דער אָפיציעלער ציוניסטישער אָרגאַן, דער „זייאָניסט רעקאָרד", ארויס מיט אַן אַרטיקל קעגן דער שול. דער „זייאָניסט רעקאָרד" אַנטוויקלט אַן „עקאָנאָ־מיש־מאַטעריאַליסטישע טעאָריע", אַז „פון עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט" האָט ייִדיש קיין באַרעכטיקונג ניט: אין דרום־אַפריקע האָט נאָך קיינער ניט פאַר־לאָרן זיין שטעלע צוליבן ניט קענען קיין ייִדיש".

צוליב דעם, וואָס דער פאַרוואַלטער, מ. שור, האָט פאַרלאָזן דרום־אַפריקע און צוליב די גרויסע הוצאות אויפצוהאַלטן די שול, האָט די ערשטע פאָלקשול אין יאָהאַנעסבורג זיך געשלאָסן אין מערץ 1931.

דער ליטעראַרישער און דראַמאַטישער פאַראיין האָט ניט פאַרנומען דעם בכבודיקן אָרט, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרנעמען. אַנשטאָט צו גיין צו דער מאַסע, האָט דער פאַראיין נאַאיוו געוואַרט, אַז די מאַסע זאָל קומען צו אים. דאָך איז דער פאַראיין געווען אַ היים — אַן אַאַזיס פאַר די ייִדיש־ריידנדיקע אין דרום־אַפריקע.

דער ליטעראַרישער פאַראיין האָט גרופירט ארום זיך מערסטנטייל ליבע־ראַלע און ראַדיקאַלע עלעמענטן מיט אידעאַליזם און דורשט נאָך וויסן. עס האָט זיך דאָרט געפילט אַ חברשאַפט און בטחון אין אַ מער יושרדיקן מאָרגן.

דער אידישער ליטעראַרישער פאַראיין האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די מזרחדיקע ייִדן פון יאָהאַנעסבורג און אויך אויף די ייִדן איבערן גאַנצן לאַנד.

אויסער די יעניקע, וועלכע האָבן געהערט צו רעוואָלוציאָנערע און ציו־ניסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן די געקומענע — מיטליאָריקע און יוגנטלעכע — ניט געהאַט פריער די געלעגנהייט צו באַקאַנען זיך און לייענען ייִדישע בי־כער. דער ליטעראַרישער פאַראיין האָט אַנטוויקלט ביי זיי דעם אינטערעס און ארייַנגעצויגן זיי אין דער ספערע פון דער מאָדערנער ייִדישער קולטור.

אין „פאַראיין" האָט מען זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט און אָנגעהייבן אינ־טערעסירן זיך מיט די ווערק פון ייִדישע שרייבערס; מען האָט אָנגעהייבן לייע־

נען יידישע ביכער און באַקאַנען זיך מיט יידיש־וועלטלעכע פּראָבלעמען און מיט ליטעראַטורן אין אַנדערע שפּראַכן.

אין „פּאַראיין״ האָבן אַ סך פון זיי געהערט, ווי מען באַהאַנדלט וועלטלעכע ענינים אין מאַמע־לשון.

מען האָט זיך שטיל געפרייט, וואָס די אייגענע שפּראַך איז ביכולות צו באַהאַנדלען אַזעלכע פראַגן.

פון אָנהויב האָט מען זיך טאַקע מער אינטערעסירט מיט אויסלערנען זיך ענגליש. אָבער אַ דאַנק דעם „פּאַראיין״ האָט מען אָנגעהייבן שעמען זיך און אָפּלאַכן פון אַ פאַרגרייזטן יידיש געמישט מיט ענגלישע ווערטער.

דער ליטעראַרישער פּאַראיין האָט זיי געלערנט צו באַטראַכטן דעם אייגע־נעם לשון מיט רעספּעקט און באַקאַנען זיך מער מיט דער וואַקסנדיקער מאָדער־נער יידישער ליטעראַטור.

צוליב אידעאָלאָגישע רייבונגען און צוליב דעם, וואָס דער „אידישער אַר־בעטער־קלוב״ (אַ פּראָגרעסיוו־רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אויך פאַרנומען מיט קולטור־אַרבעט) האָט אָפּגעצויגן אַ געוויסע צאָל טוערס, און אויך צוליבן דוחק אין פינאַנציעלער שטיצע, איז „דער אידישער ליטעראַרישער און דראַמאַטישער פּאַראיין״ אונטערגעגאַנגען אין יוני 1932.

דער ליטעראַרישער פּאַראיין האָט אָן צווייפל געשלאָגן וואָרצלען. אַ דאַנק דעם „פּאַראיין״ האָבן אַ סך יונגע מענטשן זיך דערנענטערט צו דער מאָדערנער, פולסירנדיקער און רייכער יידישער ליטעראַטור.

ווען דער „פּאַראיין״ האָט זיך ליקווידירט, האָט מען די ביכער פון זיין ביב־ליאָטעק איבערגעגעבן דער יאָהאַנעסבורגער שטאָטישער ביבליאָטעק.

ווי אזוי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין „אַפריקאַנער״

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן אין אויגוסט 1914, איז דרום־אַפריקע, ווי אַ טייל פון דער ענגלישער אימפּעריע, געוואָרן אריינגעצויגן אויטאָמאַטיש אין דעם קריג. דאָ האָט מען קיין צוואַנג מיליטער־דינסט ניט איינגעפירט, כדי צו פאַרמיידן אַ רעוואָלט מצד די בורן, ווייל אַ סך פון זיי זיינען געווען פיינטלעך געשטימט צו ענגלאַנד. אָפיציעל איז דאָס אָנשליסן זיך אין דער אַרמיי אין קאַמף קעגן שונא געווען פרייוויליק.

יאָהאַנעסבורג — אזוי ווי קייפּטאַון און דערבן — איז געווען, אזוי צו זאָגן, אַן ענגלישע שטאָט, אין וועלכער עס האָט געהערשט אַ שטאַרקער ענגלישער פּאַטריאָטיזם. ניט נאָר האָט מען אָנגעפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע, אז אַלע מי־ליטער־פעיקע זאָלן זיך אָנשליסן אין דער אַרמיי, נאָר מען האָט פשוט אָנגע־ווענדט אַ דרוק, אז יעדערער, באַזונדערס די ניט־בורן, זאָלן זיך אָנשליסן אין קאַמף קעגן שונא.

די לאַגע פון דעם רוב ענגלישע יידן איז געווען אַ קלאָרע: זיי — פונקט, ווי דאָס רוב ענגלישע אין דרום־אַפריקע און אין אַנדערע ענגלישע קאָלאָניעס, זיינען געווען אפשר נאָך מער פּאַטריאָטיש, ווי די ענגלענדער אין ענגלאַנד גופא. ענגלאַנד איז אין קריג — זיינען זיי געווען גרייטפּאַרטיק צו פּאַרטיי־דיקן די ענגלישע אימפּעריע.

אַ גרויסער טייל פון די דייטשישע יידן זיינען געווען דרום־אַפריקאַנער בירגערס. זיינען זיי אָפיציעל געבליבן נייטראַל. אין דער מלחמה־צייט זיינען זיי געוואָרן „שטילער פון וואַסער און נידעריקער ווי גראָז". מאַנכע פון זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי. אָבער די, וועלכע זיינען געווען דייטשי־שע בירגערס, האָט מען איזאָלירט צוזאַמען מיט די ניט־יידישע דייטשן אין אַ לאַגער. אויסנאַמען זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר אַלטע תושבים.

גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע פון די רוסישע יידן. די פאַרענגלישטע רוסישע יידן האָבן מער־ווייניקער נאָכגעטאָן די ענגלישע יידן. אָבער דאָס רוב רוסישע יידן, פון וועלכע אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט זיינען געווען מיליטער־פּעיק, האָבן זיך געפונען אין אַן אומרואיקער לאַגע.

ביי זיי האָט זיך געשטעלט די פראַגע: „פאַרוואָס און פאַר וועמען?" זיי־ערע פרויען און קינדער, עלטערן, ברידער און שוועסטער זיינען אין דער אַל־טער היים, און זיינען אָפּהענגיק פון זייער שטיצע באַזונדערס איצט — ווען מען האָט זיי ארויסגעשיקט („עוואַקואירט") פון זייערע היימען אין משך פון 24 שעה צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געלעבט אין שכנות מיט דייטשלאַנד.

די רוסישע יידן פון יאָהאַנעסבורג האָבן ליב דרום־אַפריקע. אָבער, וואָס פאַר אַ דירעקטע שייכות האָבן זיי מיט ענגלאַנד און מיט דער ענגלישער אימ־פּעריע, אַז זיי זאָלן פאַרן טויזנטער מיילן צו ריזיקירן זייערע לעבנס פאַר איר? און — דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז דאָך ענגלאַנדס הויפּט־שותף! אָט דאָס רוסלאַנד, וואָס באַהאַנדלט די יידן אזוי אכזריותדיק און באַגייט רציחות קעגן זיי!

מען האָט נאָך גוט געדענקט דעם קישענעווער פּאָגראָם, דעם עלילת־דם־פּראָצעס קעגן ביילִיסן, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק. יידן איז דאָך דאָרט אין אַ סך פּראָווינצן ניט דערלויבט צו וווינען — ענלעך צו דער לאַגע פון די אינדיער אין דרום־אַפריקע. מען האָט ניט געקענט פאַרגעסן, אַז אין רוסלאַנד הערשט אַ גוואַלדיקער אַנטיסעמיטיזם און אונטערדריקונגען, וועלכע ווערן געשטיצט פון דער רעגירונג גופא.

דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס ביי אַ סך רוסישע יידן איז ניט געווען קיין ענטוזיאַזם פאַר דעם רוף פאַר — „אַ מלחמה פאַר פרייהייט, גערעכטיקייט און זעלבסטווערדע". דער געוויינטלעכער רוסישער ייד האָט אין דער אמתן געוואָלט, אַז מען זאָל דעם צאַרישן רוסלאַנד „גוט אָנברעכן די ביינער", אָבער עמלק־דייטשלאַנד זאָל ניט געווינען; געווינען זאָלן נאָר ענגלאַנד און פראַנק־רייך. דאַקעגן, די ענגלענדער און די ענגלישע יידן זיינען, להיפוך צו די רו־סישע יידן, געווען שטאַרק צופרידן, וואָס אזא מיליטערישער כוח, ווי רוסלאַנד איז אַליאירט מיט ענגלאַנד.

נאָך דעם, ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָבן מאַקס לאַנגער־מאַן און העררי גראומאַן, — פאָרשטייערס פון „באָארד אָוו דעפּיוטיס״, — אַדרעסירט אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג פון יידן און אונטערגעשטראָכן דעם באַדייט פון דער מלחמה און „וואָס ענגלאַנד מיינט פאַר אונדז יידן״. מען האָט אויך אויף דער פאַרזאַמלונג אַפּעלירט צו שטיצן די מלחמה־פאָנדן („אַפריקאַנער״ 27/8/1914).

מען האָט אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע, אַז יידן זאָלן זיך אָנשליסן אין דער אַרמיי. מען האָט באַטאָנט, אַז יידן אין דרום־אַפריקע האָבן פולשטענדיקע פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג, און, אַז ענגלאַנד איז דער סימבאָל פון „פריי־הייט, גערעכטיקייט און זעלבסטווערדע״ („אַפריקאַנער״ 18/2/1915).

די ענגלישע יידן האָבן ניט געוואָלט פאַרשטיין די סיבות, פאַרוואָס אַ גרע־סערע צאָל רוסישע יידן שליסט זיך ניט אָן אין דער אַרמיי.

די, וועלכע האָבן שטענדיק געקוקט אויף די מזרח־אייראָפּעאישע יידן פון „אויבן אַראָפּ״, האָבן ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס די רוסישע יידן, וועלכע געניסן פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג, ווי אַלע אייראָפּעער אין דרום־אַפרי־קע, זיינען ניט באַרייט צו ריזיקירן זייערע לעבנס פאַר ענגלאַנד, וועלכע איז די באַלעבאָסטע פון דרום־אַפריקע. דער „באָארד אָוו דעפּיוטיס״ — די אָפּי־ציעלע פירערשאַפט פון די דרום־אַפריקאַנער יידן — האָט אָנטייל גענומען אין דעם רוף, אַז די רוסישע יידן זאָלן זיך אָנשליסן אָן דער אַרמיי אין גרעסערע צאָלן. די מיליטער־פעיקע רוסישע יידן האָבן שטאַרק „געשטאָכן די אויגן״. מען האָט זיי באַטראַכט פאַר פּחדנים, וועלכע איגנאָרירן זייער פליכט. די באַ־ציאונג פון די פּאַטריאָטישע ענגלישע יידן צו די מיליטער־פעיקע רוסישע יידן איז געווען זייער אַן אומפריינדלעכע.

געוויסע ענגלישע יידן און די איינציקע וואָכנטלעכע ענגליש־יידישע צייַ־טונג, די דרום־אַפריקאַנער „דזשואיש קראָניקל״ (וואָס האָט פּרעטענדירט צו רעפּרעזענטירן די דרום־אַפריקאַנער ענגלישע יידן), זיינען ארויס עפנטלעך מיט אַ שאַרפער אַטאַקע און מיט באַליידיקונגען קעגן די רוסישע יידן, וועלכע שליסן זיך ניט אָן אין דער אַרמיי. אָט די אַטאַקעס זיינען שטאַרק אויסגע־נוצט געוואָרן דורך די אַנטיסעמיטן און רעקרוטירונג־אַגענטן. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפע בייזקייט צו די רוסישע יידן.

מילדער געמאַכט די לאַגע האָט די שתדלנות מצד דעם ״באָארד אָוו דע־פּיוטיס״ און הויפּטזאַכלעך דער פאַקט, וואָס געוויסע בורישע גענעראַלן זיינען אריבער צו די דייטשן, ווען די דייטשן פון דרום־מערב־אַפריקע זיינען אריבער די גרענעץ פון די יוניאָן. ווען דאָס האָט פּאַסירט, האָט אַ היפּשע צאָל רוסישע יידן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי צו קעמפן קעגן די דייטשן, וועלכע זיינען אריבערגעטראָטן די דרום־אַפריקאַנער גרענעץ.

די שטעלונג פון „אַפריקאַנער״ צו דער מלחמה איז געווען אַ סקעפּטיש־פּאַציפיסטישע און אָפטמאָל אַ נאַאיווע. אָט, ווי דאָס ווערט אָפּגעשפּיגלט:

„עס קומט פאַר אַ מלחמה. אייראָפּע שלאָגט זיך ! מיליאָנען יידן שלאָגן זיך. פאַר וועמען, פאַרוואָס ?‟ „רוסלאַנד אונטערדריקט נאָך די יידן. אין געוויסע שטעט, וווּ די מע־נער זיינען אויפן שלאַכטפעלד, האָט מען זייערע פרויען און קינדער ארויסגעשיקט‟ („אַפריקאַנער‟ 8/10/1914). „אייראָפּע טרעט מיט די פיס די מאָראַליטעט, קונסט, וויסנשאַפט, פרייהייט — די גאַנצע ציוויליזאַציאָן‟ („אַפריקאַנער‟ אָקטאָבער, 1914).

ביי אַ סך יידיש־ריידנדיקע האָט זיך געפילט אַ שטאַרקע פאַרביטערונג צו־ליב דער אַלגעמיינער בלוט־פאַרגיסונג דורך דער מלחמה. די פאָלגנדיקע צי־טאַטן פון „אַפריקאַנער‟ שפּיגלען דאָס אָפּ.

„פאַרפלוכטער קריסטנטום, אין וועמענס נאָמען אַ וועלט ווייקט זיך איצט אין בלוט‟ (בנציון הערש „אַפריקאַנער‟ 6/1/1916). אין אַ לייטאַרטיקל פון 1/6/1916 שרייבט „דער אַפריקאַנער‟:

„מיר בעטן צו גאָט, מיר בעטן זיין רחמנות, מיר בעטן ער זאָל אונדז שיצן פון שונא. האָבן מיר דען ווען געהאַט אַן איבערצייגונג פון זיין ווירקונג ? האָט ער ווען געהאָלפן ? האָבן ווען קאַפּיטלעך תהילים ארויסגעטריבן דעם שונא פון זיינע „טרענטשעס‟ ? איז עס ניט אַן איינפאַכער שווינדל צו פאַרגלעטן די אייגענע ברוטאַליטעט מיט דער הילף פון גאָט ? יעדנפאַלס, יאָ בעטן גאָט, אָדער ניט בעטן גאָט, די קלעגלעכע לאַגע פון דעם גרויסן אייראָ־פּעיישן שלאַכט איז אַלץ די זעלבע‟.

אין אַן איבערבליק איבער דעם פאַרגאַנגענעם יאָר (7/1/1915) ווערט קוים דערמאָנט וועגן דער וויכטיקייט און באַדייט פון דער מלחמה — ווי די מלחמה וואָלט געווען זייער ווייט, און האָט ווייניק צו טאָן מיט דרום־אַפריקע. וואָס עס ווערט יאָ דערמאָנט איז — „עס ווערן געהרגעט אַ סך אידן און אַנדערע‟, און „וואָס אידן פון איין צד שלאָגן זיך מיט אידן פון אַן אַנדער צד‟. אין זעלבן נומער אין אַן אַרטיקל וועגן דעם נייעם יאָר, 1915, ווערט געזאָגט:

„אונדזער לאַגע איז פיל טראַגישער, פיל ביטערער, פיל טרויעריקער, ווי די לאַגע פון אַנדערע פעלקער און נאַציאָנען, וועלכע פאַרגיסן זייער בלוט‟. „אונדזער טראַגעדיע באַ־שטייט אין דעם, וואָס מיר שלאָגן זיך איינע מיט די אַנדערע, איין גלות־איד מיט אַנדערע גלות־אידן‟. „פיר וועמענס פאָטערלאַנד שלאָגט זיך דער איד מיט זיין אייגענעם ברודער ?‟. „האָט ער דען די פולע רעכט ?‟

אין אַ לייטאַרטיקל „פּאָליטישער איבערבליק‟ (1/4/1915) ווערט געזאָגט:

„אַכט מאָנאַטן זיינען שוין פאַרבייגעלאָפן זינט דער בלוטיקער קריג האָט זיך אָנגע־פאַנגען. די גאַנצע צייט פון קריג האָט מען זיך ניט אויף איין מינוט אָפּגערוט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם — שבת, יום־טוב און וואָך, גאַנץ גלייך, אלץ געשלאָגן זיך, געריסן זיך און גע־טויט. ניט געשוינט דעם הייליקן „קריסטמעס‟, ניט געשוינט דעם ניי־יאָר. וואָס פאַר אַ ווירדע קען האָבן רעליגיאָן, עטיק, מענטשלעכע געפילן ווען די בעסטיע אין מענטשנגע־שמאָלט שפּילט זיך פונאַנדער‟.

אין אַן איבערבליק פון יאָר 1916 ווערט געזאָגט אין „אַפריקאַנער‟ (4/1/1917):

„קענען מיר האָפן אויף פרידן אין 1917 ?‟ „איבער $2\frac{1}{2}$ יאָר, ווי אייראָפּע ווייקט זיך אין מענטשן־בלוט און טרערן ; ווי אייראָפּע ווערט פאַרניכטעט און יעדער ווער עס קאָן

נאָר מער פאַרניכטן, מער צעשטערן — באַרימט זיך מיט זיין העלדנטאַט, מיט זיין מוט, מיט זיין קולטור, מיט זיין ציוויליזאַציאָן, מיט זיין הומאַניטעט, אָפטמאָל אויך מיט זיין רעליגיאָן. דען אויפן שלאַכטפעלד געפינען זיך אויך גייסטלעכע ניט נאָר צו טרייסטן און טאָן זייערע רעליגיעזע פליכטן, זאָנדערן צו פאַרהיילקין די קאַנאָנען פיר מערדערן, צו באַמוטיקן די קעמפנדע אין זייער פאַרניכטענדען מיסיאָן און צו פאַרשפּרעכן עולם הבא און גן־עדן דעם, וועלכער עס וועט זיך אויסצייכענען אין דער אויפגאַבע פון צעשטערונג. דאָס איז די אויפגאַבע פון די שלוחים פון פרינץ פון פרידן״.

די גרויסע מפלות פון די אַליאירטע און די אכזריותדיקע טאַט פון זינקען די „לוסיטאַניע״, האָט שטאַרק פאַרשאַרפט דעם האַס צו די דייטשן. עס איז דערגאַנגען דערצו, אז מען האָט פאַרברענט ביז 100 דייטשישע (מערסטנס דרום־אַפריקאַנער בירגערס) געשעפטן — אַ טייל יידישע.

אין „אַפריקאַנער״ פון 2/5/1918 ווערט קאָנסטאַטירט, אז: „אין דרום־אַפריקע האָבן איבער 2400 רוסישע אידן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אַרמיי״. פּאַק־טיש איז די צאָל געווען גרעסער.

אין „אַפריקאַנער״ פון 9/5/1918 לייענען מיר: „אַ שענדלעכע האַנדלונג פון דייטשישע יאַהודים, וועלכע האָבן ניט געוואָלט באַגראָבן אַ רוסישן אידישן קריגס־געפאַנגענעם אויף זייער בית־עולם״.

קורץ און אָן שום ענטוזיאַזם ווערט מיט גרויסע אותיות אין „אַפריקאַנער״ פון 14־טן נאָוועמבער 1918, געמאָלדן, אז מאָנטאַג, דעם 11־טן נאָוועמבער, איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ וואַפנשטילשטאַנד. דייטשלאַנד האָט זיך אונטער־געגעבן! „די גרויסע בלוטיקע קריג איז צו ענדע. שלום!״

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די באַלפור־דעקלאַראַציע

וואָס לענגער די מלחמה האָט זיך געצויגן, אלץ מער האָבן דאָס רוב רוסי־שע יידן געפילט זיך באַאומרואיקט, דערדריקט און באַזאָרגט. מען האָט זיי באַטראַכט פאַר „אויסלענדער״ און מען האָט זיך באַצויגן צו זיי ניט פריינדלעך דערפאַר, וואָס אַ ניט־גענוגנדיקע צאָל פון זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן פרייוויליק אין דער אַרמיי.

אַ צווייטע סיבה איז געווען דאָס, וואָס דער קליינהאַנדל אין יאָהאַנעסבורג איז געלעגן, אין אַ גרויסער מאָס, אין די הענט פון די רוסישע יידן. אין צייט פון קריג פלעגן די פרייזן כסדר שטייגן. עס איז געוואַקסן דער דוחק אין גע־ווייסע סחורות. אין מלחמה־צייט פלעגן קרעמערס און הענדלערס ספעקולירן און מאַכן גרויסע פּראָפיטן. דאָס האָט ארויסגערופן בייז־בלוט צו די יידישע קרעמערס מצד די אָרעמע שיכטן און מיטל־קלאַס. מען האָט זיי באַשולדיקט פאַרן מאַנגל אין געוויסע סחורות, און אויך פאַר די הויכע פרייזן.

די פּאַטריאָטישע ענגלענדער האָבן געהאַפט, אז די פיל־מיליאָניקע רוסי־שע אַרמייען וועלן פשוט צעטרעטן די דייטשן. אָבער, אַנשטאָט דעם, האָט דער רוסישער „בער״ געכאַפּט גוואַלדיקע קלעפּ פון די דייטשן. די רוסישע מפלות צוזאַמען מיט די ענגלישע און פראַנצויזישע מפלות, האָבן געשאַפן זייער אַן אָנגעשטרענגטע באַציאונג צו די רוסישע יידן.

הגם עקאָנאָמיש האָט די לאַגע פון גרעסטן טייל רוסישע יידן זיך שטאַרק פאַרבעסערט, — אַ סך פון זיי זיינען אפילו רייך געוואָרן אין דער צייט פון קריג, — זיינען זיי, אָבער, געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן זייערע נאָענטע אין דער אַלטער היים. צוליב דער מלחמה זיינען זיי געוואָרן אָפּגעשניטן. זיי האָט געמאַטערט דער געדאַנק: צי לעבן נאָך זייערע נאָענטע אין דער אַלטער היים? ווו געפינען זיי זיך? צי זיינען זיי געזונט, און צי האָבן זיי וואָס צום עסן?

אין אָט דעם פסיכאָלאָגיש־אָנגעשטרענגטן צושטאַנד האָבן צוויי געשעע־נישן געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין דעם לעבן פון די היגע רוסישע יידן: די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די באַלפור־דעקלאַראַציע. ביידע געשעענישן האָבן ווי אויפגעבליצט און געבראַכט אַ פונק פון ליכט און האָפענונג.

אין „אַפריקאַנער" פון 22/3/1917 ווערט געמאָלדן מיט גרויסע אותיות: „די רעוואָלוציאָן אין רוסלאַנד!" „דעם צאַר אַראָפּגעזעצט!" „מאַניפעסטן פון דער נייער רעגירונג: פרייהייט, גלייכהייט פאַר אַלע רעליגיאָנען!" „פּאָלקאָ־מע פרייהייט פאַר אידן אין רוסלאַנד". אין אַ לייטאַרטיקל (29/3/1917) ווערט געזאָגט:

„רוסלאַנד איז געוואָרן פריי! רוסלאַנד האָט אָנגעפאַנגען צו פילן איר קראַפט און איר מאַכט!" „אויב דער איצטיקער קריג וואָלט ניט מער געבראַכט, ווי אָט די אויסבעסע־רונג; אויב דער איצטיקער קריג וואָלט נאָר געווען די אורזאַכע פון דער באַפרייאונג פון דער גרויסער מעכטיקער רוסישער נאַציאָן, — זיינען ווערט אַלעליידן און קרבנות, וואָס אייראָפּע האָט געבראַכט. מיר גלויבן קוים אויב יעמאַנד דאָ קען פאַרשטיין און פילן וואָס דאָס מיינט באַפרייט צו ווערן פון אַן אייביקע שקלאַפעריי".

אַ וואָך שפּעטער איז אברהם קימעל ארויס מיט אַ פייערדיקן אַר־טיקל: „פּעטראָפּאַוולאָווסק געפאַלן! נייע קרעפטן און נייע האָפענונגען פאַר אַ בעסערער און ליכטיקערער צוקונפט". און פאַרענדיקט מיט אַ פּאָעמע:

קומט ארויס, איר פאָלקס־־מאַרטירער
פון די ענגע קאַזעמאַטן —
ס'קרוינט דאָס פאָלק אייך אַלס די פירער
פאַר די גרויסע העלדן־טאַטן...

קומט ארויס! עס קלינגען לידער...
שאָטנס פליען פאַר דער ליכט
גריסט די מאַסן מוטיק ווידער
מיט אַ שטראַלענדן געזיכט...
קומט ארויס! טרומפּעטן שאַלן
רופן צו אַ נייעם לעבן —
אַלטע תליות ברענען, פאַלן,
נייע קרעפטן וועקן, שטרעבן...
קומט אַרויס! אַ, אונטערדריקטע,
זינגט מיט אַלעמען אין כאָר:
זאָל די מענטשהייט אַ באַגליקטע
אינם צוקונפט בליקן קלאָר!

אין ראש־השנה־נומער פון „אַפריקאַנער״ (2/8/1917) ווערט געזאָגט: „מיר אידן זיינען דעם פאַריקן יאָר באַפרייט געוואָרן פון די אייביקע רוסישע קנעכטשאַפט״...

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ארויסגערופן אַ גוואַלדיקע שמחה. „ענדלעך געקומען די באַפרייאונג!״ „אַ וועלט־געשעעניש!״ „יידן זיינען שוין פריי און גלייכבארעכטיקט!״

מען האָט געמאַכט אַ „לחיים״ לכבוד דער רעוואָלוציע. ווען ניט די מלחמה, וואָלטן געוויס געווען אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס און עפנטלעכע פייערונגען.

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין די שמועסן ביי די פּראָגרעסיווע און ליבעראַלע יידן — אין גאַס, אין רעסטאָראַן, אין קאַפע, צווישן לאַנדסלייט און אין דער היים. אַלע האָבן געגאַרט נאָך מערער אינ־פאָרמאַציעס. נייעס פלעגט מען פשוט מיט „אָפענע מיילער״ שלינגען. אין „אַפריקאַנער״ ווערט געזאָגט: „די נייעס, וואָס מיר קריגן פון רוסלאַנד, זיינען נאָך אַלץ מאָגער״.

שפּעטער האָט זיך גענומען דרוקן אין „אַפריקאַנער״: „די מאַקסימאַליסטן זיינען געקומען צו דער מאַכט״. אין נומער פון 15/11/1917, ווערט געמאָלדן: „גרויסע איבערקערעניש אין רוסלאַנד. די עקסטרעמע סאָציאַליסטן פאַרנע־מען די רעגירונג. זיי האָבן צוגעזאָגט דער רוסישער באַפעלקערונג באַלדיקן וואָפנשטילשטאַנד און שלום״. „איבערגעגעבן די גרונט צו די פּויערים״. „לענין, דער פירער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, איז געוואָרן דער פי־רער פון רוסלאַנד!״

דעם 24־טן מיי 1917, ווערט אין „אַפריקאַנער״ געמאָלדן, אַז „רוסישע אונ־טערטאַנען וועלן מער ניט רעקרוטירט אין דער דרום־אַפריקאַנער אַרמיי״. אין אַן איבערבליק פאַרן יאָר 1917, ווערט אין דער צייטונג געזאָגט (27/12/1917): „אַ גרויסע אימפּעריע אין מיטן אייראָפּע, פיר וועלכע אַלע האָבן געציטערט איז געפאַלן״.

די האָפנונגען פון אַ סך יידישע און ניט־יידישע ליבעראַלן, אַז „די איצטי־קע קריג וועט פיל געווינען דורך דער רוסישער באַפרייאונג״ („אַפריקאַנער״, 22/3/1917), איז ניט מקוים געוואָרן. עס האָבן זיך גענומען באַווייזן פון פריער שטאַרק דורך דער צענזור־אונטערדריקטע אינפאָרמאַציעס, אַז אויף די רוסישע פראָנטן קומט פאָר אַ שטאַרקע דעמאָראַליזאַציע, און אַז רוסישע סאָלדאַטן האָבן גענומען פאַרלאָזן די שלאַכטפעלדער און קערן זיך צוריק צו זייערע היימען מיט די אויסרופן: „גענוג! מיר ווילן זיך מערער ניט שלאָגן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועך!״

אין די ערשטע חדשים נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען זיך נאָך געשלאָגן אויף אייניקע פראָנטן. אין מאַנכע פלעצער האָט מען רעאָרגאַניזירט די אַרמיי אין קאַמף קעגן די דייטשן. דאָס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די פראָנטן זיי־

נען זיך, כמעט ווי אינגאַנצן, צעפאַלן נאָכדעם, ווי די באָלשעוויסטישע רעגי־רונג מיט לענינען בראש זיינען גאַנץ קאַטעגאָריש ארויס מיט די שלאָג־ווערטער: „וואָפּנשטילשטאַנד” און „מיר ווילן זיך מערער ניט שלאָגן. מיר ווילן שלום”.

דער פאַקט, וואָס רוסלאַנד הערט אויף ווערן אַ כוח אין קאַמף קעגן די דייטשן, דאָס ניט וועלן פאַרשטיין די געשאַפענע לאַגע דאָרט, די סיבות, פאַר וואָס די רוסישע סאָלדאַטן פאַרלאָזן די פראָנטן אין דער צייט, ווען די מלחמה איז נאָך ניט פאַרענדיקט, און דער פאַקט, וואָס די עקסטרעמע סאָציאַליסטן האָבן איבערגענומען די מאַכט — האָט ארויסגערופן בייז־בלוט און שטאַרקן צאָרן ביי די ענגלישע פאַטריאָטישע עלעמענטן. אָט דעם שטאַרקן צאָרן האָבן די אַנטיסעמיטן און שטאַרק פאַטריאָטישע עלעמענטן אויסגעלאָזן צו די היגע רוסישע יידן.

מען האָט געשריבן אין די צייטונגען, און מען האָט פאַרשפּרייט אַנטיסע־מיטישע פּראָפּאַגאַנדע: לענין איז אַ ייד; כמעט אַלע באָלשעוויסטישע פירערס זיינען יידן. די רוסישע יידן דאָ אין לאַנד זיינען באָלשעוויקעס, אָדער סימפּאַ־טיקער פון די באָלשעוויקעס. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס אָפּלייקענען, אַז לע־נין, צ.ב.ש., איז ניט קיין ייד. מאַנכע יידן האָבן אפילו געשריבן אין די צייטונ־גען, אַז ניט נאָר איז לענין ניט קיין ייד, נאָר, אַז „ער איז אַן אַנטיסעמיט”.

אין יאָהאַנעסבורג און אין אַנדערע שטעט האָט זיך אָנגעהייבן פילן אַ מער בולטע אַנטיסעמיטישע שטימונג קעגן די רוסישע יידן.

אפילו נאָך דעם זיגרייכן שלום איז די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אָנגע־גאַנגען. אין „אַפריקאַנער” פון 12/12/1918, ווערט געזאָגט, אַז מען האָט די רוסישע יידן גערופן: „פּריער, „פּאַרוווניק”, דערנאָך (אין קריג צייט) „פּראָ־דזשערמאַן”, און איצט — „באָלשעוויק”.

אין „אַפריקאַנער” פון 19/8/1918, ווערט געמאָלדן, אַז „ענגלישע קריג־שיפן, צוזאַמען מיט אַנדערע, אַטאַקירן די באָלשעוויסטישע אַרמיי”.

אין „אַפריקאַנער” פון 5/12/1919, ווערט געמאָלדן, אַז „די דרום־אַפריקאַ־נער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, פּראָטעסטירנדיק קעגן דער אַליאירטער מיליטערישער אינטערווענץ צו אונטערדריקן די אַרבעטער־רעגירונג אין רוסלאַנד”.

באַלפור־דעקלאַראַציע

נאָך דער דערקלערונג פון די אַליאירטע פעלקער צו געבן זעלבשטענדי־קייט צו די קליינע נאַציעס, האָט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע אַגיטירט, אַז מען זאָל געבן פּאַלעסטינע צו די יידן. (פּאַלעסטינע האָט דאַן געהערט צו טערקיי).

וואָס ווייטער, איז די פאָדערונג געוואָרן שטאַרקער און מער אָרגאַניזירט. אין „אַפריקאַנער” ווערט איבערגעגעבן די צאָל פון אַ סך אָרגאַניזאַציעס אין

אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, וועלכע זיינען ארויס מיט דער פאָדערונג, אַז פּאַלעסטינע זאָל געגעבן ווערן צו יידן. עס ווערן דאָרט אויך איבערגעגעבן אינטערוויוען און פּאָזיטיווע ענטפערס פון פאַרשיידענע שטאַאַטסלייט און פירנ־דיקע פּערזענלעכקייטן וועגן פּאַלעסטינע פאַר יידן. די ציוניסטישע פעדעראַ־ציע אין דרום־אַפריקע איז אויך געווען זייער אַקטיוו. מען האָט דאָ אָרגאַניזירט פאַרזאַמלונגען, און מען האָט צונויפגערופן אַ לאַנד־קאָנפערענץ, אויף וועלכער מען האָט איינשטימיק באַשלאָסן צו פאָדערן פון די אַליאירטע פעלקער, אַז מען זאָל דער יידישער נאַציע געבן פּאַלעסטינע.

דעם 10־טן מיי 1917 — זעקס חדשים פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ווערט געזאָגט אין „אַפריקאַנער“:

„עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גאַנץ נייע קאָמעדיע. מען האָט אָנגעפאַנגען צו ריידן שטאַרק וועגן ציון. עס קומען אָן קייבל־באַריכטן, אַז מען רעדט וועגן אַ יידישן שטאַאַט; אַז אין וואַשינגטאָן רעדט מען וועגן א יידישע רעפּובליק“.

דעם 7־טן יוני 1917, ווערט געשריבן אין „אַפריקאַנער“:

„די נייעס וועגן פּאַלעסטינע און אידן. די פראַגע איז אָן צווייפל פון די גרעסטע וויכ־טיקייט. כמעט אַלע גרעסטע שטאַאַטסלייט פון די אליאירטע האָבן באַשלאָסן תיכף, ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן, צו פאַרווירקלעכן דעם צוויי־טויזנט־יעריקן אידעאַל פון יודנטום — דאָס צוריקשטעלן פּאַלעסטינע פאַר די אידן“.

אין „אַפריקאַנער“ פון 19/7/1917, ווערט איבערגעגעבן, אַז „ל אָ ר ד ר אָ ט ש י ל ד דערקלערט זיך אַלס ציוניסט“.

א ב ר ה ם ק י מ ע ל איז ארויס מיט אַ גרויסן פייערדיקן אַרטיקל, גע־דרוקט אין „אַפריקאַנער“ 13/9/1917 (דאַטירט, בלומפאָנטיין, דעם 20/8/1917) — אָן ערך דריי חדשים פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע: „דער היסטאָרישער מאָמענט!“ ער שרייבט: „איך, אַ געוועזענער בונדיסט, בין נישט קיין שקל־ציוניסט; אָבער היינט, ווען פּאַלעסטינע האַלט ביים ווערן אַ פרייער שטאַאַט פאַרן יידישן פאָלק, ווער קען זיין קעגן?“

אין „אַפריקאַנער“ פון 15־טן נאָוועמבער 1917, ווערט מיט גרויסע אותיות געמאָלדן, אַז פרייטאָג, דעם 9־טן נאָוועמבער, האָט ל אָ ר ד ב אַ ל פ ו ר, אין נאָמען פון דער ענגלישער רעגירונג, געמאַכט אַ דעקלאַראַציע — „פּאַלעסטינע פאַר יידן!“ גלייך מיט אָט די נייעס איז דאָ אַ פייערדיקער אַרטיקל וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע: „ווי אַן עלעקטרישער ציטער איז דורכגעגאַנגען אין יעדער אידישע הארץ, לעזנדיק פאַריקן שבת דעם קורצן באַריכט אין די טעג־לעכע ענגלישע פּרעסע, אַז ענגלאַנד האָט אָפיציעל דערקלערט איר סימפּאַטיע מיטן ציוניזם און פאַרשפּרעכט צו טאָן איר בעסטע צו העלפן אידן האָבן אַ נאַ־ציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע“. דער אַרטיקל איז אונטערגעשריבן P. (ה. פּאָלסקי). עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין די ווייטערדיקע עטלע־כע נומערן „אַפריקאַנער“ ווערט וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע, כמעט ווי ניט

דערמאָנט, קאַנטיק, דערפאַר, וואָס פּאַלעסטינע איז נאָך געווען אין באַזיץ פון די טערקן — א שונא פון די אַליאירטע.

יידן האָבן נאָכגעפאָלגט מיט אינטערעס און פרייד די ענגלישע זיגרייכע חיילות ביז פּאַלעסטינע איז אינגאַנצן באַזיגט געוואָרן. אין „אַפריקאַנער" פון 26/9/1918, ווערט געזאָגט, אז „די אַפריקאַנער ציוניסטישע פעדעראַציע האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע צו גענעראַל אַ ל ע נ ב י, און קאָנגראַטולירט אים אויף די גלענצנדע זיגן".

אין דער צייט, וואָס דאָס רוב רוסישע יידן האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע און גענומען וועבן פאַנטאַזיעס וועגן פּאַלעסטינע, ווי אַן ארץ־ישראל — אָט פונקט, ווי „ענגלאַנד פאַר די ענגלענדער" — האָבן אָבער די מערב־אייראָפּעישע יידן, מיטן אויסנאַם פון מערב־אייראָפּעישע ציוניסטן, נאָר באַטראַכט מיט צופרידנקייט, וואָס די דעקלאַראַציע איז געקומען פון מלכות־ענגלאַנד, און וואָס עס וועט געבן אַ מיגלעכקייט די מזרח־אייראָפּעישע יידן דאָרטן זיך צו באַזעצן.

די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט מאָביליזירט אַלע ציוניסטן אין לאַנד צו שאַפן גרויסע פאָנדן פאַר פּאַלעסטינע. מען האָט געשאַפן דעם „פּאַלעסטינע רעסטאַווראַציע־פאָנד". מען האָט ארויסגעגעבן אַ סך פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל פאַר דער אַקציע. מען האָט אויך ארויסגעגעבן ספּעציעלע בולעטינען א.ג. „רעסטאַווראַציע־פאָנד־בולעטין".

אַ סך מאַסן־פאַרזאַמלונגען זיינען אומעטום אָרגאַניזירט געוואָרן. מען האָט אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט צו ענגלאַנד פאַרן געבן די באַלפור־דעקלאַציע. מען האָט דערקלערט דעם באַדייט פון דער דעקלאַראַציע און אַקצענטירט די פרייד, וואָס עס האָט געבראַכט פאַר די יידן.

אין „אַפריקאַנער" פון 3/10/1918 איז דאָ אַ גרויסער אַנאָנס:

„דער עקזעקוטיוו פון דער דרום־אַפריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע האָט באַשטימט די טעג פון 10־טן ביזן 30־טן אָקטאָבער 1918 אַלס „גאולה־טעג", אין וועלכע עס זאָלן געפּייערט ווערן די גרויסאַרטיקע נצחונות פון די אַליאירטע אין ארץ־ישראל און לכבוד די פּראַקטישע מאַסרעגלען, וועלכע עס ווערן איצט אונטערנומען דורך די ציוניסטישע קאָמיסיאָן — אונטער דער אויטאָריטעט פון די בריטישע פאַרשטייער אין פּאַלעסטינע — מיטן צוועק ווידער צו עטאַבלירן די יודישע נאַציאָנאַלע היים לויט די דעקלאַראַציע פון דעם ענגלישן אויסלענדישן מיניסטער פון לעצטן נאָוועמבער";

„אַלע יודישע קהילות אין דרום־אַפריקע ווערן אויפגעפאָדערט צו אַראַנזשירן „טהיינקגיווינג סערוויסעס", ווי אויך פאַרשיידענע סאָציאַלע פאַרזאַמלונגען און אָוונטן לכבוד די געשעענישן און צו גונסטן פון פּאַלעסטינער רעסטאַווראַציע־פאָנד".

מען האָט אַפּעלירט צו שטיצן דעם רעסטאַווראַציע־פאָנד: „יידן איבערן גאַנצן לאַנד ווערן אויפגעפאָדערט צו באַווייזן פּראַקטיש און מיט איבערגעבנהייט און טרייהייט צו אונדזער אידעאַל און צום אידעאַל פון דער ציוויליזאַציאָן און מענטשהייט".

צוליב דער גרויסער אינפלוענציע־עפּידעמיע, וואָס האָט דאַן געבושעוועט, זיינען די „גאולה־טעג״־פייערונגען אָפּגעלייגט געוואָרן אויפן 8/12/1918, ווען ס׳איז פאָרגעקומען אַ גרויסע מאַסנפאַרזאַמלונג.

(די עפּידעמיע איז געווען אזוי שטאַרק אין יאָהאַנעסבורג, אז אין „אַפרי־קאַנער״ פון 31/10/1918, ווערט געמאָלדן, אז „1921 טויט פעלע אין יאָהאַ־נעסבורג אין 27 טעג).

אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג צו פייערן די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט בן־ציון הערש געזאָגט: „די אידישע געשיכטע איז ניט געשריבן געוואָרן פון אידן, נאָר פון ניט־אידן, און איצט ווערט עס אויך געשריבן ביי אַ ניט־אידן („אַפריקאַנער״ 12/12/1918).

אין „אַפריקאַנער״ פון 29/4/1920 ווערט מיט גרויסע אותיות אַנאָנסירט: „די גוטע בשורה — אידן קריגן ארץ־ישראל״.

„דער הילפס־פאָנד״ — "JEWISH WAR VICTIMS FUND"

שוין אין יאַנואַר 1915, האָבן זיך געעומען באַווייזן בריוו אין „אַפריקאַנער״, פאָרוואָרפנדיק, פאַרוואָס מען טוט גאָרנישט צו העלפן די יידן אין אייראָפּע. אָבער, פאַקטיש זיינען יאָ פאָרגעקומען באַראַטונגען, ווי אזוי צו אָרגאַניזירן הילף פאַר די יידישע מלחמה־ליידנדיקע אין אייראָפּע. די פראַגע, ווי אזוי צו העלפן זייערע נאָענטע, וועלכע ליידן הונגער־נויט, האָט שטאַרק באַאומרואיקט און פאַרשאַפט גרויס זאָרג אַ סך רוסישע יידן אין דרום־אַפריקע.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער „פאַראייניקטער געזעלשאַפט פון פוילישע יידן״ איז ענדלעך, דעם 27־טן יאַנואַר 1915, געגרינדעט געוואָרן „דער אידי־שער הילפס־פאָנד״ (“Jewish War Victims Fund”).

אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג זיינען געווען פאַרטראָטן 43 יידישע אינס־טיטוציעס.

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אז די געלטער זאָלן פונאַנדערגעטיילט ווערן אין דער פאָלגנדיקער פראָפּאָרציע: 65 פראָצענט פאַר רוסלאַנד (אריינרעכענענדיק פוילן און ליטע), 20 פראָצענט פאַר פאַלעסטי־נע, 5 פראָצענט פאַר בעלגיע, און 10 פראָצענט זאָל צייטווייליק געשיקט ווערן קיין אַלעקסאַנדריע, וווהין עס האָבן דאַן אָנגעפאַנגען צו קומען פליטים פון פאַלעסטינע. (שפּעטער האָט מען די פראָצענטן פאַר בעלגיע און אַלעקסאַנדריע איינגעשלאָסן אין דער הילף פאַר רוסלאַנד).

אויף אָט דער פאַרזאַמלונג האָט מען אויך אָנגענומען אַ באַשלוס, אז דער עקזעקוטיוו, ד.ה. דער פאָרזיצער, קאַסיר און סעקרעטאַר, זאָלן זיין באַשטימט פון „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס״. אָט דער באַשלוס איז אַנולירט געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון הילפס־פאָנד.

דעם 18־טן פעברואר 1915, האָט זיך געדרוקט אין „אַפריקאַנער" די ערשטע ליסטע פון מנדבים אונטערן רוף: „פאַר אונדזערע אומגליקלעכע הונגעריקע ברידער אין רוסלאַנד".

קיין פאָנד האָט ביז דאַן ניט ארויסגעוויזן אַזאַ הארציקע נאָענטקייט און ענטוזיאַסטישע איבערגעגעבנקייט, ווי דער „הילפס־פאָנד".

דער „הילפס־פאָנד" האָט שפּעטער־צו פאַרנומען דעם אויבנאַן און האָט אין אַ גרויסער מאָס צעמענטירט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן.

חוץ דעם סיסטעמאַטישן קלייבן געלט פאַרן „הילפס־פאָנד", האָט מען אָרגאַניזירט פאַרשיידענע אונטערנעמונגען: „באַזארס", פאַרווײַלונגען און טענץ. לייענט מען דעם „אַפריקאַנער" פון יענע יאָרן, זעט מען, אז „אומעטום" קומען פאָר טענץ — אַלץ לטובת דעם „הילפס־פאָנד". מען האָט אויך אָרגאַניזירט מאַנאַטלעכע געלט־זאַמלונגען פון הויז צו הויז אין די געגנטן, ווו אַ גרעסערע צאָל יידן האָבן דאַן געוווינט. איין זונטאָג אין חודש פלעגט מען גיין אין די יידישע הייזער קלייבן. אויף אַלע פונקציעס און שמחות האָט מען געקליבן געלט, און אין די סינאַגאָגעס פלעגט מען מאַכן מי שברך'ס פאַרן הילפס־פאָנד. אומעטום האָט מען פאַרקויפט פלעגן. אַ פאַרמער פון פרידעפאָרט האָט מנדב געווען אַ גאַנצן שפּאַן־אָקסן, וועלכן מען האָט געפלעט פאַרן הילפס־פאָנד. דעם 16־טן נאָוועמבער 1915, איז פאָרגעקומען, מיט דער דערלויבעניש פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַ גאַסן־זאַמלונג, אין וועלכער די גאַנצע באַפעלקערונג פון יאָהאַנעסבורג האָט אַנטייל גענומען. חוץ געלט האָט דער הילפס־פאָנד, נאָך דער מלחמה, אויך געזאַמלט זייער פיל קליידער און בגדים. פיל צענדליקער טויזנטער פאַרשיידענע מלבושים האָט מען געשיקט קיין וואַרשע, קאָוונע און אַנדערע שטעט.

אין „אַפריקאַנער" פון 4/1/1917, איז דאָ אַ שאַרפע אַטאַקע קעגן די יידן, וועלכע פאַרן אויף דאַטשע אין מיוזענבערג צו פאַרברענגען, „ווען זייערע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּע שטאַרבן פון הונגער". אין „אַפריקאַנער" פון 25/1/1917 ווערן איבערגעגעבן אויסצוגן פון אַ באַריכט פון דר. מ אַ ג נ ע ס — „שוידערלעכע לאַגע פון אידן אין פוילן און ליטע"; „קינדער געשוואָלן פון הונגער"; „זקנים און פרויען פאַלן אין די גאַסן".

אין „אַפריקאַנער" ווערט זייער אָפט באַטאָנט, אז די ענגלישע יידן האַלטן זיך פון ווייטן, און שטיצן ווייניק דעם הילפס־פאָנד.

אין אַ לייטאַרטיקל „דער פאָנד פאַר די אידישע קריגס־ליידנדיקע" (2/12/1915), ווערט געזאָגט:

„ווי מיר זעען פון די געוויינלעכע מאָנאַטלעכע „קאָלעקשיאָנס" זיינען די ענגלישע אידן כמעט ווי אויסגעשלאָסן. ניט זיי טראָגן ביי און ניט זיי ווילן זאָגאַר אַנטייל נעמען אין די שווערע אַרבעט". הויז־צו־הויז־קלייבערס פלעגן שוין וויסן, אז ביי רוסישע יידן דאַרף מען זען צו קריגן דעם מאַקסימום, און ביי ענגלישע יידן — דאַרף מען נעמען וויפל נאָר זיי גיבן.

זונטאָג, דעם 14־טן נאָוועמבער 1920, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ פון הילפס־פאָנד פון טראַנסוואַל. „דער גרויסער זאַל איז געווען איבערפולט מיט דעלעגאַטן". אויף דער קאָנפערענץ איז דער נאָמען פון פאָנד איבערגעביטן געוואָרן אויף „אידישער הילף און רעקאָנסטרוקציע פאָנד".

אָט וואָס עס שרייבט וועגן „אונדזער הילף"[2], אין מערץ־ און אין אַפּריל־נומער „דרום־אַפריקע", 1923, ר. פ ע ל ד מ אַ ן, איינער פון די אַקטיווסטע טוערס פאַרן הילפס־פאָנד און אויך שפּעטער דער גרינדער און פאָרזיצער פון דעם „קאָלאָניזאַציע־פאָנד":

„װען דער אידישער היסטאָריקער װעט שרייבן די געשיכטע פון דרום־אַפריקאַנער יידנטום, וועט ער האָבן זייער װיכטיק װיכטיקעס צו פאַרשרייבן. צו אומבאַדייטנד איז דאָס, וואָס דער היגער ישוב האָט ביז היינט אויפגעטאָן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און דערהאַלטונג. אַ פאָלק, צי אַ טייל פון פאָלק לעבט דאַן, װען עס שאַפט; און דער היגער יידישער ישוב האָט קולטורעל גאָרנישט געשאַפן און די אויפטואונגען אויף אַנדערע געביטן זיינען צו קליין, עס זאָל האָבן אַ נאַציאָנאַלע װיכטיקייט.

„און דאָך װעט אַ גלענצנדער קאַפּיטל געשריבן װערן. דאָס װעט זיין פון דער לעצטער צייט, אָנפאַנגענדיק מיט דעם אָנהייב פון װעלט־קריג, ביז צום היינטיקן טאָג. עס װעט זיין דער קאַפּיטל װעגן אונדזער הילף — די הילף, װאָס דער יונגער און װייטער ישוב האָט געשיקט צו זיין אַלטער היים, װען אין מזרח־אייראָפּע האָט יידיש־בלוט און טרערן געפלאָסן אין טייכן. עס װעט פאַרצייכנט װערן, אז אין טעג פון שרעקלעכן חורבן האָט דער יונגער דרום־אַפריקאַנער טייל פון יידישן פאָלק שטאַרק געפילט זיין פאָלקס צער, און זיין הילף איז געװען פּראָפּאָרציאָנעל אפשר מער, װי פון װעלכן עס איז אַנדערן טייל, אונטער די זעלבע אומשטענדן.

„אויב דער פאָנד האָט געהאַט די סימפּאַטיע פון ברייטן עולם, האָט עס אָבער קיין מזל ניט געהאַט צו די רייכע יידן. די רייכע יידן האָבן דעם פאָנד איגנאָרירט און צו קיין צייט עס ניט אונטערשטיצט. מיר באַדויערן ניט דעם פאַקט — פאַרקערט, אין דעם ליגט אַ גרויסער טייל פון דעם דערפאָלג פון פאָנד". „אַ גאַנצע ארמיי פון הילפס־פאָנד אַרבעטער האָט זיך אריינגעװאָרפן מיטן גאַנצן האַרצן אין דער ארבעט. ניט אָפּגעשראָקן זיך פאַר די באַליידיקונגען, װאָס איז אָפטמאָל אויסגעקומען צו הערן, פלעגט מען דאָך אויך אויפטרעפן הייזער, װו מען פלעגט די קלייבער דערװאַרטן מיט כבוד און באַגלייטן מיט ברכות".

עס איז ווערט צו דערמאָנען, אז די איינציקע צייטונג, וואָס איז ארויסגעטראָטן קעגן הילפס־פאָנד איז גראָד געווען די „יידיש־ענגלישע צייטונג" .(''S.A. Jewish Chronicle'')

„אַ פראַגע, וואָס האָט ארויסגערופן הייסע וויכוחים איז געווען דער אָנהאַלט צו שיקן 20 פּראָצענט פון די געזאַמלטע געלטער צו פּאַלעסטינע. די גערעכטיקייט פון אַוועקנעמען אַ פינפטל פון די געלט פאַר אזא קליינעם טייל פון פאָלק, אפילו דאַן, ווען די פּאַלעסטינער יידן האָבן געליטן דירעקט פון דער מלחמה, איז געווען צווייפלהאַפט. עס איז אָבער געווען אַ שרייענדע אומגערעכטיקייט, ווען די לאַגע אין פּאַלעסטינע האָט זיך אינגאַנצן געענדערט, און עס זיינען דאָרטן געווען גאָר ווייניק, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אַלס מלחמה־געליטענע אין הילף. פּאָרשלאַגן צו פאַרקלענערן דעם פּראָצענט זיינען גע־

[2]) אונטערן פּסעװדאָנים פּ. ניר.

מאַכט געוואָרן גאַנץ אָפּט, אָבער זיינען אַלעמאָל דורכגעפאַלן. די ציוניסטישע דעלעגאַטן, באַטראַכטענדיק זיך אַלס פאַרטרעטער פון די פּאַלעסטינער יידן, האָבן געווירקט אויף די מערהייט פון די דעלעגאַטן, אז עס זאָל קיין ענדערונג ניט געמאַכט ווערן. זיי האָבן געזאָגט, אז אין דעם ענין פון הילף, קען מען זיך ניט רעכענען מיט דער פּראָפּאָרציע פון די נויט־באַדערפטיקע. איין ייד אין פּאַלעסטינע איז פיל וויכטיקער ווי אַ סך אין גלות״.

די פּאָגראָמען אין פוילן און אכזריותדיקע מעשים און פּאָגראָמען פון די „ווייס־גוואַרדייצעס״, האָבן אין אַ גרויסער מאָס פאַראורזאַכט די סיבה, פאַרוואָס דער „רעליף־פאָנד״ האָט אָנגעהאַלטן אַ סך יאָרן נאָך דער מלחמה. אַגב, האָבן די טוערס פון הילפס־פאָנד צוזאַמען מיטן „באָארד אָוו דעפּיוטיס״, אָרגאַניזירט אין יולי 1919, אַ גרויסן און איינדרוקפולן טרויער־ און פּראָ־טעסט־טאָג איבערן גאַנצן לאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאָגראָמען קעגן די יידן אין פוילן און אוקראַינע.

אַ חוץ זאַמלען געלט און קליידער האָבן די איבערגעגעבענע טוערס פון הילפס־פאָנד געוואָלט אויפטאָן נאָך עפּעס, וואָס זאָל טראָגן אַ מער מאָנומענ־טאַלן כאַראַקטער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו ברענגען קיין דרום־אַפריקע פּאָגראָם־יתומים; און אין 1921 האָט מען געבראַכט קיין דרום־אַפריקע 180 יתומים מיט זייערע באַגלייטערס. 100 יתומים האָט מען געבראַכט קיין יאָהאַ־נעסבורג און 80 זיינען געבליבן אין קייפּטאַון. אַ באַדייטנדיקע צאָל פון אָט די קינדער (אַן ערך אַ העלפט) האָט מען אַדאָפּטירט. אין קייפּטאַון זיינען די ניט־אַדאָפּטירטע קינדער גלייך ארייַנגענומען געוואָרן אין דאָרטיקן בית־יתומים, און אין יאָהאַנעסבורג זיינען זיי אריינגענומען געוואָרן אין בית־יתומים ערשט דאַן, ווען עס איז געקויפט געוואָרן די איצטיקע „אַרקאַדיע״ פאַר אַ בית־יתומים. אַגב, האָט דער הילפס־פאָנד אסיגנירט $12\frac{1}{2}$ טויזנט פונט, וואָס האָט דערמעג־לעכט צו קויפן די „אַרקאַדיע״.

שפּעטער־צו האָט „דער רעליף, רעקאָנסטרוקציע און יתומים פאָנד״ אי־בערגענומען 86 פּאָגראָמירטע קינדער, וועלכע מען האָט געבראַכט אין פּאַ־לעסטינע. צוזאַמען מיט די 44 יתומים דאָרט, וועלכע זיינען געשטיצט געוואָרן פון דערבן, האָט מען געשאַפן אַ דרום־אַפריקאַנער קינדער־קאָלאָניע פון 130 קינדער, אין גבעת המורה, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „כפר ילדים״. די ערשטע פינף יאָר האָט דער „הילפס, רעקאָנסטרוקציע און יתומים־פאָנד״ אויסגעהאַלטן די קינדער־קאָלאָניע. דערנאָך האָט דער „פאָנד״ איבערגעגעבן אַ געוויסע סומע געלט און די גאַנצע אחריות צו דער דרום־אַפריקאַנער ציוניס־טישער פעדעראַציע.

אַ באַדייטנדיקע צאָל פון די אַקטיווסטע טוערס פון הילפס־פאָנד זיינען געווען פּראָגרעסיווע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַרן הילפס־פאָנד „ניט אין זין פון פילאַנטראָפּיע אָדער צדקה״, נאָר זיי האָבן דאָס געטאָן, ווי אַ נאַציאָנאַלן חוב אין דער צייט פון אַ נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע.

אַזוי ווי דאָס געלט און די מלבושים האָט דער הילפס־פאָנד געשיקט צו די גרויסע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע, האָבן די פּראָגרעסיווע

הילפס־פאָנד־טוערס ניט געהאַט די מיגלעכקייט צו זען, אז די הילף זאָל גע־געבן ווערן אין דעם אויבן דערמאָנטן גייסט.

דעם 6־טן אויגוסט 1922, איז פאָרגעקומען דער ערשטער לאַנד־קאָנגרעס אין בלומפאָנטיין. אויף דעם קאָנגרעס האָט זיך געשאַפן אַ פאַראייניקונג פון אַלע פראָווינץ־קאָמיטעטן. דאָן איז דער נאָמען פון „פאָנד" געענדערט גע־וואָרן אויף „פאַראייניקטער דרום־אַפריקאַנער הילף, רעקאָנסטרוקציע און יתומים־פאָנד".

אויף דעם קאָנגרעס האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אז מען זאָל ברענ־גען 250 פאָגראָם־יתומים פון אוקראַינע קיין פאַלעסטינע.

דעם 15־טן אָקטאָבער 1922, האָט דער „פאָנד" ארויסגעגעבן אַ מאָנאַטלעכן בולעטין אונטערן נאָמען „דער פאָנד־בולעטין" אין ענגליש און יידיש. דער פאָרמאַט פון בולעטין איז געווען "11×"8. דער ערשטער נומער איז געווען נאָר אין ענגליש און איז באַשטאַנען פון 4 זייטן. די איבעריקע נומערן — פון 8 זייטן אין ענגליש און אין יידיש. (די דאָפלטע נומערן — אָן ערך צוויי מאָל אזוי גרויס). איבער יעדן נומער איז געווען געדרוקט אַ דערמאָנונג: „עס צו לייענען אויף אַלע זיצונגען פון די אָפטיילונגען".

„דער פאָנד־בולעטין" איז געווען אַ פראָפאַגאַנדע־בלעטל. ער פלעגט אַנטהאַלטן באַשטעטיקונגען פון אַלע אָפטיילונגען באַזונדער, און אַ סך־הכל וויפיל מען האָט ארייַנגעקראָגן פאַרן חודש, און ווי מען האָט דאָס געלט אויס־געגעבן — צו וועלכע אָרגאַניזאַציעס מען האָט עס געשיקט.

לויטן בולעטין נומער 12, האָבן דאָן אָנגעפירט די הילפס־אַרבעט פיר אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע: אַמעריקאַנער „דזשאָינט"; „דער פאָנד פאַר מלחמה געליטענע יידן" מיטן צענטער אין לאָנדאָן; „די יידישע וועלט־הילפס־אָרגאַניזאַציע" מיטן צענטער אין פאַריז און „די פעדעראַציע פון אוקראַינער יידן" מיטן צענטער אין לאָנדאָן. אויסער דעם פלעגט דער פאָנד אויך שטיצן „אָזע" און „אָרט".

דער אַפּריל־נומער פון 1924 (נומער 17) איז געווען דער לעצטער בולעטין. (פאַקטיש זיינען דערשינען נאָר 14 נומערן. דריי זיינען געווען צוויי־חודש־דיקע).

דעם 4־טן נאָוועמבער 1923, איז פאָרגעקומען אין יאָהאַנעסבורג דער צוויי־טער קאָנגרעס פון „פאַראייניקטער דרום־אַפריקאַנער אידישער הילף, רע־קאָנסטראַקציע און יתומים פאָנד".

לויט די באַריכטן זיינען די געלט־זאַמלונגען און ענטוזיאַזם פאַרן „פאָנד" שטאַרק געפאַלן. די הויפט־פראַגע, וואָס מען האָט באַהאַנדלט, איז געווען די פראַגע וועגן דעם באַשלוס פון פריערדיקן קאָנגרעס — דאָס אריבערברענגען 250 פאָגראָם־יתומים קיין פאַלעסטינע. אזוי ווי סאָוועטן־רוסלאַנד האָט ניט דערלויבט ארויסצופירן קינדער, האָט מען די פראַגע איבערגעלאָזן צו דעם

ניי־געווײלטן קאָמיטעט. מען האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן שטיצן מער קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, און אויך פאַרזאָרגן די שטיצע פאַר די 2250 יתומים אין די קינדער־היימען אין אוקראַינע, וועלכע דער „פאָנד" האַלט אויס.

נאָך דעם 2־טן קאָנגרעס איז דער ענטוזיאַזם און אַקטיווקייט פון די אי־בערגעבליבענע פאָנד־טוערס נאָך מער געפאַלן. אין „פאָנד־בולעטין" פון אַפּ־ריל 1924 ווערט געזאָגט: „קיין איין פעני האָט מען ניט געקליבן פון די „ריף"־שטעט (די שטעט און שטעטלעך ארום יאָהאַנעסבורג). די „ריף"־שטעט פלעגן זיין דער פונדאַמענט פון „פאָנד". שוין אַ לאַנגע צייט, ווי מען האָט ניט דורכ־געפירט קיין פונקציע לטובת דעם „פאָנד", ווייל די פּראָגרעסיוו־אַקטיווע הילפס־פאָנד־טוערס האָבן גענומען פאַרלירן דעם אינטערעס, און אָנגעהייבן צווייפלען אין דער ווייטערדיקער עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג פון הילפס־פאָנד. שוין אַ לאַנגע צייט פריער האָבן זיך גענומען באַקומען אינפאָרמאַציעס, אַז אין די הילפס־אָרגאַניזאַציעס, צו וועמען דער דרום־אַפריקאַנער הילפס־פאָנד שיקט געלטער און קליידער, הערשט אַ שטאַרקע ביוראָקראַטיע, אַז דאָס געלט און די בגדים ווערן ניט יושרדיק פאַרטיילט, און נאָך אַ סך גאָר שאַרפע באַשולדיקונ־גען. מען האָט פאַרגעוואָרפן, אַז דאָס געלט, וואָס די הילפס־פאָנד־טוערס האָבן מיט אזויפיל שווערע פּראַצע געזאַמלט, אָפּגעבנדיק אזויפיל פון זייער פרייער צייט, ווערט פאַרטיילט אויף אַ דעמאָראַליזירנדיקן אופן: ניט ווי צו ברידער אין נויט, נאָר אין גייסט פון צדקה".

די פּראָגרעסיווע הילפס־פאָנד־טוערס האָבן צוזאַמענגערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע הילפס־פאָנד־מיטאַרבעטערס.

אויף אָט דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָהאַנעסבורג 21/3/1926, האָבן די דעלעגאַטן פאָרגעשלאָגן, אַז דער „הילף, רעקאָנסטרוקציע און יתומים פאָנד" זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָלאָניזאַציע און רעקאָנס־טרוקציע־פאָנד צו העלפן די יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. רעדנערס נאָך רעד־נערס פון די פּראָגרעסיווע דעלעגאַטן האָבן אויפגעוויזן די גוואַלדיק דרינ־גענדיקע נויטווענדיקייט און וויכטיקייט צו העלפן די הונדערטער טויזנטער אָרעמע דעקלאַסירטע יידן — געוועזענע קרעמערס, הענדלערס און סתם „לופט מענטשן" — צו ווערן פּראָדוקטיווע עלעמענטן אין אַ לאַנד, ווו ניט פּראָדוק־טיווע מענטשן קענען ניט עקסיסטירן; געבן זיי הילף דורך איינאָרדנען זיך אויף ערד און אין דער אינדוסטריע, באַזאָרגט מען זיי מיט חיונה און מיט אַ זי־כערן עקאָנאָמישן מאָרגן. די ציוניסטישע דעלעגאַטן, וועלכע זיינען געווען אין דער מערהייט, זיינען שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן אָט דער רעזאָלוציע.

מיט אַ קליינער מערהייט איז די רעזאָלוציע אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו שליסן דעם „הילף, רעקאָנסטרוקציע און יתומים־פאָנד".

עטלעכע יאָר איידער דער „הילפס־פאָנד" האָט זיך אָפיציעל געשלאָסן זיי־נען שוין קיין אַקטיווע אַקציעס ניט געפירט געוואָרן. אויך די הויז־צו־הויז־

זאַמלונגען זיינען מער ניט געפירט געוואָרן. דאָך פלעגט נאָך אריינקומען געלט פון יידן, ביי וועמען דאָס געבן געלט פאַרן „הילפס־פאָנד״ איז געווען אַ געוווינהייט.

אין משך פון זיין עקסיסטענץ האָט דער „הילפס־פאָנד״ צונויפגעקליבן 750 טויזנט פונט[3]. עס מאַכט אויס אַן ערך £13-10-0 פאַר יעדן ייד אין דרום־אַפריקע — מאַן, פרוי און קינד. דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע סומע, נעמענ־דיק אין באַטראַכט דעם זייער באַגרענעצטן עקאָנאָמישן צושטאַנד פון די דרום־אַפריקאַנער יידן אין יענע יאָרן. אגב האָט דאָס געלט אין יענע יאָרן געהאַט אַ פיל גרעסערן ווערט, ווי היינט.

אָפיציעל האָט זיך דער „הילף, רעקאָנסטראַקציע און יתומים־פאָנד״ גע־שלאָסן 31/12/1927.

דאָס ערשטע יידישע ליטעראַרישע זאַמלבוך אין דרום־אַפריקע

(„פרייע ביילאַגע צום „אַפריקאַנער״ 1920—1919)

דעם 14־טן נאָוועמבער 1918 איז דאָ אין „אַפריקאַנער״ אַ רוף „צו אונד־זערע לעזער״, וואָס בעט, אז מען זאָל אריינשיקן דאָס געלט, וואָס מען קומט פאַרן אַבאָנירן דעם „אַפריקאַנער״. צום סוף פון אַט דער מודעה ווערט גע־זאָגט:

„פיר 1919 גייען מיר ארויסגעבן אַ ביילאַגע, װעלכע זאָל באַשטיין פון אַפריקאַנער שרייבער און מיר דענקן צו עפענען אַ קאָמפּעטישן (קאָנקורס) פאַר די בעסטע דערציילונגען, סקעטסעס (סקיצן) און לידער, און מיר װעלן אויסטיילן פּרייזן (פּריזן) פאַר 25 פונט סטער־לינג. די ביילאַגע װעט דערשיינען אין מערץ אָדער אַפּריל און װעט זיין נאָר פאַר יערלעכע „סובסקרייבערס״ (אַבאָנענטן).

דעם 28־טן נאָוועמבער 1918, ווערט געזאָגט אין רוף צו „אונדזערע לע־זער״:

„מיר האָבן באַשלאָסן ארויסצוגעבן אַ ביילאַגע צום „אַפריקאַנער״. די ביילאגע װעט אַנטהאַלטן ליטעראַרישע אַרבעטן אויסשליסלעך פון שרייבערס, װעלכע געפינען זיך אין דרום־אַפריקע. דריי פּרייזן פאר דערציילונגען, דריי פּרייזן פאַר סקעטסעס, דריי פּרייזן פאַר פּאָב־ליציסטיק װעגן טאָגעס פראַגן אין אידישן לעבן, און צװיי פּרייזן פאַר לידער״.

עס איז אַוועק כמעט אַ יאָר, און עס ווערט גאָרניט דערמאָנט אין „אַפריקאַ־נער״ וועגן דער ליטעראַרישער ביילאַגע. ערשט, דעם 18־טן דעצעמבער 1919, איז דאָ „צו אונדזערע לעזער״:

„ענדליך האָבן מיר די אידישע ביילאַגע בעפאָר אונדז אָבוואָל נאָך ניט פאָלקאָם פאַר־טיק. עס פעלט נאָך דער „קאָװער״ (די טאָװלען).

[3] לויט פּערסי קאָוען, דעם אומדערמידלעכן סעקרעטאַר פאַר דער גאַנצער צייט פון דער עקסיסטענץ פון דעם „הילפס־פאָנד״, און ניט 500 טויזנט פונט, װי עס װערט אָנגע־געבן אין "Jewish Year Book".

דער אינהאַלט: „כוכב נדח" נאָך ח. נ. ביאַליק אין אידיש פון יצחק מיל־נער — 1־טער פריז; „די אידישע ערציהונגס פראַגע אין ד. אפריקע" פון ***; „זיי פריי" — פּאָעמע פון י. מ. שערמאַן; „צווישן שטראָמען" — י. מ. סעוויץ — ערשטער פריז; „עס קומט אַ טאָג" — פּאָעמע אין פּראָזע פון יעקב מרדכי מער־וויש ז"ל; „די ערוואַכונג", בער אַבראַמסאָן — 2־טער פריז; „ווען דער או־מעט שרעקט", פּאָעמע פון י. מ. סעוויטש — 2־טער פריז; „דער שאַנד־פלעק", דערציילונג איבערגעזעצט פון ס. פּ.; „איבער די הילפס פּאַראַיינען" פון א. רענדל; „די ציהרונג" איבערזעצט פון לח"י; „צוויי קינדער" פון בערטאַ בענקענשטאַדט; „ניט געקענט האַלטן דעם אָפּמאַך" פון ס. פליישמאַן — 3־טער פריז; „מעז יצא מתוק" — פּ. גאָרדאָן; „קאַפּעריטניק־פּאָעט" פון ה. פּ.

„אונטער די אומשטענדן איז די ביילאַגע ניט שלעכט געדרוקט און קען דינען אַלס אַ גוטער ספר פון דעם אַרט ארויסגעבן אין ד. אפריקע". „ווי די וועלט זאָגט, „אַז פון איי־לעניש קען קיין גוטס ניט ארויסקומען", זיינען דוקא די צוויי אַרטיקלען „צוויי קינדער", אַ ליד פון בערטאַ בענקענשטאַדט און „מעז יצא מתוק" פּאַרלאָרן געגאַנגען אין דרוק און עס איז אומעגלעך צו געפינען, ווייל די, וואָס האָבן אָנגעפּאַנגען צו זעצן די ביילאַגע זיינען אַוועק פון אונדז, און די נייע ווייסן דערפון ניט. מיר האָבן מורא צו זאָגן, אז דאָס איז שוין אונדזער שיקזאַל. עס קאָסט אַרבעט, מי און געלט און דער רעזולטאַט — עגמת־נפש".

„מיר ווילן דאָ אויפמערקזאַם מאַכן, אז די צוויי אַרטיקלען, וועלכע עס פעלן וועלן מיר מיט אַלע מעגלעכקייטן זען צו קריגן קאָפּיעס פון די מחברים, און וועלן עס דרוקן אין „אַפריקאַנער" — די רעדאַקציע".

און מער איז גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן ביזן 1־טן אַפּריל 1920. אין דער אָפּטיילונג „פונקען" ווערט געזאָגט:

„די וואָך האָבן מיר ארויסגעשיקט די פרייע ביילאַגע צום „אַפריקאַנער" וועלכע אַנטהאַלט (און עס ווערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט). וואָס מיר אָבער ווילן איז, אז אונדזערע פּעאי־קע מענטשן זאָלן זיך נעמען דאַפּיר און זאָלן שרייבן אויף יעדן געביט פון אידישן לעבן אין ד. אַפריקע און מיר וועלן ארויסגעבן אַלע דריי מאָנאַטן אַ זאַמעלבוך. יעדער שרייבער וועט קריגן באַצאָלט".

קיין אַנדער זאַמלבוך איז ניט ארויס, ווייל ס. פּ אָ ג ע ל ס אָ ן איז קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן דעם 23־טן יולי 1920.

די מאָס פון דער „פרייער ביילאַגע" איז "$5\frac{1}{2}\times7\frac{1}{4}$". עס אַנטהאַלט 100 זייטן (ניט אריינרעכענענדיק די טאָוולען). עס איז אינטערעסאַנט, אז דאָס ביכל האָט ניט קיין אײן אַנאָנס.

די „פרייע ביילאַגע" איז דאָס ערשטע ליטעראַרישע זאַמלבוך אין דרום־אַפריקע. דער „אַפריקאַנער" האָט ניט פּאָפּולאַריזירט דאָס דערשיינען פון דער ליטעראַרישער ביילאַגע. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די רעדאַקציע וואָלט געהאַט זיך געשעמט מיט דער אויסגאַבע. נאָך דעם דערשיינען פון דער ליטע־ראַרישער ביילאַגע ווערט מער אין „אַפריקאַנער" אפילו נישט דערמאָנט וועגן דעם. אין „אַפריקאַנער" איז קיין רעצענזיע וועגן דער ליטעראַרישער ביילאַגע ניט דערשינען. אין פלוג האָט מען געדאַרפט זיין צופרידן מיטן ליטעראַרישן זאַמלבוך.



די ליטעראַרישע ביילאַגע האָט אָן ספק אַ היסטאָרישן ווערט פאַר דער געשיכטע פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן דאָ אין לאַנד לויטן אינהאַלט, ווי אויך צוליב דעם, וואָס דאָס איז דאָס ערשטע ליטעראַרישע זאַמלבוך.

מען האָט געקענט דערוואַרטן, אז די רעדאַקציע זאָל לייגן מער אַכט אויף דער אויסערלעכער זייט פון דער אויסגאַבע און קאָרעגירן די גרייזן. אָבער דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן. דעריבער זיינען דאָ זייער אַ סך שפּראַכלעכע פעלערן. לויט דער טעמאַטיק און אופן פון שרייבן איז דאָס זאַמלבוך אַן ערנס־טע אויסגאַבע. אין זאַמלבוך זיינען פאַראַן נאָר דריי זאַכן — פון צווישן 12 — מיט אַ ספּעציפיש אַפריקאַנישן כאַראַקטער. אָט די דריי זיינען „דער פּאָעט־קאַפּעריטניק", „ניט געקענט האַלטן דעם אָפּמאַך" און אַ לענגערע אינטערע־סאַנטע אָפּהאַנדלונג וועגן דער יידישער דערציאונגס־פּראַגע אין ד. אפריקע.

„דער פּאָעט־קאַפּעריטניק" („אויס דעם אידישן לעבן אין זיד אַפריקע")
פון היימאַן פּאָלסקי איז אַן צווייפל איינע פון זיינע בעסערע קורצע דער־
ציילונגען. דער מחבר גיט אַ בילד, ווי אזוי חיימקע, אַ יונגערמאַן, וועלכער
איז געווען אין דער היים אַ צאַצקע, אַן אינטעליגענט, אַ משכיל — איינער פון
די פיינסטע בחורים אין שטעטל, „פלעגט אויך שפּילן דעם חזנס ניגונים" אויפן
פידל, און אויך אויסמאָלן אַ פיינעם מזרח מיט לייבן און מערת המכפלה. ער
פלעגט אויך „שרייבן שירים, לידער מיט גראַמען, און איז געקרוינט געוואָרן
מיט דעם נאָמען „פּאָעט", וואָס ער האָט ערלעך און כשר פאַרדינט". אין
שטעטל איז געווען אַ גרויסע שׂרפה. זיין טאַטע איז אויך געווען פון די, וואָס
האָבן אַלץ פאַרלוירן אין דער שׂרפה. צו פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע
איז חיימקע אוועקגעפאָרן קיין דרום־אַפריקע צו אַ פעטער. דער פעטער איז
גראַד געווען אין אַ שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע, ווען חיימקע איז אָנגעקומען
אין יאָהאַנעסבורג. חיימקע האָט געקראָגן אַ שטעלע אין אַ „קאַפּעריטע" ביי
אַ גאָלד־מינע. דער מחבר גיט אַ בילד, ווי די „קאַפּעריטע" זעט אויס, און ווי
די קונדן — די אַפריקער — זעען אויס. ער גיט צו: „ווען אַ פרעמדער קומט
צום ערשטן מאָל אריין אין אַזאַ „קאַפּעריטע", בלייבט ער שטיין, ווי צעמישט.
דער אויסערגעוויינטלעכער שלעכטער ריח, וואָס פאַרשלאָגט דעם אָטעם, מיט
דעם ווילדן אומפאַרשטענדלעכן טומל און ענגשאַפט פון די שוואַרצע, וועלכע
קריגן זיך, שלאָגן זיך, שרייען, זינגען, צימבלען אויף דראָטן, שפּרינגען און
טאַנצן אין דער זעלבער צייט — מאַכט אזא אומאַנגענעם און אַן אָפּשטויסנדן
רושם, אז ער לויפט ארויס, ווי פון אַ גיהנום מיט מלאכי חבלה".

חיימקע האָט געמוזט צוגעוווינען זיך צו דער נייער אַרבעט און איז גע־
וואָרן אַ געשיקטער „קאַפּעריטניק". „עס האָט חיימקען געצויגן ווי אימער צו
שרייבן. אַ שאַרפער קאַמף איז אַנטשטאַנען ביי חיימקען — דער „קאַפּעריט־
ניק" און פּאָעט. ווען ער פלעגט זיך זעצן שרייבן, פלעגן זיך אים נעמען דרייען
פאַר די אויגן ווילדע, נאַקעטע שוואַרצע מיט זייער טאַנצן, שפּרינגען, צימבלען,
און די קאָרטן־שפּילן אין דער דערבייאיקער הויז. ער פלעגט יעדעס מאָל באַ־
זיגט ווערן און אַנידערלייגן די פעדער".

„אָבער ביסלעכווייז האָט זיך חיימקע צוגעוווינט צו דער „קאַפּעריטע" און
צו די קונדן. ער האָט אויפגעהערט פילן דעם גוואַלדיקן שלעכטן ריח; צוגע־
וווינט זיך צום דערבייאיקן הויז פון די ווייסע אָנגעשטעלטע, ווו מען האָט,
ווי אַ צייטפאַרטרייב, געשפּילט אין קאָרטן.

זיין פּאָעטישער גייסט איז געוואָרן שוואַכער ביז ער איז אינגאַנצן אַטראָ־
פירט געוואָרן.

„ניט געקענט האַלטן דעם אָפּמאַך" פון ס. פליישמאַן איז אַ סקיצע,
וואָס גיט אַ בילד, ווי אזוי אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט, אריבערקומענדיק פון
דער אַלטער היים, ניט געקענט קריגן קיין אַנדער אַרבעט, ווי צו אַרבעטן אין
אַ „קאַפּעריטע". דער יונגערמאַן האָט ניט געקענט שאַפן אין זיין פּסיכיק
קיין סינטעז פון דער אַלטער און נייער היים, און ער איז אין דרום־אַפריקע גע־
זונקען אין תהום פון הפקרות".

„די אידישע ערציאונגס־פראַגע אין זיד אַפריקע״ פון *** (לויט אלע וואַרשיינלעכקייטן איז דאָס געשריבן פון רבי דר. לאַנדוי). ער שרייבט דאָס פאָלגנדיקע:

„אַז מען לערנט די קינדער זיך שפּילן אין זעלנער און מען צינדט אָן אין זייער יונגן גייסט דעם אש זרה פון מלחמות און די גבורות אויף די שלאַכט־פעלדער, מיט דער אַמביציאָן צו נאַציאָנאַלע תקופות, ווערט פון זיי סאָלדאַטן בכוח און במעשה, טעאָרעטיש און פּראַקטיש. סאָלדאַטן מיט אלע זייערע מעלות און חסרונות, סאָלדאַטן אפילו אָן אוניפאָרמס, קאַצאַפּעס מיט אלע פינטאַלעך אין קהל־שטיבל און אין די שולן״.

„ווען מען לערנט אָבער דאָס קינד די גרויסע ווירדע פון שלום פון מענטשנליבע, פון דער גלייכהייט פון אלע ראַסן, אז אב אחד לכולנו, אז שפיכת־דמים און דועלן איז פּשוטע מערדעריי, וואַקסט דאָס קינד אויס מיט אַנדערע אידעען און אַנדערע אַמביציאָנען״.

„די לעצטע טויזנט יאָר זיינען בכלל געווען פיר דעם אידן אַ צייט פון קריגסצושטאַנד. ווי לאַנג די פּאָליטישע געטאָ האָט געדויערט איז דער איד געווען א סאָלדאַט. זיין אָפיצער איז געווען דער רב און דער שולחן־ערוך זיין רעגולירער. און ווי איז געווען צו דעם אידן, יונג אָדער אַלט, וואָס האָט מעיז געווען קעגן די רולס. ניט נאָר איז דער איד געוואָרן געבונדן הענט און פיס, ניט נאָר איז יעדע באַוועגונג געווען פאָרגעשריבן און קאָנטראָלירט פון שולחן־ערוך, אפילו זיינע ווערטער און זיינע געדאנקען זיינען ניט געווען פריי. ער האָט ניט געטאָרט זאָגן — איך דענק אַנדערש״.

„און, אז איינער וונדערט זיך ווי קומט דאָס טאַקע, אז דער איד האָט אזויפיל געליטן און געדולדעט? איך מיין, ניט פון גויים, נאָר פון די אייגענע פריינד אין געטאָ. ווי קומט עס אז דער איד, וואָס האָט געוואָלט שטיינען משה רבינו, האָט זיך געבויגן ווי אַ לעמעלע פאר דעם רב מיט דעם פרנס? דער תירוץ איז פּשוט. די מערהייט האָט טאַקע מאמין געווען אין דער אידישער אמונה פון די געטאָ. זיי האָבן געגלויבט אין חיבוט־הקבר מיט אלע פינטאַלעך; דער געבראָכענער גוף און די צעריסענע נשמה, דער צעשפּאָלטענער מוח און די בלוטנדע האַרץ האָט שוין קיין כוח געהאַט מורד צו זיין. מען האָט זיך געבויגן פיר דעם קאַנטשיק, פיר דעם קאַנטשיק פון דעם מלאך חבלה און פון דעם רב'ס שמש. און טאָמער האָבן זיך געפונען איניגע יונגאַטשעס, עזות פּנימער האָבן זיי געהאַט חיבוט־הקבר לעבעדיקערהייט. די אידישע געשיכטע ווייס פון אייניקע מרידות, און ווי מען האָט די מורדים מכניע געווען״.

„אזוי האָט זיך דאָס אידישע וועלטל געפירט, ביז גאָט האָט געוואָלט ברייגגען אויף די אידן נייע נסיונות, אום צו זען אויב זיי וועלן גובר זיין דעם נייעם יצר־הרע, דעם נייעם כוח פון דעם שטן, וואָס מען רופט: עמאַנציפּאַציאָן, קולטור״.

„די פראַגע אלזאָ בלייבט, וואָס טוט מען אום מעגלעך צו מאַכן צו קענען דערציען אַן אידישן דור אין דיזן לאַנד״.

„דער אמת איז, אז מענטשן זיינען צוזאַמענגעזעצט פון עקסטרעמע עלעמענטן, זיי זיינען ענטוועדער צו עגאָאיסטיש אָדער צו אידעאַל. ענטוועדער זיי פרעגן: וואָס וועט זיין מיין שכר? און מען מוז זיי צוזאָגן גאָלדענע בערג, כיבודים און אַ חלק פון דעם לויתן בעולם הבא, אָדער זיי זיינען ענטוזיאַסטן, פאַנאַטיקער און אָפּפערן זייער לעבן פיר אַן אידעע, אפילו ווען דער קרבן איז נוצלאָז און דערפילט ניט דעם צוועק. דער מענטש איז האַלב רויבטהיר און האַלב מלאך. אום אים צו געווינען מוז מען אים ענטווידער קויפן, משחד זיין מיט געלט אָדער מיט כבוד, אָדער מען מוז אים קענען באַגייסטערן. אזוי לאַנג, ווי דער איד איז געווען אַ מאמין, האָט מען אים אָפּגעקויפט מיט עולם הבא, מיט דעם יין המשומר פון חיים נצחיים אין אַ ליכטיקן גן עדן. איצט אָבער איז די אמונה שטאַרק געפאַלן. אפילו די עלטערן, וואָס האַלטן נאָך אידישקייט גלויבן זייער ווייניק. מיט זיי איז דאָס מער געוווינהייט, אונבאַוווּסטער איינפלוס פון יונגע יאָרן, עס איז עפּעס איינגעגראָבן אין האַרצן, פאַרבאָרגן טיף אין דער נשמה, זיי ווייסן ניט וואָס. ווי שלמה מימון האָט זיך ניט געוואָלט שמדן, ווילן זיי ניט אָפּגעבן אידישקייט. אפילו מען איז געווען דעם גאַנצן לעבן אַ גוי גמור; מען האָט עובר

גװען על כל עברות שבתורה, װילט זיך דאָך ליגן אויפן אידישן בית־עולם. פאַרװאָס ? אויף געפילן פרעגט מען קיינע שאלות ניט. אזוי איז דאָס, אָבער ניט װעגן אמונה. מען גלויבט היינט נאָר אין מזומן, געלט מזומן, הבטחות — גלייך אויסצוצאָלן. דאָס יודנטום האָט אָבער גאָר ניט אָנצובאָטן אַ חוץ גבאות, און דאס װיל דער יונגער דור ניט. אזויפיל שכל האָט ער צו פאַרשטיין, אז די קהל׳שע כבודים זיינען ניט װערט אַ צעבראָכענע פּעני. אַלזאָ װאָס ? איז דאָ נאָר איין אַנדער װעג צו געװינען דעם יונגן דור, אים צו באַגייסטערן, אים צו לערנען צו ליבן, צו באַװונדערן זיין נאַציאָן, צו ליבן און באַװונדערן דאָס יודנטום, צו גלויבן װייניקסטנס, אז אזוי פיל גרויסעס, נאָבעלעס עװיג־װאַרעס, קען ניט צעשטערט װערן“.

„נון קען מען אָבער באַגייסטערן יונגע זעעלן אין שול, װו די שטיינער זיינען קאַלט, די תפילות זיינען קאַלט, די הערצער זיינען קאַלט, און אפשר נאָך ערגער װי געפרוירן ? קען מען באַגייסטערן קינדער אין אַ היים, װו מען האַלט גאָר ניט, מען גלויבט אין גאָר ניט, און מען װייס גאָר ניט פון עבר, פון יודנטום און פון דעם אידישן פאָלק, פון זיין מאַרטירערטום פון זיינע אידעאַלן און הויכע שטרעבונגען ? און קען מען באַגייסטערן קינדער צו אַזאַ מדרגה קרבנות צו ברענגען, מיט אַ פּאָר שורות פון אַ מפטיר, װאָס מען פאַרשטייט ניט אפילו די פּשוטע עברי, און װאָס מען פארגעסט אין אַ טאָג אָדער אַ װאָך ארום ? — װיפל מאָל האָבן מיר געזען און זעען יעדן שבת, אינגלעך װאָס זאָגן דעם מפטיר מיט אַלע חן׳דעלעך און מיט שאַרפע ציינדעלעך, קענען אין עטלעכע װאָכן ארום ניט איבערזאָגן די זעלבע ברכות. װאָס און װער זאָל באַגייסטערן די קינדער ?“

און צום סוף פון אַרטיקל װערט געזאָגט :

„אחר כל הדברים האלה, װעלן מיר װידער אין אַ פּאָר װערטער פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז דאָס איינציקע װאָס די זיד אפריקאַנישע אידן מוזן זעען איצט צו טאָן אום צו ראַטעװען אידישע נשמות איז צו גרינדן „באָרדינג סקולס“.

סטאַטיסטישע צוגאָבן

לוויות 1887—1903. חתונות 1889—1909

לוויות 1887—1903.

מיטן אָנקום פון מערער יידן איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט צו אָרגאַ־ניזירן אינסטיטוציעס צו באַפרידיקן זייערע רעליגיעזע באַדערפענישן. נאָכן אויפבויען די ערשטע סינאַגאָגע און תלמוד־תורה האָט מען געמוזט זאָרגן וועגן ברענגען געשטאָרבענע צו קבר־ישראל. פאַר דעם צוועק האָט די רעגירונג, שוין אין סעפטעמבער 1887, געגעבן אַן אָפּגעצוימטן פּלאַץ אין בראַמפאָנטיין פאַר אַ בית־עולם. אָט דער ערשטער בית־עולם הייסט דער „בראַמפאָנטיינער בית־עולם".

דער ערשטער ייד, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָהאַנעסבורג, איז געווען אלבערט פּ. וו. ראָזענשטיין. ער איז געשטאָרבן דעם 12־טן מיי 1887, און איז מקבר געוואָרן מיט אַ טאָג שפּעטער. דער צווייטער ייד, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָהאַנעסבורג, איז געווען דזשאָן נאַטאַן. ער איז גע־שטאָרבן דעם 19־טן אויגוסט 1887, און איז געקומען צו קבורה מיט 2 טעג שפּעטער. מען האָט זיי ביידן מקבר געווען אויפן פּלאַץ, ווו עס געפינט זיך איצט „קאָזערנע". מען האָט זיי ביידן שפּעטער עקסהומירט און מקבר געווען אויפן בראַמפאָנטיינער בית־עולם, אין 1888. די ערשטע פרוי, וועלכע איז געשטאָרבן אין יאָהאַנעסבורג, האָט געהייסן שרה יאַקאָבס. זי איז גע־שטאָרבן דעם 10־טן מערץ 1890. דאָס ערשטע קינד, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָהאַנעסבורג, איז געווען מאָזעס בערנשטיין, דעם 24־טן אַפּריל 1890.

ביז 1892 האָט מען מקבר געווען אויפן בית־עולם 43 מענער און 10 פרויען. ביזן יאָר 1894 — 63 מענער און 17 פרויען.

אין	יאָר	1894	זיינען	געשטאָרבן	16	מענער	און 10	פרויען
"	"	1895	"	"	26	"	" 7	"
"	"	1896	"	"	45	"	" 7	"
"	"	1897	"	"	55	"	" 8	"
"	"	1898	"	"	37	"	" 6	"
"	"	1899	"	"	43	"	" 10	"
"	"	1900	"	"	13	"	קיינע	פרויען
"	"	1901	"	"	14	"	" 4	"
"	"	1902	"	"	24	"	" 5	"
"	"	1903	"	"	59	"	" 23	"

פון די 7 קינדער, װעלכע מען האָט מקבר געװען אין יאָר 1900, זײַנען גע־װען 5 טויט־געבוירענע.

אין 1901 זײַנען פון די 12 קינדער, װעלכע מען האָט מקבר געװען — 3 טויט־געבוירענע.

אין 1902 זײַנען פון די 27 טויטע קינדער געװען 2 טויט־געבוירענע.

אין 1903 זײַנען, פון די 63 טויטע קינדער געװען 10 טויט־געבוירענע (ס'איז דאַן געװען אַן עפּידעמיע). ביז 1903 האָט מען מקבר געװען אויף אַ ספּעציעל אָרומגעצוימטן פּלאַץ 2 קינדער פון ניט פאַרהייראַטע פּרויען.

דער ערשטער ייד פון רוסלאַנד, װאָס װערט אָנגעגעבן אין בוך פון דער חברה־קדישא, װוּ די געשטאָרבענע זײַנען פאַרשריבן, איז יִצְחָק שוואַרץ פון שאַדאָװע. ער איז געשטאָרבן דעם 3־טן פעברואַר 1895. אין דעם זעלבן יאָר איז געשטאָרבן, דעם 8־טן פעברואַר נאָך אַ רוסישער ייד; דעם 7־טן אַפּ־ריל — אַ שאַװלער; דעם 14־טן אַפּריל — אַ שאַדאָװער; דעם 22־טן מיי — אַ רוסישער ייד; דעם 21־טן נאָװעמבער — אַ קעלמער; דעם 23־טן דעצעמ־בער — אַ לינקעװער, און דעם 31־טן יאַנואַר 1896 — אַ בריסקער ייד. עס װערט אויך אָנגעגעבן, אַז אייניקע פון די מתים זײַנען געפונען געװאָרן דער־מאָרדעטע. עס זײַנען אויך געװען זעלבסט־מערדערס. ביי אייניקע נעמען איז נאָטירט, אַז זיי זײַנען דערמאָרדעט געװאָרן דורך אַפריקער. אגב איז װיכטיק צו פאַרצייכענען, אַז אין דעם רעגיסטער פון די מתים װערט דאָס רוב ביי יעדן אָנגעגעבן, װוּ די פּערזאָן איז געשטאָרבן. דאָס רוב יידן, אין יענע יאָרן אין יאָהאַנעסבורג, זײַנען געשטאָרבן אין שפּיטאָל. אין 1896/7 װערט אָנגעגעבן ביי אַ סך נעמען: „געשטאָרבן אין יידישן שפּיטאָל".

דער יידישער שפּיטאָל איז געגרינדעט געװאָרן דורך דער געמיינדע לויט דער איניציאַטיװ פון עטלעכע פּערזאָנען, אין מערץ 1896. דאָס איז געװען אַ נויטװענדיקייט פאַר דער פּיל־פאַרגרעסערטער צאָל יידישע אָרעמע אימי־גראַנטן פון רוסלאַנד, װעלכע האָבן זיך געפילט אומבאַקװעם אין אַלגעמיינעם שפּיטאָל צוליבן ניט קאָנען ענגליש און צוליב כשרות. דער יידישער שפּיטאָל האָט געהאַט 33 בעטן.

דעם 12־טן סעפּטעמבער 1897 איז אויף אַ פאַרזאַמלונג באַשלאָסן געװאָרן שליסן דעם יידישן שפּיטאָל. די יידישע חולאים האָט מען אריבערגעפירט אין אַלגעמיינעם שטאָטישן שפּיטאָל, װוּ מען האָט איינגעפירט אַ כשרע קיך[4].

אין משך פון 33 יאָר האָט מען אויפן בראַמפאָנטיינער בית־עולם מקבר געװען 2553 דערװאַקסענע און 1607 קינדער. פון דער צאָל קינדער זײַנען 431 געװען טויט־געבוירענע און 586 ביז אַ יאָר אַלט.

דער ערשטער ייד, װעלכער איז געבראַכט געװאָרן צו קבורה אויפן בריק־סטאָנער בית־עולם, איז געװען סוסמאַן אייבערעמס, דעם 3־טן אַפּ־ריל 1921.

---

[4]) די פּערמאַנענטע כשרע קיך איז איינגעשטעלט געװאָרן אין נאָװעמבער 1906.

חתונות 1889—1909

אין די אַרכיוון פון דער וויטוואַטערסראַנד יידישער קהילה[5]) — געוועזענע פרעזידענט־גאַס־סינאַגאָגע — איז פאַראַן די רעגיסטראַציע פון יידישע חתונות. קאָנטיק, אז פון די סאַמע ערשטע חתונות איז נישטאָ קיין סטאַטיסטישער רעקאָרד. אָבער לויט דער פאַראַנענער רעגיסטראַציע איז די ערשטע חתונה פאָרגעקומען אין אָנהייב 1889, פון אַ יידיש־פּאָרל פון דייטשלאַנד (זי איז געווען אַן אלמנה). די גענויע דאַטע פון דער חתונה ווערט ניט אָנגעגעבן. די צווייטע חתונה (פון דייוויד סטאַרפילד) איז פאָרגעקומען דעם 27־טן מערץ 1889. זיי זיינען ביידע געווען געבוירענע אין רוסלאַנד; עס ווערט ניט אָנגעגעבן דער נאָמען פון זייער געבורט־שטאָט (זיין באַשעפטיקונג ווערט אָנגעגעבן — הענדלער).

אין יאָר 1889 זיינען פאַררעגיסטרירט 12 חתונות. פון דער צאָל זיינען צוויי חתונות פאָרגעקומען אין פּאָטשעפסטראָם; איין חתונה — אין פּרעטאָריע, און 9 — אין יאָהאַנעסבורג. פון די 9 חתונות זיינען געווען 4 רוסיש־יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט ענגליש־געבוירענע יידישע מיידלעך; איין פּאָרל — ביידע רוסישע יידן. די באַשעפטיקונגען פון די 12 פּאָרלעך ווערט אָנגעגעבן אזוי: 3 קרעמערס, 3 „ספּעקוליטערס" — בהמות־ און פעל־הענדלערס, 1 באַקליידונג־פּאַרקויפער, 1 האָטעל־באַזיצער, 1 אינזשינער (פון פוילן), 1 דרוקער און פאַרלעגער, 1 שניידער און 1 פּולישער ייד — אַ סיגאַר־פאַבריקאַנט.

אין 1890 זיינען פאָרגעקומען 9 חתונות. פון דער צאָל זיינען געווען 5 רוסיש־יידישע פּאָרלעך. 2 פּאָרלעך — די מענער פון רוסלאַנד און די מיידלעך פון לאָנדאָן, און 2 פּאָרלעך געבוירענע אין ענגלאַנד. זייערע באַשעפטיקונגען: אַן אַגראָ משקה־הענדלער, אַ משקה־קאַנטין־באַזיצער, 2 „ספּעקוליטערס", 4 קרעמערס און 1 פּאָרל — ער אַ קרעמער און זי — אַ שניידערקע.

אין 1891 זיינען פאָרגעקומען 16 חתונות (אין דער צאָל — איין חתונה אין פּרעטאָריע).

אויף ווי ווייט די יידישע באַפעלקערונג איז געווען „קאָסמאָפּאָליטיש", קען דינען דער פאַקט, וואָס פון די 16 חתונות זיינען געווען: 5 פּאָרלעך, סיי דער חתן און סיי די כלה געבוירענע אין ענגלאַנד, 2 רוסיש־יידישע, 1 פּאָרל — דער חתן פון ליטע און די כלה פון ענגלאַנד, 1 פּאָרל — דער חתן פון פוילן און די כלה (אַ לערערין) פון ענגלאַנד, 2 — סיי דער חתן און סיי די כלה פון פוילן, 2 פּאָרלעך פון האָלאַנד, 1 פּאָרל פון דייטשלאַנד, 1 פּאָרל — דער חתן אַ דייטשישער ייד און די כלה פון ענגלאַנד, און 1 פּאָרל — דער חתן פון בודאַפּעשט, די כלה — פון ניישטאָט.

---

[5]) איך דריק אויס מיין דאַנק דער „פעדעראַציע פון די סינאַגאָגעס אין טראַנסוואַל" (United Hebrew Congregations) פאַר געבן מיר דעם צוטריט צו די אָריגינעלע חתונה־רעגיסטראַציע־ביכער.

זייערע באַשעפטיקונגען: 2 תבואה־הענדלערס, 8 קרעמערס, 1 גימנאַס־טיק־אינסטרוקטאָר, 1 האָלץ־הענדלער, 1 גאָלדשמיד, 1 אויקציאָנער און 2 ווערן באַצייכנט אַלס סיגאַר־פאַבריקאַנטן (איינער פון ענגלאַנד און איינער פון קאָוונע).

אין 1892 זיינען פאָרגעקומען 11 חתונות: 2 פון דייטשישע יידן, 2 פון ליטווישע יידן, איינע פון פוילן, 2 יידן פון ענגלאַנד — איינער מיט אַ מיידל פון פוילן, און איינער — מיט אַ ליטוויש־יידישע מיידל, 1 ענגלישער ייד מיט אַ יידיש מיידל פון דייטשלאַנד, 1 יידיש־ענגליש פּאָרל און 2 רוסישע יידן האָבן חתונה געהאַט מיט ענגליש געבוירענע יידישע מיידלעך.

זייערע באַשעפטיקונגען: 2 תבואה־הענדלערס, 2 זעלצער־און לעמאָנאַד־פאַבריקאַנטן, 1 אַנגראָ־הענדלער, 1 וויין־הענדלער, 1 קאָמיוואָיאַזשאָר, 1 באַ־קליידונג־פאַרקויפער, 2 קרעמערס און 1 „ספּעקולייטער".

ביז 1893 זיינען אַלע חתונות אין יאָהאַנעסבורג פאָרגעקומען אין דער פּרע־זידענט־גאַס־סינאַגאָגע. פון 1893־טן יאָר אָן זיינען פאָרגעקומען חתונות אויך אין דער „פּאַרק"־סינאַגאָגע. אין דעם חתונה־רעגיסטראַציע־בוך פון „פּאַרק"־סינאַגאָגע ווערט ניט אָנגעגעבן, מיט וואָס די פּאָרלעך באַשעפטיקן זיך, און אָפט — אויך ניט דאָס לאַנד און געבורטשטאָט פון די פּאָרלעך.

די פאָלגנדיקע טאַבעלע אילוסטרירט די חתונות אין „פּרעזידענט"־ און „פּאַרק"־סינאַגאָגע: —

יאָר	צאָל־חתונות	פּרעז.־סינ.	פּאַרק.־סינ.
1893	22	12	10
1894	28	12	16
1895	36	19	17
1896	47	29	18
1897	58	23	35
1898	29	14	15
1899	32	18	14
1900[6]	4	—	4
1901	5	2	3
1902	34	21	13
1903	77	31	46
1904	64	28	36
1905	70	38	32
1906	39	19	20
1907	40	15	25
1908	49	29	20
1909	46	20	26

[6]) צוליב דער קריג, וואָס איז דאַן געווען אין טראַנסוואַל, פון דער דאָזיקער צאָל זיינען געווען רוסישע יידן.

פון דעם רוב חתונות פון די רוסישע יידן האָבן בחורים אַראָפּגעבראַכט זייערע כלות. מען האָט אויך אַראָפּגעבראַכט טעכטער אָדער שוועסטערס, ווייל דאָ איז געווען לייכט חתונה צו מאַכן זיי. די ענגלישע און, אין אַ קלענער צאָל, אויך די דייטשישע יידן, פלעגן קומען מיט זייערע פרויען, אָדער אַראָפּברענגען זייערע פרויען, אָדער כלות אין אַ קורצער צייט נאָך זייער קומען אַהער.

עס מערקט זיך פון דער סטאַטיסטיק אין יענע יאָרן, אַז פּראָפּאָרציאָנעל פלעגן זייער פיל רוסישע יידן חתונה האָבן מיט ענגליש־יידישע מיידלעך, הויפּטזאַכלעך פון לאָנדאָן.

אין יאָר 1897 זיינען פאָרגעקומען 58 יידישע חתונות — די גרעסטע צאָל פאַר דעם בוריש־ענגלישן קריג.

PRINTED BY PACIFIC PRESS (PTY.) LTD., 302, FOX STREET, JOHANNESBURG.
SOUTH AFRICA.